STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09544

VANDERUNGEN UN NISYOYNES

I. Friedland

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. פרידלאַנד

וואַנדערונגען

און

לעגענדע

אַרויסגעגעבן פון י. פרידלאַנד בוך-קאָמיטעט
מיט דער מיטהילף פון ל. א. יידישן קולטור קלוב
לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

I. FRIEDLAND

WANDERUNGEN UN NISYOINES

(Wanderings and Temptations)

Copyright 1959 by
I. FRIEDLAND
4375 Sunset Drive
LOS ANGELES 27, CALIF.

ביכער פון י. פרידלאַנד:

ר ו י ־ ע ר ד 1949

א) זכרונות פון „קלאַריאָן"

ב) אויף קאַליפאָרניער ערד (נאָוועלע)

ג) דערציילונגען

פון פּאַסיפיק ביז כנרת (רעפּאָרטאַזשן) 1953

וואַנדערונגען און נסיונות (נאָוועלן און דערציילונגען) 1959

שער־בלאַט געצייכנט פון
בצלאל מלחי

פּאָרטרעט געצייכנט פון
יעקב סינדעלמאַן

Printing and Binding by
SOUTHLAND PRESS, INC.
1220 Maple Ave., L.A. 15

Typesetting by
ATLAS TYPESETTING CO.
406 S. Main St., L.A. 13

י. פרידלאַנד

הקדמה

דאָס בוך „וואַנדערונגען און נסיונות” האָט דריי אָפּטיילונגען. אין דער ערשטער אָפּטיילונג: „אין יענע טעג”, ווערט געשילדערט די סביבה, די נסיונות און איבערלעבונגען פון דעם העלד אין דער סיפּור המעשה. די נאָוועלע איז אין אַ געוויסן זין היסטאָריאָגראַפיש, מחמת עס האָט צו טאָן מיט אַן אָפּשניט פון אַ באַשטימטער תקופה אין יידישן לעבן. די פּאַסירונגען קומען פאָר אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט, אין דער שטורעם און דראַנג עפּאָכע, אויף דעם באָדן פון צאַרישן רוסלאַנד. ס'איז געווען די התחלה פון די שווידערלעכע פּאָגראָמען אין דעם תחום המושב, אין אַזעלכע גרויסע יידישע ישובים ווי: קעשינעוו, זשיטאָמיר א"א. תיכף נאָך דער קעשינעווער בלוט־באָד האָבן זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן זעלבסט־שוץ גרופּן, וועלכע האָבן בשעתם אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד די רוצחים און אָנפאַלער אויף יידיש לעבן און יידיש „האָב און גוטס.”

ס'ווערט דאָ אויך געשילדערט די ראָל פון די רעוואָלוציאָנערן, יידישע און ניט־יידישע, זייער מהות, דענקען, און זייער קאַמף מיט דער רעאַקציע צו יענער צייט און, לסוף, דער דורכפאַל פון דער ערשטער בלוטלאָזער רעוואָלוציע אין יאָר 1905, וואָס האָט דערנאָך געבראַכט מיט זיך נאָך אַ שטאַרקערע רעאַקציע קעגן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען; און ווי אַ פּועל־יוצא פון דעם אַלעם,האָט עס גורם געווען די גרויסע אַנטוישונג און אומגעהויערן פּעסימיזם פון די רעוואָלוציאָנערע קעמפּערישע עלעמענטן.

די נאָוועלע „אין יענע טעג” מאַכט אַ פאַרזוך רעטראָספּעקטיוו אַריינצובליקן אין יענעם שוין באַלד פאַרגעסענעם נעכטן, וואָס האָט אַרויסגעדרוקט אַזויפיל ערלעך, שיינע אידעאַליסטישע קעמפער פאַר הויכע אידעאַלן און וויזיעס, פון אַ שענערן און ליכטיקערן מאָרגן...

די צווייטע אָפּטיילונג: „איבער דער בריק פון דורות”, ענטהאַלט אַ ציקל גרעסערע און קלענערע דערציילונגען. הגם דער שורש און מקור פון די פּערסאָנאַזשן און האַנדלונגען זיינען ס'רוב פון דער אַלטער היים,

זיינען זיי אָבער מיטן שטראָם פון דעם קיבוץ גליות אַריבערגעוואָרפן געוואָרן אין אונדזער לאַנד פון די אָבות, וואו דער נאָענטער עבר מיט דעם צאַפּלענדיקן, וויבּרירנדיקן היינט האָבן זיך באַגעגנט פּנים־אל־פּנים און ווערן דאָ איבערגעפלאַנצט מיט אַ געזונטן המשך אין אונדזער אַלט־ניי לאַנד— ישראל...

די דריטע אָפּטיילונג: „קאַליפאָרניאַדע", ענטהאַלט עטלעכע דער־ציילונגען, וואו די פּאַסירונגען און איבערלעבונגען קומען פאָר אויף דעם באָדן פון דעם ווייטן, ווייטן מערב אין אַמעריקע. די טעמאַטיק פון די דערציילונגען האָבן אַ קאַליפאָרניער קאָלאָריט און אָטעם, פון דעם אייביק אידעאַלן פּיאָנער; מיט דעם שטרעבן און ליבע זיך צו באַהעפטן מיט דער נאַטור; אויך אַ בענקשאַפט און אַ דראַנג פון דעם יידישן מענטשן צו גיין אויף לאַנד— „צוריק צו ערד."

מחבר

מיין דאַנק:

צו דער פאַרוואַלטונג פון ל. א. יידישן קולטור קלוב, וועלכער איז געווען אינסטרומענטאַל אין דער גרינדונג פון דעם י. פרידלאַנד בוך־קאָמיטעט, און די חברים און חברות, וועלכע האָבן מיט זייער געטריישאַפט און אַקטיוויטעט דער־מעגלעכט די דערשיינונג פונם בוך „וואַנדערונגען און נסיונות."

אַ באַזונדערן דאַנק דעם פריינט שמחה גילדער, פון דער „אַטלאַס טייפּסעטינג", וועלכער האָט חבריש קאָאָפּערירט מיט מיר אין דעם טעכנישן צוזאַמענשטעל פון דעם בוך; די קינסטלער: בצלאל מלחי, פאַר דער צייכענונג פון שער־בלאַט, און יעקב סינדעלמאַן, פאַר דעם פּאָרטרעט. אייך אַלעמען מיינע וואַרעמ־סטע ברכות און האַרציקסטן דאַנק.

י. פרידלאַנד

אינהאַלט

הקדמה 3

ערשטע אָפּטיילונג:

אין יענע טעג (נאָוועלע) 9

צווייטע אָפּטיילונג:

איבער דער בריק פון דורות (דערציילונגען)

זיין תיקון 105
דער פסק־דין 110
דער פאַרבאָרגענער צדיק 116
נקמה 124
אַ צווייטער רבי לוי יצחק 131
חיה׳לע די צדיקת 139
מיט׳ן רבינ׳ס כוח 149
זיידל באָיאַן 158
יונה דער וואַסער־פירער 165
נאַגיב חולדא 175
שלומ׳קע דער יתום 180

דריטע אָפּטיילונג:

קאַליפאָרניאַדע (דערציילונגען)

קאַליפאָרניע (אימפּרעסיע) 193
אין געיעג נאָך גאָלד 198
מסירת נפש 208
די ברכה פון וואַסער 215
צווישן פרעמדע 223
אויף אייגענער ערד 234
די ליבע צו קונסט 246

ערשטע אָפּטיילונג

אין יענע טעג

נאָוועלע

אין יענע טעג

קאַפּיטל איינס

ווען יואל, דער העלד פון דעם סיפור המעשה, איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר, האָט באַלד, נאָך זיין בר־מצוה, דער טאַטע זיינער, ר׳ יוחנן טלית׳ניק, אַ ייד אין די מיט־פופציקער מיט אַן הדרת פנים, אָרעמלעך אָבער ציכטיק באַקליידט, גענומען מיט זיך יואלן צו ר׳ שלמה ווײַנערמאַן, דעם באַלע־באָס פון אַ גרויסער דרוקאַרניע, כדי אָפּצוגעבן אים אין דער לער.

אַריינקומענדיק אין „קאָנטאָר״ פון דער דרוקעריי, האָט ר׳ יוחנן געטראָפן דעם שטענדיק פאַרנומענעם שלמה ווייַנערמאַן ביי זיין אַרבעט־טיש, פאַרטיפט, איינגעגראָבן אין אַ לענגערן געדרוקטן בויגן פּאַפּיר, האָט ער אויף דעם מאָמענט די אַריינגעקומענע כמעט ווי ניט באַמערקט. ווייַנערמאַן איז געזעסן מיט אַ בלייפעדער אין האַנט, אויפן גרויסן שטערן זיינעם איז געזעסן אַ גלאַנציק־גרינער דאַשעק, ווי אַ דעכעלע איבער אַ דרויסנדיקער אַריינגאַנג־טיר; אויפן קאָפּ אַ כמו־יאַרמעלקע, און די באָרד און פּאות אַביסל אונטערגעשוירן.

ר׳ יוחנן, זעענדיק אַז דער הער ווייַנערמאַן איז טיף באַשעפטיקט מיט זיין אַרבעט, איז ער שווייגנדיק געשטאַנען מיטן יינגל און געוואַרט, אַז ער וועט אים דערזען, וועט ער אים דערקלערן די סיבה פון זיין קומען אַהערצו. ס׳האָט לאַנג נישט גענומען, דער באַלעבאָס פון דער דרוקאַרניע האָט אַרויסגעהויבן דעם קאָפּ זיינעם פון דעם פאַרטיפטן בויגן פּאַפּיר, פריינדלעך געבעטן אים מוחל זיין פאַר לאָזן אים וואַרטן און גלייכצייטיק געפרעגט יוחננען, וואָס האָט אים געבראַכט אַהערצו?

— פּאַני ווייַנערמאַן — האָט יוחנן, מיט ניט ווייניק דרך־ארץ, זיך אָפּגערופן — כ׳האָב געבראַכט מיט זיך מיין בר־מצוה בחור צו אייך, זיך דורכשמועסן מכוח דעם ענין וועגן וועלכן כ׳האָב אַנומלטן מיט אייך גערעדט, איר זאָלט אים אַריינעמען צו אייך אין דרוקאַרניע אויסלערנען דעם פאַך.

— איך גיב אים אייך איבער אין אייער רשות, פאַני ווײנערמאַן. איך בין זיכער אַז אונטער אייער השגחה וועט ער זיך אויסלערנען די מלאכה. ווּיסן זאָלט איר, אַז דער ייִנגל מײנער, יואל איז זײַן נאָמען, איז אַ גוטער לערנער, האָט אַ גוט קעפּל און אַ פֿלײסיקער דערצו. איך פֿאַרזיכער אייך, פֿאַני ווײנערמאַן, ער וועט זיך זײער ניצלעך מאַכן בײַ אייך. דער עיקר וויל איך ער זאָל טאַקע וואָס גיכער אויסלערנען זיך דעם פֿאַך און אָנהייבן פֿאַרדינען. אײַך גאָט ווייסט דעם אמת, ווי שווער עס איז צו פֿאַרדינען דאָס שטיקל ברויט, מפרנס זײַן די משפּחה . . .

שלמה ווײנערמאַן האָט באַטראַכט דעם שעמעוודיקן ייִנגל, אָפּגעמאָסטן אים אין זײַן גאַנצער גרויס און מיט אַ מינע וואָס עס זאָל מײנען, צי עס לוינט זיך אים דער עסק גאָר אײַנגאַנצן, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו ר׳ יוחנן:

— ה ם ! — זײער מעגלעך, אַז די מעלות זײַנע וואָס איר האָט אויסגערעכנט זײַנען ריכטיקע, אָבער ער איז דאָך נאָך כּמעט אַ קינד !... כ׳וויל אייך נישט מצער זײַן, ר׳ יוחנן, אָבער אויב כ׳וועל אים שוין יאָ צונעמען אין דער לערע, וועט ער מוזן זײַן בײַ מיר ניט ווייניקער ווי אַ פֿיר און אפשר טאַקע גאַנצע פֿינף יאָר אָן געצאָלט. דערנאָך וועט מען זען: וועט ער טאַקע זײַן ערלעך און פֿלײסיק, ווי איר זאָגט, וועט ער אָנהייבן בײַ מיר פֿאַרדינען, לויט זײַן ווערט פֿאַרשטייט זיך ! . . .

ר׳ יוחנן איז פֿונם לעצטנס ווערטער געבליבן שטאַרק איבערראַשט און פֿאַרווירט. אַ מערקבאַרע אומצופֿרידנקייט האָט זײַן פּנים אין יענעם מאָמענט אויסגעדריקט. ער האָט זיך לחלוטין ניט גערעכט אויף אַזאַ שווערן באַדינג פֿון דעם הער ווײנערמאַן !

— דאָס הייסט — האָט אַ שווערער געדאַנק אים אָנגעהויבן עגבערן אין מוח — איך וועל דאַרפֿן מײַן יואלן אײַנשפּאַנען אויף גאַנצע פֿינף יאָר אָן געצאָלט ? דאָס איז דאָך כּמעט ווי אים אָוועקצוגעבן פֿאַר אַ קנעכט ! און ביז גאַנצע אַכצן יאָר זײַנע וועל איך מוזן אויסהאַלטן אים מיט עסן, מיט אַ מלבוש. ווי וועט דאָס גאָר מעגלעך זײַן פֿאַר מיר?!...

דער הער ווײנערמאַן האָט תּיכף באַמערקט די זאָרג אויף יוחנן׳ס פּנים און האָט פֿאַרשטאַנען וואָס דעם ייִד קוועטשט. וואָרעם ווי לײַכט באַרעדעוודיק ער איז געווען פֿריער, איז ער מיטאַמאָל געבליבן ווי אָן לשון. פֿון זײַן פֿאַרטראַכטן און אומצופֿרידענעם פּנים, האָט ער שוין געזען און פֿאַרשטאַנען אַז ר׳ יוחנן איז שטאַרק איבערראַשט געוואָרן פֿון

דעם צו האַרבן באַדינג וואָס ער האָט אים געשטעלט, האָט ער אים דער־נאָך אַביסל באַרואיקט און פאַרגרינגערט זיין געמיט:

— נו, פאַרשטייט זיך, כ׳בין נישט אַזאַ גזלן, ר׳ יוחנן: כ׳וועל זען אים נישט צו באַוועלן; אַמאָל אַ מתנה אים קויפן, ווי אַ היטעלע אויף יום־טוב אָדער טאָקע גאָר אַ גאַרניטערל, אַ פּאָר שיך און, אַ פּאָר רובל אויך! אָבער בתנאי זה — קוקנדיק אויף יואלן, ווי ער וואָלט דירעקט צו אים גערעדט — אַז ער וועט זיך פאַרדינען, אַז ער וועט די ווערט זיין...

יוחנן איז אַביסל גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן פון לעצטנס באַ־מערקונגען: — דער מענטש לאָזט זיך דינגען — האָט ער אַ טראַכט געטאָן — ער וועט מסתמא דאָך האָבן איינזעעניש מיטן יינגל און וועט זיין צו אים יושרדיק.

לכתחילה האָט יוחנן אפילו ביי זיך ניט געקאָנט פועלן ער זאָל זיין יואלן מאַכן פאַר אַ בעל־מלאכה. געהאַלטן האָט ער זיין יואלן פאַר אַן עילוי, מיט אַן אמת גוט קעפּל און מיט גרויס חשק צו לערנען. זיין האָפענונג איז געווען ער זאָל ביי אים אויפוואַקסן צו אַ מדרגה, כאָטש פון סמיכות אויף רבנות. אָבער וואָס זאָל ער דאָך טאָן, אַז די אָרעמקייט דריקט? האָט ער נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי אים אָפּצוגעבן צו אַן אַרבעט. אַ שטיקל טרייסט האָט ער יאָ געהאַט, וואָס די מלאכה פון דרוקעריי איז אים כאָטש צום האַרצן; ס׳איז דאָך אַ מער חשובע און בכבודיקערע אַרבעט ווי שניידעריי אָדער סטאָלעריי. ער אַליין, ר׳ יוחנן, האָט אפילו אויך אַ נאָענטע שייכות צו אַרבעט. ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט טליתים וועבעריי. זיין אַרבעט האָט ער געהאַלטן איז אפילו אַ פרום רעליגיעזע; ס׳איז כמעט ווי אַ הייליקע עבודה! באַנוצט מען זיך דאָך מיטן טלית ביי אַלע הייליקע תפילות פונם דאַווענען! און אַ ייד וועט זיך דאָך קיינמאָל נישט שיידן מיט זיין טלית ביים לעבן און אויך ניט, ווען די שעה וועט שלאָגן „איבער הונדערט און צוואַנציק" לאחר מותו. בכן, האָט ער די טליתים באַשעפטיקונג זיינע באַטראַכט ניט פאַר אַ געוויינלעכע אַרבעט.

אין זעלביקן זין כמעט האָט ער פאַר זיך רעכטפאַרטיקט די מלאכה פון דרוקעריי: היות עס האָט דאָך צו טאָן מיט אותיות, מיט יידיש לשון און אַמאָל מיט הייליקע ספרים. איז עס דאָך ניט קיין פשוטע פּראָסטע אַרבעט. האָט ער, בכן, שוין שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז ביי אָט־דער שענערער און איידעלערער מלאכה וועט זיין יואל, לכל הפחות, ניט

פאַרגרעבט ווערן און וועט נאָך אויך קאָנען אַביסל צולערנען און טאַקע נישט אָפּגעריסן ווערן פון ספר גאָר אינגאַנצן . . .

מילא מיטן עלטערן זון זיינעם, צבי פנחס, יואלס ברודער, אויף אים האָט ער זיך שוין ווי מיאש געווען. מחמת לערנען האָט ער קיינמאָל ניט געוואָלט, און קיין אָפּן קעפל האָט ער אויך ניט געהאַט. איז וואָס זאָל ער געווען טאָן, אַז די משפחה פון פיר האָט כסדר געלעבט אין נויט און אין אָרעמקייט ? !

געוואוינט האָבן זיי אין אַ קעלער־שטיבל אין איין גרויסער ענג־שאַפט: אַ קיך מיט איין צימער אינגאַנצן, וואָס האָט געדינט פאַר אַלץ, סיי פאַר עסן און סיי פאַר שלאָפן. די אויסשטאַטונג פון שטיבל — זייער אָן אָרעמע: אַן אַלמער, אַ בעט, אַ שוואַרצע צאַראַטענע קאַנאַפּע, אַ פּראָסטער טיש און פיר בענקלעך. דאָס צימער ניט קיין גרויס, מיט פענצטערלעך צוויי קליינע און קרומע,נידריק ביי דער ערד פון הויז. ווינטער זיינען די ווענט פון קעלער־שטוב תמיד געווען נאַס און פינצטער. אָט אין דעם קבר האָט די משפחה פון פיר געשטיקט זיך אין ענגשאַפט און אין אָרעמקייט. האָט צבי פנחס, דער עלטערער זון יוחנן׳ס, אין אַ שיינעם טאָג פאַרלאָזן דאָס לערנען, איז אַנטלאָפן פון דער שטאָטישער תלמוד־תורה, וואו מ׳האָט אָרעמע קינדער געלערנט אומזיסט, און איז אַוועק צו יעקב הערש דעם מעבל־מאַכער, פון „געסל", זיך אָנגעשלאָגן ביי אים אין דער לערע, מיט עסן, מיט אַ געלעגער אויף סטרוזשקעס און אַ פּאָר קערבלעך אויף יום־טוב פאַרן ערשטן יאָר אין צוגאָב. יוחנן האָט וועגן דעם געשוויגן, אין דער שטיל אפילו מסכים געווען. געהאָפט האָט ער, אַז זיין מוזיניקל, יואל, וועט כאָטש ניט אויסקומען צו טיילן דעם זעלביקן גורל, ער וועט בלייבן ביים לערנען. בפרט אַז ער האָט געהאַט אַ גרויסן חשק צום לערנען. אָבער „אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט". די אָרעמקייט, די נויט האָט אים געצוואונגען אויך זיין יואלן אַוועקצוגעבן פאַר אַן אַרבעט, אַוועקצורייסן אים פון לערנען.

יוחנן האָט ענדלעך דאָך צוגעשטימט צו דעם הער ווײַנערמאַנס באַדינג. ער האָט אים געגעבן דאָס וואָרט, מ׳האָט זיך געדריקט די הענט און דער דרייצן־יאָריקער יואל איז געוואָרן אַ לערן־ייִנגל ביי דעם הער ווײַנערמאַנען אין דער גרעסטער דרוקעריי פון זייער וואוין־שטאָט, זשיטאָמיר.

יוחנן טליתניק, אַזוי האָט מען אים טאַקע גערופן אין שטאָט, מחמת,

ווי געזאָגט, האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט טליתים וועבעריי. פון צייט צו צייט פלעגט ער פאַרקויפן אַ טלית צו אַ שיינעם באַלעבאָס פון קצבישן בית־המדרש, וואו ער האָט געדאַוונט. אַמאָל האָט ער אויך אַ זילבער־פעדימדיקע עטרה אָנגענייט אויף אַ טלית. אַזויווי די מערסטע טליתים האָט מען אַראָפּגעבראַכט אַהערצו פון דער גרויסער פאַבריק־שטאָט, לאָדזש, האָט ער זייער ווייניק פון דעם פאַרדינט.

רבקה, יואלס מוטער, די ווייב פון יוחנן, איז געווען די אשת־חיל, די גאַנצע פאַרדינערין און די שפּייזערין. געהאַלטן האָט זי אַ שטעלכל פון צעלניק, צווישן די קראָמען פון מאַרק. מ׳קען זאָגן, אַז דאָס שטעלכל איז געווען ווי אַ נישע, אַ לאָך אין אַ וואַנט פון אַ צווייטנס אַ קראָם, מיט עטלעכע פּאָלעצקעלעך, אָנגעפילט מיט שאַכטעלעך, נאָדלען, פאָדעם, באַוול, זייפן כלערליי, טאַשמעס און אַנדערע קלענערע חפצים. פון דעם איז באַשטאַנען די גאַנצע סחורה אירע. אין די טעג פון גרויסע מאַרקן אָדער יארידן, פאַר „ניטל" אָדער אַזוי ערב אַ חגא, האָט רבקה געדונגען אויפן גרויסן אַלטן מאַרק אַ „שטעל" צווישן אַ סך אַנדערע „שטעלן" און האָט פאַרקויפט צו די פויערים ניס כלערליי: טערקישע, וועלשענע און אפילו „סוויסטאַשקעס", אַמעריקאַנער „פינאַטס"; אויך צוקערקעס, ראָזשינקעס, לעקעכלעך און אַנדערע נאַשערייען. אָבער פוןביידע פּרנסות איז קוים געגנוג געווען צו דערהאַלטן די קליינע משפחה ביים לעבן.

> יאָ, סיי רבקה מיט איר האַנדל, און יוחנן פון די טליתים,
> האָט דער דלות געפייפט ביי זיי, ווי אין אַ שטיבל פון מתים...

הגם יוחנן איז ניט געווען קיין גרויסער למדן, האָט ער זיך מערסטנס מתעסק געווען מיט תורה. ער איז געזעסן יומם ולילה אין גרויסן קצבישן בית־המדרש און תמיד אַריינגעקוקט אין אַ ספר. ער איז אויך געווען אַ שטיקל בעל־מנגן. זייער אָפט פלעגט ער דאַווענען דאָרט אַ שחרית אָדער אַ מוסף. אים האָט כסדר געצויגן צום עמוד, מחמת אַ קול האָט ער געהאַט גאָרניט קיין שלעכטן; מ׳קען זאָגן אפילו אַ גאַנץ גוטן קול, וואָס ס׳איז אָנגענעם געווען אים צו הערן. די באַלעבאַטים און די דאַוונער האָבן טאָקע כסדר אים געבעטן ער זאָל גיין צום עמוד. אין אַ נויט פלעגט ער אויך זיין זייער בעל־קורא; אַזוי, אַז אין דעם בית־המדרש איז ער געווען אַ גאַנץ וויכטיקער און נוצלעכער מענטש. הגם ער איז געווען אַ גרויסער קבצן אין זיבן פּאָלעס, איז ער אָבער צוליב די אַלע דערמאָנטע

גוטע מעלות זיינע, ביי אַלעמען רעספּעקטירט געווען און האָבן אפילו גרויס דרך־ארץ פאַר אים געהאַט.

אמת, ר׳ יוחנן איז ניט געווען איינגעטונקען אין רבנישן יחוס, ווי איניקע האָבן זיך אפשר משער געווען. דערפאַר אָבער האָט ער יאָ געהאַט אַ שטיקל נאָענטשאַפט צו אַ גבירישן יחוס: די גאַנצע נאָענטע משפחה זיינע איז דווקא באַשטאַנען פון גבירים אדירים: איין שוועסטער זיינע, די עלטערע, רייזל די נגידיתטע, האָט מען איר אין שטאָט גערופן, האָט געפירט גרויסע געשעפטן. ד. ה. דער מאַן אירער, ר׳ זרחל שוואַרצ־באַרד, איז געווען דער גרויסער „פאָדריאַטשיק״ פאַר דער מלוכה. ער האָט צוגעשטעלט פראָוויאַנטן און כלערליי זאַכן צו דער רוסישער אַרמיי, סיי אין פרידנס־צייט און נאָכדעם אין דער צייט פון דער רוסיש־יאַפּאַנעזישער מלחמה. אַ צווייטע שוועסטער, די מיטלסטע, זי איז געווען די ווייב פון אַ גרויסן תבואה־סוחר. און די דריטע שוועסטער זיינע, די יונגערע, האָט געהאַט אַ צאָל קראָמען און הויפן מיט הייזער. ווי אָרעם ר׳ יוחנן איז געווען, האָט זיין שטאָלץ אים ניט דערלאָזט אָנצו־קומען צו די רייכע שוועסטער זיינע נאָך הילף. ער האָט זיך געהאַלטן מיט דער רייכער משפחה, כמעט ווי פון דערווייטנס און זייער ווייניק פון איר מהנה געווען. אמת, אַמאָל פלעגט רייזעלע, די רייכסטע פון זיי, אַריינוואַרפן אַ צענערל אויף יום־טוב, און די אַנדערע שוועסטער פלעגן צושיקן אַ קויש מיט מצות אויף פּסח. אָבער מער ווי דאָס האָבן זיי פאַר אים ניט געטאָן, און ניט ער האָט פון זיי עפּעס געמאָנט.

ווען יואל מיט צבי פנחסן זיינען קליינע יינגלעך געווען, פלעגן זיי נאָך אַמאָל אַרויפקומען צו די רייכע פעטערס און מומעס, „גוט יום־טוב בעטן״; פלעגן זיי פון דאָרטן אַוועקגיין מיט גרויס האַרץ־קלעמעניש און פאַרשעמטקייט. שוין דאַן האָבן זיי דערזען די פּרעמדקייט, די ניט גלייכע פאַנאַנדערטיילונג; דעם גוואַלדיקן תהום וואָס ליגט צווישן זיי און די רייכע משפחות זייערע. דאָרטן האָבן זיי געזען אַזויפיל רייכקייט, אַזאַ רחבות, אַזויפיל זאַטקייט פון אַלץ. און ביי זיי, ביי זייערע טאַטע מאַמע, אין קעלער־שטיבל — אַזאַ אָרעמקייט, אַזאַ ענגשאַפט און פינצטערניש.

אַ שטילער האַס און אַ געפיל פון קנאה האָט זיי באַהערשט, ווען זיי פלעגן די רייכע פעטערס און מומעס זייערע פאַרלאָזן, און אומקערן זיך צוריק צו זייער אייגענער אָרעמשאַפט. ווען זיי זיינען אַביסל עלטער

געוואָרן, האָבן זיי גאָר אינגאַנצן איבערגעריסן מיט דער גאַנצער רייכער משפחה זייערע. אפילו נאָך חנוכה־געלט פלעגן זיי מער ניט וועלן אַרויפ־קומען צו זיי. דער געפיל פון האַס און קנאה צו זיי און צו זייער רייכטום האָט זיך נאָך מער ביי זיי אַנטוויקלט און שטאַרק איינגעפעסטיקט מיט זייער עלטער ווערן . . .

קאַפּיטל צוויי

יואל איז געבליבן אין דער דרוקעריי אַלס „לערן־יינגל“.

דער הער וויינערמאַן האָט אים איבערגעגעבן אין די הענט פון דעם הויפּט־זעצער פון שאַפּ, מוני ראַפּאַפּאָרט. אונטער זיין אויפזיכט וועט ער דאַרפן זיין, אים וועט ער דאַרפן פאָלגן, פון אים וועט ער זיך דאַרפן אויסלערנען די מלאכה. פאַר יואלן איז מיטאַמאָל דאָ אַנטפּלעקט געוואָרן אַ נייע וועלט אינגאַנצן, אַ ניי לעבן, אַ נייע סביבה. ער איז מיטאַמאָל אַרויסגעריסן געוואָרן פון זיין קינדער־וועלטל און אַריינגעוואָרפן געוואָרן צווישן דערוואַקסענע, מיטליאַריקע, אַנדערש־דענקנדיקע, פרייע אויפ־פירנדיקע, שטאַרק אַפּיקורסישע יידן, לגבי די אויפפירונג און שטייגער־לעבן אין זיין עלטערנס היים. אַזוי האָט ער דאָרטן דערזען, אַז אין הלכות כשרות איז מען שוין דאָ גאָר אינגאַנצן ניט מקפיד. אָט שיקט אים גאָר דער מוני ראַפּאַפּאָרט אין אַ גויאישער פלייש־קראָם קויפן חזיר־פלייש. אַ טרפהנע זאַך, וואָס ער האָט עס צום ערשטן מאָל געזען. אין אָנהויב איז עס אים אפילו געווען שטאַרק דערווידער, אָבער ביסלעכ־ווייז האָט ער זיך צו דעם צוגעוואוינט.

געהאַט האָט ער דאָ, אין דער דרוקעריי, אַ סך נייע איינדרוקן און השפּעות. און רייד האָט ער דאָ געהערט, אַזעלכע נייע, מאָדנע, פרעמד ביז איצט צו זיין אויער. מיט זיין יונג שאַרף מוח'ל האָט ער אַלץ אין זיך איינגעזאַפּט, ווי אַ טרוקענער שוואָם וואַסער.

די אַרבעט אין דער דרוקעריי האָט ער זייער ליב באַקומען. מיט פאַרגאַפונג האָט ער נאָכגעפאָלגט די זעצער ביי די בליי־קאַסעס; ווי פלינק זיי כאַפּן אַרויס די בלייענע אותיות פון די פירעקיקע קעסטעלעך, שטעלן זיי צונויף אין ווערטער, אין שורות און אין זאַצן, שליסן דערנאָך צוזאַמען די קאָמפּאָזיציעס אין נומערירטע זייטן און פלאַטן און גאָר

דערנאָך רוקן זיי אַריין אַט־די פּלאַטן אין די דרוק־מאַשינען, פון וועלכע עס קומען אַרויס פאַרטיקע, אָפּגעדרוקטע בויגנס, מיט פרישע, לעבעדיקע אותיות. עס האָט אים דערמאָנט אין יענעם מאָמענט אָן די רויע־טייג־חלות, וואָס די מאַמע זיינע פלעגט יעדן פרייטיק פאַרטאָג אַריינרוקן אין הייסן אויוון און דערנאָך אַרויסבאַקומען פון דאָרט פרישע, צאַפּלדיקע, אויסגעבאַקענע שבתדיקע חלות.

מיט גרויס אויפמערק פלעגט ער זיך צוקוקן ווי די פריש אָפּגע־דרוקטע בויגנס ווערן נאָכדעם געקנייטשט און געבונדן און, ס'פלעגט זיך פון דעם באַקומען אַ פאַרטיק בוך, אַ ספר. יואלן איז אָט־דער פּראָצעס זייער געפעלן געוואָרן. ער האָט ליב באַקומען די אַרבעט ביז גאָר. שוין צוליב דעם אַליין, וואָס ער איז ווי אַרומגעשוואומען צווישן געדרוקטן פּאַפּיר, פאַר וועלכן ער האָט געהאַט אַ באַזונדערע ליבע. אַלץ וואָס ער האָט געזען געדרוקט אויף פּאַפּיר, וואָס איז אים נאָר צום האַנט געקומען, האָט ער ניט פאַרבייגעלאָזן, ניט איבערלייענענדיק דאָס פריער. האָט ער געזען אַ געדרוקט שטיקל פּאַפּיר ליגן אויפן דיל, אָדער אפילו אין גאַס, האָט ער זיך ניט געפוילט זיך אָנצובייגן, דאָס אויפצוהויבן און איבער־לייענען. ס'איז געוואָרן ביי אים אַ רגילות אַזאַ. פּונקט ווי אַ פרומער ייד וועט ניט פאַרבייגיין אַ הייליקע שיימע, זען ליגן אויף דער ערד און זי ניט אויפהייבן, אַזוי האָט אויך יואל געטאָן מיט יעדן געדרוקטן שטיקל פּאַפּיר, אויס נייגיר און דאָרשט צו וויסן וואָס אין דעם איז געשריבן. די דאָזיקע רגילות איז ביי אים פאַרבליבן אויך אויף שפּעטער, אין זיין וויטערער עלטער.

אין דער דרוקאַרניע האָט ער זיך אָנגעהערט פון די עלטערע אַרבעטער אַ סך נייע זאַכן און רייד. די רייד זייערע איז אים לכתחילה געווען שווער צו באַנעמען און פאַרשטיין; עפּעס אַזעלכע מאָדנע רייד, אַזעלכע באַפליגלטע ווערטער, ווי: קאָנספּיראַציע, קאָנפיסקאַציע און פּראָלעטאַריזאַציע. אַ סך מאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז זיי ריידן עפּעס אין אַזאַ אופן, ווי זיי וואָלטן וועלן אויסבאַהאַלטן פון אים עפּעס; ווילן ניט ער זאָל הערן און וויסן פון וואָס זיי ריידן. וואָרים אַלץ איז געווען פאַר אים ווי פאַרוויקלט אין אַ מיסטעריע, פול מיט סודותדיקייט. הגם די רייד זייערע איז געווען ביז איצט פרעמד צו זיין אויער און ער האָט געגנוי ניט געקענט זיך אָריענטירן וואָס דער מיין פון זייערע רייד באַ־טייט, האָט ער אָבער דאָ און דאָרטן דאָך אויפגעכאַפּט ווערטער, שטיקלעך

געדאַנקען. און ווי נעפּלדיק דאָס אַלץ איז פאַר אים געווען, האָט זיך עס דאָך פאַררעגיסטרירט אין זיין יונגן מוח'ל. אין אַ געוויסן זין האָט ער אויך געפילט אַ מין שטאָלצקייט, וואָס ער געפינט זיך צווישן אַזעלכע מענטשן וועלכע טראָגן זיך אַרום מיט אַ גרויסן סוד. אמת, אין וואָס דער סוד איז באַשטאַנען האָט ער טאַקע ניט אינגאַנצן געוואוסט, אָבער אומ־דירעקט האָט ער דאָך געפילט אַז אויך ע ר איז אין דעם פאַרוויקלט און איז מיט דעם סוד ווי פאַרטרויט געוואָרן . . .

די דאָזיקע אַרבעטער זיינען ביי אים אין די אויגן אויסטערליש גרויס אויסגעוואַקסן, און פאַנטאַסטיש זיינען געווען זייערע מעשים. אים האָט דעריבער זייער געמאַניעט און פאַראינטריגירט צו וויסן דעם יסוד און דעם תוך פון דער גאַנצער מיסטעריע זייערער. זיין אויער איז כסדר וואַך געווען צו די געשפּרעכן פון די אַרבעטער, אפשר וועט ער דאָך זיך דערגרונטעווען צום עיקר. געפילט האָט ער, אַז ס'איז אַן ערנסטער ענין, אַז ס'איז פאַרבונדן מיט מסירות נפשדיקייט, מיט אַ שטרעבן פון עפּעס פאַר אַ גערעכטער זאַך, מיט אַ קאַמף פאַר יושר און צדק פאַרן אונטערדריקטן, פאַרן אָרעמאַן . . .

* * *

מוני ראַפּאַפּאָרט, דער הויפּט־זעצער פון דער דרוקעריי, אונטער וועמענס אויפזיכט יואל איז געווען, איז פאַרבליבן אַן אַלטער בחור. ער האָט ווייניקער ווי די אַנדערע אַרבעטער אין דער דרוקעריי זיך אינטערעסירט אָדער געריידט מכוח די פריער־דערמאָנטע ענינים. פלעגט ער שוין יאָ אַמאָל אַריינוואַרפן אַ וואָרט, איז עס געווען דער היפוך פון דעם גייסט פון זיינע קאָלעגן אַרבעטער. אַ מויל האָט ער געהאַט איז עס תמיד געווען מיט ניבול פה. ער האָט זיך אַנגעלייענט מיט אַ צאָל פראַנצויזישע בולוואַר־ראָמאַנען און פלעגט תמיד פאַראַדירן מיט דער חכמה און לשון פון די אַזוי־גערופענע ראָמאַנטישע העלדן. פון אָט־דעם ניוראָטישן פאַרשוין איז יואל געווען אָפּהענגיק; אים האָט ער געמוזט אויסהערן, זיינע באַפעלן אויספאָלגן; מחמת אַן אים איז דאָך אָפּהענגיק געווען זיין צוקונפט; פון אים האָט ער דאָך געדאַרפט אויס־לערנען זיך דעם פאַך און ווערן אַ פאַלקאָמענער בעל־מלאכה.

מוני האָט ניט ווייניק אויסגענוצט זיין מאַכט און אויטאָריטעט וואָס ער האָט געהאַט איבער יואלן. ער פלעגט זיך מיט אים אַרומשאַפן, סיי

אין שאַפּ און סיי פאַר זיינע פערזענלעכע נוצן. וואָלט דאָס אַליין נאָך נישט געווען אַזוי שלעכט. וואָרעם מיט וועלכן לער־ייִנגל האָט מען זיך דען ניט אַרומגעשאַפּט ? . . . די לערן־ייִנגלעך פלעגן דאָך אויסגעריסן ווערן: טראָגן די „פּאַמויניצעס״, „ניאַנטשען״ דער באַלעבאָסטעס קינדער, לויפן אַ גאַנג פאַר די עלטערע פועלים. דאָס אַלץ איז דאָך געווען, כידוע, כמעט אַ לעבנס־שטייגער פון קדמונים. און אַז יואל האָט נישט געהאַט אין דער דרוקערײַ קיין באַלעבאָסטע איבער זיך, וועמעס כלים צו וואַשן און טאָן די הויז־אַרבעט, האָט ער אָבער געמוזט טאָן די דאָזיקע זאַכן ביי מוני ראַפּאָפּאָרט, זיין אויבערהאַר. מוני האָט פאַר זיך אַליין באַוואוינט אַ שטיבל, פלעגט פאַר זיך אַליין קאָכן זיינע מאָלצייטן, און יואל פלעגט אים מוזן העלפן אין זיין אַלט־בחורשער באַלעבאַטישקייט . . . אמת, יואל פלעגט מיט אים צייטנווייז אויך מיטעסן. יואלן אָבער איז עס נישט געווען צום האַרצן. אויך טאַטע־מאַמע האָבן עס נישט געוואָלט ליידן. ער פלעגט איבער דעם קומען אַהיים שפּעט אין אָוונט. חוץ מזה איז אָט־דער מוני געווען אַ רשע־מרושע, אַ סאַדיסט, און די נאָענטשאַפט פון דעם ייִנגל מיט אָט־דעם מוני איז ניט נאָר ניט געווען אַן אידעאַלע, נייערט אַ פאַרדאַרבנדיקע . . .

ס׳זיינען געווען מאָמענטן ווען יואל איז געוואָרן זייער פאַר׳יאושט פון דעם מוני׳ס באַהאַנדלען אים. אים איז אויפגעקומען די מחשבה:

— אפשר גאָר אַנטלויפן פון דאַנען און פטור ווערן פון אָט־דעם באַדרינגער מיינעם ? . . . אַז קיין תכלית פאַר זיך זע איך דאָ סייווי ניט. כל זמן איך וועל זיין אונטער אָט־דעם רשע׳ס הערשאַפט, וועל איך בלייבן זיין „עבד־כנעני״—זיין אייביקער קנעכט . . .

איינמאָל האָט ער באַגעגנט זיין חבר מאַרק, סימע דער רויטערס אייניקל, מיט וועמען ער האָט צוזאַמען געלערנט אין דער שטאָטישער תלמוד־תורה; האָט ער אויסדערציילט פאַר אים זיין ביטער האַרץ און שווער געמיט, וואָס אים דריקט אַזוי שטאַרק.

מאַרק האָט אים גע׳עצה׳ט איבערלאָזן די דרוקערײַ און זיך אַנשטעלן אין דער לער ביי אַ שילדן־מאַכער, ווי ער האָט דאָס געטאָן, און וועט באַלד אָנהויבן פאַרדינען אויך, און ניט מוזן אָפּשקלאָפן פינף יאָר אומזיסט אין דער דרוקערײַ. זיין חבר האָט אים אויך אָנגעוויזן אויף אַ פּלאַץ, ביי רפאל מאַגיד. וועלכער דאַרף איצט האָבן אַ לערן־ייִנגל.

דערמוטיקט פון זיין חברס עצה און אויך פון דעם אויסזיכט אַז ער

וועט ענדלעך זיך באַפרייען פון דעם אויבערמייסטער און זיינעליידן, איז ער יענעם אָוונט אַהיים געקומען אַן אויפגעהייטערטער און דרייסט געזאָגט זיינע עלטערן, אַז מער וועט ער נישט גיין צו דער אַרבעט אין דער דרוקעריי.

יוחנן און רבקה, הגם זיי זיינען געווען שטאַרק איבערראַשט פון דעם יינגלס פלוצלינגע אַנטשלאָסנקייט, האָבן זיי אָבער געפילט, אַז ס'איז נישט סתם אַ קאַפּריז ביי יואלן, נייערט עס מוז אָוודאי זיין אַ גרינדלעכע סיבה פאַר דעם . . .

— סטייטש, פאַרוואָס ווילסטו נישט גיין מער אין דער דרוקעריי? — האָט יוחנן, דער טאַטע זיינער, שוין אַביסל מיט רוגזה אַ זאָג געטאָן. — כ'האָב דאָך עפּעס געגעבן אַ וואָרט צו דעם הער ווײנערמאַן! וואָס מיינסטו, אַ וואָרט און אַן אָפּמאַך איז עפּעס אַ קלייניקייט ? ! . . .

— טאַקע, יואלקע, וואָס האָט געטראָפן? האָט מען חלילה דיר מיט עפּעס וויי געטאָן, וואָס? טאַטע־מאַמע דאַרפן וויסן ! . . .

יואלקע האָט שוין מער ניט געקענט איינהאַלטן אין זיך די פאַר־קלעמונג, און האָט אויסגעפּראַלט אין אַ כליפּעריי. די מאַמע האָט אים אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און באַרואיקט:

— נו, גענוג, ס'פּאַסט נישט פאַר אַזאַ גרויסן בחור צו וויינען. ווילסט נישט גיין מער אין דער דרוקעריי, מסתמא האָסטו אַ סיבה פאַר דעם. אָבער דערציילן מעגסטו דאָך אונדז ! . . .

ווען יואל האָט זיך באַרואיקט האָט ער לסוף דערציילט טאַטע־מאַמע די סיבה פון זיין ווילן פאַרלאָזן די דרוקעריי.

— קודם, וועל איך מיר קיינמאָל נישט אויסלערנען דעם פאַך, כל זמן איך וועל זיין אונטער דער אויפזיכט פון דעם רשע־מרושע, מוני ראַפּאַפּאָרט. ער לאָזט מיך אפילו נישט צו צו די בליי־קאַסעס מיט די אותיות. נעכטן האָב איך פּרובירט צוזאַמענשטעלן עטלעכע זאַצן, איז ער מיטאַמאָל צוגעלאָפן צו מיר מיט אַזאַ רציחה, און אַ זעץ געטאָן מיר איבער דער האַנט, און די אותיות זיינען צעפלויגן געוואָרן איבערן גאַנצן דיל. אַן עלטערער אַרבעטער, ר' יונה, האָט געוואָלט אָננעמען זיך פאַר דער קריוודע וואָס ער האָט צו מיר געטאָן, האָט ער אים נאָך אויסגעזידלט פאַרוואָס ער מישט זיך אין ניט זיינע געשעפטן.

— חוץ דעם, איז עס גאָר נישט קיין תכלית, ניט פאַר מיר און ניט פאַר אייך, איך זאָל דאַרפן אָפּשקלאַפן גאַנצע פינף יאָר אַן געצאָלט.

מיין חבר מאַרק אַרבעט ביי שילדן מאָלעריי און פאַרדינט שוין אויף זיין אויסקומעניש. ער האָט מיר אויך געזאָגט פון אַ פּלאַץ וואו מע דאַרף אַ לערן־ייִנגל, ביי רפאל מאַגיד, אויף דער ווילסקער גאַס.

— וואָס זאָגסטו ניט, יוחנן, צו דעם ? עפּעס רעדט ער דאָך טאַקע ווי אַ גאַנצער בר־דעת, אַ געזונט אים אין קאָפּ — האָט די מאַמע זיינע אַ זאָג געטאָן. — אַן אמתער בעל־תכלית אונזער מוזיניקל, נישט אמת ? . . .

די עלטערן האָבן נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת דאָך מסכים געווען צו יואלס רייד און ווילן.

אויף מאָרגן האָט יוחנן אַוועקגעפירט יואלן צו רפאל מאַגיד, דעם שילדן־מאַכער, און אים אָפּגעגעבן דאָרטן אין דער לער, מיט אַ קליינעם געהאַלט אפילו אין אָנהייב.

יואל האָט זיך געפילט איבערגליקלעך, וואָס אים איז געלונגען, ענדלעך, אַרויסצורייסן זיך אין צייט פון אַט־דעם ווילדן ניוראַטיקער און רשעותדיקן פאַרשוין, מוני ראַפּאָפּאָרט. דאָ, ביי דעם מאָלער, האָט ער זיך געפילט אין אַ גאָר אַנדער אַטמאָספערע. דאָ האָט ער זיך געפילט אַ סך פרייער און היימישער; דער שאַף איז געווען אַ ניט גרויסער און די אַרבעט וואָס ער האָט געטאָן איז אויך פאַר אים געווען אינטערעסאַנט.

געוואָרן איז ער דאָ דער געהילפס־ייִנגל אין דער סטודיאָ צו אַן עלטערן מאָלער־קינסטלער. טימאָפעי קאָנסטאַנטינאָוויטש האָט מען אים גערופן. געווען איז אַט־דער טימאָפעי אַ גרויסער מייסטער־קינסט־לער, אָבער אויך ניט קיין קליינער שיכור. יואל האָט געדאַרפט, פאַרשטייט זיך, העלפן דעם אַלטן טימאָפעי אין אַלע זיינע אַרבעטן: ווי באַציען די ראַמען מיט לייוונט, איידער ער האָט זיך גענומען צו מאָלן די פּאָרטרעטן. ער פלעגט דאַרפן צוגרייטן פאַר אים די פאַרבן כלעריליי, צערייבן די פּיגמענטן אין אויל צווישן צוויי שטיינער, אַ שטיין אויף אַ שטיין. די פאַרב האָט געמוזט זיין זייער גוט צעריבן. זייער פיין און דין, נאָך דינער פון דין. אויך טימאָפייען פלעגט ער דאַרפן, נאַטירלעך, העלפן אַ גאַנג: אַמאָל קויפן פאַר אים פרישע בולקעלעך אין דער טערקישער בעקעריי, און גאָר אָפט פלעגט ער לויפן קויפן פאַר אים אַ „מאָנאָפּאָליע" בראָנפן צום טרינקען.

יואל האָט גרויס הנאה געהאַט וואָס טימאָפעי לאָזט אים צו צו דער אַרבעט און לערנט אים די קונסט פון מאָלעריי. ער האָט יואלן אַריינגע־

פירט אין אַ וועלט פון פאַרבן און קאָלירן. ער האָט אים תיכף אויסגע־לערנט די נעמען פון אַלע אויל־פאַרבן און אויך דאָס מישן און בלענדן פון קאָלירן.

— זעסט, יואל — האָט טימאָפעי אים געגעבן צו פאַרשטיין — דער סאַמע בראשית פון מאַלעריי איז, צו וויסן און פאַרשטיין דיינע פאַרבן און קאָלירן. פון דעם רוב קאָלירן איז די ווייסע פאַרב דער הויפּט באַזיס. נעמסט, למשל, לאַזור־בלאָ און מישסט צוזאַמען מיט ווייס און, ס'שאַפט זיך אַ הימל־בלוי קאָליר; ווייס מיט קאַרמין־רויט — ראָוז; שוואַרץ מיט ווייס — גראָ; כראָם־געל מיט ווייס — שטרוי־געל, און אַזוי מיט אַ סך אַנדערע קאָלירן.

יואל האָט מיט פרייד זיך צו אים צוגעהערט און פון אים אַ סך געלערנט.

די אַטמאָספערע אין שטוב און אין דער סטודיאָ פון דעם מאַלער רפאל מאַגיד, ביי וועמען יואל איז געווען אין דער לער, איז געווען אַ פריינדלעכע. קיינער האָט דאָ איבער אים ניט קאָמאַנדעוועט; ניט אַזוי באַפעלעריש ווי ביי דעם מוני ראַפּאַפּאָרט אין דער דרוקעריי. די סטודיאָ פון דעם מאַלער איז געווען אָפּגעזונדערט פון דעם באַלעבאָס' שטוב. הגם ער האָט געהאַט גענוג צו טאָן, איז עס אָבער אויף אים ניט געפאַלן אַזוי שווער, מחמת די אַרבעט איז נישט געווען צו איבערגעלאָדן. ער האָט אויך געהאַט אַביסל צייט זיך צוצוקוקן און נאָכפאָלגן ווי טימאָפעי מאָלט די אויל־בילדער און אויך פלעגט ער אָפט מיטגיין מיטן באַלעבאָס זיינעם העלפן אים אַראָפּנעמען די אַלטע שילדן פון קראָמען, פאַר איבער־מאָלן זיי, באַנייען, און נאָכדעם די זעלבע אים העלפן צוריק אויפהענגען. ניט זעלטן פלעגט ער קריגן פון די קונדן קליין־געלט. דאָס האָט אים ניט ווייניק געפרייט; ער איז אויפן וועג צו ווערן אַ פאַרדינער.

די באַלעבאָסטע זיינע, רפאל מאַגידס פרוי, אַנאַ, פלעגט אים אויך אָפט שיקן אַ גאַנג, איינצוקויפן קלייניקייטן. אָבער דערפאַר האָט ער ניט באַדאַרפט „ניאַנטשען" קיין קינדער, ווי עס פלעגן דאַרפן טאָן אַנדערע לערן־ייִנגלעך ערגעץ אַנדערש וואו.

אַנאַ האָט קיין קינדער ניט געהאַט. געווען איז זי נאָך אַ גאַנץ יונגע און אַן אמתע יפת־תואר; אַ הויכע, אַ שלאַנקע, אַ קלאַסישע שיינ־הייט. צו יואלן האָט זי אויסגעזען אַזוי שיין, ווי די וואונדערלעכע שיינע

דאַמען און פּרינצעסינס, וועלכע ער פלעגט זען בלעטערנדיק אָפט די מאָל־קונסט אַלבאָמען ביי טימאָפּייען . . .

אַנאַ איז טאַקע באמת געווען שיין, גראַציעז און מאַיעסטעטיש. גענומען האָט זי דאָס לעבן זייער זאָרגלאָז און גרינג. קיין זאַך האָט איר ניט באַשווערט און באַאומרואיקט. זי האָט זיך געכאָוועט אין דעם גאַנצן יונגן לעבן אירן אויף גוטע זאַכן און באַקוועמלעכקייט. ביי אירע עלטערן, גאַנץ פאַרמעגלעכע, האָט איר קיינמאָל קיין זאַך ניט אויסגעפעלט און האָט פון קיין שלעכטן טאָג ניט געוואוסט. ס'האָט איר ניט אָפּגעהאַלטן פון קיין זאַך אויסצופירן אירע וואונטשן און קאַפּריזן. דער מאַן אירער, רפאל מאַגיד, אַביסל עלטער פון איר, האָט זיך ממש אַרויסגעשלאָגן פון די כוחות; געאַרבעט, געלאָפן, געהאָרעוועט, „איינגעלייגט וועלן", אַבי זיין אַנאַלען זאָל חלילה גאָרניט אויספעלן. זי זאָל געווען פאַרלאַנגען פון אים דאָס „טעלערל פון הימל" וואָלט ער געפלויגן איר עס דערלאַנגען. געווען איז זי זייער זעלבסטזיכטיק און אייגננוציק. זי האָט גוט געוואוסט די ווערט פון איר שיינקייט און רייץ, האָט זי עס אויסגענוצט פאַר איר פאַרגעניגן וועגן.

טימאָפּעי, דער מאלער־קינסטלער, האָט אונטערגענומען זיך אָפּצומאָלן איר פּאָרטרעט ביזן ביוסט אין „ניוד." יעדן טאָג כמעט, פאַר עטלעכע וואָכן, פלעגט אַנאַ אַרונטערקומען אין דער סטודיאָ צו טימאָפּייען און האָט פּאָזירט פאַר אים. אומגעשטערט פלעגט זי אַרונטערוואַרפן פון זיך דעם טול, אין וועלכן אירע נאַקעטע אָרעמס זיינען איינגעהילט געווען, און האָט אין איר פולער גראַציע מאַיעסטעטיש זיך אַוועקגעזעצט אויף דער הויכשטול גרייט געמאָלן צו ווערן. מיט יעדן טאָג האָט פונם לייוונט אָנגעהויבן אַרויסווייזן זיך אירע פיינע, איידעלע געזיכטשטריכן און ליניעס. איר פּנים האָט אָנגעהויבן באַקומען לעבן און איז געוואָרן כמעט ווי באַוועגלעך.

פאַר יואלן איז איר אָנבליק און די גאַנצע אומגעבונג אָרום איר געווען אַ גוואַלדיקע איבערלעבונג. זעלטן ווען איז ער פון דער סטודיאָ אַרויסגעגאַנגען בעת טימאָפּעי האָט זי געמאָלן. ער איז געווען ווי אַ צוגעשמידטער צום פּלאַץ און כסדר געפונען עפּעס צו טאָן. אין דער זעלביקער צייט האָט ער קיין אויג ניט אַראָפּגענומען פון אַנאַס פּרעכטיקן געשטאַלט. אָט איז זיין בליק געפאַלן אויף איר קלאָר־ווייסן שוואַנען־האַלדז און ביוסט, און אָט האָט ער אַ האַלב פאַרשעמטן בליק געוואָרפן

אויף אירן אַ פּוס, פון וועלכן ער האָט מיטאַמאָל דערזען אַ ראָז שטיקל נאַקעטקייט, וואָס האָט פאַר אים אַ בלענד געטאָן און אים עפּעס אַזוי מאָדנע געררייצט.

פאַר דעם אַלטן טימאָפּייען האָט אַנאַ זיך לחלוטין ניט געשעמט מיט איר אַנטבלויזטער נאַקעטקייט; עפּעס האָט זי געפילט, ווי זי דאַרף זיך פאַר אים ניט שעמען. ער איז דאָך אַ מאַלער ! . . . פּונקט ווי איינע וואָלט זיך ניט געשעמט, למשל, פאַר אירן אַ דאָקטער, ווען ער וואָלט זי עקזאַמינירט צוליבן געזונט וועגן; דער דאָקטאר וואָלט דאָך בלויז אויס־געפילט זיין פּראָפעסיאָנאַלע פונקציע. אַזוי האָט זי באַטראַכט טימאָפּייען. דעריבער האָט זי ניט וואָס צו שעמען זיך פאַר אים ! בפרט נאָך, אַז טימאָפעי, דער אַלטער קינסטלער, איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין זיין מאָל־קונסט, אַז ער האָט אין יענעם מאָמענט פון זיין אַרבעט וועגן איר, ווי אַ פרוי, ניט געטראַכט. ער איז געווען ווי אונטער אַ היפּנאָז פון זיין קרעאַטיווער קונסט.

פאַר יואלן ווידער האָט אַנאַ אפילו ניט אַ טראַכט געטאָן, אַז זי דאַרף זיך שעמען. אים האָט זי דאָך נאָך געהאַלטן פאַר אַ יונגן יינגל, און ווי פאַר אַזעלכן דאַרף זי זיך בכלל ניט שעמען ! זי האָט ניט באַגריפן אַז מיט איר באַוויזן זיך אין דער סטודיאָ אין איר פּרעכטיקער שיינקייט און אַנטבלויזקייט, האָט זי ניט ווייניק דעם יונגן יינגל מוראדיק באַווירקט און דענערווירט . . .

יואל האָט נאָך אַזאַ שיינהייט אין זיין יונג־יינגלישן לעבן ניט געזען. וואָרעם, וואו האָט ער געקענט אַזעלכעס זען?... אין דער צנועותדיקער אַטמאָספערע פון זיינע עלטערן, אָדער אין דער שכנהשאַפט פון דער באַלעבאַטישער אָרעמשאַפט?! אַלץ איז דאָך דאָרטן איינגעהילט ווי אין זיבן שלייערן. אַזאַ פרויען־געשטאַלט אין דער פאַלקאָמענער, לעבעדיקער און פּרעכטיקער שיינהייט, האָט ער צום ערשטן מאָל אַזוי נאָענט געזען...

פון דאַן אָן האָט זי מיט איר יונג־שיין פרויען־לייב כסדר געבלענדט פאַר זיינע אויגן. ס'האָט זיך ביי אים אַנטוויקלט אַן איידעלער געשמאַק פאַר שיינקייט און ער האָט באַוואונדערט גאָטס יצירה אין דער שיינקייט פון דער פרוי. אַנאַ איז געוואָרן ביי אים אַ מוסטער פון פאַלקאָמענער שיינקייט: די הויט אירע, אַזאַ קלאָר־ראָז־ווייסע, ווי פון מילך און רויזן. אירע בריסט, רונדע, מיידלש־שטייפע, אירע אברים ווי אויסגעטאָקטע; איר געדיכטן, צימרינג־ברוינעם קאָפּ האָר האָט זי ווי אַ קרוין שטאָלץ

געטראָגן, און מיט איר נאַרציסן פּאַרפּיום האָט זי באַרוישט די נעבנדיקע. אירע אויגן, אַזעלכע טיפֿע, וואַרעמע און שמייכלענדיקע, אַזעלכע באַגערנ־דיקע און ליכטיק־זוניקע. יאָ, די אויגן אירע האָבן אים כסדר פֿאַרפֿאָלגט און באַגלייט אויף אַלע זיינע וועגן און שטעגן פֿון זיין ווייטערדיקן וואַנדער־לעבן.

מיט זיין גאַנצער ייִנגלשאַפֿט איז ער היגנעריסן געוואָרן פֿון דער שיינער, פֿון אים פֿאַרגעטערטער אַנאַ. ער האָט זיך גאָרניט געקענט פֿאָרשטעלן, אַז ס׳איז פֿאַראַן ערגעץ־וואו אין דער וועלט נאָך אַזאַ שיינע פֿרוי ווי „זיין" שיר־השירים׳דיקע אַנאַ . . .

אַנאַ האָט עס אַנגעהויבן באַמערקן צוביסלעך, אַז דער ייִנגל איז עפּעס גאָרניט גלייכגילטיק צו איר. זי האָט אינטואיטיוו דערפֿילט זיינע בליקן איבער איר, ווי ער וואָלט זי אָפּגעמאָסטן, נאָכפֿאָלגענדיק איר גאַנג; און אָפּט מאָל, ווען זי איז אָנגעקומען אים אַנטקעגן האָט ער ווי פֿאַר־שעמט אַראָפּגעלאָזט די אויגן . . .

אַנאַן האָט עס אפילו טיילוויז געשמייכלט. אין אַ געוויסער מאָס האָט זי ווי עפּעס הנאה געהאַט פֿון אַן אומבאַוואוסטזיניקן סאַדיזם אין זיך צו זען דעם ייִנגלינג זיך צאַפּלען . . . אַ פֿאַרבאָרגן עראָטיש געפֿיל האָט עס אין איר דערוועקט צו וועלן מיט דעם ייִנגל זיך אפילו אַ שפּיל צו טאָן . . .

ווי שטאַרק געפּילפּול און סענסועל יואל איז געווען, האָט ער אָבער לכתחילה ניט געקענט פֿאַנאַנדערקלייבן זיך און באַנעמען דעם גאַנצן געראַנגל און פּלאָנטער פֿון זיינע געפֿילן.

אין דער דרוקעריי האָט ער זיך אָנגעהערט פֿון די עלטערע אַרבעטער כלערליי פֿאַנטאַסטישע מעשיות וועגן פֿרויען. אַביסל האָט ער פֿאַר־שטאַנען, מער האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט. בעיקר האָט דער מוני ראַפּאָ־פּאָרט גערעדט אַזעלכע פּריוואַלע אויסטערלישע רייד וועגן פֿרויען. . . אָבער דאָ, ביי דעם מאַלער, אין אַ גאָר אַנדער אַטמאָספֿערע, האָט ער זיך אָנגעטראָפֿן מיט אַווירקלעכקייט. בעת יענע דאָרטן, אין דער דרוקעריי, האָבן גערעדט און אפֿשר געחלומט וועגן דער פֿרוי בכלל, איז דאָ, פֿאַר זיינע אויגן, זעט ער ממש אַ רעאַליטעט . . .

אין אַנאַן האָט ער געזען די פֿרוי אין איר פֿולער שיינקייט און פּרעכטיקייט . . . אים האָט דאָס גוואַלדיק פֿאַראינטריגירט; ער האָט אָבער אויך ניט ווייניק געפֿילט זיך פֿון דעם אַלעם ווי פֿאַרלאָרן . . .

אין זיין גאַנצער פאַרלאָרנקייט וואָלט ער אָבער בשום אופן ניט געוואָלט פון דאַנען אַנטלויפן, ווי ער איז אַנטלאָפן פון דער דרוקעריי. פאַרקערט, געפילט האָט ער אין יענעם מאָמענט, ווען עמיצער וואָלט אים פון דאַנען געוואָלט איצט אַוועקנעמען פאַר אַזאַ אָדער אַנדער סיבה, וואָלט ער גאָר שטאַרק זיך געווערט קעגן דעם. ער וואָלט ליבערשט אַנאַ׳ס שקלאַף געוואָרן, גרייט איר כסדר צו דינען, אָבי נאָענט נעבן איר צו זיין...

אַנאַ איז געוואָרן זיין חלום, זיין בענקשאַפט, זיין וואונטש און באַגער..

יינגלשער חלום, יוגנטלעכער בענקען; יעדע שיין־פרוי ווערט זייער באַגער!

אַנאַ איז ביי אים געווען די פרוי פון פאָלקאָמען.
קיין איינער בכוח האָט געקענט זיך איר ווערן...

* * *

איינמאָל, ס׳איז געווען אַ לויטער שיינער מאַיאָווער טאָג. אַלץ האָט זיך צעגרינט און צעבליט. די לופט איז געווען איבערפילט מיט ריכות פון יונגן בעז און זשאַסמין. אַן אומבאַשטימטע בייגקשאַפט האָט אים אַרומגענומען צו אַנאַן. צי ס׳איז אפשר דערפאַר וואָס אין יענעם טאָג האָט ער געזען ווי זי האָט זיך אויסגעפּוצט אַזוי פרילינגדיק און האָט אויסגעזען צו אים אַזאַ לויכטענדע און באַגערנדיקע, פאַרלאָזנדיק די שטוב. ער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי אַרום, אָבער ער האָט זיך מיט־אַמאָל געפונען אין אַנאַס שטוב און, עפּעס ווי אַן אומזיכטבאַרע האַנט האָט אים געפירט צו אַנאַס בודואַר.

אויפן מאָמענט איז ער געבליבן דאָרטן שטיין ווי אַ צעטומלטער און אַ פאַרלאָרענער. ס׳איז דאָס ערשטע מאָל זינט ער אַרבעט דאָ, אַז ער האָט געוואָגט אַריינצוקומען צו איר אין צימער.

דער רייצנדיקער אַראָמאַט פון דעם פודער און אָדעקאָלאָן מיט וועל־כער דער צימער איז געווען אָנגעזאַפּט, האָט אים כמעט ווי פאַרשיכורט. ער האָט צוביסלעך אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך און אַלץ באַטראַכט מיט גרויס נייגיר, וואָס האָט אַ שייכות, אַ נאָענטשאַפט און אַ טייל פון אַנאַן. מיט זיינע ציטערדיקע פינגער האָט ער אַלץ געוואָלט באַרירן, ווי איינער באַרירט זאַכן וואָס איז אים ליב און טייער.

אויפן קאָמאָד אירן זיינען געשטאַנען כלערליי פלעשעלעך מיט קאָסמעטיקן און אַנדערע בודואַר חפצים. אויך איז איר בילד דאנעבן

געשטאַנען, איינגעראַמט אין אַ גאָלד ראַם — אַ פאָטאָגראַפישע קאָפּיע פון דעם ביוסט אין „ביוד“, וואָס טימאַפּעי קאָנסטאַנטינאָוויטש האָט פון איר געמאָלן. ער האָט מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן דאָס בילד אין זיינע ציטערדיקע הענט און עס צוגעטוליעט צו זיינע פיבערדיקע ליפּן...

ביים וואַנט פון צימער איז געשטאַנען אַ גרויסער, שיין־געטאַקטער און אין גלאַנץ פּאָלירטער אַלמער, אין וועלכן ס'איז געהאַנגען אַן אַ שיעור כלערליי קליידער אירע, וועלכע אַנאַ פלעגט אָפט בייטן. זיין אויג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ לייכט, הימל־בלוי, דורכזיכטיק קלייד, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט זי צו זען אין דעם. ער האָט דאָס קלייד אַ נעם געטאָן אין האַנט און עס צוגעטוליעט צום האַרצן און אויך אימפּולסיוו דאָס באַרירט מיט זיינע ליפּן...

ער האָט מיטאַמאָל זיך אַ צאַפּל געטאָן און געפילט ווי ער וואָלט באַגיין אַ גנבה. די שרעק איז ביי אים געוואָרן נאָך גרעסער, ווען אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט געהערט אין דרויסנדיקן פּאָדערהויז עמיצנס טריט. ער איז מיטאַמאָל אין איין אויגנבליק, ווי אַ צעשראָקענער האָזל, אַרויסגעשפּרונגען פון שטוב . . .

קאַפּיטל דריי

ביי הערש בער דעם סטאָליאַר אין „געסל“, וואו צבי פּנחס, יואלס ברודער, האָט געאַרבעט אַלס אַ לערן־יינגל, האָט דאָרטן אויך מיט אים מיטגעאַרבעט אַן עלטערער פון אים, ביים נאָמען י ח י א ל. יחיאל דער ישיבה־בחור, אַזוי טאַקע האָט מען אים גערופן. מחמת צוליב דעם וואָס ער איז געווען אַ גרויסער לערנער און אויך צוליב זיין חלשדיקן אויסזען: אַן אמתער טיפּישער ישיבה־בחור, וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פון אַ ישיבה ערגעץ, וואו ער האָט מסתמא געלערנט יומם ולילה. זיין אויסזען איז געווען אַן אָפּגעצערטער, אַ בלאַסער. ס'איז נאָר אַ וואונדער געווען, וואָס אַזעלכער זאָל גאָר געווען האָבן כוח צו זיין אַן אַרבעטער.

ווער דער יחיאל איז געווען און פון וואַנען ער קומט, האָבן ניט אַלע געוואוסט. געזאָגט האָט ער אַז ער קומט פון דער ווייטער ליטע ערגעץ; זיין לשון האָט עס טאַקע באַשטעטיקט — אַן אמתער ליטווישער דיאַלעקט. צבי פּנחס האָט מיט אים זיך זייער שטאַרק באַפריינדעט און האָט אים

אָנגעהויבן אָפּטער אַריינברענגען אין הויז. יעדן פרייטיק־צונאַכטס און שבת איז ער געוואָרן ר' יוחננס אַן אורח. אין אָנהויב איז יחיאל געווען אַביסל צוריקגעצויגן, רעזערווירט, כמעט ווי שעמעוודיק, אָבער דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן פריי שמועסן מיט יוחנן, מכּוח תורה און יידישקייט; אַריינגעוואָרפן כלערליי פּסוקים און משלים, צוגעפּעפּערט מיט אַביסל מדרש. בכלל האָט ער אַרויסגעוויזן גרויס בקיאות אין די „קליינע אותיעלעך." אין אָנהייב האָט ער אַרויסגערופן גרויס פאַרגאַפונג און באַוואונדערונג, בעת מ'האָט זיך צוגעהערט צו זיין תורה און חכמה. מע האָט ממש געקוקט אים אין מויל, פון וואַנען ס'איז אַרויסגעקומען אַזעלכע קלוגע רייד. געדערעדט האָט ער ווי אַן אמתער בעל־דרשן. יוחנן און רבקהן האָט ער כסדר דערמאָנט אַן דעם מגיד, וועלכער פלעגט צווייַ מאָל אַ יאָר אַרונטערקומען אין זייער בית־המדרש, האַלטן דרשות און זאָגן מגידות. רבקה פלעגט פרום צושאָקלען מיט איר קאָפּ און שטיל געוואונטשן זיך, הלוואי וואָלטן אירע זין קענען אַזויפיל תורה! און אַזאַ מויל סע האָט! ממש פּערל שיטן זיך פון זיין מויל! . . .

מיט יחיאלס אַריינקומען אין הויז, די פרייטיק־צונאַכטסן און שבתים, האָט דאָס קעלער־שטיבל ווי אויפגעלויכטן פון זיינע דברי־תורה מיט די משלים ביים טיש; האָט עס אַריינגעבראַכט אין אָנהויב אַ סך יום־טוב־דיקייט און דערהייבנקייט. מיט זיין אָנוועזנקייט האָט ער אָנגעהויכט אַרום זיך עפּעס אַ מין מיסטישקייט. אין זיינע משלים און רמזים האָט זיך אויך געפילט עפּעס אַ סודותדיקייט.

ר' יוחנן האָט אינסטינקטיוו אָנגעהויבן צוביסלעך ספקן אַן אים און אין זיין אויפפירונג . . .

— ווער ווייסט אים — האָט יוחנן איינמאָל אַ זאָג געטאָן צו רבקהן — עפּעס לייגט זיך עס מיר ניט אויפן שכל! אַ יונגערמאַן מיט אַזויפיל תורה אין קאָפּ, מיט אַזאַ לשון און כוח הדיבור, זאָל זיך אויסקלייבן גאָר צו ווערן אַ בעל מלאכה, אַ סטאָליאַר! אמת, מיט אַרבעט דאַרף מען זיך טאָקע ניט שעמען: יוחנן הסנדלר — אַ שוסטער! ישו הנוצרי, להבדיל, אויך אַ סטאָליאַר. דאָס איז אָבער געווען אין אונזער וויטן עבר. ניין, רבקה, זיין דרך געפעלט מיר ניט. זיינע רייד, זיינע רמזים זיינען פאַר מיר צו טיפע, פאַרשטעלטע. כ'האָב דאָס געפיל אַז ער איז אָדער אַן אפיקורוס אָדער גאָר אַ מיסיאָנער, רחמנא לצלן. כ'האָב שטאַרק מורא

אַז אָט־דער יחיאל וועט נאָך פאַרדרייען צבי פּנחסן און יואלן די קעפּ און, חלילה, זיי גאָר אַרונטערפירן פון דרך הישר...

יוחנן האָט אָנגעהויבן זיך בייזערן אויף צבי פּנחסן און אים אויך מתרה געווען, ער זאָל זיך וואָס וויניקער חברן מיט יחיאלן און מער אים אין הויז ניט אַריינברענגען.

וואָס ווייטער און ווייטער האָט מען אָנגעהויבן פאַרשטיין אַז אָט־דער יחיאל און צבי פּנחס זיינען אין עפּעס פאַרמישט. וואָס דער עפּעס איז, האָט מען לעת־עתה ניט געוואוסט—אַ מיסטעריע! און וואָס וויניקער מ׳האָט געוואוסט, אַלץ מער אויסטערלישעס וועגן זיי האָט מען זיך פאַר־געשטעלט. די לופט אַרום זיי איז געווען ווי באַהויכט מיט מיסטעריעזקייט.

צבי פּנחס האָט מער יחיאלן אין הויז ניט געבראַכט. ער איז אָבער אַליין אויך וואָס זעלטענער געקומען. יואלן האָט די דאָזיקע מיסטעריע, וועגן וועלכער מ׳האָט אין דער שטיל גערעדט, זייער שטאַרק באַאומ־רואיקט. ער האָט זיך איצט דערמאָנט אָן די סודותדיקע רייד פון די דרוקער־אַרבעטער, בעת ער איז נאָך געווען אין דער דרוקעריי; אויך דאָרטן האָט ער דאַן נאָך געהערט פון די אַרבעטער אַזעלכע מאָדנע, סודות׳פולע, כמעט אומפאַרשטענדלעכע פאַר אים, רייד. זיין אינטערעס צו אָט־דאָס פאַרנעפּלטע, טיף סודות׳דיקע אַרום אים, איז וואָס אַמאָל שטאַרקער געוואָרן. ריידנדיק מיט זיינע חברים וועגן דעם, האָט ער זיך ענדלעך דאָך דערשלאָגן צום יסוד פון דער קאָנספּיראַציע, אין וועלכער זיין ברודער און יחיאל זיינען געווען פאַרוויקלט . . .

יואל האָט זיך נאָכדעם דערוואוסט, אַז ניט זיין ברודער און ניט דער מיסטעריעזער יחיאל זיינען מיסיאָנערן, ווי דער טאַטע זיינער, ר׳ יוחנן, האָט חושד געווען. פון די חברים זיינע האָט ער זיך דערוואוסט אַז ס׳איז פאַראַן אַזאַ געהיימע, אונטערערדישע גרופּע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע ווילן מיט גוואַלד אומוואַרפן די איצטיקע אומיושרדיקע געזעלשאַפט און אויף איר אָרט באַשאַפן אַ מער יושרדיקע און גערעכטערע אָרדענונג. און מיט אָט־דער גרופּע מענטשן זיינען זיי, צבי פּנחס און יחיאל, פאַרבונדן.

די דאָזיקע מענטשן זיינען אין יואלס אויגן אויסטערליש גרויס אויסגעוואַקסן. יואלן האָט די אַנטפּלעקונג און דער געדאַנק זייער שטאַרק פאַרכאַפּט. פון יענעם מאָמענט אָן האָט ער ממש ניט גערוט; זיין יונגער, שאַרפער מוח האָט פיבערהאַפטיק און ענערגיש אָנגעהויבן טראַכטן אין

דער דאָזיקער ריכטונג. זיין יונג, צאַפּלדיק האַרץ האָט אים אָנגעהויבן ציען צו אָט־די מיסטעריעזע קעמפנדיקע מענטשן . . .

איינמאָל, זייענדיק מיט זיין נאָענטן, פאַרטרויטן חבר, מאַרק, מיט וועלכן ער האָט זיך נאָך געחברט, סיי אין „געסל" און סיי אין תלמוד תורה, וואו זיי זיינען צוזאַמען געגאַנגען, האָט זיין חבר מאַרק זיך געטיילט מיט אים דעם סוד, וואָס ער האָט געוואוסט וועגן דעם, און האָט אים אויך דערציילט, אַז מיט אים אַרבעט איינער וואָס איז אָנגעשלאָסן אין אַזאַ רעוואָלוציאָנערן קרייזל, און ביידע האָבן באַשלאָסן אין דעם זעלביקן קרייזל זיך אָנצושליסן. אין אַ קורצער צייט איז יואל אַריינגענומען געוואָרן אין אַזאַ קרייזל און איז געוואָרן אַ רעוואָלוציאָנער, ווי זיין ברודער און זיין מיסטעריעזער פריינט, יחיאל, — אַ חלום און אַ וואונטש, נאָך וועלכן ער האָט מיטן גאַנצן פיבער פון זיין נשמה געשטרעבט און געביינקט . . .

קאַפּיטל פיר

נאָטע אַלטערמאַן, דער גבאי ראשון אין קצבישן בית־המדרש איז געווען אַ גאַנץ פאַרמעגלעכער און אָנגעזעענער ייד, ניט נאָר אין בית־המדרש, וואו ער איז שוין כמה יאָרן געוועזן גבאי ראשון, נייערט ער איז בכלל געווען אַ גוט אָנגעזעענער מענטש אין שטאָט.

נאָטע אַלטערמאַן, אַ הויכער, ברייט־פּלייציקער, מיט אַ פיינער, שיינער, כסדר גלאַט־אויסגעקעמטע ברוינע באָרד, אַביסל גרוי־זילבערדיק ביי די שפּיצן; אַן אמת הדרת־פּנים, וואָס האָט אַרויסגערופן צו זיך גרויס דרך־ארץ. ר' נאָטע האָט געהאַט אַ גרויסע יאַטקע (פלייש־קראָם) אין שטאָט און ניט צווישן די יידן דווקא, נאָר צווישן די גוים. פאַרקויפט האָט ער דאָס פלייש צו גויאישע רייכע קונים און צום באַאַמטנטום פון שטאָט. ווען נאָטע פלעגט אַראָפּקומען אין בית־המדרש, פלעגן אַלע צו אים אַרויפקוקן מיט גרויס דרך־ארץ. ס'איז ניט געווען דער אַפשיי בלויז פאַרן עושר, נייערט מ'האָט צו אים אויך אַרויפגעקוקט, ווי צו אַ גרויסן בעל־צדקה און אויך שתדלן. ער האָט טאַקע געהאַט אַ גרינגן צוטריט צו די שטאָט־באַאַמטע, און ניט זעלטן פלעגט מען טאַקע צון אים אָנקומען אין אַן עת־צרה. חוץ מזה איז נאָטע אַלטערמאַן געווען ניט סתם אַ ייד אַ נגיד, ווי עס טרעפט ניט זעלטן פון זיין שטאַנד, וואָס איז

ס׳רוב ניט אַזוי פרייגעביק, נאָר זעלבסטזיכטיק און גרויסהאַלטער. נאָטע איז גראַדע געווען דער היפוך פון דעם: אַ וואוילער ייד, אַ גרויסער בעל־צדקה; גרינג געווען צו קריגן ביי אים אַ גמילות־חסד, און האָט אויך זייער ברייטהאַנטיק געלאָזט זיך קאָסטן פאַר קהלשע זאַכן. אַזוי האָט ער כסדר בייגעטראָגן אַ גאָר פיינע מטבע, ביים אויסרופן אים צו דער עליה, ס׳רוב איז עס געווען מפטיר. און גאָר אַ סך פלעגט ער אויס־געבן פאַר זאַכן אין וועלכע דער בית־המדרש האָט זיך גענויטיקט. יעדן סוף זומער פלעגט ער אַריינשיקן עטלעכע גרויסע פורן מיט האָלץ. ער פלעגט אויך צושיקן אַ פּאָר ערלים, דאָס האָלץ צוזעגן אויף קלעצלעך און סטייגן. אַזוי אַז דער בית־המדרש איז געווען באַזאָרגט מיט באַהייצונג פאַר דעם גאַנצן ווינטער. גאַנץ אָפט פלעגט ער אַריינשיקן אַ פּאָר טוצן גרויסע ווייסע לייוענטענע האַנטוכער, סע זאָל כסדר זיין גענוג מיט וואָס די הענט צו ווישן ביים כיור, אין פאָדערהויז פון בית־המדרש.

איינמאָל האָט ער אויך באַשטעלט די בעסטע מאָלער פון שטאָט, זיי זאָלן אויסמאָלן דעם בית־המדרש, על חשבון הגביר, פאַרשטייט זיך. אָבער ניט סתם אַזוי מאָלן האָט ער באַפוילן; ער האָט געוואָלט אַז זיין בית־המדרש זאָל האָבן די זעלביקע געמעלעכצן ווי די גרויסע שטאָטישע שול: מיט די אַלע מזלות, מיט לייבן, הירשן און לעמפּערטן; דודס פידעלע און מרימס האַרפע זאָל דאָרט אויך ניט פעלן. אדרבה, זאָל מען קומען זען אויף חידושים!

נאַטירלעך, אַז אין דעם אַלעם איז ר׳ נאָטע געווען דער איינציקער וואָס האָט געהאַט צו זאָגן. ווי גייט דאָס ווערטל: „ווער עס גיט די מאה האָט די דעה.“ אָבער ר׳ נאָטע איז געווען גוט און קלוג גענוג דאָס ניט לאָזן צו פילן. ס׳איז דעריבער ניט קיין וואונדער, וואָס אַלע, פון דעם וואַסער־טרעגער ביז דעם שענסטן באַלעבאָס אין בית־המדרש, האָבן אים זייער ליב געהאַט און שטאַרק רעספּעקטירט.

* * *

דאָס געהיימע רעוואָלוציאָנערע קרייזל, אָן וועלכן יואל האָט ענדלעך זיך אָנגעשלאָסן, איז באַשטאַנען פון אַ קליינער גרופּע יונגע בחורים און מיידלעך, וועלכע פלעגן זיך צוזאַמענקומען, קאָנספּיראַטיוו, לערנען דאָרטן פּאָליטישע עקאָנאָמיע און אויך די מעטאָדן פון פּאָליטישן קאַמף. די אָנפירערין און לערערין פון דער גרופּע איז געווען אַ יונגע פרוי,

וועלכע די באַטייליקטע אין קרייזל האָבן איר גערופן ביים נאָמען: מאַריאַ ראַדינאַ. געווען איז זי אַ גרויסע געלערנטע, אַ „געענדיקטע" פון אַ פּאָר אוניווערסיטעטן, אַזוי האָט מען געשמועסט; אַן איידעלער, שיינער און צאַרטער מענטש איז זי געווען אָט־די ראַדינאַ; די גוטסקייט אַליין! מ'האָט עס געקענט אָראָפּלייענען פון איר איידעלן פּנים, און טאַקע פון איר פריינטלעכע און חברשע באַציאונג מיט די יוגנטלעכע פון איר גרופּע. שווער געווען צו זאָגן, צי מאַריאַ איז געווען אַ יידישע טאָכטער צי ניט. איר אויסזען האָט עס ניט געזאָגט. איר האַלטונג — אַריסטאָקראַטיש און אויך פאָלקסטימלעך דעמאָקראַטיש. אויף אָט־דער קליינער גרופּע יונגע אַרבעטער האָט מאַריאַ געהאַט אַ גוואַלדיק גרויסע השפּעה, און זיי האָבן איר אַרויסגעוויזן אַ סך אַכטונג און דרך־ארץ.

מאַריאַ ראַדינאַ, ווי אַ סך אַנדערע פון דער דאַמאָלסדיקער רוסישער אינטעליגענץ, האָבן הייליק געהאַלטן פון דעם אידעאַל „גיין אין פאָלק"; ברענגען וויסן און אויפקלערונג צו די אַרבעטער, צוגרייטן זיי צו ווערן באַוואוסטזיניקע קעמפער צום גרויסן ענטגילטיקן קאַמף פאַר דער רעוואָלוציע און סאָציאַליזם.

ויהי הלילה, ס'איז געווען אין אַ פרייטיק־צו־נאַכטס; דאָס קליינע קעלער־שטיבל ביי ר' יוחנן איז געווען העל־באַלויכטן; סיי פון די גרויסע שבתדיקע סטעריגאַווע ליכט, וואָס זיינען געשטאַנען אין די מעשענע לייכטער אויפן טיש, איבער וועלכע רבקה האָט נאָר וואָס געבענטשט, און סיי פון דעם גרויסן קעראָסין לאָמפּ, וואָס רבקה האָט אָנגעצונדן נאָך פאַר ליכט־בענטשן, לכבוד שבת. דער טיש איז געווען שיין, שבתדיק געגרייט, מיט אַ קלאָר־ווייסן טישטוך. אַ שיין געפלאָכטענער קוילעטש איז רחבותדיק געלעגן, צוגעדעקט מיט אַ קליין ווייס טישטעכל. אַ פלעשל ראָזשינקע וויין פאַר קידוש מאַכן און אַ פּאָר זילבערנע בעכער און אַנדערע טיש־זאַכן. רבקהס צערטלעך פּנים האָט איצט אויסגעדריקט אַ סך פרומקייט און צנועותדיקייט. זי איז געזעסן איבער איר „צאינה־וראינה" און שטיל ווי געמורמלט. און באַלד זיינען די מאַנסבילן, יוחנן און יואל אָנגעקומען פונם בית־המדרש און איר אָפּגעגעבן זייער גוט־שבת.

אָפּגעזאָגט דעם „שלום עליכם, מלאכי השלום" האָט יוחנן געמאַכט קידוש דאָס מאָל איבער וויין. (ס'האָט שוין ניט איינמאָל געטראָפן ביי אים צו מאַכן קידוש איבער חלה, מחמת ס'איז ניט געווען אויף קיין וויין). רבקה און יואל האָבן כמעט תפילהדיק געוואַרט, ביז יוחנן וועט אָפּמאַכן

דעם קידוש און נעמען דעם בעכער צו די ליפּן. יואל האָט דערנאָך קידוש געמאַכט און מ׳האָט זיך דערנאָך געזעצט צום טיש, צו דער שבתדיקער סעודה.

אין דעם קליינעם קעלער־שטיבל האָט זיך איצט געפילט אַ שלוות־דיקע רואיקייט, אַ שבתדיקע רוחניותדיקייט. רבקה האָט דאָס מאָל, לכבוד שבת, געהאַט אי פיש אי עוף און אַ גאָלדענע יויך, ווי אויף אַן אמתן יום־טוב. ביים טיש איז דעמאָלט געווען בלויז די קליינע משפּחה: יוחנן, רבקה און יואל; צבי פּנחס, דער עלטערער זון, איז שוין געווען אַוועקגענומען צום מיליטער־דינסט. טאַטע און זון האָבן; ווי כסדר, געזונגען טיש־זמירות. דאָס געזאַנג מיט זייערע פיינע מעלאָדישע שטימען האָט זיך געלאָזט הערן איבערן גאַנצן הויף, און די שכנים, ווי תמיד האָבן שטאַרק הנאה געהאַט צו הערן זייער געזאַנג. נאָכן בענטשן, ווען מען איז פון טיש אויפגעשטאַנען, איז יואל, ווי זיין שטייגער איז שוין געווען לעצטנס, זינט ער האָט זיך אַנגעשלאָסן אין דעם געהיימען קרייזל, יעדן פרייטיק־צונאַכטס גיין צו דער „חברה״ לערנען די נייע תורה, וואָס מאַריאַ ראָדינאַ האָט מיט זיי געלערנט.

יואל, ווי אַ גוטער לערנער, האָט זיך צוגעכאַפּט צו לייענען און צום לערנען מיט גרויס התמדה. ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך יעדעס וואָרט אירס, וואָס מאַריאַ האָט אַרויסגעבראַכט פון איר מויל. געמאָלן האָט זי פאַר זיי בילדער פון אַ ניי לעבן, פון אַ פרייער וועלט: פריי פון עקספּלאָ־טאַציע, פריי פון ראַסן־האַס. אין זיין פאַרכאַפּנדיקער פאַנטאַזיע וועגן דער שיינער אידעאַלער צוקונפט, וואָס יואל האָט אָנגעהערט זיך פון מאַריאַ ראָדינאַ, האָט ער הונדערט־פאַכיק געכפלט, אויסטערליש געמאָלן פאַר זיך בילדער פון אַ נייער וועלט, פון אַן אָרדענונג אַ גערעכטע, אַ יושרדיקע, פאַר וועלכע ס׳איז ווערט צו קעמפן, גיין אויף מסירת־נפש און אפילו אויף קידוש השם.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אין שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן אויסברייטערן; איז שוין אַרויסגעוואַקסן פון דער סטאַדיע, פון דער אַזוי־גערופענער מיסטעריעזקייט. מ׳האָט זי שוין אָנגערופן מיטן אמתן נאָמען, מחמת מע האָט שוין געוואוסט וואָס זי שטעלט מיט זיך פאָר. דאָ און דאָרטן האָט מען שוין געהערט פון גרעסערע און קלענערע אַרעסטן; אין איין טייל פון שטאָט איז געווען אַן איבערפאַל פון פּאָליציי אויף אַזאַ געהיימען קרייזל, און אין אַנאַנדער טייל פון שטאָט אַן איבערפאַל אויף

אַ געהיימער דרוקעריי. דאָ האָט מען אַרעסטירט אַ זונדל פון אַ באַוואוסטן חשובן שטאָט־באַלעבאָס, ביי אַ צווייטן — אַ טאָכטער. די עלטערן, ביי וועמען דער אומגליק האָט געטראָפן, זיינען געווען פאַר'יאושט, צע־בראָכן פון גרויס עגמת־נפש; מע האָט אומעטום גענומען ריידן: אין גאַס, אין קראָם און אין שול. אויף די עלטערע האָט עס בכלל אָנגעוואָרפן אַ מורא און אַ שרעק:

— אַזאַ מרידה, אַזאַ אומגליק! מורד במלכות, עפּעס אַ קלייניקייט! אַ גרויסער אומגליק רוקט זיך אויף אונדז אָן — האָבן שטאַרק באַזאָרגט געטענהט צווישן זיך די יידן אין בית־המדרש.

— יאָ, יאָ, די צרות וועט נאָכדעם אויספאַלן צום גאַנצן קהל — האָט געפּרואווט נביאות זאָגן יאַנקעלע שוחט, אַ מיטליאָריקער ייד מיט אַן אויסגעקראָכן ציגן־בערדל.

— וואָס, איר ווייסט דען ניט? איך דאַרף עס דען אייך דערציילן? אַז ווען איין ייד אפילו זינדיקט, האַלטן זיי פאַראַנטוואָרטלעך דעם גאַנצן כלל. ווי אין פּסוק שטייט: „כי איש אחד יחטא ועל כל העדה תקצוף."

* * *

דאָס רעוואָלוציאָנערע קרייזל אונטער מאַריאַס אָנפירערשאַפט, יענעם פּרייטיק־צונאַכטס, האָט אַזוי געשמאַק און פאַרטיפט זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט פון איר לעקציע, אַז קיינער פון זיי האָט ניט געהערט אפילו אַז דאָס שטיבל איז מיטאַמאָל אַרומגערינגלט געוואָרן פון פּאָליציי און זשאַנדאַרן. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט דריי שטאַרקע קלעפּ אין טיר און אַ שווערן רוגזהדיקן אויסגעשריי:

— אין נאָמען פון געזעץ און אָרדענונג, עפנט אויף און גיט זיך אונטער אָן ווידערשטאַנד!

דאָס גאַנצע קרייזל איז מיטאַמאָל געבליבן ווי פאַרשטיינערט. אַלע האָבן טויט־שטום געשוויגן, מיט אַ ציטער אין האַרצן, מיט אָפן מויל און שרעק אין די אויגן זיינען זייערע בליקן געווען געווענדט צו מאַריאַן, געוואַרט ווי פאַר אַן עצה און אַ באַפעל וואָס צו טאָן.

מאַריאַ איז שטיל־שווייגנדיק צוגעגאַנגען צום טיר, אויפגעריגלט און געעפנט פאַר די זשאַנדאַרן דעם אַריינגאַנג. דאָס גאַנצע קרייזל פון די יונגע בחורים און מיידלעך, ביי וועלכע אַזאַ דערפאַרונג און איבער־לעבונג איז געווען אַן ערשטע, זיינען שטיין געבליבן די גאַנצע צייט

פון דער הויז־אונטערזוכונג ווי פאַרשטאַרטע און דערשראָקענע. מאַריאַ, ווי איינע וואָס האָט שוין געוואוסט וואָס איר דערוואַרטעט, איז געזעסן אומדערשראָקן און בלויז געענטפערט אויף פראַגן וואָס זי האָט געוואָלט ענטפערן.

מאַריאַן האָט מען פריער צוגענומען באַזונדער, און דאָס גאַנצע קרייזל, די בחורים און מיידלעך, האָט מען אַריינגעפּאַקט אין איין גרויסן שוואַרצן וואָגן און מע האָט זיי אָנגעהויבן פאַנאַנדערפירן צו די היימען פון וואַנען יעדער פון זיי איז געקומען.

ווען די זשאַנדאַרן האָבן אַריינגעבראַכט יואלן אין זיין קעלער־שטוב איז שוין געווען האַלבע נאַכט. יוחנן און רבקה האָבן שוין די אויגן אויס־געקוקט פאַר זייער מוזיניקל. ס'איז דאָס ערשטע מאָל וואָס ער איז אַזוי שפּעט אַהיים געקומען און האָט נאָך מיטגעבראַכט מיט זיך אַזעלכע „ג ע ס ט" ! די עלטערן זיינען שיעור ניט אין אַ היסטעריע אַריינ־געפאַלן. ביי יואלן זיינען גרויסע טרערן אין די אויגן געשטאַנען, פאַר דעם צער און עגמת־נפש וואָס ער האָט פאַרשאַפט זיינע עלטערן.

די זשאַנדאַרמען האָבן גענישטערט און איבערגעזוכט דעם גאַנצן „פאַלאַץ" טאָמער וועט מען דאָך געפינען עפּעס אומלעגאַלעס, אָבער מער ווי יוחננס אַ פאָר ספרים און רבקהס צאינה־וראינה האָבן זיי ניט געפונען.

יואלן האָט מען יענע נאַכט סייווי אַוועקגענומען, און זיינע עלטערן זיינען געבליבן צעבראָכן, דערשלאָגן, ניט דערשלאָפן און דערשראָקן; מורא האָבנדיק, נאַטירלעך, טאָמער, ווער ווייס וואָס, צו זייער מוזיניקל וועט נאָך געשען! טאַטע־מאַמע, פאַרשטייט זיך, האָבן געוויינט און געקלאָגט אויף זייער ביטערן מזל וואָס זיי האָט עס באַדאַרפט טרעפן. זיי זיינען מיטאַמאָל אַליין געבליבן כמעט ווי קינדערלאָז. צבי פנחס, דער עלטערער זון, איז אין דער אַרמיי, פאַר אַ סאָלדאַט צוגענומען; דעם יונגערן, יואלן, איצט פאַרנומען, און אין תפיסה אַריינגעזעצט.

— אַ שיינער תכלית פון אונדז געוואָרן, יוחנן! — האָט רבקה נאָכאַנאַנד ניט אויפגעהערט צו וויינען און קלאָגן . . .

* * *

אויף מאָרגן, שבת אינדערפרי, ווען יוחנן איז אַריינגעקומען אין בית־המדרש, האָט ער שוין געטראָפן דעם גאַנצן עולם אין אַ געמורמל און אין אַ צערודערונג. פאַר און נאָכן דאַווענען, אין הויף, אין פּאָליש און אויפן גאַנעק פון בית־המדרש זיינען געשטאַנען רעדלעך יידן, גע־

שמועסט און געחקירהט וועגן די לעצט־נאַכטיקע געשעעניש און אַבלאַווע.

— עפּעס אַ קלייניקייט! — האָבן יידן מיט ניט ווייניק אייפער גערעדט צווישן זיך: — מורד במלכות! איר ווייסט מיט וואָס דאָס שמעקט?! אין ווייטן קאַלטן סיביר, אָדער גאָר תליה!

די נייגעריקייט און גערודער איז אָבער נאָך גרעסער געוואָרן, ווען מ׳האָט זיך דערוואוסט אַז צווישן די לעצט־נאַכטיקע אַרעסטירטע זיינען אויך דאָ צוויי קינדער פון די צוויי אָנגעזעענע באַלעבאַטים פון בית־המדרש: ר׳ יוחננס מוזיניקל, יואל, און די געראָטענע טאָכטער פון דעם אַזויפיל געאַכטעטן גבאי ראשון, ר׳ נאָטע אַלטערמאַן.

— איי־איי־איי — האָבן די יידן געקרעכצט און איבערדערציילט איינער דעם צווייטן די גאַנצע מעשה: — אַזאַ געראָטענע און געבילדעטע! אַ גאַנצע דאָקטאָרשע זאָגט מען איז זי דאָך! . . .

— מ׳זאָגט יאַקבי — האָט יאַנקעלע שוחט זיך ווידער אַרויסגעזאָגט מיט זיין נביאות — אַז זי איז געווען די הויפּט אָנפירערין! און ס׳איז אַ סברה, אַז זי נעמט אויף זיך די גאַנצע שולד, כדי מ׳זאָל די יינגלעך און מיידלעך אַרויסלאָזן און אײַנגאַנצן באַפרייען.

וואָס זאָגט איר ניט צו דעם? אָה, אַזאַ אומגליק! אַזאַ צרה! און וועמען דאַרף עס טרעפן? ר׳ נאָטעלען! איין־איינציקע טאָכטער, דאָס איינציקע אויג אין קאָפּ, און אַזאַ געראָטענס! אוי, רבונא דעלמא כולא! טאַקע נאָר אַ גזר מן השמים! . . .

דאָס דאַווענען דעם מאָל איז שוין ניט געווען מיט אַזאַ התמדה ווי אַלע שבת. די צערודערונג פון די געמיטער איז געווען צו גרויס. ס׳האָט זיך עפּעס ניט געדאַוונט! יוחנן איז דעם מאָל צום עמוד ניט געגאַנגען. ער האָט זיך געפילט זייער דערשלאָגן, האָבן אים די בעלי־בתים ניט געבעטן, ווי געוויינלעך. זיי האָבן געזען אַז ער איז זיך זייער מצער, האָבן זיי אים ניט געוואָלט באַמיען.

ווען ר׳נאָטע איז אויסגערופן געוואָרן צו זיין שטענדיקער שבתדיקער עליה, צו מפטיר, איז ער צוגעגאַנגען צו דער בימה, ניט מיט יענעם שטאָלצן גאַנג און געמיט, ווי כסדר, נאָר מיט אַ גאַנג פון אַ דערשלאָגענעם, אַ פאַראורטיילטן. אין זיין קול האָט זיך געפילט אַ ציטער. כמעט וויינענדיק, איז ער שיעור ניט צוזאַמענגעבראָכן . . .

יוחנן האָט מער ווי אַלע אין איצטיקן מאָמענט אים שטאַרק מיטגעפילט. קוקנדיק אויף אים, ווי ער איז זיך מצער און אַזוי צעבראָכן,

האָט ער כמעט ווי אין זיך אַליין פאַרגעסן. טרערן האָבן זיך געשטעלט אין זיינע אויגן, און אין זיין קעל אַ פאַרקלעמונג און ציטער.

ווען ר׳ נאָטע האָט דערוואוסט זיך, אַז יוחננס בחורל איז אויך צווישן די אַרעסטירטע, צוזאַמען מיט זיין טאָכטער, האָט ער זיך געפילט עפּעס זייער מאָדנע, כמעט ווי אַ שולדיקער אין די אויגן פון יוחנן. מחמת די טאָכטער זיינע איז דאָך געוועזן די אָנפירערין פונם קרייזל, האָט ער דעריבער געהאַט אַט־דעם שולד־געפיל, און האָט טאַקע געזוכט יוחנן צו טרייסטן און באַרואיקן . . .

— זאָרגט ניט, ר׳ יוחנן, ס׳וועט ניט זיין אַזוי שלעכט ווי איר זענט זיך משער. אייער יואל וועט מסתמא אָפּקומען מיט אַ גאָר קליינער שטראָף און ער וועט איה״ש בקרוב זיין ביי אייך אַהיים. זעט איר — האָט נאָטע שטאַרק אָפּגעזיפצט — מיט מיין טאָכטער וועט שוין אַזוי גלאַט ניט אָפּגיין . . . מיין שתדלנות און געלט וועלן מיר שוין דאָ אויך ניט העלפן! יאָ, זי וועט זיכער קריגן לאַנגע יאָרן תפיסה אָדער גאָר פאַרשיקט ווערן ערגעץ אין וויטן סיביר. . .

ר׳ נאָטעס רייד האָט יוחנן אַביסל באַרואיקט, אָבער האָט אים אויך ניט ווייניק ווי געטאָן פאַר נאָטען. ער האָט געפילט אין דעם מאָמענט ווי אים גאָר טרייסטן, מחמת זיין גורל, נאָטעס, איז נאָך אַן ערגערער ווי זיינער; ער האָט ניט געהאַט קיין טרייסט־ווערטער אויסצודריקן זיין באַדויער, האָט ער שטיל, מער ווי צו זיך, אַ זאָג געטאָן:

— יאָ, יאָ, נ ח ת פ ו ן ק י נ ד ע ר. . . און האָט אַביסל אַ באַרואיקטער פאַרלאָזן דעם בית־המדרש . . .

ווען יוחנן איז אַהיים געקומען פון בית־המדרש נאָכן שבתדיקן דאַווע־נען, האָט ער געטראָפן זיין רבקהן נאָך אַלץ פאַרוויינט און פאַריאָמערט. האָט ער געזוכט מיט אַלע מעגלעכקייטן איר טרייסטן און באַרואיקן:

— נו, הער שוין אויף צו וויינען און קלאָגן, רבקה. וויפיל איז דער שיעור? קודם כל איז היינט שבת, און ס׳איז אַ זינד קעגן זיין ליבן נאָמען צו פאַרשטערן דעם שבת קודש מיט געוויין און יאָמערייַ. „גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג און האָט אים געהייליקט.״ טאָ פאַרשטער אים ניט, יידענע! מ׳טאָר זיך ניט מצער זיין אפילו אום שבת! גאָט ברוך הוא האָט תענוג פון דער שמחה פון שבת. און אגב ביסטו נישט די איינציקע מאַמע וואָס האָט אַ קינד אין תפיסה! ער זיצט חלילה ניט פאַר קיין גנבה אָדער גזלה!

— וואָס קען מען טאָן, ס'איז אַן אַלגעמיינער אומגליק, ניט אונדזערער אַליין. מאָל דיר, אַז ר' נאָטעלען אַלטערמאַן און די נאָטעכע איז אַ סך, אַ סך ערגער פון אונדז. — האָט ער פּרובירט איר וועלן דערציילן פון זייער אומגליק. אפשר וועט זי דאָך זיך צוהערן און אויפהערן אַזוי קלאָגן.

— וואָס האָט מיט זיי געטראָפן, יוחנן? עפּעס חלילה אַן אומגליק?

— האָט רבקה, נאָך האַלב וויינענדיק, דאָך געוואָלט וויסן . . .

— אַז דו וועסט מיר צוזאָגן מער היינט ניט וויינען, וועל איך דיר דערציילן — האָט יוחנן שוין געפילט אַז דאָס לעצטע האָט טיילווייז משפיע געווען אויף איר. . .

— הערסטאָך, ר' נאָטעלעס טאָכטער, זייער איין־איינציקע און אַזאַ געבילדעטע, אַ גאַנצע דאָקטאָרשע, זאָגט מען איז זי, איז אויך געווען דאָרטן, מיט יואלן און די אַנדערע נעכטן ביינאַכט, און מע האָט זי, פאַרשטייט זיך, אויך צוגענומען אין תפיסה. מע זאָגט אפילו, אַז זי איז דאָס געווען די גאַנצע אָנפירערין, און ס'איז נאָך אויך אַ סברה, אַז זי נעמט אויף זיך די גאַנצע שולד. יאָ, יאָ, ר' נאָטע אַליין האָט מיר פאַר־זיכערט, אַז אונדזער יואל וועט איה"ש גאָר בקרוב זיין מיט אונדז אין דערהיים. איז ווי דו זעסט, רבקה, טאָר מען ניט אַריינפאַלן אין אַזאַ עצבות און יאוש. ווארים ווי דענקסטו פילן שוין ר' נאָטע און די נאָטעכע, אַז מ'האָט ביי זיי צוגענומען זייער איין־איינציקע טאָכטער, דאָס איינציקע אויג אין קאָפּ ? . . . און ווער ווייסט נאָך צי זיי וועלן איר גאָר שוין זען אַמאָל צוריק ? ! . . .

— און יואל איז דען ביי מיר ניט קיין איינאיינציקער? — האָט רבקה ווידעראַמאָל גענומען אים באַקלאָגן, ווי ער וואָלט שוין אַ טויטער געווען. — ווען האָב איך איצט דען ? צבי פּינחסן פאַר אַ סאָלדאַט אַוועקגענומען; און איצט, אַז מ'רעדט אַזויפיל פון אַ מעגלעכע מלחמה מיט יאַפּאַניע, איז איין גאָט ווייסט, צי איך וועל אים שוין זען גאָר אינ־גאַנצן, ווי צו מיינע יאָר. . . און האָט זיך ווידער שטאַרק צעיאָמערט. . .

— נו, גענוג שוין, גענוג געיאָמערט, האָסטאָך מיר עפּעס צוגעזאָגט, רבקה! אַז וועסט היינט, שבת, ניט וויינען. זעסט דאָך אַליין, אַז ס'איז ניט אונדזער אייגענער אומגליק בלויז. ס'איז אַן אַלגעמיינע צרה. ס'איז אונדזער אַלעמענס בראָך. מיר זיינען ניט די איינציקע מיט דער שטראָף פון גאָט.

„צרת רבים חצי נחמה" — זאָל דאָס כאָטש זיין אַ שטיקל טרייסט!...

קאַפּיטל פינף

מאַרק, יואלס חבר, מיט וועלכן ער איז געזעסן אין תפיסה, איז געבליבן צו אַכט יאָר אַ קיילעכדיקער יתום. זיינע טאַטע־מאַמע האָט ער פאַרלאָרן אין דער צייט ווען ס'האָט געבושעוועט אין שטאָט די גרויסע עפּידעמיע פון דער כאָלערע. מענטשן זיינען דאַן געפאַלן ווי פליגן. צענדליקע הונדערטער זיינען אומגעקומען פון יענער מגפה. וואָס האָט מען דאַן ניט איבערגעטאָן? מען איז געלאָפן צו רבנים, גוטע יידן, מ'האָט געריסן קריעה, „איינגעלייגט וועלטן"! מע האָט אפילו געשטעלט אַ חופה אויפן בית־עולם, און צוזאַמענגעפּאָרט אַ שטומע מיידל מיט אַ „פּאַליקן" בחור. די גאַנצע שטאָט איז זיך צוזאַמענגעקומען, יידן און קריסטן", צו אָט־דער מאָדנער חופה. מע האָט געדענקט, אפשר וועט דאָס זיין אַ סגולה אָפּצושטעלן אָט־די שרעקלעכע מגפה. ס'האָט אַפּנים ווייניק וואָס גע־האָלפן. די מגפה האָט געפאָדערט איר צאָל קרבנות, ביז ס'האָט זיך ענדלעך דאָך איינגעשטילט. פון אָט־יענער מוראדיקער עפּידעמיע איז מאַרק געבליבן אָן עלנדער יתום, אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען. דעם יתומל האָט מען געבראַכט צו דער באָבען זיינען, „סימקע די רויטע", אַזוי האָט מען זי טאַקע גערופן אין אָרעמען געסל.

פאַרנומען האָט זיך די סימע מיט ניט אַזאַ זויבערער פּרנסה; אַ באַשעפטיקונג וועגן וועלכער מ'האָט גערעדט אין דער שטיל, קינדער זאָלן ניט הערן און די דערוואַקסענע זאָלן זיך ניט פאַרשעמען . . .

ביים זוים פון שטאָט, ביים סאַמע סוף פון „געסל", וואו די אָרעמסטע פון די אָרעמע האָבן געוואוינט, האָט שטיל געפלאָסן אַ שמאָלער ברודיקער טייך. זומער צייט איז דער טייך געוועזן כמעט האַלב טרוקן. קינדער פון דער אָרעמשאַפט פלעגן דאָרטן שפּילן זיך. אויף יענער זייט טייך, נאָענט צו די בערגלעך צו, האָט זיך אָנגעהויבן די גויאישע שכנותשאַפט. דער טייך איז געווען ווי אַ מחיצה צווישן דער גויאישער און יידישער אָרעמשאַפט.

זייער אָפט פלעגן יידישע יינגלעך מיט די שקצים איבערן טייך אָנפירן געשלעגן און שטיינער וואַרפעריי, איינע צו די אַנדערע. ניט ווייט פון אָט־דעם טייך, וואו די כלומרשטע „שלאַכטפעלד" פון די צוויי פיינטלעכע מחנות איז אָנגעגאַנגען, האָט סימע די רויטע אַ „הייזל" מיט מיידלעך אויפגעהאַלטן, וועלכע זיינען צו איר על־פּי נויט אָנגעקומען, צוליב איין

אָדער אַנאַנדער סיבה. סימע אַליין האָט דווקא געדענקט, אַז זי טוט גאָר אַ טוגנטלעכע זאַך, מיט דעם וואָס זי נעמט אַריין צו זיך אָט־די אומגליקלעכע פאַרלאָרענע מיידלעך. ווען ניט זי, פלעגט זי זאָגן, ווער ווייסט וואָס פון זיי וואָלט געוואָרן. זיי וואָלטן זיכער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַן „אַלפאָנס", אַן אויסוואָרף, וועלכער וואָלט איבער זיי באַלעבאַטעוועט, און זיי וואָלטן געמוזט פאַר אים „אַרבעטן", אויסגעריסן ווערן און ניט האָבן אויף זיך אפילו קיין אנשטענדיקן מלבוש. ביי איר אָבער זיינען זיי באַזאָרגט, מיט אַ ריינעם געלעגער, מיט עסן צו זאַט, מיט קליידונג און אַ פּאָר קערבלעך אין צוגאָב. און, דער עיקר, זיי דאַרפן ניט אָנקומען צו דער „גאַס"! און די „קונדן" וועלכע קומען צו איר, זיינען אויך אנשטענדיקערע; אַ סך פון זיי אפילו גאָר באַלעבאַטישע יונגעלייטלעך. סימע האָט בכן זיך באַטראַכט ווי זייערע אַ מוטער און זייער באַשיצערין. זי האָט געהאַלטן, אַז איר באַשעפטיקונג איז מער ווי באַרעכטיקט . . .

ניט גאָר גרינג איז סימען אָנגעקומען אָנצוהאַלטן אָט־דעם מעמד און, מיט ניט ווייניק עקשנות און אפילו מיט מסירות נפש איז איר אויסגעקומען צו פירן אירע געשעפטן. געננג „וואוילע יונגען" האָבן געלויערט איבער איר „הייזל", האָבן געזוכט אַרויסרייסן די מיידלעך פון אירע הענט. ניט איינמאָל איז זי געצוואונגען געווען אַרויסצושטעלן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד קעגן יענע ווילדע פאַרשוינען. זי איז אָבער מערסטנס אַרויס נצחונדיק איבער זיי. טאָקע צוליב די ווילקייט און געטריישאַפט פון די מיידלעך צו איר. די מיידלעך האָבן זיך געפילט ביי איר היימיש און אייגן און זיינען געווען מער־ווייניקער צופרידן, וואָס דער ביטערער גורל האָט זיי געבראַכט צו איר און ניט אַריינפאַלן ערגעץ אַנדערש וואו . . .

סימקע דער רויטערס הייזל איז געווען אַ פלאַמיקער ברען־פונקט פאַר ניט ווייניק באַלעבאַטישע יונגעלייטלעך, וועגן וועלכער זיי פלעגן זייער אָפט וועגן דעם צווישן זיך שמועסן.

הגם מאַרק איז אַ שטיק צייט פון זיין יוגנט דערצויגן געוואָרן אין אָט־דער סביבה פון סימע דער רויטער, איז ער אָבער דאָך געבליבן מאָראַליש ריין און אומבאַשעדיקט. דאָס בעסערע און איידעלערע אין אים האָט גובר געווען און איז פאַרבליבן ריין און אומבאַפלעקט. די סביבה האָט זיכער אַ גרויסע השפעה איבער דער דערציאונג, און כאָטש סימעס היים איז פאַר מאַרקן ניט געווען קיין גאָר אידעאַלע, און וואָלט

געקענט אפילו ווערן פֿאַר אים פֿאַרדאַרבנדיק, האָט אָבער סימע, די באָבע זיינע, זייענדיק בנאַטור אַ גוטע, מיט אַ געזונטן פֿאַרשטאַנד און, באַוואוסט־זיניק וועגן די אַחריות וואָס זי האָט גענומען אויף זיך צו דערציען איר אייניקל, האָט זי אים דעריבער געהאַלטן ווייט ווי מעגלעך פֿון „הייזל״, פֿון די מיידלעך און פֿון שלעכטע חברים. זי האָט אים געשיקט אין חדר און נאָכדעם אין תלמוד תורה, און, כאָטש די „קליינוואַרג״ אין חדר האָבן עפּעס ווי געפּילט און טאַקע אויך געהערט פֿון די גרויסע, אַז מאַרק׳ס היים איז עפּעס אַנדערש ווי אַלע אַנדערע היימען, און זיין באָבע איז אויך אַנדערש פֿון אַלע אַנדערע באָבעס; איז אָבער קיין צו שטאַרקע מחיצה צווישן אים און די אַנדערע קינדער פֿון דער אָרעמשאַפֿט דאָך ניט געווען. די קינדער פֿלעגן זיך מיט אים שפּילן און חברן.

אין תלמוד־תורה, וואו מאַרק האָט געלערנט, האָט ער שוין צו זיין עלפֿטן יאָר אָנגעהויבן אַרויסווייזן גאַנץ באַזונדערע פֿעאיקייטן און טאַלאַנט צו מאָלן. אויף אַלץ וואָס זיין אויג האָט זיך אָפּגעשטעלט האָט ער פּרובירט אָפּצומאָלן, צייכענען.

איינמאָל, זיצנדיק אין קלאַס ביים לערער, מאָסיי אַבראַמאָוויטש, האָט מאַרק מיטאַמאָל אַראָפּגעכאַפּט אַ צייכענונג פֿון דעם לערער אין זיין גאַנצער גרויס. מאָסיי אַבראַמאָוויטש איז געווען דער לערער פֿון רוסיש אין דער שטאָטישער תלמוד־תורה. געווען איז ער אַ הויכער, זעקס־פֿוסיקער, דאַרער פֿאַרשוין, מיט אַ שאַרפֿער אָדלער־נאָז, מיט גרויסע קיילעכיקע אויגן, אויף וועלכע ער האָט געטראָגן שווערע באַראַמטע ברילן. דער לערער האָט פּלוצלינג באַמערקט אַז מאַרק איז עפּעס צו פֿאַרטיפֿט אין אַ פּאַפּירל איבער וועלכן ער איז איבערגעבויגן, און שענקט לגמרי ניט קיין אויפֿמערק צו אים און דאָס לערנען.

מאָסיי אַבראַמאָוויטש איז מיט אימפּעט און רוגזה, כמעט ווי צוגע־שפּרונגען צו מאַרקן און איז אים גרייט געווען מיט דער שאַרפֿער ווירע אים געבן איבער די הענט; האָט ער אָבער באַמערקט מיטאַמאָל אַ צייכע־נונג אויפֿן פּאַפּיר, וואָס איז אים אַזוי נאָענט און גוט באַקאַנט; ער האָט זיך דערזען אין זיין גאַנצער גרויס, ניט אין קאַריקאַטור, נייערט טיפּיש, רעאַל — זיין אמתע נאַטירלעכע געשטאַלט.

ער איז געבליבן שטיין אַן עטציקטער, באַטראַכטנדיק די צייכענונג און די ווירע, מיט וועלכער ער איז גרייט געווען אַראָפּצולאָזן אויף מאַרקן, האָט זיך ביי אים פֿון האַנט ווי אַרויסגעגליטשט. ער האָט

גענומען די צייכענונג נאָענט און מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט אַריינגע־קוקט אין דעם, ווי ס'וואָלט געווען פאַר אים אַ זעלטענע זאַך, און מיט אַ פריינטלעכן שמייכל מאַרקן געהייסן בלייבן נאָכן לערנען פאַר אַ שמועס מיט אים. דער לערער האָט נאַטירלעך מאַרקן שוין ניט באַשטראָפט פאַר עובר זיין אויף קלאַס־דיסציפּלין, ווי ער האָט עס בדעה געהאַט צו טאָן פריער.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער יינגל האָט געהאַט מיט זיך נאָך אַנדערע צייכענונגען, צווישן וועלכע ער האָט גאַנץ געטריי „אָראָפּגעכאַפּט": דעם משגיח פון דער תלמוד־תורה, ר' חיים שלאָסמאַן; זיידל דעם וואַסער־טרעגער מיט דעם קאַראָמיסל און צוויי עמער וואַסער, אין אַ ווינטער־טאָג און איז ווי מיט פּראַסטיקע סטרעמפּעלעך באַהאַנגען; זיין באָבע, „סימע די רויטע", ווי זי בענטשט ליכט, און אַ פּאָר נאַטור־בילדלעך.

מאָסיי אַבראַמאָוויטש האָט די צייכענונגען זיינע זייער באַוואונדערט. אים האָט באַזונדערס געפריידט, וואָס ער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט מאַרקן אַנטדעקט. ער האָט נאָכדעם ספּעציעל אויפמערקזאַם געמאַכט די באַלעבאַטים און די לערערשאַפט פון דער תלמוד־תורה וועגן דעם טאַלאַנטפולן יינגל וואָס ער האָט ביי זיך אין קלאַס. און, אַ דאַנק זיין באַמיאונג האָט מען מאַרקן איבערגעגעבן צו אַ מאָל־לערער, כדי אים צוצוגרייטן אַריינצוקומען נאָכדעם אין אַ מאָלעריי אַקאַדעמיע.

מאַרק האָט אָנגעהויבן צייכענען און מאָלן און האָט אַרויסגעוויזן אַ גאַנץ היבשן טאַלאַנט. ער איז אָבער געצוואונגען געווען אויך צו אַרבעטן ביי שילדן און הויז־מאָלעריי, כדי צו האָבן אויף זיין אייגענער אויסקומעניש. מיט זיין באָבעס געלט, וואָס זי פלעגט אים ווען געבן, האָט ער זיך ניט געוואָלט באַנוצן.

* * *

אין דער זעלביקער צעל פון דער תפיסה, וואו מאַרק און יואל זיינען פאַרשפּאַרט געווען, זיינען אויך אַנדערע פּאָליטישע מיט זיי דאָרטן געזעסן. מער פון אַלץ האָט מאַרק אַ סך עגמת־נפש געהאַט, וואָס ער קען דאָ ניט מאָלן. זיינע פינגער האָבן זיך געצויגן צום צייכענען, צו מאָלן און, ניט האָבנדיק קיין בלייטשטיפט, קיין קויל און פּאַפּיר, האָט ער מוראדיק פון דעם געליטן. ענדלעך, דורך פאַרשידענע אומוועגן, איז דאָך געלונגען געווען אַריינצוברענגען אין צעל פּאַפּיר און קויל, און

מאַרק האָט מיטאַמאָל ווי אויפגעלעבט. ער האָט תיכף גענומען זיך צום צייכענען.

אויף אַ בלינדער וואַנט פון דער צעל, וואו דעם וועכטערס אויג, דורך דעם קליינעם פאַרגראַטעוועטן פענצטערל פון טיר, האָט עס ניט געקענט באַמערקן, האָט מאַרק אָנגעהויבן צייכענען אַ „מ י ו ר אַ ל." באַטיטלט האָט ער די צייכענונג מיט דעם אויסטערלישן נאָמען: „די פיראַמידע פון דער געזעלשאַפט." דאָס בילד האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גרויסן טורעם מיט אַ צאָל גאָרנס. יעדער גאָרן איז באַזעצט געווען מיט אַ באַשטימטן קלאַס פון דער געזעלשאַפט. גאָר אונטן, ביים סאַמע פונדאַמענט פונם טורעם זיינען געשטאַנען, מיט איינגעבויגענע רוקנס און שווער מוסקוליסטישע הענט, דער אַרבעטער און פויערים קלאַס. אויף זייערע איינגעבויגענע רוקנס האָט זיך אָט־דער גרויסער טורעם געהאַלטן. דער מיטלסטער גאָרן איז באַזעצט געווען מיט דעם מיטלקלאַס און קליין־בורזשואַזיע. איבער זיי, אַ גאָרן העכער — די גרויס־בורזשואַזיע און קאַפּיטאַל. נאָך אַ גאָרן העכער — די גאַנצע קלעריקאַלע: גלחים און, להבדיל, די „כלי־קודש", און אויף דעם העכסטן גאָרן אין סאַמע הויך איז געזעסן די גאַנצע צאַרישע דינאַסטיע מיט דעם צאַר־פאָטערל בראש . . .

ווען דאָס בילד איז פאַרטיק געוואָרן, האָט עס אַרויסגערופן ביי די טורמעניקעס, די מיט־זיצער, גרויס פרייד און באַגייסטערונג. זיי האָבן אַלע צוזאַמען פאַרצויגן אַ רעוואָלוציאָנערע ליד, וואָס מע פלעגט זינגען אין יענער צייט, און די צעל איז מיטאַמאָל איבערגעפילט געוואָרן מיט פייערלעך געזאַנג:

„מאַן פון אַרבעט אויפגעוואַכט
און דערקען דיין גרויסע מאַכט!
ווען דיין שטאַרקער אָרעם וויל
בלייבן אַלע רעדער שטיל. . ."

גלין—גלאַן . . . גלין—גלאַן . . .

דאָס בילד האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם איבל פון דער איצ־טיקער אָרדענונג; אַ געזעלשאַפט פון קלאַסן און קאַסטן. אין דעם בילד האָבן זיי געזען דעם סימבאָל, וואָס רופט זיי צום קאַמף און רעוואָלוציע. פאַר די לאַנגע חדשים וואָס יואל און מאַרק זיינען געזעסן אין

תפיסה, זיינען זיי ניט נאָר געוואָרן אַביסל עלטער, נייערט זיי זיינען אויך מער פאַרהאַרטעוועט געוואָרן. זיי האָבן אין זיך אַריינגענומען מער דערפאַרונגען און מער באַוואוסטזיניקייט וועגן דעם אידעאַל פאַר וועלכן זיי קעמפן און זיינען זיך מוסר־נפש. דאָרטן האָבן זיי זיך אויך באַקענט און געלערנט די פאַרשיידענע פאַזן און ריכטונגען פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. זיי האָבן אויך אָנגעטראָפן דאָרטן כלערליי טיפּן און כאַראַקטערן. די תפיסה איז געווען פאַר זיי די בעסטע שולע צו לערנען די מענטשלעכע שוואַכקייטן און טוגונטן.

דיביידע נאָענטע חברים, יואל און מאַרק, זיינען נאָך מער צוגעבונדן געוואָרן איינער צום צווייטן. ערשט נאָכדעם, ווען זיי האָבן פאַרלאָזן די תפיסה זיינען זיי געוואָרן אויסגעפּרואוווטע, איבערגעגעבענע קעמפער פאַר דעם אידעאַל פון פרייהייט און יושר, צו וועלכן זיי האָבן אַ הייליקע שבועה געגעבן . . .

קאַפּיטל זעקס

ווען יואל איז ענדלעך באַפרייט געוואָרן, נאָך אַ לענגערן אָפּזיצן אין טורמע, האָט ער אַלץ און אין אַרום זיין סביבה געפונען אַ גרויסע ענדערונג. דאָס „געסל", די נאָענטע צו אים און אפילו בלויז באַקאַנטע האָבן זייער באַציאונג צו אים פיל געביטן. און — אפשר האָט זיך עס אים אויסגעוויזן, מחמת ער אַליין האָט זיך זייער פיל געענדערט — ער ווייסט עס אַליין אַז ער איז ניט מער דער נאַאיווער, שעמעוודיקער יינגל מיט די אַראָפּגעלאָזענע אויגן ביים טרעפן זיך מיט אַ פרעמדן. זיין בליק איז איצט קלאָרער, דורכדרינגלעכער און פאַרשטענדיקער. זיין באַנעמונג און אויפפירונג איז מער ניט יינגליש ווי פריער, נייערט מער געזעצטער און זיכערער.

יואל איז איצט געוואָרן אַ „פאָלנער מענטש"! . . . איז ער דען ניט געזעסן אין תפיסה פאַר זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען ! . . . איז דאָס אַליין דען ניט קיין פאַרזיכערונג און אָנערקענונג פון זיין דערפאַרנקייט? און ביי דער יוגנט איז עס טאָקע באַטראַכט געוואָרן פאַר אַן אויפטו און אפילו אַ מאַרטירערשאַפט. אַזאַ איינעם האָט מען געוואוסט, האָט אַ סך איבערגעלעבט, אָנגעהערט זיך מיט אַ סך, אַ סך גרויסע, געהיימע

זאַכן און ווייסט מסתמא פון אַ סך סודות, וועמען מע האָט אַנפאַרטרויט. אַזעלכן, האָט די יוגנט ווי איינגעוויקלט אין אַ מיסטעריע און צו וועלכן מען האָט דאַן אַרויפגעקוקט מיט גרויס באַוואונדערונג . . . איז וואו נאָר יואל האָט זיך באַוויזן: אין גאַס, אין מאַרק און אין קלויז, האָט מען געגוקט אויף אים גאָר אַנדערש, אַנדערש ווי פריער. טאַטע־מאַמע זיינע האָבן אויך צו אים געהאַט אַ גאַנץ אַנדער באַציאונג ווי פריער. ער איז שוין מער ניט דער קליינער מוזיניקל; ער איז אין זייערע אויגן אויס־געוואַקסן פון זיין יונגשאַפט; ער איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ גרויסער, מער מענלעכער און זעלבסטשטענדיקער. . .

ווען יואל פלעגט פון הויז אַרויסגיין אין די אָוונטן, פלעגט די מאַמע זיינע, רבקה, אים דערמאָנען:

— זיי פאַרזיכטיק, מיין זון, איך בעט דיך. . . זיי פאַרזיכטיק . . .

אין סטודיאָ, וואו ער האָט פריער געאַרבעט איידער ער איז אַרעס־טירט געוואָרן, אויך דאָרטן האָט די באַציאונג צו אים זיך שטאַרק געביטן. טימאָפעי קאָנסטאַנטינאָוויטש, ביי וועמען ער איז פריער געווען אַ געהילפס־יינגל, האָט צו אים זיך באַצויגן מער גוט־ברודעריש און חבריש:

— דאַרפט וויסן, יואל, אַזעלכער וואָס זיצט אַ לענגערע צייט אין תפיסה, איז שוין גאָר אינגאַנצן אַן אַנדערער! — האָט טימאָפעי איינמאָל צו אים באַמערקט.

— איצט, יואל, ביזטו שוין אַ פאָלנער מענטש, און ביזט שוין אויך ראוי צו טיילן מיט מיר אַ טרונק . . . טאָ לאָמיר טאַקע מאַכן אַ „לחיים" לכבוד דיין צוריקקער אויף דער פריי ! . . .

ווען יואל האָט ניט אַזוי גערן געוואָלט נעמען דאָס „קווערטל" מיט בראָנפן וואָס טימאָפעי האָט אים געגעבן, האָט ער אים טאַקע גלייך פאַרגעוואָרפן:

— *העי,* וואָס פאַר אַ שטיק פראַוועסטו ? . . . וואָס פאַר אַ טורמעניק ביזטו, אַז דו קענסט אפילו קיין ל ח י י ם ניט מאַכן ! . . .

יואל, אַביסל פאַרשעמט, האָט גענומען פון טימאָפייען דאָס קווערטל מיט בראָנפן און האָט עס מיט איינמאָל אַראָפגעשלונגען. דערמיט האָט ער אויך געוואָלט באַווייזן דעם אַלטן טימאָפייען, אַז ער איז שוין מער ניט דער קליינער יינגל פון פריער. ער איז אַנדערש, אינגאַנצן אַנדערש!... גלייך מיט די עלטערע, מיט די דערוואַקסענע . . .

אויך גרישאַ, דער אייזן־מייסטער אין הויף אין שכנות מיט דער מאָל־סטודיאָ, האָט שוין מער מיט אים ניט אַרומגעשאַפּט זיך, ווי ער פלעגט עס אַזוי אָפט טאָן פריער.

עפּעס האָט גרישאַ מיטאַמאָל דערזען אין יואלס בליק און האַלטונג, אַז ער איז ניט מער יענער ייִנגל, נאַאיווער בחורל, דער שיק־ייִנגל פון פריער. איצט האָט גרישאַ גאָר ניט געוואַגט אַזאַ זאַך אים פאַרצושלאָגן, ווי זיך צו שאַפן מיט אים אפילו פאַר באַצאָלט.

יאָ, יואל האָט עס געזען און געפילט, אַז די שטימונג, באַנעמונג און די גאַנצע באַציאונג צו אים האָט זיך מאָדנע, פענאָמענאַל געביטן. פון דעם געדאַנק אַליין האָט ער געפילט זיך זייער שטאָלץ און דערהויבן...

מער פון אַלעמען האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן צו אים אַ גאָר אַנדער אינטערעס — אַנאַ. זי האָט מיטאַמאָל אין אים דערזען אַ רייף געוואָרענעם יונגן בחור. ניט מער שוין יענער אומשולדיקער, קליינער יונג פון פריער: אַנאַנדער בליק, אַנאַנדער גאַנג; דער גאַנצער אויסזען זיינער האָט זיך געביטן. ער איז אַרויסגעוואַקסן פון זיין ייִנגלשאַפט; און אין אירע אויגן איז ער געוואָרן אַ סך מענלעכער לויט זיין עלטער. ער איז געווען אפילו מער אָפּגעהיט אין דער הלבשה: געטראָגן אויף זיך זיינע זאַכן נעט און עקזאַקט. זיין שיין, גלאַט, ענערגיש פּנים, מיט זיינע קלוגע, ווייכע, לאַשטשענדיקע אויגן, און זיין כוואַליעדיק, געדיכט געקרויזטן קאָפּ האָר האָט איר ניט ווייניק פאַראינטריגירט . . .

אַנאַ האָט איצט געזוכט זיין נאָענטשאַפט. ער האָט געטראָגן אין זיך אַ געוויסן רייץ פאַר איר. זי האָט זיך דערמאָנט אין יענער צייט נאָך, ווען זי פלעגט זיך באַווייזן אין „סטודיאָ", כדי צו פּאָזירן פאַרן מאָלער טימאָפּייען. מיט וואָס פאַר אַ דורכדרינגענדיקע בליקן אָט־דער קליינער ייִנגל פלעגט זיך איינעסן אין איר; ווי ער פלעגט זיך עס צאַפּלען אין איר אָנוועזנקייט. ווי אַנדערש ער מוז עס זיין איצט! ווי סענסועל־אַנדערש ער מוז עס זיין איצט, נאָך זיינע פיינלעכע איינזאַמע איבערלעבונגען אין דער תפיסה, און מיט אַזויפיל איינגעזאַפּטע אין זיך דערפאַרונגען...

אַנאַ האָט אָנגעהויבן אָפּטער אַריינקומען אין סטודיאָ; צוגעוואָרפן אַ פריינדלעך וואָרט צו אים, אַן אָנצוהערעניש אויף אַ געלעגנהייט אַריינצוקומען צו איר אין הויז. הגם יואל האָט פאַרשטאַנען דעם באַטייט פון אירע באַמערקונגען און אָנצוהערענישן, האָט ער אָבער כמעט ווי געצוואונגען זיך אויסצומיידן איר נאָענטשאַפט. ניט מחמת ער האָט

איצט וויינִיקער געטראַכט און געחלומט פון איר. ניין, פאַרקערט, פאַר די פאַר יאָר פון זיין „זיצן" איז זי, אַנאַ, פון זיין דמיון ניט אָפּגעטראָטן. תמיד האָט ער זי געזען פאַר זיינע אויגן, אין איר פולער שיינער פּרעכ־טיקייט. טעג און נעכט אויף זיין „נאַרע", מיט אָפענע, וואַכזאַמע אויגן, פלעגט ער מיט ניט ווייניק אַנגסטן, פּיין און ליידן, דורכטראַגן די אום־אויפהערלעכע בענקשאַפט נאָך איר. ער האָט פאַר קיינעם דעם סוד ניט דערציילט, מיט קיינעם זיין ווייטיק געטיילט . . . איצט, ווען ער האָט יאָ די געלעגנהייט זי צו זען און אפילו זיין נאָענט נעבן איר אויך, האָט ער זיך ווי פאַר עפּעס דערשראָקן. אַ געדאַנק האָט אים אַנגעהויבן באַ־אומרואיקן; ער איז געשטאַנען איצט פאַר אַ נסיון, וואָס איז אים שווער געווען בייצוקומען... עפּעס ווי צווישן אים און איר האָט זיך אַריינגעמישט אַ דריטער כוח, אַ מאָראַלישער פאַקטאָר אונטערן נאָמען פון אַ העכערן אידעאַל, וואָס וואָלט אפשר אַזעלכע שטרויכלונגען און אויסגליטשונגען זיינע באַטראַכט פאַר זינדיק, ניט עטיש און אומ־מאָראַליש . . .

* * *

איינמאָל איז יואלן אויסגעקומען צו זיין מיט אַנאַן, אויג אויף אויג, ביי איר אין סאַליע. אַנאַ האָט שוין אַזוי מאַנעווורירט, ער זאָל אַריינקומען צו איר פאַר עפּעס. און אפשר האָט יואל אַליין אויך שוין געזוכט די געלעגנהייט מיט איר זיך צו טרעפן. אַזוי צו אַזוי, דער מאָמענט פון זייער אַלייניקע אומפאַרמיידלעכע באַגעגעניש האָט דאָך געטראָפן.

יואל האָט שטיל אַנגעקלאַפּט אין טיר פון דער סאַליע, און אַנאַ, ווי וואַרטנדיק אויף דעם, האָט אים תיכף געהייסן אַריינקומען. געטראָפן האָט ער איר אין אַן אומדערוואַרטעטע, איבערראַשנדע פּאַר אים, פּאָזע... אַנאַ איז געלעגן האַלב אָנגעלענט אויף איר פראַנצויזישער פעדער־סאָפע, לייכט און פריוואל איינגעוויקלט אין אַ בלוי־זיידענע יאַפּאַנישע קימאָנע, מיט זילבער פעדעמדיקע אויסגעוועבטע בלומען און פויגלען. אַ קלאָר ווייסער האַלדז, אַ ברייטע "V" עפענונג ביי איר ביוסט האָט מיטאַמאָל פאַר זיינע אויגן אַ בלענד געטאָן. איר פּנים, אַביסל פאַרשייט און פאַר־רויטלט, האָט אין זיינע אויגן איצט געהאַט טויזנט חנ'ען. דורך איר דינער זיידענער קימאָנע האָבן אירע שטייפע מיידלשע בריסטן געשפּאַרט זיך און האָבן צאַפּלענדיק באַוועגט זיך ביי יעדן ריר אירן; איר גראַ־ציעזע פיגור, אירע שיינע געפורמטע פיס, האַלב אויסגעצויגן אויף דער

סאָפע, האָבן רייצנדיק אַרויסגעבראַכט אירע שיינע קערפּער־קאָנטורן, וואָס האָבן כישופדיק געבלענדט פאַר זיינע אויגן און פאַרשפּרעכנדיק אים געצויגן צו זיך, פאַר אַ נאָענטער באַרירונג . . .

יואל איז מיטאַמאָל געבליבן שטיין פאַר אַ גאַר גרויסן נסיון: פאַר אים איז איצט מער ווי קלאָר געוואָרן, אַז אין דעם מאָמענט איז ער מער ניט איר שיק־יינגל, ניט איר אָנגעשטעלטער. ער איז איצט מיט איר ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכע. זי, אַנאַ, וויל זיין ליבע, זיין יונגשאַפט. זי נעמט אים איצט דורך מיט איר פאַרפירערישן שמייכל. ער פילט ווי זיינע הענט, זיין גאַנצער וועזן, רייסט זיך צו איר, צו איר נאָענטקייט. און דאָך, אַן אומאַנטשלאָסנקייט, אַן אומגעוואָגטקייט . . .

אין דעם מאָמענט איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק: האָט ער דען אין זיינע טעג און נעכט פון אַגאָניע, ניט געטראַכט, געבענקט און אויך געהאָפט אויף אַזאַ הימליש־דערהויבענעם און הייליקן מאָמענט . . . און דאָך, איז ער געבליבן שטיין עפּעס ווי אַ פאַרלאָרענער, כמעט ווי אַ דערשראָקענער פאַר זיך אַליין און פאַר דער גאַנצער סיטואַציע . . .

אַנאַ האָט איבערגעריסן זיין טראַכטן און דאָס שטילשווייגן און אים פאַרבעטן צוצוקומען נאָענטער, נעבן איר...

— קום אַהער, יואל, וואָס ביסטו שטיין געבליבן ווי אַ דערשראָקע־נער. איך וועל דיך ניט אויפעסן . . . ביזט שוין מער ניט קיין יינגל! ביזט שוין אַ שיינער גרויסער בחור געוואָרן. קום אַהער, יואל, זעץ זיך דאָ נעבן מיר אויף דער סאָפע . . .

יואל, ווי אונטער אַ היפּנאָז, האָט זי געפאָלגט; ווי פון עמיצנס אַ האַנט געפירט צו איר. ער איז כמעט שעמעוודיק צוגעגאַנגען צו דער סאָפע וואו אַנאַ איז געלעגן, און זיך צוגעזעצט נעבן איר אויף דעם פּלאַץ וואָס זי האָט געמאַכט פאַר אים . . . הכנעהדיק, האַלב־פאַרשעמט און ניט אינגאַנצן דרייסט, האָט ער דורכדרינגענדיק איר באַטראַכט און מיט אַמאָדנער אומאַנטשלאָסנקייט . . .

— וואָס פאַר אַ שיין געקרויזטן קאָפּ האָר דו האָסט, יואל! — האָט אַנאַ אַ הויב געטאָן זיך צו אים און אירע ווייסע לאַנגע פינגער האָבן צאַרט געגלעט זיינע געדיכטע צעכוואַליעטע האָר. . .

יואל איז געבליבן זיצן נעבן איר, אַ פאַרלאָרענער, ווי אין דעליריום. אַלץ איז עס עפּעס ווי מיטאַמאָל געקומען, עפּעס ווי אומדערוואַרטעט! ער האָט זיך אין דעם מאָמענט ניט געקענט פאַנאַנדערקלייבן אין דעם

גאַנצן פלאָנטער פון געדאַנקען און געפילן, וואָס האָבן אים איצט באַ־הערשט . . . אַ געפיל פון מורא און שטאַרקע ספקות האָט אים אַרומגע־נומען. כאָטש אין דעם מאָמענט האָט ער געפילט דעם ברען פון איר קערפּער, דעם וואַרעמען אָטעם פון איר מויל, דעם פיינעם פאַרכאַפּנדיקן פּערפיום און טעם פון איר רייצנדיק פאַרפירעריש לייב . . . ניט ווייניק האָט ער אויך געפילט דאָס קלאַפּעניש פון זיין אייגן האַרץ, דאָס צאַפּלע־ניש פון אַלע זיינע אברים . . .

אַנאַ האָט געוואָלט איצט אים פאַרהאַלטן; געוואָלט זיין מיט אים, און ער האָט אָבער געזוכט אַרויסצורייסן זיך פון איר — אַנטלויפן, ווי יוסף הצדיק האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין האַרנטע, פּוטיפרע׳ס פרוי. . .

יואל האָט זיך דערשראָקן, געוואָלט פון זיך אַנטלויפן; געוואָלט בייקומען דעם נסיון וואָס אים איז איצט אויסגעקומען בייצושטיין . . . ער איז איצט געטריבן געוואָרן פון צוויי עלעמענטן אין אים. ווי ס׳וואָלט אַ יצר־הרע און אַ יצר־טוב מיט אים זיך געראַנגלט . . . פון איין זייט האָט ער געפילט אַז ער וואָלט באַגאַנגען אַ גרויסע עוולה און אַ זינד קעגן דעם אידעאַל פון אַן עטישן, מאָראַלישן ווערט, וועלכן ער האָט געשוואוירן צו האַלטן הויך און הייליק און פאַר אים קעמפן . . .

פון דער צווייטער זייט, אַנאַ, וועלכער ער האָט אַזויפיל באַוואונ־דערט, פון וועלכער ער האָט נעכט און טעג געחלומט און געבענקט, איז אים איצט אַזוי נאָענט, אַזוי אינטים נאָענט . . . אָט־דאָס הימלישע גליק קען ער דאָך איצט איינגאַנצן פאַר זיך אַליין האָבן און באַהערשן . . .

דאָך, האָט ער ניט געוואַגט . . .

ער האָט מיטאַמאָל, ווי דיקטירט פון אַן ענטגילטיקן באַשלוס, זיך אַ הייב געטאָן פון דער סאָפע, האָט זיך איבערגעבויגן צו אַנאַן, איז מיט אייפער צוגעפאַלן צו אירע קאַרמין־ברענענדיקע ליפּן; האָט הייס פיבער־דיק זיך איינגעזאַפּט אין זיי, און איז גלייך מיט אימפּעט, ווי פון עמיצן געטריבן, אַרויסגעלאָפן פון איר צימער. . .

קאַפּיטל זיבן

שווערע גרויזאַמע טעג האָט זיך אָנגעהויבן פאַר די יידן אין צאַרישן רוסלאַנד. פאַרפאָלגונגען און פאָגראָמען אויף יידן אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן. און, ס'האָט אויך ניט אויסגעמיטן די שטאָט זשיטאָמיר. ווי אומעטום איז אויך דאָרטן אָרגאַניזירט געוואָרן אַ זעלבסטשוץ. הגם יואל איז נאָך געווען אונטער דער אויפזיכט פון פאָליציי; יעדן שבת, ניין אַזייגער אינדערפרי, אָנשטאָט צו זיין מיטן טאַטן אין בית־המדרש, האָט ער געמוזט זיך ווייזן אין פאָליציי־צירקל פאַר רעגיסטראַציע, האָט ער פונדעסטוועגן אָנגענומען די באַשטימונג צו זיין דער קאָמאַנדיר פון דער זעלבסטשוץ אין דער געגנט פון דער אָרעמשאַפט וואו ער האָט געוואוינט.

דאָס זיינען געווען טעג פון גרויסע דערשיטערנדיקע איבערלעבונגען. יידן זיינען אַרומגעגאַנגען דערשראָקענע, פאַר'יאוש'טע. די טרויעריקע גרוסן פון קישענעווער פאָגראָם האָט זיך אויך אַהער דערטראָגן. און יעדער קלענסטער גערודער און טומל אין שטאָט האָט תיכף אויפגערודערט די געמיטער און מ'האָט זיך געגרייט אויף אַ בלוט־באָד יעדן מאָמענט . . .

אָנגעהויבן האָט זיך עס, ווי אומעטום, פון דער אָרעמשאַפט, דאָרטן וואו די אָרעמע פון די אָרעמסטע האָבן געוואוינט. דאָרטן איז זיי, די רוצחים, אַ סך גרינגער געווען צו קומען. גלייך אַריבער דעם טייך, מיט אַ שטיין צו דערלאַנגען... סימע דער רויטערס „הייזל" איז געווען דאָס ערשטע צעראַבירט ווערן. אַ צאָל פון די מיידלעך האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. די וואָס האָבן ניט באַוויזן צו אַנטלויפן זיינען ביז משוגעת פאַרפייניקט געוואָרן פון די ווילדע בעסטיעס . . .

הגם די אָרעמשאַפט אין „געסל" איז אָפּגעקומען בלויז מיט צעבראָכענע שויבן, איז אָבער די ריכטיקע רויבעריי און שחיטה פאָרגעקומען ביים מאַרק, ביי די קראָמען און פאַרמעגלעכערע הייזער, וואו ס'איז טאַקע געווען וואָס צו רויבן. דאָרט האָבן די רוצחים פון יענער זייט טייך באַגעגנט זייער חברים־מערדער פון דעם צווייטן טייל פון שטאָט, און די שחיטה און רויבעריי איז אָנגעגאַנגען אָן אַן אָפּשטעל, אין אָנגעזיכט פון דער פאָליציי־מאַכט . . . די ווילדקייט פון די רוצחים האָט איצט געהאַט אַ פרייען אויסגוס. זייער האַס און צאָרן, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן

אין זייערע אומוויסנדיקע מוחות, האָבן זיי אויסגעלאָזן צו די יידן, אויף וועלכע די מאַכט האָט זיי אַנגערייצט . . .

„שלאָג די יידן! די אומגלויביקע, די בלוטזויגערס! זיי זיינען די הויפּט־שולדיקע אין אייער אומגליקלעכן מיזעראַבעלן לעבן״— האָט זיך געלייענט אָן אויפהעצנדע פּראָקלאַמאַציע פון די „רעכטגלויביקע״ קריסטן, וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן ערב דעם פּאָגראָם . . .

דאָס טרויעריקסטע אין דעם בלוטיקן ספּעקטאַקל איז געווען, וואָס איניקע רעוואָלוציאָנערן און, צווישן זיי ניט ווייניק יידישע רעוואָלוציאָנערן, האָבן געזען אין די פּאָגראָמען אָן אויפברויז פון צאָרן קעגן זייערע הערשער און עקספּלואַטאַטאָרס. ס'איז דער אָנהייב פון רעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדן פון די מאַסן קעגן דער מאַכט . . . זאָלן זיי נאָר רעוואָלטירן, האָבן איניקע אַרגומענטירט, וועט מען זיי נאָכדעם קענען דירעקטירן קעגן זייער אמתן שונא. אמת, עס זיינען אויך געווען צווישן די ניט־יידישע רעוואָלוציאָנערן אַ קליינע צאָל באמת אידעאַליסטישע ערלעכע נאַטורן, וועלכע האָבן ניט געקענט צוזען דעם ווילדן מערדערישן אויפברויז פון די מאַסן און דעם פאַרברעכן פון דער מאַכט צוצולאָזן אַזעלכע שחיטות אויף אַ קליינער אומבאַהאָלפענער מינאָריטעט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז די „מאַכט״ וויל בכיוון אָפּציען דעם צאָרן פון די אומגליקלעכע אָרעמע מאַסן פון זיך און האָט זיי אַנגערייצט אויף די יידן...

דעריבער האָט מען טאַקע געפונען אַ צאָל ניט־יידישע רעוואָלוציאָנערן צווישן דער יידישער זעלבסטשוץ, וועלכע האָבן געקעמפט זייט בייַ זייט מיט די יידישע אַרבעטער קעגן די אומוויסנדיקע פּאָגראָמשטשיקעס...

איינער אַזאַ אידעאַליסט־רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז אפילו געפאַלן אַ קרבן באַשיצנדיק יידישע לעבנס, איז געווען — ק אַ ל י אַ. קאַליאַ בלינאָוו, אַ סטודענט. זיינע עלטערן זיינען דווקא געווען רייכע גוט־באַזיצער. דערצויגן אין אַ רייך פאַרמעגלעכער סביבה, האָט ער דאָך אָוועקגעגעבן זיין צייט, זיין וויסן און נאָכדעם אפילו זיין לעבן פאַר די אָרעמע און אונטערדריקטע . . .

קאַליאַ האָט זייט בייַ זייט מיט יואלן געקעמפט קעגן די בלוטיקע רוצחים און פּאָגראָמטשיקעס, און איז בשעת פאַרטיידיקנדיק די יידן געפאַלן פון דעם שונאס אַ קויל. מ'קען זאָגן, אַז נאָך אַ קורצע ראַנגלעניש צווישן לעבן און טויט, האָט ער אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם־צוג אויף יואלס הענט . . .

דעם דאָזיקן פיינלעכן אינצידענט האָט יואל אַ לעבן־לאַנג ניט געקענט פאַרגעסן. זיין גלויבן אין מענטשן און אין דעם אידעאַל פון אמתער ברודער־ליבע און אינטערנאַציאָנאַלע אַחדות איז ביי אים געוואַל־דיק געשטיגן... ווי שטאַרק ער האָט גייסטיק געליטן פון דעם נאַר־וואָס געשעענעם פאָגראָם, פון אָט־דער שרעקלעכער בלוט־באָד פון אומ־שולדיקע זקנים, מוטערס און קינדער, האָט ער אָבער נאָך אַלץ געגלויבט באמונה שלימה אין דעם אידעאַל פון דער וועלט־רעוואָלוציע און אין קאָסמאָפּאָליטיזם.

די וויזיע פון דעם „באחרית הימים״ וועט פריער אָדער שפּעטער זיכער מקוים ווערן. . . אָט־דער אויפברויז פון ווילדע אומוויסנדיקע כוחות אויף יידן איז בלויז אַן איבערגאַנג פּעריאָד אַזאַ; ס׳איז די חבלי־לידה פון דער נייער צייט . . . ס׳איז אַ מין פאָרשפּיל צו דער גרויסער דראַמע, וואָס וועט זיך ערשט אָפּשפּילן אין דער נאָענטער צוקונפט אויף דער וועלט־אַרענע . . .

דער טויט פון קאָליאַן האָט אויף יואלן שטאַרק משפיע געווען אויף זיין ווייטערן לעבנס־קאַמף. יואל האָט קאָליאַן פאַרערלעכט; אַן אמתער מאַרטירער איז ער געווען, האָט ער געטענהט.

עפּעס אַ קלייניקייט! אַ גוי, אַן אמתער רוס, האָט זיך פאַר אונדז אַנגענומען איינגעשטעלט זיין לעבן ! איז געגאַנגען אויף קידוש השם!...

אַז אַ ניט־ייד זאָגט פאַר אונדז אַ גוט וואָרט, אָדער איז זיך משתדל אַמאָל פאַר אונדז, באַטראַכטן מיר אים ווי איינעם פון די חסידי אומות העולם; וואָס זאָלן מיר שוין זאָגן וועגן אַזאַ איינעם ווי קאָליאַ בלינאָוו, וועלכער האָט בפועל ממש אַוועקגעגעבן זיין לעבן פאַר אונדז ! . . .

ס׳איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס מע האָט זיך צוגעהערט צו יואלס רייד, סיי יונג און אַלט, און כמעט אַלע זיינען אַרויס אין טרויער צו דער גרויסער לוויה. די גאַנצע אַרבעטערשאַפט, אַלע ריכ־טונגען אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און אפילו פרומע יידן האָבן אים מספּיד געווען אין כבוד פון זיין אָנדענק . . .

ווען אויף דער יידישער גאַס, די „בירזשע״, האָבן זיך באַוויזן די ציונים און דערנאָך דער „בונד״, האָט יואל ביידן געהאַלטן פאַר שאָווי־ניסטן און פּינסטערלינגע . . .

— איר ווילט אָפּהאַלטן דעם פּראָגרעס פון דער מענטשהייט?! — האָט ער מיט גרויס אייפער און היץ מיט זיינע קעגנער אַרגומענטירט...

ס׳איז געווען דער אָנהויב פון דער אויספאָרמירונג פון די פאַרשיי־דענע ריכטונגען אין די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. יידישע אינ־טעלעקטואַלן זיינען דווקא געווען די הייסטע פאַדערער און אויספורעמער פון דעם אינטערנאַציאָנאַליזם און קאָסמאָפּאָליטיזם . . . זיי האָבן אַלע געגלויבט אין דער אַלוועטלעכער סאָציאַליסטישער גאולה, און אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע, וועלכע קלאַפּט שוין אין דער טיר, וועט אַלץ און אַלעמען אויסגלייכן, און אַוודאי און אַוודאי וועט די רעוואָלוציע לייזן די יידן־פראַגע . . .

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון עקספּראָפּריאַציעס. „עקספּראָ־פּריאירן די עקפּראָפּריאַטאָרס" איז געוואָרן דער לאָזונג. אַלץ איז געוואָרן כשר און געהייליקט דעם צוועק . . .

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען האָבן זיך גענויטיקט אין מיטלען, כדי אָנצופירן מיט די אַקטיוויטעטן. מע האָט געדאַרפט געלט פאַר ליטע־ראַטור־פּראָפּאַגאַנדע, געווער און אַנדערע נויטיקע זאַכן... — איז עקס־פּראָפּריאַציע ! . . . און, אַז מ׳האָט צו די גאַר רייכע ניט געקענט צוקומען אַזוי גרינג, כדי צו מאַכן אַן „עקס" איז אויך רעכט געווען צו נעמען זיך צו די אָרעמערע. נו, איז אַ גראָשענער קרעמער אויך געווען אַן ענין... קיין פּראָלעטאַריער איז ער דאָך ניט! אַ האַלבער בורזשוי, צי אַ גאַנצער— ס׳איז אַ מצוה זיי צו „עקספּראָפּיאירן."

דער סוף איז געווען, אַז מע האָט פון אַזעלכע אָרעמע, קאַבצאַנסקע, הערינג־גראָשנדיקע קרעמער, גאָרניט געקענט זיך צו עפּעס דערשלאָגן. האָט דער לאָגישער שכל זיי אונטערגעזאָגט, אַז ס׳איז גאָר אַ שאָד די ענערגיע, די איינשטעלעניש פאַר גאָרנישט . . . מע האָט נאָכדעם די קבצנים־קרעמער אינגאַנצן צורו געלאָזט, און זיך אַ נעם געטאָן צו די רייכע, צו די מער פאַרמעגלעכע . . .

קאַפּיטל אַכט

ס׳איז געווען אָנהויב פרילינג. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט דעם אַראָמאַט פון יונג פרישן בעז און זשאַסמין. דער לויפנדיקער טייך, ביים ברעג פון שטאָט, איז געווען כמעט אין זיין איבערפלוס, פון דער ניט־לאַנג־צוריק צעגאַנגענער אייז־קריע. די זון האָט אַראָפּגעשיקט אירע הייסע שטראַלן און האָט מוטערלעך געוואַרעמט די אָנגעזאַפּטע

פון שניי און רעגן, ערד. די מאַמע־ערד האָט מיטאַמאָל רחבותדיק געעפנט איר, פון ווינטער פאַרשלאָפענעם, טראַכט, און גראָזן, קווייטלעך און כּל־ערליי געוויקסן האָבן אומעטום אַרויסגעשפּאַרט זיך פון דער אינגעווייד פון דער ערד, און אַלץ איז געוואָרן באַגרינט און באַבלעטערט . . .

שפּעט אין אָט־דעם פרילינג־אָוונט, אין אַ טיף, זייטיק, באַבוימערט געסל ביים ראַנד פון שטאָט, אין אַ הויף מיט אַ הויכן אַרומגעצאַמטן פּלויט, צווישן געדיכט־באַבלעטערטע בערעזעוועביימער, איז אַ הויז געשטאַנען. דאָס הויז האָט געהאַט אַ גרינעם שינדל־דאַך מיט טונקל־ברוינע לאָדן ביי די פענצטער, וואָס זיינען כמעט תמיד געווען פאַרמאַכט. אָט־דאָס הויז איז געווען אָפּגעזונדערט מיט אַ היפּשן שטח פון די אַנדערע הייזער אין דעם געסל, און האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי פון אַ פאַרוואורלאָזטער פּריצישער נחלה.

אין אָט־דער כמעט איינזאַמער שטוב, האָט געוואוינט דער סטודענט, סערגעי פּאָפּאָוו, און צוזאַמען מיט אים, טאַקע ביי אים אין צימער, זיינען איצט געזעסן נאָך פיר פּערזאָן: יחיאל רעזניק, דער הויפּט פון דער גרופּע; אַניוטאַ פּאַרטנאַי, אַ קורסיסטקע; מאַרק מאַלער און יואל. אָט־דאָס דאָזיקע געהיימע געזעמל, ביז שפּעט אין דער פרילינג־נאַכט, האָבן אַרומגערעדט אַן ענין מכּוח אַ פּלאַנירטע עקספּראָפּריאַציע, וואָס דאַרף פון זיי אויסגעפירט ווערן ביי איינעם פון די אנגעזעענסטע גבירים פון שטאָט. דער עושר, אויף וועמען עס איז געפאַלן דער גורל צו זיין דער קרבן, איז געווען ר׳ זרחל שוואַרצבארד, אַ פּאַדריאַטשיק ביי דער צאַרישער מלוכה, און טאַקע יואלס אַ לייבלעכער פעטער, זיין פאָטערס אַ ברודער; ניט מער, דער פעטער איז געווען אַ גביר־אַדיר און יואלס פאָטער איז געווען אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס. דעם געניויעם פּלאַן פון דער עקספּראָפּריאַציע האָט טאַקע לכתחילה פאַרגעשלאָגן יואל אַליין:

— היות די מערסטע געלטער פון ר׳ יחיאל שוואַרצבארדס פּאַד־ריאַדן און דירה־געלט פון די קליינטן זיינען קומען אַריין אין די ערשטע טעג פון חודש, האָט יואל זיי אויפגעקלערט, און אַזוי ווי עס דערנעענטערט זיך דער שבת־קודש, און ר׳ זרחל וועט זיכער ניט מחלל שבת זיין און פאָרן צו דער באַנק דעפּאָנירן די געלטער, וועט מסתמא זיין אַ היפּשע אַפּותיקו אין זיין „פייער־קאַסע.״ איז די בעסטע צייט אַדורכפירן דעם געפּלאַנטן „עקס״ טאַקע שפּעט שבת־צו־נאַכט, איידער די שוואַרצבארדס גייען שלאָפן. און אָט איז דער פּלאַן, חברים:

יואל האָט אַרויסגענומען פון זיין בוזעם־קעשענע אַ פּאַפּיר מיט אַ גענויער צייכענונג, כמעט ווי אַן אַרכיטעקס פּלאַן, דעם גאַנצן אויסלייג פון די צימערן און אויך דעם פּאָדערשטן און אונטערשטן אַריינגאַנג צום הויז.

אָט־דאָס איז עס, יחיאל, האָט יואל אָנגעוויזן מיט זיין ווייז־פינגער פון דער רעכטער האַנט — אָט דאָ אַ, ווי איר זעט, איז דער אונטערשטער אַריינגאַנג דורכן הויף; אָט־די טרעפּ לינקס וועט אייך אַריינפירן צום צווייטן גאָרן צו אַ טיר, גלייך אין קיך אַריין. פון דער קיך איז אַן אָפענע טיר צום עס־צימער; פונם עס־צימער, מיט אַ טרעפּ אַרונטער, איז אַ גרויסע סאַליע ; רעכטס איז אַ טיר וואָס פירט צו די שלאָפצימערן, און לינקס איז אַ טיר צו זיין קאַנטאָר־צימער, וואו די פייער־קאַסע זיינע געפינט זיך, מיט גענוג פּאַפּיר־אַסיגנאַציעס און ניט ווייניק זילבער־געלט. כ׳בין זיכער אַז ר׳ זרחל וועט קיין ווינדערשטאַנד ניט געבן, ווען מ׳וועט אים וויזן נאָר דעם שפּיץ פון אַ „שפּייער"... אָבער, כ׳בעט אייך, טאָקע ניט מער ווי „וויזן"! זעט מ׳זאָל חלילה צו דעם נישט דאַרפן אָנקומען...

אַניוטאַ, יחיאל און פּאַפּאָוו האָבן אין דעם מאָמענט זיך מאָדנע איבערגעקוקט און האָבן אויך באַמערקט אַז יואלס פּנים האָט זיך שטאַרק פאַררויטלט און פאַרשעמט; אַפּנים צוליב דער רחמנות באַמערקונג וואָס האָט זיך אינסטינקטיוו ביי אים אַרויסגעכאַפּט לגבי דעם עושר, ביי וועמען די פּלאַנירטע עקספּראָפּריאַציע דאַרף געמאַכט ווערן. יואל האָט אָבער תיכף חרטה געהאַט פאַר דעם איינדרוק, מחמת ער האָט געפילט אַז די חברים זיינע וועלן זיכער אויסטייטשן ; ווייל דער קרבן איז זיינער אַ פעטער, אַ ברודער פון זיין אייגענעם טאַטן, האָט מחמת דעם אים אַרומגעכאַפּט אַ שוואַכקייט און אַ רחמנות געפיל צו אייגענער משפּחה. אָבער אַזוי צו דענקען איז דאָך רעאַקציאָנער!... ווי פּאַסט עס פאַר אַן עכטן רעוואָלוציאָנער אַזוי צו פילן ? .. פאַר דעם אידעאַל פון דער רעוואָלוציע דאַרף דאָך אַלץ זיין הייליק !... באַזונדערס האָט יואל ניט געוואָלט זיך וויזן פאַר אַזאַ „שוואַכלינג" אין די אויגן פון אַניוטאַן, צו וועלכער ער איז ניט געווען גאָר גלייכגילטיק ...

יחיאל האָט אין דעם מאָמענט ניט רעאַגירט אויף יואלס באַמערקונג און געמיט־צושטאַנד, און האָט זיך ווידער אַ קער געטאָן צום ענין פון דעם „עקס".

— יואל! האָסט רעקאָמענדירט דעם פּלאַן און אויסגעאַרבעט די

פּרטים, קומט דיר דערפאַר אַנערקענונג. דיין פּלאַן איז אַ גוטער און וועט אַרבעטן ווי אויסגעלייגט. כ׳גלויב אָבער אַז דו וועסט זיך דירעקט אין דעם „עקס״ ניט דאַרפן באַטייליקן. דו האָסט שוין דיין אַרבעט און שליחות אַדורכגעפירט בשלימות. מיר לאָזן דיך, בכן, פריי פון די אַחריות פון אנטייל. ניט מחמת ס׳איז אומגעוויינלעך, אַז אַן אייגענער פון דער משפּחה דאַרף זיך נישט באַטייליקן אין קאַמף קעגן אייגענע! פאַר קיין פאַל ניט! פאַר דער רעוואָלוציע מעג אַלץ געטאָן ווערן. . . . אפילו אַ זון מעג און דאַרף, ווען נויטיק, קעמפן קעגן אַן אייגענעם טאַטן. . . האָבן מיר דען נישט געזען ווי זין האָבן אָרגאַניזירט שטרייקס פון אַרבעטער ביי זייערע פאָטערס אין די פאַבריקן? יאָ, יואל, מע מעג און מע דאַרף, ווען דער הייליקער מאָמענט פאָדערט עס פון דיר. . . בפרט ר׳ זרחל שוואַרצבאַרד איז דאָך ניט מער ווי דיינער אַ פעטער! — האָט יחיאל צוגעוואָרפן די באַמערקונג צו יואלן מיט אַ פינטל פון אויג . . . אָבער סייווי, פון דיר נעמען מיר אַראָפּ דעם עול. ס׳וועט בעסער זיין פאַר דער זאַך, אַז דו וועסט ניט זיין ביי דעם אַקט. וואָרעם אין אַ מאָמענט פון כאַראַקטער־שוואַכקייט קאָן נאָך די גאַנצע זאַך קאַליע ווערן. חוץ מזה, פאַרגעס נישט, יואל, אַז דו ביסט נאָך אַלץ אונטער דער אויפזיכט פון דער מאַכט. די הינט האַלטן אַן אויג אויף דיר; דאַרפסטו זיך שאַנעווען. איבעריקנס, האָסטו שוין געטאָן דיין חוב ווי אַ געטרייער סאָלדאַט פון דער רעוואָלוציע . . . מיר וועלן שוין אַלץ באַזאָרגן און אַלץ וועט זיין פאַרגרייט אויף דער באַשטימטער נאַכט און שעה . . .

יואל האָט שווייגנדיק מסכים געווען מיט דעם „הויפּט׳ס״ באַמער־קונגען, און מער אין דעם געשפּרעך פון דער פּלאַנירונג קיין אַנטייל ניט גענומען.

סערגעי און אַניוטאַ האָבן פון דער דערבייאיקער קיך אַריינגעבראַכט אַ גרויסן שוואַרצן לאַבן ברויט, אַ פּאָר געזאַלצענע הערינג מיט ציבעלעס, אַ פלאַש מיט עפּל־קוואַס און אַ שיסל מיט זויערע „קיסלעצעס״. דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב געקענט געפינען, האָט סערגעי באַמערקט. די חברה האָבן עס כהרף־עין איינגעשלונגען, אַז ס׳איז קיין שיריים ניט פאַרבליבן. יחיאל האָט דערנאָך געמאַכט די באַשטימונגען פאַר דער דורכפירונג פונם „עקס״.

— דו, אַניוטאַ, וועסט מיט דעם צוטרויען פון דער דינסט־מיידל, צירל די רויטע, זען אַז די הינטער־טיר פון דער קיך זאָל נישט זיין פאַר־

ריגלט. סערגעי און איך וועלן אַריין אין הויז, און דו, מאַרק, זאָלסט פּאַטרולירן דעם הויף.

די קליינע גרופּע קאָנספּיראַטאָרן זיינען דערנאָך איינציקווייז זיך פונאַנדערגעגאַנגען, יעדער אויף אַ באַזונדערן וועג . . .

אין דעם באַשטימטן אָונט פונם „עקס" האָט יואל ממש קיין אָרט זיך נישט געקענט געפינען. ער איז אַרומגעגאַנגען אַן אומרואיקער, אַ צעשרויפטער. אָט איז ער אַריין צו זיך אין קעלער־שטיבל, און אָט איז ער ווידער אין דרויסן, אויפן גאַס. אַ מאָדנע אומרו האָט אים איצט באַהערשט, און ער האָט בשום אפן ניט געקענט זיך אָפּגעבן אַ רעכענונג, וואָס אַזעלכעס קומט מיט אים איצט פאָר? וואָס מיטאַמאָל אַזאַ צערודער־רונג אין געמיט? האָט ער זיך געפרעגט. איז עס דען דאָס ערשטע מאָל וואָס די גרופּע פירט דורך אַן „עקס־אַקט"? — האָב איך דען אַליין אויך ניט אנטייל גענומען אין אַזעלכע אַקטן מיט מיינע חברים? בפרט איצט בין איך אפילו דירעקט אין דעם ניט באַטייליקט. איך האָב דאָך בלויז פאַרגעשלאָגן און געהאָלפן אין דער פּלאַנירונג. איז וואָרום אַזאַ פּלוצ־לינגדיקער איבערבייט אין מיר? וואָרום אַזאַ אומרו און צערודערטער געמיט־צושטאַנד? . . . וואָס איז דאָס? איז עס אפשר די פּעדים פון משפחהדיקייט, וואָס מאַכט מיך אַזוי צו פילן? איז עס ניט קליין־בורזשואַז אַזוי צו דענקען? . . . .

אָט־די געדאַנקען און געפילן האָבן רק געעגבערט זיין מוח דעם גאַנצן אָונט. און וואָס נעענטער די שעה פונם „עקס" האָט זיך אָנגערוקט אַלץ אומרואיקער איז ער געוואָרן. אָט איז ער ווידער אַריין צו זיך אין שטיבל און האָט איז ער נאָכאַמאָל אַרויס אין גאַס. ער איז אַרומגעגאַנגען גאַס איין, גאַס אויס; געוואָלט זיך דערנעענטערן צום ראָג, וואו זיין פּעטערס צוויי־גאָרנדיקער בנין איז, אפשר וועט ער עפּעס זען אָדער דערהערן פון וויטנס. אָבער זיין שכלדיקער געדאַנק האָט אים אונטער־געזאָגט: האַלט זיך בעסער פון וויטנס, יואל; דאַרפסט זיך שאַנעווען, ווי מיין חבר יחיאל האָט מיך געוואָרנט. וואָרעם, קוים וועט עמיצער מיך באַמערקן דאָרטן, קען נאָך אפשר אויף מיר פאַלן דער חשד, און אויף דעם סמך אַליין וועל איך נאָך מוזן גיין „זיצן".

ווען דער שטאָט־זייגער אויף דעם גרויסן מאַרק־פּלאַץ האָט געשלאָגן עלף, די באַשטימטע שעה פונם „עקס", האָט ער אָנגעהויבן פאַר זיך

אין דמיון זעען די גאַנצע סצענע, ווי ס׳וואָלט פאָרגעקומען פאַר זיינע אויגן: אָט זעט ער אַניוטאַן אַרויפגיין אויף די טרעפּ וואָס פירט צו דער קיך, מאַכן זיכער צי די קיך־טיר איז נישט פאַרריגלט, ווי ס׳איז אָפּגעמאַכט מיט דער רויטער צירל, די דינסט־מיידל. נאָך אַניוטאַן זיינען תיכף אונטערגעקומען יחיאל און סערגעי; זייערע פּנימער האַלב פאַר־שטעלט מיט צוגעבונדענע שוואַרצע פאַטשיילקעס, נאָר די אויגן האָבן זיך אַרויסגעזען. אין די הענט האָבן זיי געהאַלטן געלאָדענע „בראַונינג״ רעוואָלווערן. דער פעטער און די מומע זיצן, ווי געוויינלעך, אין סאַליע און שמועסן געמיטלעך צווישן זיך. פּלוצלינג וועלן זיי דערהערן פריער אַ שטילן געמורמל פון פרעמדע אומדערוואַרטעטע טריט, אָבער שטאַרק איבערראַשט פון עמיצנס אַ באַזוך אין אַזאַ שפּעטער שעה . . . אין דעם זעלביקן אויגנבליק דערזעען זיי פאַר זיך יחיאלן מיט סערגעין, האַלב פאַרמאַסקירטע, מיט געצילטע רעוואָלווערן . . . דער פעטער און די מומע, שטאַרק דערשראָקן, בלייבן ווי אָן לשון. אונטער דעם באַפעל פון יחיאלן האָט דער פעטער שווייגנדיק, מיט ציטערנדיקע הענט און וואַקלענדיקע קני, אויסגעפּאַלגט דעם באַפעל, געעפנט פאַר זיי די „פייער־קאַסע״ און איבערגעגעבן אין זייערע הענט די גאַנצע אַפּותיקי, וואָס דאָרט איז געווען.

דאָס דאָזיקע בליד האָט יואל געמאָלן פאַר זיך אומצייליקע מאָל; געזען עס פאַר זיך בולט ווי אויף אַ לייוונט . . .

אין יואלן האָט איצט געברענט אַ גוואַלדיקער נייגיר: אים האָט זיך ווידער שטאַרק געוואָלט וויסן צי אַלץ איז טאַקע אַדורכגעגאַנגען ווי מ׳האָט אויסגערעכנט און ווי ער האָט עס געזען אין זיין דמיון. אַ, ווי שטאַרק אים האָט זיך געוואָלט דאָרט זיין! פון צוגיין אַהינצו צום פעטערס הויז האָט ער איצט אפילו ניט געקענט אַ טראַכט טאָן. וואָרעם, ווי אַ זאַך מאַכט זיך, טאָמער דערזעט מען אים טאַקע, קען ער נאָך חלילה קאָמפּראָ־מענטירן זיינע חברים. ער וועט בעסער זיך האַלטן איצט וואָס ווייטער פון דעם פּלאַץ . . .

אָן אויסגעשעפּטער פון בראָדזשען פון גאַס און געסל האָט ער סוף־סוף דערשלעפּט זיך צום קעלער־שטיבל, איז אַריין און האָט תיכף אָן אַ וואָרט אפילו צו די עלטערן, אַ וואָרף געטאָן זיך אויף זיין געלעגער אין קיך. טאַטע־מאַמע זיינען נאָך אויף געווען, וואַרטנדיק אויף אים. יואלן האָט זיך אויסגעוויזן אַז זיין איצטיקע נערוויאישע אומרואיקייט איז אַזוי בולט, אַז זיין בלויזער אָפּענער בליק, האָט ער מורא געהאַט,

וועט אים פאַרראַטן... אַ מאַמעס האַרץ אָבער זעט און פילט, איז זי מיט ניט ווייניק זאָרג צוגעקומען און געפרעגט:

— וואָס איז דיר, יואל, מיין זון? ביזט חלילה נישט געזונט?... ווי אַזוי קומט מען עס אַריין אין שטוב, אָן אַ וואָרט זאָגן אפילו טאַטע־מאַמע, און מע טוט זיך אַ וואַלגער ווי אַ קלאָץ, רחמנא לצלן! מיר האָבן דאָך אויסגעקוקט די אויגן אויף דיר! . . .

יואל האָט ניט געענטפערט, פונקט ווי ער וואָלט געשלאָפן. ער האָט אָבער באַין אופן ניט געקאָנט איינשלאָפן. אים האָט זיך אַלץ פאָרגעשטעלט די סצענע וואָס ביים פעטער האָט זיך אָפגעשפּילט. די ברענענדיקע נייגעריקייט צו וויסן צי אַלץ איז אַדורכגעגאַנגען בשלום, אָן אַ ווידער־שטאַנד, חלילה, האָט אים אַזוי פאַרפאַלגט, אַז ער האָט ניט געקענט צומאַכן מיט אַן אויג; כמעט אַ גאַנצע נאַכט איז ער געוועזן וואַך, און מיט אומגעדולד געוואָרט עס זאָל שוין וואָס גיכער טאָג ווערן, ער וועט דאַן קענען אַרויס אין גאַס. צווישן די קרעמער אָדער אין קלויז וועט ער שוין דערשמעקן, דערוויסן זיך וועגן דער נעכטיקער פאַסירונג . . .

איידער ס'האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג, איז ער נאָך אַ מידער, אָן אויסגעשעפּטער, מיטאַמאָל אַנטשלאָפן געוואָרן. פאַר די עטלעכע שעה וואָס ער איז געשלאָפן האָט זיך אים געפלאָנטערט אין זיין מוח איין און דערזעלביקער חלום:

— ער ווערט געפירט געקאָוועט אין קייטן איבערן סאַמע מיט פון שטאָט; אַלע זיינע פריינט, נאָענטע און באַקאַנטע, שטייען ביי דער זייט פון גאַס און טייטלען מיט די פינגער אויף אים און שרייען אויס:— זעט, דאָס איז דאָך יואל, דער זון פון יוחנן טליתניק! דאָס פירט מען אים געקאָוועט אין קייטן פאַר אַ רויבעריי וואָס ער איז באַגאַנגען! . . .

ער זעט זיך אַרומגערינגלט פון אַ „קאָנוואָי", דעם קאָפּ אַרונטערגעלאָזן, שעמט זיך אויפצוהייבן די אויגן. אַ חרטה־געפיל נעמט אים אַרום. וואָלט מען אים געפירט איצט פאַר אַ פּאָליטישן אַקט, וואָלט עס אים ניט געאַרט; גאָר אַנדערש וואָלט ער דאַן געפילט! ער וואָלט דעם קאָפּ זיינעם געהאַלטן הויך און שטאָלץ און וואָלט מיט אַ שמייכל יעדערנס בליק באַגעגנט! פאַר אַ רויבעריי אָבער, פילט ער זיך פאַרשעמט, דער־דריקט און באַליידיקט . . .

מיט גרויס אימפּעט און שטאַרק צערודערט פון חלום, האָט ער פון שלאָף זיך אויפגעכאַפּט. ער איז גיך אַרונטער פון געלעגער, גלייך

ווי געטריבן פון עמיצן; אָנגעטאָן זיך אויף גיך, פונקט ווי ער וואָלט צו אַ באַשטימטער מינוט געמוזט זיין צו אַ באַשעפטיקונג. יוחנן און רבקה, זיינע עלטערן, זיינען נאָר וואָס געווען אויפגעשטאַנען. זיי האָבן זיך אפילו שטאַרק געוואונדערט וואָס יואל האָט היינט, פריער ווי תמיד, אַזוי גיך אויפגעכאַפּט זיך! זיי האָבן אים אָבער ניט געפרעגט וואָס און ווען... בכלל זינט ער איז אַרויס פון תפיסה האָבן זיי אים וואָס ווייניקער מיט פראַגן באַלאַסטעט; מחמת, האָבן זיי אים שוין יאָ אַמאָל עפּעס אָנגעפרעגט, האָט ער זיי ניט גערן געענטפערט. האָבן זיי בלויז צוגעשאָקלט מיט קאָפּ און שטאַרק באַדויערט וואָס פאַראַ טרויעריקן נחת זיי האָבן עס פון אים. כאָטש יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט דאָס שטיבל פאַרלאָזן, האָט די מאַמע זיינע אים תמיד דערמאָנט:

— זיי פאָרזיכטיק, מיין זון, כ׳בעט דיך ! . . .

ווען יואל איז אַרויס אין גאַס און האָט זיך דערנענטערט צו די קראָמען אויפן אַלטן מאַרק, האָט ער דערזען ווי די קרעמער פון די קלייטן שטייען דאָ און דאָרטן אין געזעמלען און שמועסן צווישן זיך מיט גרויס נייגיר און אינטערעס. ער האָט זיך צוגערוקט צו אַ געזעמל, ווי אַ זייטי־קער, און צוגעלייגט אַן אויער צום שמועס. אים האָט זיך געוואָלט אויפ־כאַפּן אַ וואָרט, אַ רמז, וועגן דער לעצט־נאַכטיקער פּאַסירונג — די סיבה פון זיין צערודערונג און אומרו.

מיט גרויס אָנשטרענגונג האָט ער זיך צוגעהערט, געשלונגען יעדן וואָרט וואָס די יידן צווישן זיך האָבן געחקירהט און ספּעקולירט וועגן דער נעכטיקער געשעעניש ביי ר׳ זרחל שוואַרצבאַרד אין הויז. איינער האָט געזאָגט, אַז מ׳האָט ר׳ זרחלען באַרויבט אפשר אויף צען טויזנט רובל; בעת אַ צווייטער האָט גוזמהדיק אַ זאָג געטאָן: — וואָס ווייסט איר וואָס! צען טויזנט!... מער קאָנט איר נישט ציילן? איך זאָג אייך, אַז אַ סך מער ווי צען, אפשר גאַנצע צוואַנציק טויזנט ! . .

— אָבער וואָס זאָגט איר נישט צו דעם, ווי אַזוי קונציק מע האָט אים באַאַרבעט, ר׳ זרחלען! האָט אַ דריטער פון געזעמל אַריינגעוואָרפן זיין זאָג — שאַ, שטיל, אפילו אַ האָן האָט נישט אַ קריי געטאָן ! . . .

— מאָלט אייך, ער אַליין, ר׳ זרחל שוואַרצבאַרד, בכבודו ובעצמו, האָט זיך געדאַרפט מטריח זיין, עפענען פאַר זיי די „פייער־קאַסע״ און אָפּשטעקן זיי אַלע אַסיגנאַציעס, פּאַפּיר־געלט און די זילבערנע מטבעות וואָס דאָרטן איז נאָר געווען . . .

— נו, האָט איר שוין געהערט אַזוינס אין אייער לעבן? — האָט שמעון קורלאַפּניק זיך אַריינגעמישט און אַריינגעזאָגט זיין וואָרט: — אַזוי געשיקט און אַזוי פּינקטלעך אויסגערעכנט צו אַ האָר. טאָקע ווי נאָר עפּעס אַן אייגענער, וואָס ווייסט וואָס־און־וואו יעדע זאַך אין זיין הויז געפינט זיך!

— און ווייטער, כאַפּט זיי דער שוואַרץ יאָר! — האָט שמעון קור־לאַפּניק ממשיך געווען — נישקשה, זיי האָבן געטוג!... איר האָט געדאַרפט זען און הערן ווי אָט־די גרויסע נגידיתטע, די מאַדאַם שוואַרצבארד, דינגט זיך עס און טרייבערט מיר אויס די אָדערן ביז זי דנגט שוין קוים אויס ביי מיר אַ פּאָר עופות אָדער אַ שאָק אייער. מיט די „חברה־לייט" האָט זי זיך שוין גאָרניט געדונגען! אוי, האָט זי געמוזט, נעבעך אָפּ־שטעקן די אַפּותיקי!... האָט ער כמעט מיט צופרידנקייט אויסגערופן...

פון דעם געהערטן און געזאָגטן איז גענוג געווען פאַר יואלן זיך צו דערוויסן אַז דער „עקס־אַקט" איז אַדורכגעגאַנגען גאַנץ געראָטן און „בשלום", אָן שוועריקייטן און אָן שטערונגען. און דער עיקר, וואָס ס'האָט אים אַמשטאַרקסטן געפרייט — אויך אָן קרבנות...

איצט איז יואלס געמיט אים אַ סך גרינגער געוואָרן. ווי אַ שווערער שטיין, וואָס איז אים געלעגן אויפן האַרצן, איז ווי מיטאַמאָל אַרונטער־גענומען געוואָרן. אַ באַרואיקטער, כאָטש אינגאַנצן אָן אויסגעשעפּטער און מידער פון דער נעכטיקער שלאָפלאָזער נאַכט און קאָשמאַרנעם חלום, איז ער תיכף אַ באַרואיקטער אַהיים געקומען.

דער טאַטע, ר' יוחנן, ווי תמיד אין די פרימאָרגנס, איז שוין געהאַט אַוועק אין קלויז דאַוונען. די מאַמע איז שוין אויך געווען אַוועק צו זיך אין קרעמל. ער האָט זיך תיכף אַ וואָרף געטאָן אויף זיין נאָך נישט פאַר־בעטן געלעגער און מיט אַ רואיקערן געמיט, פון קיינעם נישט געשטערט, פעסט און געשמאַק אַנטשלאָפן געוואָרן!..

קאַפּיטל ניין

דער קצבישער בית־המדרש, וועלכער איז געשטאַנען ביים סוף פון אַלטן מאַרק־פלאַץ און ניט ווייט פון די יידישע קראָמען, איז געווען דער אמתער זאַמל־פונקט פאַר די אַלע קרעמער אַרום. אַהינצו פלעגן זיך טאָקע אַריינכאַפּן די מערסטע פאַרשמייעטע הענדלער, קליינע סוחרים

און סתם יידן; אָפּדאַווענען אַ שחרית, כאַפּן אַ מנחה־מעריב אין גענייל. אַנדערע האָבן אויך צייט געהאַט אַ שמועס צו טאָן איבער וויכטיקע שטאָטישע פּאַסירונגען אָדער גאָר וועלט־ענינים. באַלעבאַטישע יונגע־לייטלעך, „קעסטניקעס", האָבן אָנדערציילט איינער דעם אַנדערן כלערליי מעשיות, רכילותן און ניט ווייניק שטותערייען. אין פאַליש האָבן זיי אפילו ניט זעלטן דערציילט איינער דעם צווייטן אַ היפּש ביסל ניבול־פּה און פּיקאַנטע געשיכטעס... און, ווען ס'איז זיך פאַרלאָפן אין שטאָט עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכע פּאַסירונג, איז דער בית־המדרש דאַן גאָר געגאַנגען ווי אויף רעדלעך...

ויהי היום, האָט טאַקע איינמאָל געטראָפן אַזאַ זאַך, וואָס האָט אויפ־גערודערט די שטאָט און דער גאַנצער סביבה אַרום, ביז די טיפסטע ווינקלען. די געשעעניש איז געווען פון אַזאַ מאָדנעם אויסטערלישן כאַראַקטער, אַז מע האָט וואָכן און וואָכן לאַנג וועגן דעם גערעדט אומעטום: אין די קראָמען, אין די געמאַרקן, אין די שולן און בתי־מדרשים, וואו נאָר יידן זיינען זיך צונויפגעקומען. צוליב דער אומ־פאַרשטענדלעכקייט און שאַרפקייט פון דער דאָזיקער אויסטערלישער פּאַסירונג האָט יעדער, פאַרשטייט זיך, געצויגן זיין באַזונדערן מוסר־השכל...

יואל און זיין רעוואָלוציאָנערע גרופּע האָבן פון דער פּאַסירונג גע־לערנט זייער אייגענעם פּשט. זיי האָבן נאָכדעם עס זייער גוט אויסגענוצט פאַר זייער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אָרעמע מאַסן. מחמת די געשעעניש האָט געהאַט אויך אונטער זיך אַ סאָציאַלן און עקאָנאָמישן אונטערגרונט, האָט מען טאַקע ביי אַ סך געלעגנהייטן דאָס שטאַרק באַטאָנט.

יואלן, ווידער, האָט די פּאַסירונג באַזונדערס שטאַרק פאַראינטערי־גירט צוליב אַ ספּעציעלן מאָטיוו און גרונט, וואָס אים איז די הויז, וואו די געשיכטע איז זיך פאַרלאָפן, זייער גוט געווען באַקאַנט. ער פלעגט אַהינצו זייער אָפט געשיקט ווערן מיט נאָך מאַלער, דעקאָרירן דאָס הויז. וואו אַ ווינקעלע פון הויז איז אים געווען גוט באַקאַנט און היימיש. אָבער מער פון אַלץ האָט אים דערציילט איינע פון די דינסט־מיידלעך, פעסיע די שוואַרצע, וואו זי האָט אַ צייט־לאַנג געדינט דאָרטן. און דערציילט האָט זי אַזעלכע מאָדנע, אויסטערלישע, אומגעוויינלעכע זאַכן, וואָס יואלן האָט זיך זייער געוואָלט דערגרונטעווען...

אין וואָס־זשע איז דאָך באַשטאַנען די פּאַסירונג וואָס האָט געמאַכט אַזאַ גרויסן רושם אויף אַלעמען ? . . .
איז אָט ווי די מעשה דערציילט זיך...

* * *

אָפּגעזונדערט ביים ראַנד פון שטאָט איז געלעגן איינגעטונקען אין אַ געדיכטן סאָסנאָוון וועלדל, די פּאָסעסיע פון וועלוול זוסמאַן. אַ גרויס צוויי־גאָרנדיק ווייס, שיין הויז, מיט אַ רויט־געפאַרבטן בלעכענעם דאַך, מיט גרינע לאָדן, איז רחבותדיק געשטאַנען אויף דעם גוט־קולטיווירטן באָדן און גדלותדיק־פּריציש אַרויסגעשיינט פון צווישן אַ גלייכער ריי צעדער־ביימער און כלערליי בלומען.

דער גוט איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַן אייזערנעם שפּיציקן צוים און האָט אַרויסגערופן צו זיך אָפּשיי און דרך־ארץ. אין אָט־דער פּאָסעסיע האָט געוואוינט די משפּחה זוסמאַן, וואַלד־סוחרים פון קדמונים. געלעבט דאָרטן האָט די משפּחה אָפּגעזונדערט פון אידן. פאַרבינדונגען האָבן די זוסמאַנס געהאַט מערסטנס מיט די פּריצים, צוליב די וואַלד־געשעפטן וואָס זיי האָבן געפירט מיט זיי. זיי אַליין האָבן אויך געפירט אַ פּריציש לעבן. צוליב זיין רייכן שטאַנד איז וועלוול זוסמאַן אויך געווען אויסגע־בונדן מיט „נאַטשאַלסטווע", איז געווען אַן אָפטער אַריינגייער אין זייערע אַריסטאָקראַטישע קלובן אין דער גרויסער שטאָט דערבײַ. ער האָט דאָרט געשפּילט זייערע שפּילן און געפירט זייער שטייגער לעבן.

אַזוי ווי ער איז דאָך געווען מאחינו בני ישראל, איז צו ער האָט געוואָלט צי ניט, פלעגט מען צו אים קומען אַמאָל פאַר שתדלנות צו פּריצים, אָדער אין אַן עת צרה — צו נאַטשאַלסטווע. זעלטן אָבער פלעגט ער עפּעס וועלן טאָן פאַר זיינע אַזוי־גערופענע גלויבנס־ברידער.

געווען איז אָט־דער זוסמאַן אַ גאָר גרויסער גביר, אָבער נאָך אַ גרעסערער אַכזר. הגם מע האָט געוואוסט אַז מען קען ביי אים גאָרנישט פּועלן, האָט מען אין אַן עת צרה דאָך פּרובירט: אפשר וועט זיין פאַר־האַרטעוועט האַרץ אַביסל ווייכער ווערן. יעדעס מאָל פלעגט מען זיך אין אים אָפּנאַרן און דאָך נאָכאַמאָל פּרובירן.

וועלוול זוסמאַן האָט געהאַט אַ בן־יחיד, בערעלע, אָדער באָריס, ווי מ'האָט אים גערופן. האָט זיך אָט־דעם באָריסן פאַרוואָלט האָבן אַ כלה דאָס שענסטע מיידל פון שטאָט. און אַז אַן עושרס אַ זונדעלע פאַרוועלט

זיך, איז, פאַרשטייט זיך, קיין מניעה ניט געווען. ווער זאָל דאָס געווען וויסן, אַז פון אַזאַ באַלעבאַטישן שידוך וועט אַרויסקומען אַ פאַמיליע טראַגעדיע?

פון אַלע מיידלעך אין שטאָט איז נחום גאָלובס טעכטערל געווען די שענסטע. איר שיינקייט איז באמת ניט געווען צו באַשרייבן! ס'איז ניט געווען קיין איין מאָגנסביל דאָרטן, ווי באַשיידן און פרום ער זאָל ניט זיין, וואָס זאָל ניט געווען נאָכקוקן איר שיין מאַיעסטעטישן גאַנג, קוקן אין איר שיין, ליכטיק פנים.

פון די מיוחסדיקע בחורים איז ניט צוריידן. יעדער פון זיי האָט זיך געוואונטשן צו זיין פון די גליקלעכע נושא־חן צו זיין ביי איר און ביי איר טאַטע־מאַמע. פלעגן טאָקע די פיינסטע באַלעבאַטישע בחורים פון שטאָט און דער סביבה זיך אַרומדרייען אַרום גאָלובס הויז, כדי צו געפעלן ווערן דער שיינער ביילקען, ווי מען האָט זי גערופן. די שיינע ביילקע איז ביי אַלעמען געווען אין די רעיונות. יונגע ווייבלעך האָבן זיך ניט זעלטן „פאַרקוקט" אויף איר: „אַ סגולה צו האָבן אַזעלכע שיינע קינדער"; יונגעלייטלעך, וועלכע האָבן ניט געהאַט דאָס גליק צו האָבן אַזעלכע שיינהייטן פאַר ווייבלעך, האָבן וועגן איר פאַנטאַזירט. אפילו דער פרוש, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אין קצבישן בית־המדרש, פלעגט ניט איינמאָל זיך פאַרטראַכטן בעת איר צופעליקן פאַרבייגיין, און אין דער שטיל מורמלען: וואָס פאַר אַ יפת־תואר!

ביילקע איז געשטאַנען אין שידוכים און נחום גאָלובס הויז איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַכסניה. פון אומעטום האָבן זיך אַ לאָז געטאָן שדכנים. יעדער מיט זיין „סחורה". געוואוסט האָט מען, פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ יפת־תואר וועט זיכער אָנקומען צו אַן עושרס אַ זינדל. מחמת דעם טאָקע האָט מען נאָר אין זינען געהאַט נגידים. קבצנים האָבן געמוזט צוקוקן און שווייגן... — מאַלע וואָס מען האָט חשק . . .

ווען ס'איז באַקאַנט געוואָרן די נייעס, אַז וועלוול זוסמאַנס, דעם רייכן וואַלד־סוחרס זינדל, באַריס, ווערט אַ חתן פאַר דער שיינער ביילקען, זיינען אַ סך פון די באַלעבאַטישע בחורימלעך געווען אַנטוישט. ניט ווייניק זיינען מיט צעבראָכענע הערצער געבליבן. דער שידוך איז געוואָרן דער געשפּרעך פון שטאָט. אַלע האָבן גערעדט וועגן דעם.

די עלטערן אירע האָבן, נאַטירלעך, אָפּגעהיט ביילקען ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. ביילקע אַליין איז געווען ריין און אומשולדיק,

נאַאיוו און צניעותדיק. זי האָט ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט קיין מאַנסבילן און ניט געגעבן די מינדסטע אָנצוהערעניש מיט אַ וואונק אָדער אַ שמייכל, ווי אַנדערע מיידלעך.ביילקע האָט געוואוסט, אַז זי דאַרף עס ניט.

איז דען איר שיינקייט אַליין ניט גענוג? רופט דען איר שיינקייט ניט אַרויס באַוואונדערונג צו איר? האָט זי אָבער יאָ אַ בליק געטאָן אויף איינעם, איז עס געווען ווי אַ ים מיט זון־ליכט און פרייד וואָלט פון איר אַרויסגעשטראַלט.

ס'האָט קיינעם ניט געוואונדערט, וואָס די שיינע ביילקע האָט פאַר־כאַפּט דאָס אויג פון דעם עושרס זינדל, באַריסן, און ער האָט זיך אָנגעהויבן שדכנען.

און אַז טאַטע־מאַמע האָבן געזאָגט, אַז באַריס זוסמאַן, וועלוול דעם וואַלד־סוחרס זינדל, איז אַ פּאַסיקער שידוך פאַר איר, איז פאַר ביילקען געווען גענוג! ווי אַ פרומע יידישע טאָכטער האָט ביילקע מסכים געווען. האָט מען אין גיכן געשריבן תנאים און מען האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער חתונה.

ערב דער חתונה איז דאָס הויז ביי די גאָלובס געגאַנגען ווי אויף רעדלעך; מ'איז געלאָפן, געהאָועט, געפּוצט און געריניקט.

ווען די חתונה איז מיט מזל געפּראַוועט געוואָרן, האָט מען געהוליעט און גע'יום־טוב'ט גאַנצע אַכט טעג און נעכט. חוץ מחותנים און פריינט זיינען אָנגעלאָפן אַ היפּשע צאָל אָרימעלייט און בעטלער פון שטאָט און פון דער סביבה. מען האָט זיי אַלעמען געשפּייזט און נדבות געטיילט כמנהג.

באַריס, ווי דער זון פון אַ רייכן וואַלד־סוחר, האָט, נאַטירלעך, גע־האַט אַלע פּאַרגעניגנס אין לעבן. נאָך דער חתונה האָט זיין פּאָטער אים אָפּט מיטגענומען אויף זיינע נסיעות אין די גרעסערע שטעט. ער פלעגט אים ברענגען אין די סוחרים־קלובן און באַקענען אים מיט זיינע געשעפטן. בכלל האָט ער געוואָלט, אַז באַריס זאָל זען די וועלט, באַקענען זיך מיט גרויס־שטאָטישע־ מענטשן און זייערע פירונגען, ווערן ציוויליזירט, אַזוי צו זאָגן, און ניט בלייבן קליינשטעטלדיק. באַריס האָט די גרויסע שטאָט ליב באַקומען. אַ כוח וואָס האָט אין אים געדרימלט, האָט מיטאַמאָל דערוואַכט... ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם גרויסשטאָטישן לעבן. באַלד נאָך זיין חתונה האָט באַריס אָנגעהויבן פירן אייגענע געשעפטן.

ער איז געוואָרן אַ זעלבסטשטענדיקער סוחר. איצט, מער ווי פריער, איז ער אָפּטער און אָפּטער, צוליב זיינע געשעפטן, געווען אַוועק פון דער היים. דאָס ראַשיקע פיל־פאַרביקע לעבן פון דער גרויסער שטאָט האָט אים גערייצט און געמאַניעט.

ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און באָריס האָט אָנגעהויבן פירן אַ טאָפּלט לעבן. ער איז געוואָרן אַ קאָמבינאַציע פון דער גרויסשטאָטישן לעב־יונג און קליינשטעטלדיקן רעזערווירטן באַלעבעסל. אין דער גרויסער שטאָט, ווייט פון זיין היים, איז ער פריי געווען אַרויסצוגעבן פון זיך דעם איבערפלוס פון זיין ענערגיע און ווילן אומגעשטערט. האָט ער אָנגעהויבן זיך יאָגן נאָך ליבע־אַוואַנטורעס. די גרויסע שטאָט האָט עס פאַר אים געמאַכט מעגלעך. אין דער אידיליע פון שטעטל, לעבן זיין שיינער, צניעותדיקער ביילקען, איז ער דווקא געווען באַשיידן און צוריקגעהאַלטן. ער האָט דאָרט געשפּילט די ראָלע פון דעם באַלעבאַטישן יונגנמאַנטשיק.

ווי דער טאַטע זיינער, האָט ער אויך זיך געהאַלטן מיט דער יידישער שכנהשאַפט פון דער ווייטנס. איז ביילקע אים געווען אַ ווייב, ווי אַ כשרע יידישע טאָכטער דאַרף זיין, און ווי יעדע ווייב פון אַ מאַן דאַרף זי קינדער האָבן. האָט אָבער ביילקע, די שטילע, פרומע יידישע טאָכטער פאַר אַ צייט קיין קינדער ניט געבוירן. שוין צוויי יאָר נאָך איר חתונה און קיין קינד האָט זיך ניט געוויזן. די בענקשאַפט צו זיין אַ מוטער איז ביי איר געווען גרויס. האָט זי איבערגעטאָן כל המיטלען שבעולם; איז געפאָרן צו „גוטע יידן", אָפּשפּרעכערינס און דאָקטוירים. אָבער אַז קיין מיטל האָט ניט געהאָלפן, האָט ביילקע געהאַט דערפון גרויס עגמת־נפש.

די יונגעלייטלעך אין שטעטל האָבן דערווייל געהאַט פון וואָס צו ריידן. האַלב ערנסט און מער אין שפּאַס. אייניקע האָבן אפילו אַרויסגעוויזן גרויס בקיאות אין דעם ענין „קינדלעך" און האָבן לצנותדיק זיך געוויצלט אויף דעם חשבון פונם יונגן פּאָרפּאָלק, באָריס און ביילקע . . .

אָבער גראָד דעמאָלט, ווען ביילקע האָט שוין כמעט געהאַט שלום געמאַכט מיטן געדאַנק אַז זי וועט שוין אפשר חלילה בלייבן אַן עקרה, האָט זי מיטאַמאָל דערפילט, אַז זי וועט בקרוב אַ מוטער ווערן. צו איר פרייד און גליק איז קיין גרעניץ ניט געווען. זי האָט ניט געוואוסט צי אויף איר שטילן געבעט און געוויין האָט זיך דער אויבערשטער מרחם געווען, צי איר רייפע מוטער־טראַכט האָט זיך מיטאַמאָל אין איר אַנט־

פלעקט. זי איז יעדנפאַלס געווען איבערגליקלעך. זי האָט געציילט די וואָכן און טעג פון דעם גליקלעכן מאָמענט און דערוואַרט דעם מוטער־ווײ מיט ליבשאַפט און צאַרטן ציטער. . .

דער גליקלעכער טאָג אירער איז געקומען. ביילקע האָט ענדלעך נאָך אַ שווערן טראָגן, אַ געדולדיקע אין שמערצן, אַ זון געבוירן.

ווידעראַמאָל איז אין שטעטל פריילעך געווען. צום ברית און פדיון־הבן זיינען זיך צוזאַמענגעפאָרן אַ סך פריינט און משפחה. אַלע האָבן זיך שטאַרק משמח געווען, גרויס און קליין האָבן הנאה געהאַט און געפרייט זיך מיט דעם גליקלעכן געבורט פון באַריסעס און ביילקעס בן־יחיד.

* * *

דער ייִנגל איז געוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין וואוילטאָג. זייענדיק אַן איינציקס, האָט מען זיך מיט אים געצאַצקעט און געצערטלט. ביי ביילקען איז דאָס ייִנגל געווען איר איינציקע טרייסט און האָפענונג. פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר האָט זי בעסער אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דאָס לעבן. זי איז אַרויסגעוואַקסן פון איר פריער יונג־מיידלשער נאַאי־וויטעט איר מיידלשע פאַרשטעלונג וועגן אַ מאַן איז געווען גאַנץ אַנדערש ווי זי האָט געלערנט אין דערווירקלעכקייט, און געעפנט איר די אויגן בנוגע דעם ענין „מאַנסביל" האָט, אייגענטלעך, איר אייגענער מאַן באַריס, מיט זיינע מאָדנע באַנעמונגען צו איר, אַ באַנעמונג אָן צאַרטקייט און אָן עמפינדלעכקייט... ביילקע האָט דערפילט אַז איר צוזאַמענלעבן מיט באַריסן ווערט איר דערווידער. איר קאַלטקייט און אַפּאַטיע האָט זיך אויך אַריבערגעטראָגן צו אים. און ביסלעכוויז זיינען זייערע באַציאונגען געוואָרן זעלטענער און זעלטענער.

ביילקע האָט אָנגעהויבן פאַרדעכטיקן, אַז זיינע צו־אָפטע באַזוכן אין דער גרויסער שטאָט זיינען ניט נאָר צוליב געשעפטלעכע אנגעלעגנ־הייטן, נאָר אויך צוליב ליבע־אַוואַנטורעס מיט אַנדערע פרויען. ווען אירע אַ חברטע האָט נאָך מיט אַ צייט צוריק איר דערציילט וועגן דעם אויף באַריסן, האָט זי בשום אופן ניט געוואָלט גלויבן. זי האָט עס ניט געקענט באַגרייפן. נאָכדעם איז עס פאַר איר וואָס אַמאָל קלאָרער געוואָרן. די שטילע, נאַאיווע און צניעותדיקע ביילקע האָט מיטאַמאָל דערזען איר לעבן אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט. אַ שטילער האַס צו באַריסן האָט אין האַרצן אָנגעהויבן טליען. לעת־עתה ניט אין קיין אָפן אויסגעדריקטער

פאָרם. באָריס האָט דאָס גאַנץ גוט געזען און פאַרשטאַנען, אָבער ער איז געווען הילפלאָז זיך אַנטקעגנצושטעלן.

באָריס האָט בשום אופן ניט געקענט זיך איינשליסן אין די דלד־אמות פון שטעטל. ס'איז אויך פאַר אים ענג געוואָרן די פרומע שטוב־אַטמאָ־ספערע און דערווידער ביילקעס צניעות. אים האָט געצויגן צום פאַרשייט־רייצנדיקן, שטאָטישן לעבן און צו עראָטישע פאַרגעניגנס. אמת, ביילקע איז טאַקע אַ שיינע — דאָס שענסטע ווייבל אין שטעטל — איז אָבער שיינקייט אַליין, אַ פשוט שיין פנים, פאַר אים ניט גענוג געווען! ביילקעס פלאַסטישע שיינקייט האָט אים געגעבן ווייניקער באַפרידיקונג איידער די סעקסועלע שטאָטישע געליבטע זיינע — וואַנדאַ. ביילקע איז אַ שיינער „קאַלטער מלאך"; וואַנדאַ אָבער איז אַ לעבעדיקער, הייס־פלאַמיקער וואולקאַן... איז פאַר לייטן אין שטעטל טאַקע זייער שיין געווען ער זאָל האָבן פאַר זיך דאָס שענסטע ווייבל אַלס ווייב, אָבער זי האָט פאַר אים ניט געהאַט מער קיין רייץ.

וואַנדאַ, כאָטש נאָך יונג, האָט שוין אָבער געהאַט די דערפאַרונג פון די מערסטע פרויען פון איר מין. זי איז געווען פון יענע יונגפרויען, וועלכע האָבן געוואוסט און פאַרשטאַנען ווי אויסצונוצן זייער רייץ, צויבער, שיינקייט און פרויענשאַפט. אין יעדן בייג פון איר קערפער איז באַהאַלטן געווען אַ ים מיט אַרויסרופנדיקע באַגערן. אין איר שמייכל איז געווען פאַרשפרעכנדיקער גענוס, וואָס האָט געמוזט אָנרעגן יעדן מאַנסביל... וואַנדאַ איז פולקאָם באַוואוסטזיניק געווען וועגן זיך, וועגן איר כוח, רייץ און צויבער, און זי האָט גוואַלדיק הנאה געהאַט פון דער דענער־ווירנדיקער ווירקונג, וואָס איר פערזאָן רופט אַרויס ביי מענער אין איר געזעלשאַפט . . .

איר קאָקעטעריי האָט זי באַוואוסטזיניק און פלאַנמעסיק אַנטוויקלט ממש צו אַ „קונסט": שיין, ראַפינירט און ניט באַנאַל, האָט זי געניי געוואוסט ווי אַזוי אַמשטאַרקסטן צו באַווירקן אירן אַ פאַרערער.

וואַנדאַ איז געוואָרן די געליבטע פון באָריסן. ער האָט זי אויסגע־האַלטן מיט אַלץ פון דעם בעסטן: אַ שיין מעבלירטע וואוינונג, צו דער גלוסטונג פון באָריסעס פאַנטאַזיע. די ווענט פון די צימערן האָט וואַנדאַ באַצירט מיט עקזאָטישע בילדער, די פענסטער באַהאַנגען מיט פליושענע גאַרדינען. אויפן דיל האָט אַ געדיכטער, טיפער כינעזישער טעפיך געבלאַנקט; אין דער מיט־וואַנט פון גרויסן צימער איז געשטאַנען אַ

נידעריקע ברייטע סאָפע מיט אַ זעלטענעם רייד־קאָלירטן אָריענטאַלישן איבערצי, און קישעלעך פון פאַרשיידענע קאָלירן און סטיל האָבן ווי שלאָפנדיקע באַשעפענישן דאָרט חלומדיק גערוט. איבער דער ברייטער סאָפע האָט אַ הימליש־דעקאָראַטיווע „קענאָפּיע", ווי אַ קייסערלעכע חופה באַשירעמט, מיט פינקלדיקע שטערן פון אַ האַלב־שמייכלענדיקער לבנה. דער גרויסער צימער איז כסדר איינגעהילט געווען אין אַ סודותדיקער טונקלקייט און האָט געדופט מיט אַ שטאַרק רייצנדיקן אַראָמאַט, וואָס האָט פאַרשיכורט ביים אַריינקומען. באָריסן פלעגט זיך פון דאָרטן ממש ניט וועלן אַוועקגיין. ער פלעגט זייער אָפט בלייבן ביי וואַנדאַן אַ סך לענגער ווי זיין צייט האָט אים צומאָל דערלויבט.

* * *

הגםביילקע האָט נישט געגוי געוואוסט וואָס פאַר אַ מין לעבן באָריס פירט דאָרטן, אין דער גרויסער שטאָט, האָט זי אָבער געפילט אַז איר לעבן מיט אים איז ווי פאַרשפילט. זי האָט געפילט, אַז אַן אינער־לעכער ריס איז געשאַפן געוואָרן צווישן אים און איר, און זי איז הילפלאָז אָט־דעם ריס גאַנץ צו מאַכן. אמת, זי האָט געטאָן אַלץ וואָס איז נאָר געווען אין איר כוח צו טאָן: דערפילט אירע פליכטן אַלס פרוי, אָבער פון ביידנס זייט איז דאָס געווען ניט מער ווי געצוואונגען. ביידע האָבן נישט געקענט אַנדערשן זייערע נאַטורן.

באָריס איז געווען אַ גוואַלדיקער קאָנטראַסט פון דער שטילער, בנעימותדיקער און צניעותדיקער ביילקע. זי איז געווען אין אירע גאַנצע מידות דער קעגנזאַץ פון באָריסעס קראַנקהאַפטער ניוראַטישער נאַטור. דאָס איינציקע געמיינזאַמע, וואָס האָט זיי געהאַלטן געבונדן איינער צום צווייטן, איז געווען דאָס יינגל זייערס, וואָלאָדיע. פאַר ביילקען, נאַטירלעך, איז דאָס יינגל געווען אַ סך מער ווי אַ פליכט. ער איז געווען איר איינ־ציקע טרייסט און האָפענונג אין איר צעוויטיקטן לעבן.

ווי אַ פאַרמעגלעכער, זינדיקער מאַן און פאָטער, האָט ער דאָס הויז פאַרזאָרגט מיטן שענסטן און בעסטן; מיט דינסטן און משרתים. ביילקע איז געווען די באַלעבאָסטע איבער דער גאַנצער ווירטשאַפט. באָריס האָט אין קיין זאַך זיך ניט געמישט. ער איז געווען מער גאַסט ווי באַלעבאָס אין הויז. ער האָט אַלץ איבערגעלאָזט צו איר, צו ביילקען. עס פאַרשטייט זיך, אַז די גלייכגילטיקייט זיינע, סיי צו איר, סיי צום הויז און קינד,

האָט זי זייער געערגערט און פאַרשאַפט איר אַן אַ שיעור עגמת־נפש. זי האָט געפילט, אַז אַן אומזיכטבאַרע האַנט טיילט זיי פאַנאַנדער. זי האָט אָבער נישט געוואוסט וועמען צו באַשולדיקן אין איר צער און אומגליק. זי האָט אויך נישט געוואָלט מאַכן דערפון קיין „לייטיש געלעכ־טער" און קריגן זיך, שרייען און פּראָטעסטירן. ס'איז נישט געווען אין איר נאַטור אַזוינס צו טאָן. האָט זי עס געלאָזט גיין ווי עס גייט.

* * *

וואָלאָדיע איז אויסגעוואַקסן אַ שיינער, געזונטער בחור, אין אַן אַטמאָספערע פון אַ צאַרטער, הייס־ליבנדיקער מוטער און אַ קאַלטן, זעלטן צו אים נאָענטן פאָטער. כל זמן וועלוועלע, אַ נאָמען נאָכן זיידן זיינעם, איז נאָך אַ קליין יינגל געווען, איז די מוטער געווען פאַר אים אי מוטער, אי חבר. ווען ער איז אָבער עלטער געוואָרן, האָט דער בחור זיך איינגאַנצן איבערגעאַנדערשט. זיין כאַראַקטער האָט זיך ראַשיק אָנגעהויבן אויספורעמען. ער איז שטאַרק ענלעך געווען צום טאַטן זיינעם.

איינמאָל האָט דער פאָטער דעם יינגל מיטגענומען מיט זיך אין דער גרויסער שטאָט, האָט ער דאָרטן פּלוצלינג אַ נייע וועלט פאַר זיך דערזען! ס'איז אים זייער געפעלן געוואָרן דער רייץ און גלאַנץ פון דער גרויסער שטאָט. ס'האָט אים ממש פאַראינטריגירט!

איז ער געקומען צוריק אַהיים צו דער מאַמען אַ באַגייסטערטער, אַן אויפגעלעבטער און גליקלעכער... ביילקע איז שוין גאַרנישט געווען צופרידן פון איר יינגלס באַזוך אין דער גרויסער שטאָט. זי האָט די גרויסע שטאָט פיינט געהאַט סם־המות! זי האָט פאַר דער שטאָט מורא געהאַט. די גרויסע שטאָט, האָט זי געפילט, האָט איר באַריסן פון איר אָוועקגעריסן און וועט נאָך אויך, חלילה, איר איינציקן זון און טרייסט אין לעבן פון איר אַוועקרויבן... און זי האָט טאַקע באַלד אָנגעהויבן באַמערקן, אַז דאָס יינגל רייסט זיך צו דער גרויסער שטאָט און מחמת דעם טאַקע, ווערט ער וואָס אַמאָל נעענטער צום פאָטער. דאָס האָט איר זייער שטאַרק פאַרדראָסן און ווי געטאָן.

אין איר אומרו האָט זי מיטאַמאָל דערזען, אַז אין דעם יינגל הויבט זיך אָן צו אַנטוויקלען אַ פאַרלאַנג און אַ נייגונג צו פרויען. זי האָט עס באַמערקט אין זיין אַרומשאַרן זיך אין קיך, אַרום דער דינסטמיידל וועראַ. די לעצטע האָט זיך שוין אויך אָנגעהויבן באַקלאָגן אַז וואָלאָדיע לאָזט זי

נישט צורו. ביילקע האָט מוראדיק געליטן איבער דעם און זיך אָנגעהויבן שטאַרק שרעקן פאַר די שלעכטע פאָלגן פון אַזאַ אויפפירונג... זי פלעגט אים דעריבער פון אויג נישט אַראָפּלאָזן, אַכטונג געבן אויף אים, ער זאָל, חלילה, נישט געשטרויכלט ווערן . . .

ווי אַזוי און מיט וואָס אים צו העלפן האָט זי נישט געוואוסט. מיט וועמען אַן עצה זיך צו האַלטן האָט זי אויך נישט געהאַט. באַריסן האָט זי ווייניק אין די אויגן אָנגעזען און נאָך ווייניקער מיט אים גערעדט. מען איז מערסטנס צווישן זיך ברוגז געווען. איז צו איר גרויס זאָרג און פאַרצווייפלונג איצט צוגעקומען נאָך אַ גרעסערע זאָרג און האַרצ־קרענקונג: וואָס קאָן זי דאָך טאָן צו ראַטעווען איר קינד פון פאַרלוירנ־קייט? ווי אַזוי און מיט וואָס קאָן זי אים באַהילפיק זיין? מיט וואָס קען זי אים דאָך איינהאַלטן נעבן זיך, כדי נישט צו פאַרלירן אים אינגאַנצן?...

* * *

„דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווייט פון ביימעלע": וועלוול אָדער וואָלאָ־דיאַ איז געגאַנגען אין די זעלביקע פוסטריט פון זיין טאַטן און אפשר אויך פון זיין זיידן. אין כאַראַקטער האָט ער כמעט גאָרנישט גע'ירשנט פון דער צניעותדיקער און פרומער מוטער זיינער. הן אין כאַראַקטער, הן אין טעמפּעראַמענט איז ער אינגאַנצן געראָטן געווען אין טאַטן זיינעם — אין באַריסן. לעבנדיק אין אַ מער געוואַגטער און מער ציוויליזירטער צייט און סביבה, האָט ער אין אַ סך פרטים דעם טאַטן זיינעם איבער־געשטיגן . . .

צו זיין 18טן יאָר, געפינען מיר שוין דעם יונגן וואָלאָדיען אין די אָרעמס פון אַ געליבטער. מען זעט אים וואָס אַמאָל זעלטענער אין דער היים, ביי דער מאַמען. ביילקע, פאַרשטייט זיך, ליידט דערפון זייער שטאַרק. זי וויל עס פאַר קיינעם נישט דערציילן. דאָס וואָס איר דריקט אויפן האַרצן וועט איר איצט קיינער נישט העלפן. זי איז שטאַרק פאַר־צווייפלט, אַלץ איז פאַר איר פאַרלוירן — איר זון, איר מאַן. זי איז עלנט צווישן אירע פריינט אין שטעטל. עלנט אפילו אין איר גרויסער שטוב, צווישן איר דינערשאַפט. זי לעבט ווי צווישן צוויי וועלטן. דער מאַן און זון לעבן ערגעץ אין אַ גאַנץ באַזונדער וועלט, אַ פרעמדע, אַ נישט פאַרשטענדלעכע וועלט צו איר אינגאַנצן; און זי דאָ, אין דעם קליינעם שטעטל, לעבט אַן איינזאַמע, אַן עלנטע אין אַנאַנדער וועלט,

אין וועלכער זי פילט זיך ווי אַן איבעריקע, אַ ניט נויטיקע פאַר קיינעם... צוויי קאָנטראַסטן האָבן אין דער משפחה נישט געקענט זיך איינלעבן: טאַטע און זון, וועלכע האָבן געזוכט אַן אויסדרוק פון זייער איבער־פליסיקער ענערגיע אין עראָטישע פאַרגעניגנס, האָבן אין דעם צוריק־געשטאַנענעם קליינעם שטעטל, און נאָך מער אין דער שטרענג־פרומער סביבה פון זייער אייגענער היים, וואו ביילקע, מוטער און ווייב, האָט מאַראַליש אַלץ באַהערשט, זיך געפילט ענג, פאַרלוירן און דערדריקט. האָבן זיי עס געזוכט אינדרויסן, מחוץ זייער היים . . .

אין דער גרויסער שטאָט האָבן זיי געפונען זייער גליקן. זיי האָבן דאָרט אויך פריי און אומגעשטערט געזעטיקט זייער תאווה.

* * *

דאָס לעבן איז זיך אַנגעגאַנגען אַן אַ באַזונדערן איבערברוך אין דער פאַמיליע. אויסערלעך האָט לעת־עתה קיינער נישט געפונען קיין צו שטאַרקן פגם אין דער אויפפירונג פון דעם עושר. אויך האָט מען עפנטלעך נישט געזען קיין באַזונדערע שלעכטע מעשים פון דעם עושרס יורש, וואָלאָדיען. זייערעביידנס ליבע־אוואַנטורעס האָבן זיי אָנגעפירט אין דער גרויסער שטאָט, ווייט פונם קליינעם שטעטל. און אַזוי לאַנג ווי ס'איז נישט געקומען צו קיין סקאַנדאַל, האָט קיינער כמעט נישט געוואוסט פון זייער צעלאָזענעם לעבן. טאָמער האָט מען עפּעס יאָ אין דער שטיל געמורמלט וועגן זייערע גאָר ניט אַזוינע שיינע מעשים אין דער גרויסער שטאָט, האָט מען זיך לכתחילה ניט ווויסנדיק געמאַכט און זיי אויך פאַרגעבן. דאָך עפּעס גבירים אַדירים! ניט זעלטן דאַרף מען צו זיי אָנקומען. אַמאָל פאַר גמילות חסדים, ביקור חולים, און אַמאָל אַ שתדלנות ביים פּריק, ביי „נאַטשאַלסטווע.“ אַגב, גבירים איז דאָך אַלץ דערלויבט! האָט אָבער פּאַסירט ביי די זוסמאַנס אַזוינס, וואָס האָט אויפגעטרייסלט נישט נאָר דאָס גאַנצע שטעטל, נאָר אויך די גרויסע שטאָט, וואו די געשעעניש איז טאַקע פאַרגעקומען.

דער יונגער וואָלאָדיע, וועלכער האָט גע'ירשנ'ט פון טאַטן זיינעם אַ קראַנקהאַפטע ניוראָטישע נאַטור, האָט זיך מיט אימפּעט אַריינגע־וואָרפן אין דעם געווירבל פון דער גרויסער צעלאָזענער שטאָט. ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין ליבע־אוואַנטורעס און געפירט אַ ווילד, צעלאָזן לעבן. געליבטע האָט ער געביטן, ווי זיינע קראַוואַטן, און אַזוי בייטנדיק

איין געליבטע אויף אַן אַנדערער, האָט ער אין אַ שיינעם טאָג זיך אָנגע־שלאָגן אויף דער שיינער, עקסצענטרישער, אייביק־יונגער, פּאַרפּירערי־שער וואַנדאַן, וועלכע איז נאָך לעת־עתה געווען באַריסעס, דעם טאַטנס, געליבטע . . .

וואָלאָדיע איז פּאַר וואַנדאַן געווען אַ פּרישער, נייער קרבן, אַן וועמען זי האָט זיך גערן אָנגעכאַפּט און אים צוגעבונדן צו זיך, כדי זיך צו פאַרזאָרגן מיט אַן אויסהאַלטער און באַשיצער. באַריס האָט שוין אָנגעהויבן אַרויסווייזן סימנים פון מידקייט און צוריקגעצויגנקייט. פריער אָדער שפּעטער וועט ער זי, אָדער זי אים, פאַרלאָזן. וואָרום נישט איצט, ווען די געלעגנהייט האָט זיך שוין יאָ געמאַכט?... וואַנדאַ האָט נישט געוואוסט, אַז וואָלאָדיע איז אַ זון פון באַריסן; אויך נישט וואָלאָדיען האָט געקענט איינפאַלן, אַז זיין פאָטער האָט בכלל אַ געליבטע. אויף אַן אייגענעם טאַטן איז שווער אַזאַ זאַך צו גלויבן! האָט זיך דעריבער געשאַפן אַ גאָר מאָדנע סיטואַציע צווישן אָט־דעם סודות׳פולן „דריילינג״. איינער, פאַרשטייט זיך, האָט נישט געוואוסט פונם צווייטן . . .

וואָלאָדיע האָט זיך איינגעליבט אין וואַנדאַן מיט זיין יוגנטלעכן און נאָך מער פייערלעכן עקסטאַז, ווי זיין פאָטער, מיט יאָרן צוריק . . .

די אייביק־יונגע און פאַרפּירערישע וואַנדאַ האָט וואָלאָדיען באַ־רוישט מיט איר פייערדיקן טעמפּעראַמענט, מיט איר ברויזנדיקער ליבע...

האָט וואָלאָדיע זיך פאַרליבט אין וואַנדאַן ביז משוגעת, ווי נאָר אַ קרעפּטיק און זאָרגלאָז עושרס אַ זינדל, מיט אַ קראַנקהאַפטער פאַנטאַזיע און ניוראַטישער נאַטור האָט זיך געקענט פאַרליבן . . .

עס איז געווען אין סאַמע ברען פון זיין ליבע, ווען וואָלאָדיע האָט אָנגעהויבן פאַרדעכטיקן, אַז וואַנדאַ נעמט אויף נאָך איינעם אַ חוץ אים. ער איז שטאַרק צוגעשטאַנען צו איר מיט אַ האַרבער פאָדערונג, אַז זי זאָל אים, ווער עס זאָל נישט זיין, תיכף אָוועקשיקן. ער וויל נישט, האָט ער צו איר טענות געהאַט, אַז איר ליבע, אויף וועלכער ער בלויז האָט איצט אַ רעכט, זאָל געטיילט ווערן מיט אַן אַנדערן . . . זי האָט עס פון אים געלייקנט; האָט אים פּרובירט באַרואיקן, אַז דער, וועמען זי נעמט אויף אַמאָל, חוץ אים, איז אירער אַן אַלטער פריינט, צו וועמען זי האָט געוויסע פאַרפליכטונגען. ער האָט געטאָן פאַר איר זייער אַ סך און איצט האָט זי נישט קיין מוט און אויך נישט קיין אויסוועג ווי אַזוי זי קאָן פון אים מיט־אַמאָל זיך באַפרייען. זי האָפט אָבער, האָט זי אים געזוכט צו באַרואיקן,

אַז מיט דיר צייט וועט ער זי אַליין פאַרלאָזן... וואַלאַדיע זאָל נאָר האָבן געדולד ! . . .

איר ענטפער האָט וואַלאַדיען ווייניק באַרואיקט. דאָס יונגע בלוט זיינס האָט אין אים ווילד געקאָכט און געזאָטן און ער איז געווען אין אַ שטענדיקער אויפרעגונג. אָנגעלאָדן מיט שנאה און האַס קעגן דעם „אומבאַקאַנטן", וואָס געניסט פון דער ליבע פון זיין איינציקער וואַנדאַ...

* * *

אומבאַגרעניצט זיינען די וועגן און פאַנטאַזיעס פון דער יוגנט, אָבער נאָך מער אומקאָנטראָלירנדיק איז די מענטאַליטעט און קראַנקע פאַנטאַזיע פון אַזאַ טיפּ: דער יונגער צעלאָזענער וואַלאַדיע, אָט־דעם אייפערזיכטיקן וואַלאַדיען האָט אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן אַ געדאַנק, צו באַזייטיקן דעם „אומבאַקאַנטן" קאָנקורענט זיינעם. אָט־דער ווילדער געדאַנק האָט אים נישט געגעבן קיין רו, נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט. דאָס סאַדיסטישע און אייפערזיכטיקע בלוט זיינס האָט אין אים געקאָכט און געזאָטן, און ער האָט געזוכט אַן אויסגאַנג צו שטילן דעם ראַכע־געפיל און ווילדן צאָרן, וואָס האָט אים אינגאַנצן באַהערשט. וואַלאַדיע האָט אָנגעהויבן לויערן אויף זיין קרבן, ביז ענדלעך ער האָט געהאַט זיין נקמה . . .

* * *

ס'איז געווען אַ שטאַק פינסטערע, נעפּלדיקע נאַכט. וואַלאַדיע האָט ניט ווייט פון וואַנדאַס וואוינונג זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל פון אַ דער־בייאיקן טויערל און אָפּגעוואַרט זיין קרבן, דעם „אומבאַקאַנטן". אין ציטער און אין פיבער איז ער געשטאַנען און גרייט געווען יעדע מינוט אויף דעם „פּרעמדן"" זיך אַרויפצוואַרפן. די מינוטן האָבן זיך ביי אים ווי שעה'ן געצויגן. ענדלעך האָט ער אין דער שטאַרקער פינסטערניש באַמערקט דעם „פרעמדן", וועלכער האָט ווי אַ סילועט זיך אַריינגעשלייכט אין וואַנדאַס וואוינונג.

— יאָ, דאָס איז ער! — האָט וואַלאַדיען פּלוצלינג ווי מיט עפּעס אַ זעץ געטאָן אין האַרץ און אין מוח... רויטע פונקען האָבן זיך געדרייט און געשווינדלט פאַר זיינע אויגן. די האָר אויפן קאָפּ האָבן אים ווי מיט שפּילזען געשטאָכן. אַ מוראדיקע ווילדע קראַפט האָט ער אין זיך דער־שפּירט, און אין איין אויגנבליק האָט ער, ווי אַ ווילדע חיה נאָך זיין קרבן, זיך אַ לאָז געטאָן . . .

שטיל און אומבאַמערקט פון קיינעם אין דעם דרויסנדיקן שווערן נעפּל איז ער אין הויז אַריין. אין דעם קוים באַלויכטענעם קאָרידאָר האָט ער דעם „פרעמדן" אין וואַנדאַס אָרעמס דערזען, און מאָמענטאַל, פלינק ווי אַ בליץ, האָט ער הינטער אַרום זיין „אומבאַקאַנטן קאָנקורענט" אַ קויל אין פּלייצע אַריינגעשאָסן . . .

* * *

ווען באַריס איז אַ גוססער צום דיל אַנידערגעפאַלן און וואַלאַדיע האָט מיטאַמאָל דערזען דאָס פּנים פון דעם דערמאָרדעטן, האָט ער אומ־מענטשלעך, ווי אַ חיה, אַ רעווע געטאָן און איז אַליין אויך אין חלשות נעבן זיין גוססדיקן פאָטער אַנידערגעפאַלן . . .

* * *

נאָכדעם ווי ס׳זענען אויסגעהערט געוואָרן אַלע שריפטלעכע באַווייזן און לעבעדיקע עדות וועגן דעם כאַראַקטער און אויפפירונגען פון דעם דערמאָרדעטן באַריס זוסמאַן, האָט דאָס געריכט ענדלעך אַרויסגעטראָגן דעם פאָלגענדיקן פּסק־דין און מאָטיווירונג:

היות, דער דערמאָרדעטער באַריס זוסמאַן האָט די גאַנצע צייט פון זיין פאַמיליע־לעבן געפירט אַ געהיים, טאָפּלט, אוממאָראַליש לעבן; היות ער האָט געלעבט מיט איינער אַ וואַנדאַ, אַ פּערזאָן פון אַ צווייפל־האַפטיקן כאַראַקטער, און האָט זי אויפגעהאַלטן די גאַנצע צייט אַלס זיינע אַ מעטרעסע, ווי אַ צווייטע פרוי זיינע... און אַזוי ווי די מאַדאַם זוסמאַן, פרוי פון דעם דערמאָרדעטן און מוטער פון דעם אויף דעם באַשולדיקונגס־באַנק, האָט מוראדיק געליטן פון דעם, סיי מאָראַליש און סיי פיזיש; און אַזוי ווי איר איינציקער זון, וואַלאַדיע, וועלכער איז איצט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, האָט ווי אַן איבערגעגעבענער און געטרייער זון זייער שטאַרק געשעצט און ליב געהאַט זיין מוטער, און מער שוין ניט געקענט צוזען די ליידן, די דערנידערונג, די באַליידיקונג און שאַנדע, וואָס דער זינדיקער פאָטער זיינער האָט געבראַכט און פאַראורזאַכט צו זיין געטרייער מוטער, צו דער גאַנצער משפּחה און אויף דעם הויז פון די זוסמאַנס... און אין באַטראַכט, אַז צוליב דעם אַלעם איז ער, דער געטרייער זון פון דער מוטער און דער איצטיקער באַשולדיקער, אין אַ מאָמענט פון ווילדער אויפרעגונג און אומקאָנטראָלירבאַרן כעס, וואָס האָט אים

געבראַכט צו אַ צושטאַנד פון אַ ניט באַלאַנסירטן פאַרשטאַנד, און אַלס פּועל־יוצא פון דעם אַלעם איז ער געבראַכט געוואָרן צו אַזאַ מצב פון באַגיין אַזאַ שוידערלעכן פאָטער־מאָרד... און אויך אין באַטראַכט אויף דעם גרונט פון די אַלע דערמאָנטע אַבנאָרמאַלע באַדינגונגען און סיטו־אַציעס, און אין צוגאָב צו דעם איז דער באַשולדיקטער נאָך נישט אינגאַנצן אַריבער די פולע עלטער — געפינט, לכן, דאָס געריכט אויף דעם סמך פון די דאָזיקע באַווייזן, אַז דער באַשולדיקטער אין דעם פאַל איז — ניט שולדיק . . .

דאָס געריכט באַפרייט אים פון דער האַרבער שטראָף, וואָס וואָלט אַזאַ איינעם געדאַרפט קומען אונטער נאָרמאַלע באַדינגונגען . . .

* * *

יואל, ווי שוין דערמאָנט, האָט די דאָזיקע אויסטערלישע פּאַסירונג, אָט־דעם טראַגישן פאָטער־מאָרד, וואָס האָט אויפגערודערט די גאַנצע געמיינדע און דעם גאַנצן געגנט אַרום, ניט ווייניק אויסגענוצט, ווי אַ וויכטיקן פּראָפּאַגאַנדע מאַטעריאַל פאַר זיינע צוהערער.

ס'איז געווען דאָן דער אָנהויב פון שטורעמדיקע טעג. די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט רעוואָלוציאָנערע שטימונגען און לאָזונגען. יעדע געשעעניש אין לאַנד האָבן די רעוואָלוציאָנערע גרופּן און פּאַרטייען פון אַלע ריכטונגען, אויסגענוצט פאַר די צוועקן פון זייערע באַוועגונגען.

ביי דער פאָלגנדיקער פאַרזאַמלונג, אין דעם געהיימען וועלדל הינטערן שטאָט, האָט יואל אין זיין רעדע צו די פאַרזאַמלטע, דער עיקר זיך אָפּגעשטעלט געַנוי אויף אָט־דער לעצטער דערמאָנטער געשעעניש. ער האָט מיט אויפגעהייטערטער פיַעטעט זיך געווענדעט צו די פאַר־זאַמלטע:

— איר האָט זיכער געהערט פון דער מערקווירדיקער און שוידער־לעכער פּאַסירונג וואָס איז ביי אונדז דאָ פאָרגעקומען? כ'מיין דעם פאָטער־מאָרד אין דער משפּחה זוסמאַן, חברים!

— וואָס קענען מיר און דאַרפן לערנען פון אָט־דער שוידערלעכער פּאַסירונג און האַנדלונג?... זעען מיר דען ניט פאַר זיך אַ קלאָר און בולט בילד פון דער גאַנצער צעפוילטקייט און פאַרדאָרבנקייט פון דער איצטי־קער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג? איז דען דער גאַנצער יסוד פון זייער אַזוי־גערופענער מאָראַל, הייראַט, געזעץ און שטייגער־לעבן, ניט טאָטאַל

צעפוילט און פאַרדאָרבן? זייערע משפטים און ריכטער זיינען פאַר אונדז אויגנשיינלעך פאַלש און קאָרופּטירט און זיינען נאָר אַ שאַנד־פלעק אויף דער מענטשלעכער געזעלשאַפט . . .

— וואָס האָט דאָ פּאַסירט?... אַ זונעלע, אַ הולטיי; געירשנ'ט דאָס טרפהנע בלוט פון זיין קלאַס; האָט געפירט אַ צעלאָזענעם, צעווילדעוועטן לעבן אויף דעם אָנגעזאַמלטן רויב פון די אָרעמע עקספּלואַטירטע אַרבעטער מאַסן; האָט דערפירט זיין אויסגעלאַסנקייט, זיין משוגענעם, ווילדן, פאַרברעכערישן לעבן, צו אַ מעמד פון „דזשאַנגל״, פון פאָטער־מאָרד!

— און וויאַזוי האָט דאָס קאַפּיטאַליסטיש געריכט רעאַגירט דערויף? אָט־דאָס געריכט, דער טרויעריקער פאַרס פון גערעכטיקייט!... דורך פאַרשיידענע צבועקישע שטיק און דריידלעך האָט דער שופט גאָר אויסגעטייטש, אַז דער הולטייסקער און צעווילדעוועטער בן'אָק, וואָלאָדיע, וועלכער האָט אין ווילדקייט און אויסגעלאַסנקייט נאָך דעם טאָטן זיינעם איבערגעשטיגן; איז גאָר אינגאַנצן „גאָט די נשמה שולדיק״! ביים ריכטער איז ער ריין ווי אַ מלאך און מילד ווי אַ טויב. און, לסוף, פאַרשטייט זיך, האָט ער אים גאָר אינגאַנצן ריין געוואַשן און באַפרייט!

— אויף וועלכן גרונט, חברים?! פאַר זיין שיין פנים אפשר?! פאַר זיינע גוטע מעשים טובים?!... וואָס פאַר אַ איראָניע!... ווער עס ווייסט ניט דעם אמת. ווער, ווער, מיר דאָ ווייסן דאָך זיכער דעם אמתן אמת וועגן דעם הויז פון די זוסמאַנס!

— איז עס ניט אַ טרויעריקער פאַרס אָט־די גאַנצע טראַגי־קאָמעדיע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דעם אַזוי־גערופענעם קאַפּיטאַליסטישן געריכט־הויז?... וואָס פאַר אַ חוזק!... וואָס פאַר אַ שפּאָט!...

— ער, וואָלאָדיע, האָט ניט געקענט צוזען דעם טרויער און די יסורים פון דער ליידנדער מוטער זיינער... ער האָט ניט געקענט פאַרטראָגן די גרויסע שאַנד וואָס זיין זינדיקער פאָטער מיט זיינע ווילדע מעשים האָט געבראַכט צו דער משפחה און דאָס הויז פון די זוסמאַנס!...

— אָרעמע אומשולדל!... אָט־די שענדלעכע צביעות, וואָס זוכט כסדר צו שיטן זאַמד אין די אויגן, כדי צו פאַרדעקן און פאַרשווייגן דעם אמתן איבל און סיבה פון זייער טאָטאַלער צעפוילטקייט.

— יאָ, חברים, אָט דאָ האָט איר אַ מוסטער און אַ ביישפּיל פון אונדזער עקזיסטירנדיקער, צעפוילטער ביזן וואָרצל, געזעלשאַפט . . .

קאַפּיטל צען

אין יענע שטימונגספולע און אויפברויזנדיקע רעוואָלוציאָנערע טעג האָבן אַ סך רעוואָלוציאָנערן זיך באַטראַכט ניט נאָר ווי קעמפער קעגן צאַריזם, נייערט אויך ווי טרעגער פון אַן אידעאַל, וואָס שטעלט זיך די אויפגאַבע צו באַפרייען די וועלט פון אַלע אירע צרות און אומגליקן: הונגער, נויט, גזלה, רציחה און פּראָסטיטוציע. אַט־די אַלע שלעכטע, פאַרדאַרבנדיקע זאַכן און איבלען, האָבן זיי רעזאָנירט, זיינען פּראָדוקטן פון דער איצטיקער קאָרופּטירטער און צעפוילטער געזעלשאַפט. לכן, איז עס דער חוב פון דעם אויפריכטיקן אידעאַליסט ניט נאָר צו קעמפן קעגן דער אָרדענונג אַלס גאַנצע, נאָר אויך העלפן די איינצלנע, וואָס זיינען הילפלאָזע קרבנות פון דער אַזוי־גערופענער אָרדענונג. מע דאַרף זיך מיט זיי פאַראינטערעסירן; מע דאַרף זיי אויפקלערן אין וועלכער לאַגע זיי געפינען זיך, און, אַז שולדיק אין זייער מיזעראַבעלן מצב איז נאָר דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. בכן, כדי זיי צו העלפן זיך באַפרייען פון אַט־דעם טרויעריקן מצב, דאַרפן זיי מיטגיין מיט דער רעוואָלוציע און אירע מיטקעמפער.

ס׳איז דעריבער ניט געווען קיין וואונדער אָדער נייעס, אַז אייניקע רעוואָלוציאָנערן פלעגן זוכן צו באַגעגענען זיך מיט די אַזוי־גערופענע אַרויסגעוואָרפענע פון דער געזעלשאַפט: גנבים, גאַסן־מיידלעך וכדומה. ס׳איז פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ גרויסן אויפטו, ווען איינעם איז געלונגען געווען צו פאַראינטערעסירן אַזאַ מיידל און באַקערן צום אידעאַל פון דער רעוואָלוציע; זי אַרייננעמען אין דער באַוועגונג. דאָס האָט דאָך געמיינט צו ראַטעווען אַ נשמה; אַרויסרייסן פון דעם אָפּגרונט אין וועלכן זי איז דורך די אומשטענדן אַריינגעוואָרפן געוואָרן. ניט צו אָפט איז עס איינעם געלונגען. סע פלעגט אָמאָל טרעפן, ווען אַזאַ איינער איז געקומען אין באַרירונג מיט אַזאַ מיידל, כדי צו האָבן מיט איר אַן אינטימען געשפּרעך וועגן איר אומגליקלעכער לאַגע און פּרובירן פאַנאַנדערוויקלען פאַר איר דעם גאַנצן קאָדעקס פון זיין רעוואָלוציאָנערן אני מאמין, פלעגט די מיידל אים, אין די מערסטע פאַלן, אָפּענטפערן.

— יונגערמאַנטשיק, ניט געטראָפן דאָס אָרט! כ׳האָב שוין געהערט גענוג מוסר־רייד. זיי ניט קיין יאָלד און קום בעסער מיט מיר, שיינער בחור, ווּעסטו הנאה האָבן פון לעבן און פאַרגעסן פון דעם וועלט־שמערץ...

שוואַכערע נאַטורן זיינען גיכער געפאַלן פון דער מיידלס רייץ און איינ־לאַדונג, איידער פאַרקערט . . .

יואל האָט זיך ניט געלאָזט היגנעריסן ווערן פון אַזעלכע אַנרעגנדע מאָמענטן. ער האָט זיך געשטאַרקט און ניט ווייניק שוין בייגעקומען שטאַרקערע נסיונות. זיין ליבע צו אַנאַן, וועלכע האָט זיך איינגעוואָרצלט אין אים מיט אַ טיפער בייגקשאַפט, האָט ער פונדעסטוועגן באַקעמפט אין זיך דעם גרויסן באַגער צו איר; אַלץ צוליב זיין שטאַרקן גלויבן אין דעם אידעאַל, ווי אין אַ רעליגיע, ווי אַ געזעץ אויף וועלכן מ'טאָר ניט עובר זיין. יואל איז דעריבער געקומען צו די מיידלעך, זיך טאַקע באַקענען מיט זייער לעבנס־געשיכטע. ער האָט געזוכט זיך צו דערגרונטעווען צו דעם סאַמע שורש פון זייער פערזענלעכן לעבן, און די סיבות פון זייער איצטיקן מצב.

ניט אַלע מיידלעך האָבן געוואָלט מע זאָל זיך גריבלען אין זייער פאַרגאַנגענהייט, אויפרייסן אַן אַלטע וואונד. אַנדערע, ווידער, האָבן זיך אַראָפגערעדט פון האַרצן און יאָ דערציילט וועגן זיך. . .

אָט איז בובי, אַ קינד פון דער אָרעמשאַפט. צו פערצן יאָר איז זי אַנגעקומען אין דינסט צו סראַליק קרוינשטאַט — אַ רייכער סוחר און אַ ייד אַן עשר. געהאַט האָט ער אַ בנ'אַק גאָר אַ צאַצקע; אַ געזונטער בחורעץ, אַן אויסגעפּאַשעטער, אַ זאַרגלאָזער; מיט קיין זאַך ניט באַשעפ־טיקט — אַ פּוסט־און־פּאַסניק.

דרייט זיך אַרום אַ מיידל אין הויז פאַר זיינע אויגן. דאָס מיידל איז יונג, דאָס מיידל איז שיין אַ פּנים אַ ליכטיקס מיט אַן אַ שיעור חן. דאָס יונג־בלוט זיינס רופט, די תאווה צו איר איז גרויס... האָט ער איר צוגעזאָגט גליקן כלערליי. וואָס ניט? דאָס „טעלערל פון הימל" וועט ער איר דערלאַנגען.... פריער האָט ער אַנגעהויבן מיט מתנות, נאָכדעם אויך מיט געלט. וואָס, סע האָט אים אויסגעפּעלט?! געווען גענוג... און, אויב טאַטע־מאַמע וועלן ניט דערלאָזן צו אַ שידוך מיט איר, וועט ער מיט איר אַנטלויפן און חתונה האָבן. „צוזאָגן און ליב האָבן קאָסט קיין געלט ניט." בפרט ער האָט איר נאָך געגעבן אַ שבועה, אַז ער וועט זי אייביק און אייביק ליב האָבן... איז ווי די מעשה גייט: אין אַ שיינער לבנה־נאַכט האָבן די יונגע הערצער זיך אינגאַנצן פאַרלאָרן... בובי האָט נאָכגעגעבן...

וואָס דער סוף איז געווען קען מען זיך משער זיין: טאַטע־מאַמע האָבן זיך פון דעם דערוואוסט; צו קיין שידוך, פאַרשטייט זיך, איז עס

ניט געקומען. מע האָט דער מיידל פאַרגיטיקט מיט אַביסל געלט און זי אָװעקגעשיקט פון שטאָט גאָר אינגאַנצן. די עטלעכע קערבלעך זיינען צערונען געװאָרן. אַ פאַרצוױיפלטע, אַ פאַרשעמטע און אַ באַליידיקטע איז ב ו ב י צו סימע דער רויטער אָנגעקומען . . .

ניט אַלע מיידלעך, װי געזאָגט, האָבן זיך געלאָזט ריידן און געװאָלט דערציילן פון זייער פאַרגאַנגענהייט. אַנדערע האָבן געטראָגן זייער צער מיט זיך און אים געהאַלטן אין זיך װי פאַרשלאָסן מיט זיבן שלעסער...

* * *

„מיקיס" לעבנס־גאַנג איז ניט געװען דער זעלביקער װי די אַנדערע מיידלעך. ניט דערמיט אַליין װאָס מ׳האָט אַזוי װייניק געװאוסט װעגן איר פאַרגאַנגענהייט, נאָר זי איז בכלל געװען אינגאַנצן אַן אַנדערע: אין איר אויסזען, אין איר האַלטונג, אין איר אַנטװיקלונג, סיי פיזיש און גייסטיק האָט זי געמאַכט אויף די מערסטע אַן אויסערגעװיינלעכן סימפּאַטישן איינדרוק. ניט געקוקט אויף דעם שטאַנד און מצב אין װעלכן זי האָט זיך געפונען, האָט זי פונדעסטװעגן געהאַלטן זיך, כמעט פון יעדן, מיט אַ געװיסער דיסטאַנץ. עפּעס אַ געװיסע איידעלע אַריסטאָקראַטישקייט האָט זיך געפילט אַרום איר, סיי אין אויסזען און סיי אין אירע מאַנערן:

אַ שיין, איידל־ראַפינירט, ליכטיק־ברוין פּנים; טונקל װאַרעמע אויגן; אַ הויכע, שלאַנק־רייצנדיקע פיגור און לאַנגע, דינע, קינסטלערישע פינגער. פלעגט זי באַרירן די קלאַװישן פון דער אַלטער פּיאַנא, װאָס איז געשטאַנען אין פּאַדערצימער פון סימעס הויז, האָבן זיך די טרויער־טענער אירע צעטראָגן אין דעם אַרום און אָנגעפילט די לופט מיט אַ צאַרטער בענקשאַפט... און „מיקי" אַליין איז בשעת דעם געװען װי פאַרטראָגן אין אַנאַנדער װעלט, װייט פון דעם אָרט און סביבה... אַן אַנדערש מאָל פלעגט מען מיקין טרעפן איבער אַ בוך, פאַרטיפט אין אַ ראָמאַן אַזוי ערנסט, װי זי װאָלט אַליין איבערגעלעבט די מעשים און האַנדלונגען פון די באַטרעפנדיקע העלדן געשילדערט פונם שרייבער...

די השערה װעגן איר איז געװען אַ פאַרשידענע און אַ מיסטישע. אַלע זיינען אָבער זיכער געװען, אַז זי קומט פון פאַרמעגלעכע עלטערן, און אפשר גאָר רייכע, װאו אין הויז איז געװען אַ דינסט, און איז אפילו אויפגעצויגן געװאָרן אונטער דער אויפזיכט פון אַ פראַנצויזישער גאָװער־נאַנטקע; מחמת זי האָט אויך באַנוצט זיך מיט דער פראַנצויזישער

שפּראַך, ווען אַזאַ געלעגנהייט האָט זיך נאָר געמאַכט. אַרום און אַרום איז זי געווען אײנגעצן אַנדערש פון די אַנדערע מיידלעך דאָרטן.

„מיקי" איז דאָרטן געווען כמעט ווי אַ פּריוועליגירטע פּערזענלעכקייט און איז אויך געווען אפילו איבערקלייבעריש מיט אירע געסט. בעת די אַנדערע מיידלעך זײַנען אַרומגעגאַנגען אין „אויפנאַם־צימער" כמעט ווי אין דער „מוטער חווה'ס מלבושים"—קורץ געקליידט, הוילע פּיס, אָפּן־ברוסטיק וכד', איז „מיקי" דווקא געווען אָנגעטאָן אין אַ שיין נעט קליידל, מיט אַ צוגעקנעפּלטער בלוזקע. גרויסע אויערינגען האָבן באַצירט איר האַלב־ציגײַנעריש פּנים, און אירע טונקל־שוואַרצע האָר געשמאַקפּול פּאַרפיקסירט אויף איר פאַרשווירן קעפּל, האָט איר צוגעגעבן אָן אַ שיעור חן... אין אַזעלכע פּלעצער, אָפּנים, דאַרף זיך אײנע כסדר אויסטיילן אין אויסזען, אין קליידונג און אין האַלטונג, פון די אַנדערע. און „מיקי" איז עס זיכער געווען די אויסגעטיילטע, די אויסגעקליבענע... און מחמת איר אַנדערשקייט האָט זי טאַקע געצויגן דעם אויפמערק פון די אַרײַנגעקומענע „קליענטן". . . .

פּרעמדע, ניט ווייסנדיק געגנוי ווער און וואָס זי איז דאָ, האָבן זיך מסתּמא משער געווען אַז אָט־די אויסגעטיילטע, די אַנדערשדיקע פון די אַנדערע, איז אַוודאי די באַלעבאָסטע, די „מאַדאַם" פון פּלאַץ.

הגם ניט אַלע האָבן געוואָגט איר אײַנצולאַדן אָדער אויסקלייבן זי פון די אַנדערע מיידלעך, האָבן אָבער ניט ווייניק איר שטאַרק באַגערט, טאַקע צוליב איר אַנדערשקייט האָט זי געהאַט פאַר די געסט אַ באַזונדערן רייץ און באַגער. . .

* * *

פאַר יואלן איז „מיקי" געווען פון גאָר אַ באַזונדערן אינטערעס. ער, מער ווי עמיצער אַנדערש פון זײַנע רעוואָלוציאָנערע חברים, האָט זיך מיט איר נעענטער באַקאַנט, און ביי זיך אָפּגעמאַכט דאָך צו דערגיין עפּעס וועגן אירע פאַרגאַנגענע איבערלעבונגען און וואָס האָט איר געבראַכט צו דעם דאָזיקן מצב.

„מיקי" איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך מיידל, און די מערסטע פון זײַנע חברים האָבן געזוכט איר נאָענטשאַפט. אפשר ניט אַלע מיט די זעלביקע מאָטיוון, אָבער אַלע האָבן פאַר זיך און אויך פאַר אַנדערע אָנגעגעבן דעם זעלביקן תירוץ און באַרעכטיקונג: אַזאַ ווי „מיקי" טאָר דאָ ניט זיין; זי געהערט מער צו אונדז, אין דער באַוועגונג. ביי אונדז

וואָלט זי געקענט דינען דעם כלל, דער מענטשהייט, דעם אידעאַל...

יואל, באַוואָפנט מיט די געדאַנקען און מאָטיוון, האָט ער מער ווי באַרעכטיקט זיין גרויסן אינטערעס אין מיקין. ער האָט דעריבער געזוכט אַלע וועגן און מיטלען, ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען פון מיקין דעם סוד פון איר אַרט לעבן, פון איר זיין דאָ. אין אים האָט אָפט געברענט די נייגעריקייט עס צו וויסן. וואָלט ער געוואוסט די סיבות פון איר איצטיקן מצב, האָט ער געפילט ווי ער וואָלט עפּעס געלערנט. אַ זאַך וואָס וואָלט פאַר אים קלאָר געוואָרן און אפשר אויך צוניץ געקומען אין דער אויפ־קלערונג פון די איבלען, וואָס ברענגט אַזאַ ווי „מיקי" צו אַזאַ מצב און פאַרלאָרנקייט... חוץ דעם, האָט אונטער זיין באַוואוסטזיין, ניט אַריינ־טראַכטנדיק זיך געגנוי, עפּעס אַ מאָדנער געפיל און אַ דראַנג צו מיקין אָנגעהויבן אין אים זיך דערוועקן. אים האָט זיך אָפטער זי געוואָלט זען, ריידן מיט איר, פאַרווײלן מיט איר... הגם צוגעבן, אפשר פאַר זיך אַליין, אַז „מיקי" אימפּאָנירט אים, רופט אפילו אַרויס ביי אים אַ באַגער צו זיין מיט איר נאָענט, אינטים, האָט ער אין אָנהייב ניט געוואָלט צוגעבן און אפשר האָט ער ניט געקענט אָפּגעבן זיך אַ גענויעם חשבון וועגן זיינע געפילן און סיטואַציע . .

צו זיין אָבער מיט איר נאָענט און אינטים, ווי שטאַרק זי האָט אפילו גערייצט זיין פאַנטאַזיע, איז ניט געווען אין זיין „קאַטעכיזם". פון זיין נאַאיוו־אידעאַליסטישן קוק אויף דעם לעבן וואָלט ער אַזאַ שריט באַ־טראַכט פאַר ניט עטיש און ניט מאָראַליש. אין געוויסע מאָמענטן איז ביי אים אויפגעשוואומען אַ פראַגע: וואָס צו טאָן! ער איז געשטאַנען פאַר אַ דילעמאַ. און פונקט ווי אַ פרומער ייד, וואָס וואָלט געשטאַנען פאַר אַזאַ נסיון און וואָלט געזוכט גובר צו זיין דעם יצר־הרע, אַזוי האָט אויך יואל אין דעם געגעבענעם מאָמענט געטראַכט און געקעמפט מיט זיך און געזוכט אַ וועג אַרויס פון זיין הילפלאָזיקייט . . .

קאַפּיטל עלף

ליבע און רעוואָלוציע זיינען ניט געגאַנגען האַנט־און־האַנט. ביי יענער צייט האָבן זיי זיך ניט געפּאָרט. דער הויכער מאָראַלישער און עטישער באַגריף איבער וועלט און מענטש, וואָס ער האָט געפּריידיקט פאַר אַנדערע, האָט ער דאָך ניט געקענט אַליין האַנדלען דעם היפּוך פון

דעם! ווי וואָלט ער זיך געקענט ווייזן פאַר זיינע חברים, פאַר זיינע צוהערער און רעדן צו זיי וועגן די איבלען אין דער געזעלשאַפט, און אַליין זיין דער אויפהאַלטער און שטיצער פון אַזאַ מצב! . . . דאָס וואָלט דאָך געמיינט פאַרראַטן דעם אידעאַל אין וועלכן ער אַליין גלויבט אַזוי שטאַרק . . . איז ווי שטאַרק אָט־דער נסיון איז אים אָפט אַנטקעגן געקומען, ווי שטאַרק אים איז אויסגעקומען מלחמה צו האַלטן מיטן יצר־הרע, איז אָבער שוין געקומען צו אַ מאָמענט ווען ער איז געווען כמעט ווי הילפלאָז מער צו אונטערדריקן אין זיך אָט־דעם געפיל.

געווען מאָמענטן וואָס ער האָט געפילט, אַז נאָכגעבן אָט־דעם ברע־נענדיקן ווילן און באַגער צו „מיקין" איז זיין איינציקער באַשייד און לייזונג... מחמת צו שטאַרק האָט אים „מיקי" פאַראינטריגירט! צופיל האָט זי אָנגעהויבן איינפעסטיקן זיך אין זיין דמיון. זי האָט אָנגעהויבן פאַרנעמען אַ פיל גרעסערן אָרט אין זיין דענקען ווי אַ סך אַנדערע זאַכן. ער האָט אויך אָנגעהויבן בענקען נאָך איר ווען ער האָט זי ניט געזען...

יואל האָט צוביסלעך אָנגעהויבן רעכטפאַרטיקן זיין נאָכגיביקייט צו דעם געדאַנק וועגן זיין דערנענטערונג צו איר. מיט דעם וואָס ער וועט איר אַרויסווייזן מער פריינטשאַפט, ווערן מיט איר נאָענט, וועט ער זיך דאָך דערוויסן דעם סוד פון איר מצב, פון איר סודות'פולן לעבן. ער וועט האָבן די געלעגנהייט אַריינצוקוקן אין דעם שפּיגל פון איר לעבן; סע וועט פאַר אים קלאָר ווערן זאַכן וואָס ער איז זייער בייגעריק געווען צו וויסן... מער פון אַלץ וועט אים אפשר געלונגען איר צו איבער־צייגן, זי זאָל גאָר אינגאַנצן פאַרלאָזן דאָס דאָזיקע אוממאָראַלישע לעבן און איבערגיין אין זיינע רעוואָלוציאָנערע קרייזן. דאָס וועט דאָך זיין אַ גוואַלדיקער רעוואָלוציאָנערער אויפטו! ער וועט איר אַרויסרייסן פון אָט־דעם אָפּגרונט, אין וועלכן זי איז דורך דער געזעלשאַפט אַריינגע־וואָרפן געוואָרן, און ער וועט זי, מיט זיין הילף און ווילן, דאָך אַריינפירן אין אַ נייער גייסטיקער וועלט, פון אַ מער רייכערן און עטישערן לעבן. דאָס אַליין וועט שוין פאַרגיטיקן און אפילו באַרעכטיקן דעם זינדיקן וועג, דורך וועלכן ער האָט געדאַרפט אָנקומען צו איר. . .

מיט די דאָזיקע מחשבות האָט ער זיך אין יענע טעג אַרומגעטראָגן. וואָס מער ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַלץ זיכערער איז ער געוואָרן ביי זיך, אַז אים וועט דאָך געלונגען זי צו איבערצייגן אין דער וואַזהייט און שכלדיקייט פון זיין אידעאַל און גלויבן. און, וועט דאָס טאַקע ווערן

אַ וואָר, וועט „מיקי" איינגיין אויף דעם, וועט ער דאָך האָבן אויפגעטאָן אַ גאָר גרויסע זאַך! ער וועט האָבן געראַטעוועט אַ נשמה, פאַר דעם הייליקן אידעאַל!...

יואל איז געווען צופרידן און טיילווייז באַרואיקט אפילו וואָס ער האָט זיך דערשלאָגן צו אָט־דעם געדאַנק זיינעם בנוגע „מיקי'ן." ער האָט נאָכדעם ווייטער געצויגן דעם פאָדעם פון דעם גרויסן אידעאַליסטישן אויפטו, וואָס ער וועט האָבן אויפגעטאָן. און, כדי זיך צו איבערציגן און דער עיקר מ י ק י ן, אין דער ערנסטקייט פון זיינע טראַכטענישן, אין דער ערלעכקייט פון זיינע אידעאַלן, איז ער אפילו גרייט אויף אַן אמת מיט איר זיך צו פאַראייניקן, ווי מאַן און פרוי. . . דאָס וועט זיין, פון זיין זייט, האָט ער געטראַכט, אַ גרויסע און ערנהאַפטע טאַט, מיט וועלכע ער וועט זיך זיכער ניט דאַרפן שעמען!...

וואָלט יואל ניט געפילט אַ באַזונדערע סימפּאַטיע צו אָט־דער מיידל, וואָלט ער זיך ניט אַרומגעטראָגן מיט אַ בענקשאַפט צו איר זינט ער האָט מיט איר זיך באַקאַנט, וואָלט ער אפשר זיך צו דעם געדאַנק, צו זיין גרייט מיט איר זיך אפילו צו פאַראייניקן, ניט דערגאַנגען! . .

צי דאָס איז געווען ביי אים אמתע אויפריכטיקע ליבע צו איר מצד אים, צי ס'איז געווען דער פשוטער מענטשלעכער דראַנג און באַגער פון מאַן צו פרוי — האָט ער זיך אין יענעם מאָמענט, אין זיין יוגנטלעכן פילן און דענקען, בנוגע אַזאַ ענין, זיך ניט אָפּגעגעבן קיין גענויען חשבון. און אפשר האָט ער אפילו וועגן דעם ניט אַ טראַכט געטאָן. . .

ער האָט געזען פאַר זיך אין יענעם מאָמענט אַן אידעאַליסטיש בילד־אַן עטיש מאָראַלישע טאַט, אויף וועלכער נאָר אַן אויפריכטיקער רעוואָ־לוציאָנער און סאָציאַליסט איז גרייט דאָס צו טאָן.

פון דעם געדאַנק אַליין, אַז ער איז גרייט צו טאָן אַזאַ זאַך, האָט ער געפילט אַ געוויסן שטאָלץ, אַ מין יחוסדיקייט... וואָרים ניט אַלע וואָלטן גרייט געווען אויף אַזאַ טאַט; ווי שיין און אָטו'אַקטיוו די פרוי זאָל ניט זיין; אַרויסנעמען זי פון אַן אָפּגרונט, פון אַזאַ פלאַץ; פאַראייגענען זי, זיך טיילן מיט איר זיין לעבנס־גאַנג, ווערן איינס!... דאָס איז אַ געוואַגטקייט און אַ מדרגה פון אַ העכערן מאָראַלישן מעמד! און ווייל דאָס איז אַזוי, האָט ער געפילט אַ געוויסע אויסגעטיילטקייט, אַז ער איז אַנדערש, אַז נאָר יחידי־סגולה קענען זיך דערהויבן צו אַזאַ מדרגה . . .

כדי צו פאַרשטאַרקן און באַרעכטיקן זיין דענקען וועגן אַזאַ אויס־

טערלישע האַנדלונג, האָט ער פאַר זיך געבראַכט אַ באַווייז, אַז אפילו פון אַ רעליגיעז־יידישן דין איז אַ מצוה אַרויסצונעמען אַ יידישע טאָכטער פון אַן אָפּגרונט פון זינד און זיך צו איר פאַר'קנס'ן . . .

* * *

ס'איז געווען אין יענע האַרבע און שווערע טעג, ווען אויף דעם מלחמהה־פראָנט, צווישן דעם צאַרישן רוסלאַנד און יאַפּאַן, האָבן די רוסישע מפּלות זיך שטאַרק געלאָזט הערן און פילן. דעם גאַנצן צאָרן און כעס האָט די מאַכט אויסגעלאָזן צו די רעוואָלוציאָנערן אין דער היים. דער געיעג אויף די רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך און גרופּן און די פאַר־פאָלגונג אויף די פאַרדעכטיקטע, איז געוואָרן אָפּטער און אַכזריותדיקער. שפּיאָנען אויף שריט און טריט; אַבלאַוועס יעדע נאַכט. אויך פּראָוואָ־קאַציעס האָבן זיך אָנגעהויבן צו מערן. ס'איז געוואָרן כמעט ווי אַ מגפה; האָט זיך אַ פּראָוואָקאַציע באַוויזן אין איין שטאָט, האָט זיך די זעלביקע חולאת אויך איבערגעטראָגן אין אַ צווייטער שטאָט. פאַר יואלן, ווי איינעם וואָס איז געווען אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי, איז געוואָרן ממש ענג צו בלייבן ביי זיך אין שטאָט. ער האָט געמוזט זיך אויסבאַ־האַלטן פון אַ וואַכזאַם אויג פון אַ שפּיאָן, וואָס איז כסדר געווען אויף זיינע טריט.

איינמאָל אין אַן אָוונט, זייענדיק טאַקע נאָכגעפאָלגט פון אַזאַ פאַר־שויך, איז אים דאָך געלונגען אַרויסצודרייען זיך פון זיין פאַרפאָלגער אומבאַמערקט. דרייענדיק זיך דורך פאַרשידענע גאַסן און געסלעך, האָט ער מיטאַמאָל זיך דערזען נעבן „סימע דער רויטערס הייזל"— דער זיכערסטער פּלאַץ זיך אויסצובאַהאַלטן אין אַ נאַכט פון אַזעלכע אַבלאַוועס און אָנפאַלן, איז טאַקע נאָר אין אַזאַ פּלאַץ.

יאָ, ביי „מיקין" וועט ער באַשטימט איצט געפינען זיכערקייט. ער וועט ביי איר איבערנעכטיקן, ביז אָט־דער שטורעם פון די שטרענגע אַבלאַוועס און „אָביסקעס" וועט איבערגיין . . .

* * *

יואל האָט זיך מיטאַמאָל געפונען ביי „מיקין" אין צימערל. דאָ, האָט ער אויך אַ טראַכט געטאָן, זייענדיק מיט איר אַליין, וועט ער האָבן מיט איר אַן אינטימען שמועס וועגן די אַלע געדאַנקען און טראַכטעניש, מיט וואָס זיין מוח איז לעצטנס אַזוי שטאַרק באַשעפטיקט... דאָ וועט זי

אויך האָבן די געלעגנהייט עפענען פאַר אים איר האַרץ, דערציילן אים אירע איבערלעבונגען און די סיבות פון איר זיין דאָ . . .

אָבער... אַרויסגעוויזן האָט זיך פונקט דאָס פאַרקערטע! אַנשטאָט זי זאָל אים דערציילן, ווי ער האָט געהאָפט און געוואָלט, האָט ער ניט באַמערקט, ווי ער האָט געעפנט פאַר איר זיין האַרץ, זיינע געפילן און זיינע בענקענישן צו איר... אַזוי, אַז די גרויסע מיסיע וואָס ער האָט זיך געשטעלט איידער ער איז צו איר געקומען, באַקערן זי צו זיין אידעאַל, באַווירקן זי מיט זיינע רייד וועגן אַ שיינעם עטיש־מאָראַלישן לעבן און, אַז זי דאַרף אַרויסרייסן זיך פון אָט־דעם פּלאָץ אין וועלכן זי איז דורך מענטשן און אומשטענדן אַריינגעוואָרפן געוואָרן... אָבער דאָס וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, האָט ער ניט געזאָגט . . .

צווישן די פיר ווענט פון איר קליין אינטים צימערל זיינען זיינע פריערדיקע געדאַנקען ווי פאַרלאָרן געגאַנגען.... באַווירקט פון איר שיין, באַ'חנ'ט, מאַטאָווע פנים און די שפּירונג פון איר תאווהדיקן סענסועלן גוף, האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט זיין דראַנג און באַגער, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געפילט צו אָט־דער פאַר אים מיסטעריעזער מיידל, „ניקי", וועלכע האָט זיך באַפעסטיקט אין זיין מוח, גערייצט זיין פאַנ־טאַזיע און גערעגט זיין יונג שטורעמדיק בלוט... אין יענעם מאָמענט האָט זי אים איבערגעוועלטיקט אינגאַנצן . . .

איר נאָענטשאַפט האָט אים אַרומגענומען ווי אַ קלעטער־פלאַנץ און איינגעקלאַמערט . . . אין זיין גאַנצער נאַאיוויטעט האָט ער זיך איבער־געגעבן אין די אָרעמס פון „מיקי'ן" מיט זיין גאַנצן יוגנטלעכן פייער, מיט זיין לייב און נשמה . . .

די געדאַנקען פון מאָראַלישע הויכקייטן, קאַמף און רעוואָלוציע פאַר אַ באַפרייטער מענטשהייט, זיינען געווען ווי אָפּקלאַנגען פון אַ וויטער, וויטער פאַרגאַנגענער מוזיק . . .

קאַפּיטל צוועלף

צבי פינחס, יואלס ברודער, איז שוין דאָס צווייטע יאָר געווען אין דער אַרמיי, און געדינט האָט ער אין וואַרשע. די מלחמה מיט יאַפּאַן האָט זיך צעפלאַקערט; מע האָט געהאַלטן אין שיקן פרישע רעזערוון מיט סאָלדאַטן; פריש „קאַנאַנען פלייש" וואָס די מלחמה האָט געהאַלטן

אין איין איינשלינגען... ס'איז געווען אַ פראַגע פון טעג, אַז אויך צבי פּנחס זאָל זיין צווישן די פריש־מאָביליזירטע אַוועקגעשיקט ווערן צום שלאַכט־פעלד. רבקה, יואלס מוטער, איז איבער דעם גוואַלדיק געווען צעבראָכן און פאַרצווייפלט. זי האָט רק געוויינט אויף דעם ביטערן מזל אירן, וואָס דער עלטערער זון אירער וועט געשיקט ווערן אויפן פראָנט, וואָס דאָס מיינט אַ זיכערער אומקום, און זי האָט אים שוין באַצייטנס גענומען באַוויינען, ווי ער וואָלט שוין ניט געווען צווישן די לעבעדיקע...

יוחנן, יואלס פאָטער, איז פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר שטאַרק פאַרעלטערט געוואָרן און האָט ניט ווייניק אונטערגעקרענקט. ער איז געווען מער אין בעט ווי אין גאַס. די גאַנצע לאַסט און עול פון פרנסה איז געפאַלן איינגאַנצן אויף דער מוטערס אַלטע און שוואַכע פּלייצעס. רבקה איז דורכאויס באַשטאַנען, אַז יואל זאָל תיכף פאָרן נאָך וואַרשע; מיט־נעמען מיט זיך וויפיל געלט מע וועט נאָר קענען צוזאַמענקראַצן, כדי וואָס גיכער אַרויסראַטעווען דעם ברודער פון דער אַרמיי, ער זאָל אויס־מיידן אַוועקגעשיקט צו ווערן אין דער מלחמה. דאָרטן, אין וואַרשע, וועט ער זיך זען מיטן פּאַסיקן מענטשן, וואָס שוואַרצט די גרענעצן; „פּעקלט אַריבער" אומלעגאַלע פּערזאָנען אויף יענער זייט גרענעץ... אַנדערש וועט זי, רבקה, זיך ניט באַרואיקן.

יואל, פאַרשטייט זיך, האָט עס געמוזט טאָן, ניט געווען קיין אַנ־דערער וועמען מ'האָט געקענט אַנפאַרטרויען אַזאַ שליחות... ער האָט אָנגעהויבן זיך גרייטן אין וועג אַריין. ס'איז דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, וואָס ער האָט אונטערגענומען זיך אַזאַ ווייטע נסיעה. דאָס איז דער ערשטער אַרויספאָר זיינער פון דער קליינער פּראָווינץ־שטאָט צו אַזאַ גרויסער מעטראָפּאָליע ווי וואַרשע. אמת, איינמאָל איז ער אפילו יאָ אַרויסגעפאָרן, צוזאַמען מיט דער קורסיסטקע, אַניוטאַ פאַרטנוי, אויף עטלעכע טעג אין אַ נאָענטן שטעטל, כדי צו אָרגאַניזירן דאָרטן די „ביינקל־מאַכער", אָבער דאָס איז דאָך געווען כמעט אין דעם אייגענעם ראַיאָן. אָבער אַזאַ ווייטע נסיעה, אַזש קיין וואַרשע! דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש! ניט נאָר איז עס היפּשלעך ווייט, נאָר אויף וויפיל ער האָט געהערט איז דאָרטן בכלל אַנאַנדער לעבן און אַנדערע מענטשן...

איבערשרייבנדיק זיך מיטן ברודער מכוח וואו און ווען זיך מיט אים באַגעגענען אין וואַרשע, איז ער ענדלעך אָנגעקומען בשלום צו איינעם אַ יידן, וועמעס באַשעפטיקונג איז געווען צו „שוואַרצן" די

גרענעצן פון כלערליי אומלעגאַלע פּערזאָנען: רעוואָלוציאָנערן, סאָלדאַטן וכדומה.

יואלס זיין אין וואַרשע די פּאָר וואָכן איז געווען פאַר אים אַן אויסערגעוויינלעכע איבערלעבונג. אַלץ האָט צו אים אויסגעזען אין אַט־דער גרויסער נייער שטאָט אַ סך, אַ סך אַנדערש ווי אין דער היים. אַנדערע יידן, אַנאַנדער הלבשה, אַנאַנדער שטייגער לעבן אפילו. ניט ווי אין דער אוקראַינישער וואָלין, פון וואַנען ער איז געקומען.

די שטוב וואו ער איז פאַרפאָרן צו אַט־דעם יידן, דעם „איבער־פעקלער", יאָסעלע ווישניאַק, איז געווען אַ גאָר אויסערגעוויינלעך גרויסע אַ פיר־שטאָקיקער בנין מיט אַזויפיל שכנים, מיט אַ גרויסן הויף און אַ „סטרוזש" וואָס האַלט אויפזיכט אויף דעם הויף און מענטשן, כמעט ווי אַ שטעטל פאַר זיך. די פענסטער פון דעם יידנס שטוב האָבן אַרויסגע־קוקט צו אַ גאָר גרויסן ראָג, דורך וועלכע מע האָט געקענט פריי באַ־אָבאַכטן די לעבעדיקע באַוועגונג פון דער אויסטערלישער גאַס און אירע מענטשן... יידן האָט ער דאָ געזען כלערליי, יונגע און אַלטע, אַזעלכע לעבעדיקע און שפּרודלדיקע; אַרומגעלאָפן און געשמייעט, געקויפט און פאַרקויפט זאַכן; קינדער־סוחרים, בייגל און צייטונג פאַרקויפער, זיינען געווען אין אַ כסדרדיקע קאָנקורענץ צווישן זיך. דער רעש און דער טומל אויף דער גאַס איז געווען ווי אויף אַ יאַריד.

ווען ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף די גאַסן פון דער אָרעמשאַפט, האָט ער ערשט דאָרטן דערזען דעם אמתן אַרבעטער, דעם פראָלעטאַריער, דעם פאַקן־טרעגער און דעם לופט־מענטש. דאָרט האָט ער ערשט דערזען דעם יידישן דלות אין זיין פולער נאַקעטקייט. ער האָט אויך זיך נאָכדעם אַרויפגעכאַפּט אין איינעם פון די חסידים־שטיבלעך, באַטראַכט די יידן אין זייער וואָכעדיקע תפילות און איז אויך נאָכדעם געקומען זען און הערן זייערע שבתדיקע תפילות. און, אַזאַ דאַווענען, מיט אַזויפיל מתיקות און התלהבות, מיט אַזעלכע מאָדנע צו אים העוויות, האָט ער צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געזען. געהערט האָט ער, אַז די חסידים דאַווענען אַנדערש פון די מתנגדים, אָבער ניט אַזוי אויסטערליש אַנדערש!

יואל האָט אויך באַמערקט ווי שטאַרק דער אין דער וואָכן אויף דער גאַס איז געווען ראַשיק, געפילדערדיק און פאַרשמייעט, אַזוי איז דער שבת דאָרטן געווען אַ שטיל־רואיקער, אַ געמיטלעכער, אַ שבת־קודש־דיקער: אויף די גאַסן האָט דאָס שבתדיקע יידישקייט אויסגעשפּרייט זיך

אין איר גאַנצער פּראַכט, אומגעשטערט פאַר זיך אָדער אַנדערע . . .

גייען יידן שבת פון די קלויזן, שמועסן צווישן זיך געמיטלעך. זייערע לאַנגע קאַפּאָטעס צעפלאָסן; אויף זייערע קעפּ — יאַרמעלקעלעך אָדער מאָדנע קליינע היטעלעך, קאַשקעטלעך, ווי ספּעציעל צוגעשניטן פאַר זיי. אַנדערע יידן, מיט טליתים אויף די אַקסלען, מיט ווייסע זאָקן און לאַטשן, האַלבע שיך. די יונגערע מיט צעפלאַטערטע ארבע־כנפות, שפּאַצירן זיך איבער די ברייטע גאַסן, מיט זייער אייגענעם דרך. סע גייט זיי ניט אָן דער דרויסנדיקער גויאישער אַרום, ווילן זיך צו אים ניט צופּאַסן, איגנאָרירן אים אינגאַנצן און פירן זייער אייגן חסדיש לעבן...

פאַר יואלן איז דאָס אַלץ געווען אויסטערליש ניי און סע האָט גע־מאַכט אויף אים אַ באַזונדער מאָדנעם איינדרוק... אויך אין דער היים האָט ער געזען פרומע יידן; זיין אייגענער פאָטער, ר׳ יוחנן, איז אויך געווען אַ פרומער ייד און אַ בעל־תפילה אפילו, אָבער דער דרך זייערער איז געווען אַן אַנדערער, אַ מער רעזערווירטער, אַ שטילער. גיכער האָט עס אויסגעזען ווי אַ דרך לויט דער משכילישער פאָרמולע — „אַ ייד אין שטוב און אַ מענטש אין גאַס.״ דאָ אין וואַרשע האָט עס צו יואלן אויס־געזען אַזאַ מין שטייגער לעבן, אויסטערליש־עקזאָטיש... ער האָט ניט געקענט ביי זיך פּאַסן אַ באַשטימטע מיינונג וועגן די דאָזיקע יידן: צו זאָל ער זיי פאַרהערלעכן, באַוואונדערן; צי זאָל ער זיי גאָר האַלטן פאַר ניט ציוויליזירט, האַלב אַזיאַטיש . . .

איינס באַשטימט האָט ער יאָ ביי זיך אין געדאַנק וועגן זיי געטראַכט, אַז אַזעלכע עלעמענטן וועלן זייער ווייניק נוצן ברענגען דער וועלט־רעוואָלוציע. זיי זיינען אַ וועלט פאַר זיך און ווילן אפילו ניט האָבן קיין מגע־ומשא מיט אַנדערע פעלקערשאַפטן. זיי קען מען ניט אַריינגעמען אינם כלל פון דער פּראָלעטאַריזאַציע. דער לאָזונג: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אייך״ וועט זייערע אויערן ניט דערגרייכן. ווען די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט קומען, די ענדלעכע טעג פון דין־וחשבון, וועלן אַזעלכע ווערן אַ פּראָבלעם, אַ קלאַס פון דעקלאַסירטע. אָבער... אַזוי ווי די גרויסע האָפענונגספולע סאָציאַלע רעוואָלוציע אין וועלכער ער האָט געגלויבט באמונה שלמה, אַז זי וועט לייזן אַ ל ע, פון די שווערסטע ביז די קלענסטע פּראָבלעמען אין דער וועלט, וועט זי אָט־דעם יידיש־דעקלאַסירטן פּראָבלעם אויך לייזן . . .

פאַר דער קורצער צייט פון זיין זיין אין וואַרשע האָט ער ניט געהאַט

די געלעגנהייט און די צייט זיך צו באַגעגענען מיט די אויפגעקלערטע אַרבעטער און רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן. אַוועקגעפאָרן איז ער פון דער היים ניט זאָגנדיק קיינעם און געקומען איז ער אויך אַהערצו ניט צו דערקענען זיך צו קיינעם. דאָס איז געווען אַ פּריוואַטער פאַמיליע ענין, וואָס ער האָט געדאַרפט דורכפירן שטיל, אָן דעם וויסן פון זייטיקע...

פאַר די עטלעכע טעג ביז וואַנען ס'איז דורכגעגאַנגען דאָס איבער־פעקלען צבי פּנחסן איבער דער גרענעץ איז ער איינגעשטאַנען ביי דעם מעקלער יאָסעלע ווישניאַק. דאָס הויז זיינעס, ווי געזאָגט, איז געווען אַ באַלעבאַטישע, מע קען זאָגן אפילו אַ פאַרמעגלעכע: פרייטיק־צו־נאַכטס לכבוד שבת האָט ער „געפּראַוועט טיש." ביים טיש זיינען תמיד געווען אורחים, אַ פּאָר יידישע סאָלדאַטן, קאַנדידאַטן אַריבערצופּעקלען דעם גרעניץ. עסן איז געגעבן געוואָרן מיט דער ברייטער האַנט, כיד המלך. אַפּנים, אַז אָט־די פּרנסה האָט זיך אים באַצאָלט ברווח.

צבי פּנחסן, דעם ברודער, האָט ער געהאַט די געלעגנהייט צו זען בלויז אַ פּאָר מאָל, ביים באַגעגענען זיך און ביים געזעגענען. און ווען ער איז אַריבער די גרענעץ בשלום, האָט יואל זיך תיכף גרייט געמאַכט אַהיים צו פאָרן. קודם איז ער נאָך געווען אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי, וואו ער האָט געדאַרפט יעדע וואָך זיך ווייזן דאָרטן און רעגיס־טרירן זיך; צווייטנס, האָט ער איבערגעלאָזט אין דער היים אַ קראַנקן טאַטן, און אויך די מאַמען, די פּרנסה פאַרזאָרגערין, אַליין, אָן עמיצנס הילף. איז ווי שטאַרק אים האָט זיך געוואָלט באַקענען זיך מיט וואַרשע, האָט ער דאָך ניט געקענט דערלויבן זיך צו בלייבן דאָרטן לענגער.

ער האָט זיך זיך צעצאָלט און זיך געזעגנט מיט יאָסעלע ווישניאַק, זיין ברודערס מלאך־הגואל, און האָט זיך פאַרנומען צוריק אַהיים...

קאַפּיטל דרייצן

ווען יואל האָט פאַרענדיקט זיין שליחות אין וואַרשע, האָט ער תיכף גענומען די באַן אויף צוריק צו זיין היים־שטאָט, זשיטאָמיר. אַראָפּגייענדיק אויף דער אומבייט־סטאַנציע „בי", אַ פּופצן וויאָרסט פון דער היים, האָט ער צו זיין איבערראַשונג געטראָפן דאָרטן אַן אויסער־געוויינלעך גרויסן יידישן עולם פון זיין שטאָט. אַריינקומענדיק אין

וואַקזאַל איז זיין פאַרוואונדערונג נאָך מער געוואַקסן; ער האָט מיטאַמאָל דערזען אַ צאָל באַקאַנטע פּנימער און אפילו קרובים און אויף אַלעמענס געזיכטער האָט זיך געמערקט אַן אומרו און אַ דערשיטערונג . . .

דאָ האָט ער דערזען זיין פעטער שוואַרצבאַרד, דער גביר־אדיר, און זיין מומע רייזעלע מיט אַן אייניקל זייערס. צוגיין נאָכפרעגן זיך: מה זאת?! וואָס איז דאָ פאַר אַן אַנלויף, האָט ער ניט געוואָלט, מחמת זינט דער „עקספּראָפּריאַציע", וואָס זיין גרופּע האָט אויף זיי געמאַכט, האָט ער עפּעס זיך געפילט אַ שולדיקער קעגן זיי. אויך אַנדערע האָט ער דאָ באַמערקט צווישן עולם: דעם הער וויינערמאַן, דער ערשטער באַלע־באָס זיינער, דער דרוקער, און זיין משפּחה; דעם שיינעם תכשיט, וואַלאַ־דיע, מיט זיין מוטער, ביילקע, און אַ צאָל אַנדערע באַלעבאַטישע פאַר־מעגלעכע משפּחות מיט די קינדערלעך, און... צווישן זיי אַלעמען, צו זיין גרויסער איבערראַשונג, האָט ער אויך דערזען אַנאַן . . . זיין יונגע, שיינע באַלעבאָסטע, וועלכע איז זעלטן אַפּגעטראָטן פון זיין דמיון . . .

זיין ערשטער אימפּולס איז געווען, צולויפן צו איר פרעגן, ווי קומט זי אַהער?! עפּעס האָט אים אָבער צוריקגעהאַלטן. ער האָט געוואַרט ביז וואַנען זי וועט אים דערזען, און אפשר וועט זי אים אַ רוף טאָן צו זיך, אָדער גאָר צוקומען צו אים. ער האָט אַ פרעג געטאָן ביי אַ יידן, אַ בן־עיר: וואָס איז געשען, וואָס אַזויפיל היימישע שיינע באַלעבאַטים געפינען זיך דאָ מיט איינמאָל?! דער ייד האָט אים דערציילט מיט אַלע פּרטים וועגן דעם איבערפאַל פון די כוליגאַנעס ביי זיי אין שטאָט, וואו די זעלבסטשוץ האָט איינעם פון די ווילדע רוצחים דערשאָסן אין פאַר־טיידיקונג, און צוליב דעם טאַקע איז די שרעק פאַר אַ פּאַגראָם געוואָרן זייער גרויס, און ווער ס'האָט נאָר געהאַט די מעגלעכקייט איז פון שטאָט אַנטלאָפן, ביז דער געטומל און אומרו וועט אַריבער.

אַנאַ האָט מיטאַמאָל, פון איר אָרט וואו זי איז געשטאַנען, דערזען יואלן. זי איז מיט אימפּעט צוגעלאָפן צו אים, זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט ווי מיט אַן אבן־טוב, ווי מיט גאָר אַ נאָענטן פריינד. פאַר גרויס פרייד האָט זי אים אַ קוש געטאָן. פון יענעם מאָמענט אָן האָט זי אים ניט אָפּגעלאָזן פון זיך. פון צווישן אַלע מענטשן פון דעם געדרענג איז ער דאָך געווען איר סאַמע נאָענטסטער, כמעט אַן אייגענער. יואל, ווי דער מאַנצביל, האָט דאָ געדאַרפט שפּילן די ראָל פון איר באַשיצער און באַגלייטער.

הייסט עס, אַז אויך זי, האָט דער מאַן אירער, איר אייביקער שקלאַף, אַוועקגעשיקט אַהערצו, ביז וואַנען די אומרו און שרעק פאַר אַ פּאָגראָם וועט פאַריבער — האָט יואל אין זעלביקן מאָמענט אַ טראַכט געטאָן.

אַנאַ איז מער־ווייניקער פריי געווען אין איר פערזענלעכן לעבן. זי האָט ניט געהאַט קיין באַזונדערע שטערונגען מצד איר מאַן, רפאל מאַגיד. קודם איז ער כסדר געווען פאַרנומען מיט דאגות פרנסה, און האָט איר בכלל אַלץ נאָכגעגעבן. פונדעסטוועגן האָט זי זיך איצט געפילט גאָר אייפערדיק און אויפגעלייגט, ווי אַ באַפרייטע פון וועלכע עס איז עולן און אַחריותן.

— כ'בין איצט אַ פרייער מענטש, יואל — האָט זי אויפגעאָטעמט און אַרויסגעפּליסטערט. — כ'דאַרף דאָ קיינעם קיין פאַרענטפערונג נישט געבן. כ'קען גיין וואו איך וויל און קומען ווען איך וויל, פריי פון פליכטן צו עמיצן... אַ, ווי גוט ס'איז פריי צו זיין ! . . .

— גוט וואָס דו ביסט דאָ, יואל — האָט אַנאַ נאָך אַלץ דריקנדיק זיין האַנט געזאָגט: — ס'איז אומעטיק צו זיין אַליין אין אַ פרעמדער שטאָט . . . בלייב דאָ מיט מיר, יואל, ביז דער טומל און גערודער וועט אַריבער, וועלן מיר דערנאָך ביידע צוזאַמען זיך אַהיים אומקערן...

יואל איז געבליבן שטיין אַ שווייגנדיקער, אַן אומרואיקער, אַ ניט אַנטשלאָסענער וואָס איר צו ענטפערן אויף דעם מאָמענט. אירע פריינד־לעכע אינטימע רייד האָבן יואלן אַביסל ווי צעטומלט און אויך גערירט... פאַרשיידענע געדאַנקען, מחשבותן און פאַנטאַזיעס האָבן זיך מיטאַמאָל גענומען וועבן אין זיין מוח און ווי געשפּרונגען איינער איבערן אַנדערן...

ער, זי, אין אַ פרעמדער שטאָט... ווייט פון דער היים... פאַר אים איז אויפגעגאַנגען יענער אינטימער מאָמענט מיט איר ביי איר אין סאַליע... אירע צערטלעכקייטן צו אים האָט אים דאַן שיער ניט משוגע געמאַכט... דער קאַמף וואָס ער האָט מיט זיך געהאַט, זיין אַנטלויפן פון איר און פון זיך... דאָס דאַזיקע בילד האָט אים ווי געשווינדלט פאַר זיינע אויגן... און דאָ פלוצלינג, אַזוי אומגעריכט, אַזוי אומדערוואַרטעט... ווי אַן אומזיכטבאַרע האַנט וואָלט זייער גורל צוזאַמענגעפירט... זיכער איז עס געווען פאַר אים דאַן אַ גרויסער נסיון... און איצט פילט ער ווי דער נסיון איז נאָך גרעסער שוין צוליב דעם אַליין, וואָס זיי זיינען דאָ ביידע פריי, אָן מורא, אומגעשטערט פון קיינעם . . .

דאָך האָט ער געפילט אין אָט־די געציילטע מאָמענטן, ווי זיך אַרויס־

צורייסן פון דעם לאַבירינט פון געמישטע געפילן. אויך איצט האָט ער געוואָלט, ווי זיין טבע איז געווען, פאַנאַנדערקלייבן זיך אין דעם קנויל פון געדאַנקען וואָס האָט אים אַרומגענומען וועגן אַנאַן. הגם אין דעם איצטיקן מאָמענט איז זי געווען כמעט דער צענטער פון זיין דענקען, האָט ער אָבער תיכף ניט געענטפערט אויף אירע בקשות, אַנבאָטן און אָנצוהערעניש... מחמת גלייכצייטיק האָט אויך אין זיין מוח אים געעגבערט אַ צווייטער געדאַנק, וואָס האָט אים ניט צורו געלאָזט — זיין היים . . . וואָס טוט זיך דאָרט איצט? וואָס איז מיט זיין פאָטער, וועלכן ער האָט איבערגעלאָזן אַ קראַנקן נאָך פאַר זיין אַוועקפאָרן? און ווי שווער ס'איז פאַר דער מוטער זיינער, וואָס דאַרף אַלץ אויף אירע קראַנקע פּלייצעס איבערטראָגן.

דער געדאַנק צו פאָרן אַהיים ווי אַמגיכסטן האָט אים אין דער זעלביקער צייט שטאַרק באַאומרואיקט. וואָלט יואל געוואוסט וועגן זיין פאָטערס טויט, וואָלט ער אויף קיין איין מאָמענט ניט געספקט און וואָלט אפילו צופוס געלאָפן אַהיים, כדי צו זיין ביי דער זייט פון זיין ליבער מוטער, טיילן דעם צער און טרויער מיט איר צוזאַמען...

יואל מיט אַנאַן זיינען דערנאָך, האַנט אין האַנט, אַרויס פון וואָקזאַל, וועלכער איז געווען איבערגעפּאַקט מיט יידן, יידענעס און קינדער. דער טומל און געפילדער איז געווען אַ גאַנץ היפשער אינעווייניק, כאָטש די געמיטער ביי אַלעמען זיינען געווען זייער אומרואיקע און געדריקטע.

זיי זיינען שטיין געבליבן אין פרייען דרויסן אויפן באַן־הויף און פרייער אָפּגעאָטעמט. די לופט איז געווען אַ פרישע, אַ פרילינגדיקע, ווי אין אַ העלן פרילינג־טאָג. די זון האָט געוואָרפן מיט וואַרעמע שטראַלן אויף אַלץ און אַלעמען, און איבער אַלץ האָט דער הויכער באַגילדעטער קופּאָל ווי זיך געריסן מיט זיין צלם־שפּיץ צו די בלויע הויכקייטן . . . זיי האָבן מיטאַמאָל דערזען אַ בילד וואָס האָט פאַרכאַפּט זייערע אויגן, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט עס צו באַוואונדערן:—

אַ גאַנצע סטאַיע ווייסע טייבעלעך, אין אַ ראַנד, האָבן מיט האַסטיקע באַוועגונגען, אונטערשפּרינגענדיק מיט זייערע אַש־ראָזעווע דינינקע פיסעלעך, אויסגעכאַפּט מיט זייערע שאַרפע שנאָבעלעך יאָדרעס און קאָרן־זוימעלעך, וואָס אַן אַלטער אויסגעדינטער סאָלדאַט האָט אַלעמאָל צו זיי אונטערגעוואָרפן. אויך זיינען אַ פּאָר געוואַגטערע טייבעלעך, אַן שרעק און אָן פלאַטער, געשטאַנען אויףביידע אַקסלען פונם אַלטן און האָבן

פון זיין זשמעניע די זוימען אויפגעכאַפּט, וואָס ער האָט פון מאָל צו מאָל זיי אונטערגעטראָגן.

יואל האָט שטיל באַטראַכט דאָס דאָזיקע בילד. ער האָט באַוואונדערט די רואיקייט, די אידילישע פרידלעכקייט פון דעם גאַנצן אַרום. אַ בילד פון „שטיל־לעבן", האָט ער ווי טראַכטנדיק אין דער הויך, צו זיך באַמערקט . . .

— דאָ און דאָרטן . . . אין דער היים איצט, ווער ווייסט וואָס אין דעם מאָמענט קומט דאָרטן פאָר? די ווילדע בעסטיעס האָבן זיך שוין מסתמא ווידעראַמאָל צעיושעט און באַפאַלן אומשולדיקע מענער, פרויען, קינדער און זקנים ; רויבן, שענדן און מאָרדן. ווידער האָט אים מיטאַמאָל אַרומגעכאַפּט אַן אומרואיקער געפיל: ל ו י פ ן ! לויפן תיכף אַהינצו.

— וואָס טו איך דאָ ? ! וואָס שטיי איך דאָ אין אָט־דער אידילישער אַרומיקייט, ווען דאָרטן וואַרט מען אויף מיר, דאַרף מען מיך האָבן ! . . . האַרץ־רייסנדיקע געשרייען און קלאָגן בעטן הילף און איך דאָ . . .

מע האָט אים געזאָגט אַז אויך דער „דיליזשאַנס" גייט היינט ניט אָפּ, צוליב דער גרויסער בהלה . . . — איז אפשר זאָל איך גאָר גיין צופוס?! מיט אַ שנעלן טראָט וועל איך אפשר נאָך היינטיקע נאַכט קענען אַהיים אָנקומען... דער וועג איז איצט אפילו זייער ריזיקאַליש. אויף די וועגן און שליאַכן לויערן איצט די ווילדע רוצחים, אָנגעזאַפּט מיט שנאה, מיט האַס צום יידן, און שנאה, אומוויסנקייט, ווייסט ניט פון קיין גבול און מאָס, ווייסט ניט פון לאָגיש דענקען... הרגענען זיי, די אומוויסנדיקע, מאָרדן און רויבן; מעגסט אפילו אַליין זיין אָרעם ווי זיי, אָן אַ פרוטה ביי דער נשמה, וועלן זיי דיך אומברענגען סיי־ווי, מחמת ביסט אַ ייד... ביי אַ סך פון זיי איז עס אַ „ספּאָרט"־זאַך געוואָרן, סתם אַ לוסט צו הרגענען... גייט איצט אַרום ק י ן פראַנק און פריי, און ווי נאָר ער באַגעגנט איינעם מיט אַן ה ב ל ־ צייכן, איז ער אים גרייט צו ממיתן...

דער געדאַנק אַז אין דער היים גיסט זיך איצט יידיש בלוט און אַז דאָס ביסל האָב־און־גוטס פון דער אָרעמשאַפט ווערט איצט צעפּלינדערט האָט אויף קיין מאָמענט אים ניט אָפּגעלאָזט. די רייכע, האָט ער אַ טראַכט געטאָן, האָבן זיך מסתמא באַוואָרנט, און אויב אפילו מע וועט ביי זיי יאָ אויסראַבעווען, וועלן זיי נאָך אַלץ האָבן מיט וואָס זיך צו באַנייען. וואו וועלן אָבער די אָרעמע נעמען אַ קישן דעם מידן קאָפּ אַוועקצולייגן? אַ בענקל? ווען דאָס לעצטע ווערט ביי זיי אַוועקגערויבט? אָט זעסטו

דאָך — האָט ער ווי מיט זיך אַליין גערעדט — זיי, די פּאַרמעגלעכע, זיינען גאָר אַנטלאָפן פון דער סכנה, כדי צו ראַטעווען דעם נפש; די אָרעמע אָבער זיינען געבליבן אין שרעק און אויף גאָטס באַראָט! איז ווער זאָל זיי העלפן ? . . .

— יאָ, די זעלבסטשוץ דאַרף מיך דאָרטן האָבן... און איך דאָ, אַ זיכערער, מיט אַנאַן ביי מיין זייט . . .

— אַ שיין פּנים האָט עס — האָט ער זיך פאַרגעוואָרפן, זיך אַליין געמוסרט... ער האָט מיטאַמאָל זיך דערפילט קליין אין זיינע אייגענע אויגן... אים האָט זיך איצט געדאַכט, אַז אויך ער איז פון די וואָס זיינען אַנטלאָפן פון דאָרטן, פון דער געפאַר; אַז אויך ער זוכט די באַשיצונג, זיכערונג און רעטונג... איז עס ניט קיין צביעות, אַ פאַלשקייט פון מיין זייט ? . . .

אין דעם מאָמענט האָט ער מיטאַמאָל אַ קער געטאָן זיינע אויגן צו אַנאַן און דורכדרינגלעך זי באַטראַכט, ווי ער וואָלט וועלן עפּעס אַראָפּ־לייענען פון איר פּנים: וואָס איז איר טראַכטעניש אין איצטיקן מאָמענט? לעבט זי אויך איבער אַן אומרואיקייט, אַ ראַנגלעניש מיט זיך, ווי ער?...

איר איילבירט־מאַטאָווער שיין פּנים איז באַהעלט געווען מיט אַ זוניק־רואיקער צופרידנקייט. קיין צייכן פון שווערע איבערלעבונגען אָדער אַן אומרו האָט ער אויף איר געזיכט ניט באַמערקט. אַזוי ווי אָט־דער גרויסער יידישער אומגליק האָט זי איצט ניט באַרירט און האָט צו איר גאָר קיין שייכות ניט. אמת, קיין פערזענלעכן זאָרג אין לעבן האָט זי קיינמאָל ניט געהאַט; קיין קינדער אין דער היים ניט איבער־געלאָזט; זאָרגן פאַר עמיצן, אַן אַנדערן, איז בכלל ניט געווען אין איר נאַטור אָדער טבע. מע האָט דאָך כסדר געזאָרגט פאַר איר, כסדר איר נאָכגעגעבן! . . . און דאָ איז זי איצט אַליין, פריי פון מאַן, פריי פון משפחה, און וואָס מער פון אַלץ, דער צופאַל אָדער גורל האָט נאָך אַזוי איר צוגעשפּילט, אַז אָט־דער יונג, יואל, צו וועלכן זי איז לעצטנס גאָר נישט גלייכגילטיק, זאָל זיך מיט איר דאָ צוזאַמענטרעפן! . . .

אויך אַנאַן איז איצט דורכגעלאָפן אין איר מוח אַ דערמאָנונג, אָבער פון אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער. זי האָט אַרויסגערופן אין איר געדאַנק יענע באַגעגעניש מיט יואלן, ווען זי איז מיט אים געווען אַליין אין איר סאַליע . . . אָ, ווי נאָענט זי איז שוין געווען מיט אים . . . וואָס זי קען ביז היינט ניט פאַרשטיין, ווארום האָט דעם יונג דאַן אַרומגעכאַפּט אַזאַ

מורא און ציטער?! מאָדנע און אומפאַרשטענדלעך איז ער צו איר געווען... ביז היינט־צו־טאָג קען זי עס נאָך אַלץ ניט באַנעמען אָט־די האַנדלונג זיינע. זי איז דאַן גרייט געווען פאַר אים מיט אַלץ . . . אויף דאָס העכסטע וואָס אַ פרוי פון איר שטאַנד קען זיך דערלויבן, און וואָס אַ מאַנצביל, ווער עס זאָל ניט זיין, וואָלט זיך נאָר געקענט ווינטשן, מיט אַזאַ שענקונג פון אַ שיינער פרוי באַגליקט צו ווערן ! . . . און דאָך האָט ער זיך פון איר ווי מיט געוואַלד אַרויסגעריסן, אַנטלאָפן . . . ווי יוסף הצדיק פון זיין האַרינטע . . . זי האָט זיך דאַן געפילט אַנטוישט און באַליידיקט. אָבער איצט האָט זי אים פאַרגעבן. כאָטש זינט יענעם מאָמענט האָט זי ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן אַ מעגלעכער באַגעגעניש מיט אים און האָט צו אים געפילט די גאַנצע צייט אַ הונגער פון אַ ניט געזעטיקטן, איבערגעריסענעם סענסועלן באַגער... איר נייגעריקער באַגער צו יואלן האָט זיך ביי אָט־דער באַגעגעניש נאָך מער צעשפּילט . . . דאָ אָבער האָט זי מיט צופרידנקייט אַ טראַכט געטאָן, איז ער אוודאי אַנדערש... דאָ האָט ער ניט קיין סיבות צו פלאַטערן און מורא האָבן ! יאָ, עפּעס ווי ס'איז אַנגעצייכנט געוואָרן פון ערגעץ, אַז זיי זאָלן זיך דאָ אין אַ פרעמדער שטאָט צוזאַמענטרעפן, אומגעשטערט פון קיינעם, אָן מורא פאַר עמיצן...

אַ פריידיקע, דערהויבענע דערוואַרטונג האָט זי געפילט און פאַר־אויסגעזען, און די דאָזיקע סענסועלע פרייד איז געווען אויף איר צופרידן פּנים ווי אויסגעגאָסן... מע האָט עס ממש געקענט אַראָפּלייענען פון איר געזיכט, פון די ווינקלען פון מויל, פון אירע זאַפטיקע, קאַרמין־רויטע ליפּן . . .

יואל האָט מיטאַמאָל ווי אויפגעכאַפּט זיך פון אַ פּלוצלינגן בליציקן געדאַנק. ער האָט אַ נעם געטאָן אַנאַן ביי דער האַנט און דרייסט צו איר אַ זאָג געטאָן:

— קומט מיט מיר, אַנאַ, מיר'ן אַריינגיין אָט־דאָ ניט ווייט פון דאַנען, אין אַ קעלער־רעסטאָראַציע און פריער פון אַלץ עפּעס איבערכאַפּן, עפּעס אָפּעסן. דערנאָך וועלן מיר שוין זען וואָס מ'קען טאָן. שטיין דאָ און קוקן אויף די שיינע טייבעלעך האָט ניט קיין זין, און ס'איז פּשוט אַן עבירה די טייערע צייט צו פאַרלירן . . .

יואלס פּלוצלינגדיקע אַנטשלאָסנקייט און אויפלעבונג האָט אַנאַן איבערראַשט און זי איז ווי מיטאַמאָל אויפגעלויכטן... זי האָט זיך איצט משער געווען, אַז אַן אינערלעכער איבערבייט אין יואלן איז איצט פאַר־

געקומען; ער האָט ענדלעך איינגעזען די זינלעכקייט פון זייער פרייען מאָמענט. ענדלעך האָט ער זיך באַפרייט פון דעם האַרבן געמיט־צושטאַנד וואָס האָט אים כסדר געהאַלטן אין צאַם און אין קלעם... זי האָט איצט די סיבה פון יואלס לעבעדיקע באַוועגלעכקייט אויפגעפּאַסט איינגאַנצן אַנדערש ווי יואל האָט אין דער אמתן געפילט. יואל איז געטריבן געוואָרן צו זיין איצטיקער אַנטשלאָסנקייט און האַנדלונג פון אַ גאַנץ העכערן מאָטיוו און דראַנג. זיין געדאַנקען־גאַנג איז געוועזן איינגאַנצן אַן אַנדערער און ווייט ניט אין אוניסאָן מיט אירע איצטיקע מחשבותן און געפילן. אויב ס'איז אים דורכגעלאָפן מאָמענטאַנע זינדיקע מחשבות וועגן אַנאַן, האָט ער זיי געזוכט מיט זיין גאַנצן כוח הדמיון צו פאַרטרייבן, אונטער־דריקן אין זיך.

ער האָט געפילט ווי ער הערט איצט די בלוטיקע וויגעשרייען פון אומשולדיקע קרבנות; זיין בלוט האָט אין אים געזאָדן קעגן דעם אומרעכט און פאַרברעך וואָס ווערט באַגאַנגען קעגן אַ הילפלאָזער געמיינדע יידן אין זיין היים־שטאָט. דער געפיל און ווילן צו זיין דאָרטן מיט זיי, אפשר וועט ער עמיצנס אַ וואונד קענען היילן, אַ לעבן ראַטעווען, בלוט־פאַרגיסונג פאַרמיידן! אָט־דער געפיל אין דעם מאָמענט איז געוועזן ביי אים דער אַלערהערשנדיקער, דער שטאַרקסטער און עמאָציאָנעלסטער; שטאַר־קער ווי דער קערפּערלעכער, סענסועלער באַגער זיינער צו אַנאַן. כאָטש איר פּרעכטיקער שיינער געשטאַלט נעבן אים האָט אים ניט ווייניק גערייצט און אַזוי פיל פריידיקייט און גליק צוגעזאָגט . . .

זיי זיינען צוגעקומען צו דער רעסטאָראַציע, יעדער פאַרנומען מיט באַזונדערע געדאַנקען און געפילן... אַרונטערקומענדיק אין דער קעלער־רעסטאָראַציע, האָבן זיי אויך דאָרטן געטראָפן אַן אויפטרייסלענדיקע אומ־רואיקייט צווישן די אַנוועזנדיקע. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל און באַטראַכט דעם אַרום, די מענטשן, און אויך דערפילט די שטימונג...

ווען דער קעלנער איז צוגעקומען צו זייער טישל, האָט יואל אים געהייסן דערלאַנגען זיי אַ מאָלצייט. אין דעם זעלביקן מאָמענט האָט ער אויך באַמערקט ווי אַ קליינע גרופּע יונגעלייט זיינען געשטאַנען אין אַ ווינקל פון רעסטאָראַן און מיט אומרו און אייפער ערנסט צווישן זיך גערעדט. פון אַן אויפגעכאַפּטן וואָרט וואָס ער האָט דערהערט פון דעם געזעמל, האָט ער שוין פאַרשטאַנען אַז זיי ריידן וועגן דער פּאָגראָם־שטימונג אין זיין היים־שטאָט און אַז די יידן דאָרטן זיינען איצט אין איין

גרויסער שרעק און יאוש . . . צווישן דעם געזעמל פון די יונגעלייט האָט ער מיטאַמאָל אויך באַמערקט אַ באַקאַנטן פון זיין שטאָט, חבר שמולעק דער קאָסאָקער, אַן אַקטיווער זעלבסטשוצלער... יואל איז תיכף צו אים צוגעלאָפן אויסצוגעפינען מערערע פרטים וועגן דעם גאַנצן ענין.

שמולעק האָט אים אַלץ דערציילט, און אַז ער איז ספּעציעל געשיקט געוואָרן אַהער בעטן הילף, וואָלונטירן, און געוווער אויב מעגלעך. ער האָט דערנאָך פאַרגעשטעלט יואלן פאַרן געזעמל, ווי איינער פון דער זעלבסטשוץ. יואל האָט זיך דערוואוסט פון זיי, אַז זיי שטעלן צוזאַמען איצט אַן אַטריאַד פון פופצן פערזאָן. די פופצן וועלן זיך פאַנאַנדערטיילן אין דריי קליינע גרופּן צו פינף פּערזאָן, און וועלן נאָך היינט אַרויסלאָזן זיך צופוס דורך באַזונדערע וועגן, כדי ניט צו ציען אויף זיך קיין צו גרויסן אויפמערק. אויב ס׳וועט געלינגען אַ פור אויפן וועג באַגעגענען איז מה טוב, וועלן זיי אָנקומען נאָך שנעלער און קענען באַהילפיק זיין די דאָרטיקע זעלבסטשוץ. די וואָלונטירן זיינען באַוואָרגט געוואָרן מיט רעוואָלווערן, שווערע בלייענע הענטלעך און מעסערס פאַר דער פאַר־טיידיקונג . . .

יואל האָט תיכף זיך אָנגעבאָטן מיטצוגיין מיט איינער פון די גרופּעס. ער איז נאָכדעם צוגעקומען צום טישל, וואו אַנאַ האָט מיט אומגעדולט געוואַרט אויף אים מיט דעם מאָלצייט. ער האָט שווייגנדיק און מיט איילעניש אָפּגעכאַפּט דאָס עסן... אַנאַ האָט נאָכגעפאָלגט שווייגנדיק זיין איצטיקע אומרואיקייט און די פלוצלינגע אויפּאייטערקייט אין אים. זי האָט אינטואיטיוו געפילט אַז עפּעס ערנסטעס וועט דאָ באַלד געשען מיט אים . . .

יואל האָט טאַקע נאָכן לעצטן ביסן אין מויל זיך אויפגעהויבן פון פּלאַץ, ערנסט און דרייסט אַ זאָג געטאָן:

— ס׳טוט מיר לייד, אַנאַ, פליכטן רופן מיך, הייליקע מענטשלעכע פליכטן... לענגער דאָ מיט אייך קען איך בשום אופן ניט פאַרבלייבן... און ער איז תיכף אַוועק מיט דער גרופּע „פוסגייער" נאָך זיין היים־שטאָט.

* * *

אונטערן שטאָט, אויף יענער זייט טייך, ווי ס׳טיילט אָפּ די יידישע אָרעמע שכנהשאַפט פון דער גויאישער, האָט דאָס גרויסע אומגליק געטראָפן . . . איין גרופּע פון די „פוסגייער"־זעלבסטשוצלער זיינען

אַרײַנגעקומען אין שטאָט דורך דער גויאישער זײַט. אַ באַנדע ווילדע כוליגאַנעס זײַנען באַפאַלן די פינף יונגעלײַט, נאָך אײדער זײ האָבן געהאַט די מעגלעכקײט אַריבערצוגײן דעם האַלב־טרוקענעם טײַך צו דער ייִדישער אָרעמשאַפט.

אַ בלוטיקער מערדערלעכער געשלעג איז פאָרגעקומען. פינף ייִדישע בחורים קעגן אַ פיל גרעסערער צאָל אָנפאַלער. אמת, אויך פון די רוצחים זײַנען געפאַלן אַ פּאָר קרבנות, אָבער לעבעדיק זײַנען די פינף קדושים שוין ניט געבליבן. זײ זײַנען אַרומגערינגלט געוואָרן פון דער מערדער־באַנדע און זײַנען איבערמעכטיקט געוואָרן פונם שונא. די פינף קדושים זײַנען אַזוי מערדערלעך, אַזוי שוידערלעך געפּײַניקט און צעממיתט געוואָרן, אַז ס'איז שווער געווען זײ צו דערקענען. ווען די פּאָליצײ איז נאָכדעם אָנגעקומען, איז שוין קײנער פון דער באַנדע ניט געבליבן, חוץ די טויטע פּאָר כוליגאַנעס און די פינף מאַרטירער־קדושים . . .

מיט זײער בלוט, מיט זײער לעבן האָבן זײ טאַקע אָפּגעשטעלט דעם ווײַטערן אָנגריף אויף דער ייִדישער באַפעלקערונג, אויף וועלכער מע האָט גאַנץ ערנסט געריכט זיך די לעצטע עטלעכע טעג. מיט זײער טויט האָט זיך פאַרענדיקט דער בלוטיקער ספּעקטאַקל! די שרעק און מורא פאַר נאָך אַ פּאָגראָם האָט זיך לעת־עתה אַביסל אײַנגעשטילט.

די פינף קדושים האָט די זעלבסטשוץ אַריבערגעבראַכט פון דער גויאישער זײַט, פון יענער זײַט טײַך, אויף דער ייִדישער זײַט. די גאַנצע אָרעמשאַפט, די אַרבעטערשאַפט, די קרעמער, יונג און אַלט, זײַנען נאָכדעם אַרויס אין גאַס צו דער גרויסער לוויה, ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער פינצטערער רעאַקציאָנערער מאַכט, וועלכע האָט דערפירט צו אַזאַ טרויעריקן בלוטיקן מצב.

עס זײַנען געהאַלטן געוואָרן הספדים איבער די פינף מאַרטירער, סײ בײַם גרויסן בית־המדרש און סײ אויפן בית־עולם בײַם קאָלעקטיוון קבר זײערן. רעדנער זײַנען געווען דאָרט פון אַלע ריכטונגען, און... אפילו אין אָט־דעם בלוטיק־טרויעריקן מאָמענט האָבן די פּאַרטײ־רעדנער פונדעסטוועגן ניט פאַרפעלט צו שלאָגן אַביסל פּאָליטישן קאַפּיטאַל פאַר זײערע פּאַרטײען... אײנער האָט אָנגעוויזן, אַז דער קדוש זאַנוויל שוסטער האָט אָנגעהערט צו זײַן פּאַרטײ, און אַן אַנדערער האָט עס נאָך מער פאַרשטאַרקט און באַטאָנט, אַז נאָר די פּאַרטײ, אין וועמענס נאָמען ער

האָט דעם כבוד צו ריידן, האָט געקענט אַרויסגעבן אַזאַ קעמפער און מאַרטירער ווי וואָווקע דער בענקלמאַכער. . .

יואל, ווי שוין דערמאָנט, איז געווען איינער פון אַ גרופּע פון די „פּוסגייער", וועלכע זיינען צום גליק אָנגעקומען בשלום אַהיים, דורך אַנאַנדער וועג און האָבן אויסגעמידן דעם בלוטיקן צוזאַמענשטויס. שווער און צעבראָכן איז אים געווען זיין האַרץ, דערהערנדיק די שלעכטע, טרויעריקע בשורה פון זיין פאָטערס טויט. ווי שטאַרק ער האָט זיך מצער געווען פון זיין פּערזענלעכן אומגליק, וואָס ער האָט די מוטער זיינע געטראָפן אין אַזאַ טרויעריקן מצב, אַן עלנטע, אַ צעבראָכענע, און פון גרויס עגמת־נפש איז זי פאַר די פאַר וואָכן שטאַרק פאַרעלטערט און גרוי געוואָרן, אַז ער האָט שיעור ניט צוזאַמענגעבראָכן, דאָך האָט ער געזוכט די מאַמע זיינע צו טרייסטן, באַרויקן:

— מאַמע טייערע, ס'איז אונדזער אַלעמענס אומגליק! דער צער און טרויער איז אַן אַלגעמיין יידישער. וויפיל האָט געפעלט אַז אויך איך זאָל געווען זיין צווישן די מאַרטירער־קדושים ?. . . ער האָט באַרויקנדיק צערטלעך צוגעדריקט די מוטער צו זיך און איז דערנאָך אַרויסגעקומען צו דער פאָלקס־לוויה . . .

יואל איז געבליבן שטיין צווישן דעם גרויסן המון; ער איז צופיל געווען פאַר'צער'ט פון זיין פּערזענלעכן יאוש, ער זאָל זיך געווען וויזן פאַרן עולם צווישן די רעדנער אויבנאָן, ווי ס'האָבן געטאָן זיינע מיטגייער. ער איז געשטאַנען צווישן עולם און זיך צוגעהערט צו די רעדנער אין אַ זייער דענערווירטן געמיט. די רייד זייערע זיינען אים געווען מוראדיק דערווידער. צו אים האָט עס אויסגעזען, אָט־די גאַנצע ריידעריי, ווי נאָך אַן אַקט, אַ המשך פונם גרויזאַמען ספּעקטאַקל... אָט־די באַרימערייען פון די פּאַרטיי־רעדנער זיינען געווען צו אים ווי זאַלץ געשאָטן אויף זיין צעוואונדיקט האַרץ. ער האָט געפילט אין יענעם מאָמענט ווי אויסצושרייען:

— גענוג! פּלאַפּלט ניט מער אייערע פאַלשקייטן און צביעות. פאַרשוועכט ניט די הייליקייט און מאַרטירערשאַפט פון די פינף קדושים, וועלכע זיינען געגאַנגען און געפאַלן על קידוש השם, ניט פאַר דער אָדער יענער פּאַרטיי! זיי איז אפילו אויפן זינען ניט אַרויפגעקומען אייערע פּאָליטישע אַמביציעס. זיי זיינען געקומען אַהערצו מיטן ריינסטן און הערלעכסטן מאָטיוו, אונדז אַלעמען צו העלפן, כדי צו פאַרמיידן דאָ אַ בלוטבאָד. מיט זייער בלוט און יונג לעבן האָבן זיי טאָקע אַ גרויסע

שחיטה אויף יידן דאָ אָפּגעשטעלט. זיי זיינען לכתחילה געגאַנגען על קידוש השם, כדי צו פאַרטיידיקן דעם כבוד און לעבן פון אונדז אַלעמען. און ווי אַזעלכע דאַרפן מיר זיי באַערן און הייליק געדענקען . . .

אָט די ווערטער האָט יואל געוואָלט אויסשרייען בקול רם... ער האָט עס אָבער ניט געטאָן; זיין קעל איז אים געווען פאַרשטיקט; זיין האַרץ צעוויטיקט און פאַרקלעמט . . .

מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, מיט טרערן אין די אויגן האָט ער שטיל זיך אַרויסגערוקט פון צווישן דעם געדיכטן המון, און אַ טרויעריקער, מיט אַ שווער געמיט, אַוועקגעלאָזט זיך אַליין אויף אַן איינזאַמען וועג...

קאַפּיטל פערצן

אין יענע שווידערלעכע רעאַקציאָנערע טעג, באַלד נאָך דער ערשטער דורכגעפאַלענער רוסלענדישער רעוואָלוציע, האָט מער פון אַלץ גורם געווען, וואָס די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג אַלס גאַנצע און אירע מיטקעמפער באַזונדער, זאָלן באַהערשט ווערן פון אַ גוואַלדיקער אַפּאַטיע און רעזיגנאַציע שטימונגען. מע האָט דאַן תיכף אַ שפּרונג געטאָן פון איין עקסטרעם צו אַן אַנדערן... בעת פריער איז מען געווען באַזעלט און באַהויכט פון גרויסע אידעאַליסטישע לאָזונגען, און עקזאַל־טירנדיק דערהויבן צו גרויסע העלדישע מעשים ביז מסירת־נפש'דיקייט; דער שיינער אידעאַליזם אין וועלכן מ'איז געווען איינגעגלויבט ווי אין אַ רעליגיע, האָט אַרויסגערוקט אפילו אין פאָדערגרונט אַן אַ שיעור העלדן! פשוטע בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן קוים געהאַט אַן עלעמענטאַר וויסן, זיינען מיט דער הילף פון אידעאַליסטישע אינטעלעק־טואַלן געוואָרן אפילו רעדנער און פירער פון דער רעוואָלוציע! ביי אַ סך פון זיי איז די אידייע פון וועלט־רעוואָלוציע געווען אַ הייליקייט און מיט קרבן־גרייטקייט אפילו צו גיין פאַר איר אויף קידוש השם . . .

דער דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע האָט מיטאַמאָל אַלץ פּענאָמענאַל געביטן. אַ מין גייסטיקער איבערברוך; אַ מעטאַמאָרפאָזע אין דעם גאַנצן מהות דענקען און פילן... אומעטום האָט זיך עס געלאָזט פילן ! . . .

די גרויסע מגפה פון פּראָוואָקאַציעס און די מאַסן אַרעסטירונגען האָבן אויך ניט ווייניק גורם געווען צו די גרויסע ירידה שטימונגען;

דיסאָרגאַניזאַציע און צעטומלעניש אין אייגענע רייען. ס'האָט זיך גע־שאַפן אַן אומצוטרוי פון איינעם צום אַנדערן; דיין נאָענטן חבר האָסטו אויפגעהערט צו גלויבן . . .

ווי אַ פּועל יוצא פון דעם אַלעמען האָט עס דערפירט צו דעם, אַז פון דעם גרויסן פייערדיקן אידעאַליזם, ביי אַ טייל אפילו ביז אַסקעטיזם; פון די גרויסע עטיש־מאָראַלישע באַגריפן, גיין אויף מסירת־נפש פאַר אַ צווייטן, פאַרן גאַנצן כלל, אין מען מיטאַמאָל אַרונטער צום נידריקסטן, צום שפלדיקסטן עגאָ־צענטריזם . . . דאָס פּערזענלעכע, די ליבע צום אייגענעם איך, וועלכן מע האָט פריער אַזוי סטאָאיש אין זיך דערדריקט, איז ווי אַ דאַמבע אויפגעריסן געוואָרן; האָט ווי אַ צו שטאַרק אָנגעצויגענע סטרונע פון אַ שפּיל־אינסטרומענט — געפּלאַצט . . .

אַלע מענטשלעכע שוואַכקייטן און נאַטירלעכע טבעיות זיינען מיט־אַמאָל, ווי דעמאָנסטראַטיוו, אַרויפגעשוואומען אויבנאויף. דאָס יחידישע, פּערזענלעך עגאָאיסטישע, איז געוואָרן אַ סך נאָענטער און ליבער ווי דאָס געפיל צום אַלגעמיינעם, צום כלל. עגאָ־צענטריזם האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון פריער באַזונגענעם אַלטרואיזם ! . . . דאָס וואָס איז געווען פריער אַזוי הייליק און פאַרערלעכט, האָט מען אָנגעהויבן פאַרוואַרפן און אָפּלאַכן . . .

אַ סך האָבן זיך אָוועקגעלאָזט אויפן וועג פון „גאָט־זוכעניש", נייע גלויבונגען. דער רוב אָבער האָט זיך דערקייקלט צו דער פאַרגעטערונג פון דאָס מאַטעריעלע, דאָס גשמיותדיקע אין לעבן . . .

דער ביז איצט אויסגעהונגערטער רעוואָלוציאָנערער טיפּ, דער „ניהיליסט" און אַסקעט, וואָס האָט פריער ווי אַ נזיר ממש אויסגעמיטן די „פ ר ו י," האָט אונטערן דרוק און היפּנאָז פון דער ניי־געשאַפע־נער סיטואַציע פון פסיכאָז, אַ לאָז געטאָן זיך צו אַ צווייטן עקסטרעם: דער אַזוי־גערופענער „סאַניניזם" בשעתו, איז מיטאַמאָל אַרויף אויף דער אַרענע: די פאַרערלעכונג און גלאָריפיצירונג פון דעם שיין־קערפּער פון פרוי און מאַן; דער סענסועלער דראַנג און די תענוג'פולע פרייד וואָס צוויי פיזיש צוגעפּאַסטע קעגנזייטיקע מינים ברענגען איינע די אַנדערע, איז געוואָרן דער עיקר־מאָטיוו אין זייער גאַנצן מהות . . . אַלץ אַנדערעס איז נאָר אַ סימולירונג, אַ פאַרבלענדעניש פאַר דעם עיקר!... אַלע תנועות, שיין־רעדעריי, איז נאָר אַ הקדמה אָדער אַ פּרוזדור צו די תענוגי עולם הזה — צו דער גרויסער, ערלעכער און סופּיקער דערגריי־

כונג, פון דעם אייביק־מענטשלעכן באַרוף און דראַנג, פון מאַן און פרוי, צו דאָס גרויסע ערדישע ג ל י ק פון ע ו נ ג ־ ג ו פ נ י . . . לכן, לאָז איבער, אָדם איינער, דעם „וועלט־שמערץ״ היגטער זיך...

נאָך דיר מעג אַ מבול קומען ! . . .

נעם דעריבער אויף די גליקלעכע מאָמענטן און רגע׳ס פון דיין לעבן מיט הימלישער עקזאַלטירנדיקער פרייד! דיין אייגן פערזענלעך גליק איז מער ווערט ווי דער תכלית פון דער וועלט וואָס דו ווילסט פאַרזאָרגן . . .

נעם אויף די רגעס פון דיין לעבן,
ווי פריילינגס בלומען דעם פרימאָרגן ;
בעסער איין זיסע רגע היינט,
איידער צען צוגעזאָגטע מאָרגן . . .

דאָס איז געווען דאָס געזאַנג פון די נייע לידער וואָס האָבן זיך דאַן געלאָזט הערן. . .

אין „יענע טעג״ האָט יואל געפילט, אַז ער מוז זיך אַרויסרייסן פון פינצטערן צאַרישן רוסלאַנד. מיט דער גרעסטער פּאַרזיכטיקייט האָט ער מער נישט געקענט זיך אויסבאַהאַלטן אָדער אויסהיטן זיך, ניט אַריינ־צופאַלן ווידער אין די הענט פון דער מאַכט, וואָס האָט דאַן נאָך מיט גרעסערער אַכזריות ווי פריער געלויערט אויף יעדן פאַרדעכטיקטן רעוואָלוציאָנער.

חוץ מזה, האָט ער געמוזט זיך שטעלן צום „פּריזיוו״ פאַר מיליטער דינסט. מאַכן זיך אַ מום, אַן „אויער״ אָדער אַנאַנדער חולאת, כדי אַרויס־צודרייען זיך פון מיליטער־דינסט און דערנאָך בלייבן אַ „שברי־כלי״, וואָלט ער פאַר קיין זאַך אין דער וועלט נישט געטאָן !

בלייבן לענגער דאָ, אין דער היים, האָט ער בשום אופן ניט געקענט. ס׳האָט שוין בכלל ניט געהאַט מער קיין זין און תכלית; האָט ער אויך דער מאַמען זיינער איבערצייגט, אַז ער האָט איצט נישט מער קיין אַנדער אויסוועג ווי צו פאַרלאָזן די היים.

די מאַמע זיינע האָט נאַטירלעך שטאַרק געוויינט און געקלאָגט; איר איין־איינציק אויג אין קאָפּ, וואָס איר איז געבליבן; איר איינציקער זון און זי דאַרף זיך מיט אים אויך שיידן. זי בלייבט דאָ אַליין, אַן עלנטע

אויף גאַטס ערד... אָבער וואָס האָט זי דאָך געקאָנט טאָן? האָט זי דען געהאַט אַן אַנדער ברירה ? . . .

דער שכל הישר האָט איר דאָך דיקטירט, אַז די איינציקע לייזונג פאַר יואלס זיכערקייט איז וואָס גיכער אַרויסצורייסן זיך פון דעם פינצטערן רוסלאַנד. . .

מיט אַ שווער געמיט און צעוויטיקט האַרץ האָט יואלס מוטער סוף־סוף אים דאָך געגעבן איר הסכמה צו זיין פאַרלאָזן די היים. קיין סך צייט צו צוגרייטן זיך פאַר זיין אָפּפאָר האָט יואל ניט באַדאַרפט. אויף מאָרגן, תיכף ווי די נאַכט איז צוגעפאַלן איז ער גרייט געווען אַרויסצולאָזן זיך אין וועג.

די מאַמע זיינע האָט זיך גוט, גוט אויסגעוויינט; אים געבעטן, און עטלעכע מאָל אים אָנגעזאָגט:

— זון מיינער, פאַרגעס נישט אַן דיין עלנטער מאַמען . . . שרייב פון זיך און דיין געביין, וואו דו זאָלסט ניט זיין ! . . .

— געדענק מיין קינד, די יאָרצייטן נאָכן טאַטן ע״ה, און זאָלסט למען־השם קדיש זאָגן ! . . .

יואל האָט דערנאָך גענומען דאָס קלימעקל צדה־לדרך, וואָס די מאַמע האָט אים מיטגעגעבן; ער האָט שטיל, מיט אַ צעבראָכן געמיט, מיט דער מאַמען זיינער זיך האַרציק אָפּגעזעגנט.

ער איז דערנאָך תיכף אַרויס פון הויז. און... אומבאַמערקט, ניט באַגלייט פון קיינעם, איז ער, ווי אַ שאָטן, אין דער שטאָק־פינצטערער און געדיכט־פאַרנעפּלטער נאַכט — שפּורלאָז פאַרשוואונדן . . .

צווייטע אָפּטיילונג

איבער דער בריק פון דורות

דערציילונגען

זיין תיקון

דעם אַלטן נתנען, דער שמש פון דעם קליינעם רומענישן בית־המדרש אין אַלט צפת, האָב איך ביי מיין אַריינקומען אין דער האַלב־אָפענער טיר פון „שטיבל", געטראָפן שטיין אויף אַ הויך־שטול און פלייסיק געפּוצט דעם גרויסן מעשענעם הענגלייכטער, וואָס איז אַראָפּ־געהאַנגען אין דער מיט פון דער ניט צו הויכער סטעליע.

ס'איז געווען אַ וואָך נאָך פּסח, אין מיטן פון אַ העל־זוניקן פרילינג טאָג, אין דער הייליקער אַלט־צפת.

ווען ר' נתן האָט מיך געזען אַריינקומען, איז ער לאַנגזאַם, פאַרזיכטיק אַראָפּגעקראָכן פון דעם הויך־שטול, אויף וועלכע ער איז געשטאַנען באַשעפטיקט, און תיכף דערנענטערט זיך צו מיר, אויסשטרעקנדיק די האַנט און געגעבן מיר אַ גאַר פריינדלעכן שלום־עליכם.

ר' נתן, אַ ייד אין די אַנהויב זעכציקער, אַ מיטל־וויקסיקער, מיט שטילע, ווייכע אויגן און אַ שמייכלדיק פּנים, פון וועלכן ס'האָט אַרויס־געשטראַלט אַ לויכטנדיקע זוניקע פרייד, האָט מיך ממש גערירט מיט אָט־דער וואַרעמער באַגעגעניש; האָב איך, נאַטירלעך, אים תיכף אָפּגע־ענטפערט מיט אַ העכסט וואַרעמען עליכם שלום. און תוך־כדי־דיבור, איידער איך האָב נאָך גוט אַרומגעקוקט דאָס „שטיבל", האָט ר' נתן אויף אַן אינטימען היימישן אופן אָנגעהויבן פאַר מיר דערציילן די געשיכטע פון אָט־דעם קליינעם בית־מדרש, און ווי אַזוי ער האָט דאָ, אין אַלט־צפת, באַקומען זיין אמתן תיקון. אַ מעשה, וואָס ער דערציילט הפנים יעדן ניי־אַריינקומענדיקן יידן אין זיין שולכל.

כ'האָב געפילט, אַז דער ייד איז באמת פריידיק דערהויבן און גליק־לעך, וואָס ער האָט זוכה געווען אַריבערצוקומען פון גלות רומעניע אין דער זוניקער הייליקער צפת, און וואָס איז ביכולת איצט צו דערציילן פון זיינע מוראדיקע איבערלעבונגען אין דעם קליינעם רומענישן יידישן ישוב, אונטער דער נאַצי־הערשאַפט.

— מעשה שהיה כך היה — האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן די איבערלעבונג זיינע באריכות — אַז מיר זיינען געבליבן ב״ה צווישן די לעבעדיקע איז טאַקע נאָר אַ נס מן השמים. אוי, וואָס מיר האָבן עס ניט איבערגעליטן און דורכגעטראָגן פון די נאַצישע רוצחים, ימח שמם וזכרם!

— געווען זיינען מיר דאָרטן אַ קליינער ישוב מיט זייער חשובע באַלעבאַטים, מ׳קען זאָגן אפילו פאַרמעגלעכע, אָבער זייער וואוילע, טייערע יידן. מיר האָבן געהאַט אונדזערס אַן אייגן בית־מדרש, מיט אַן אייגענעם רב, ר׳ יוזעפל זצ״ל. אַ גרויסער צדיק געווען אונדזער רב, אַ צדיק בן צדיק! און אומגעקומען איז ער טאַקע על קידוש השם. איר פרעגט פאַרוואָס? און ווי אַזוי? טאָ הערט זיך איין, מיין פריינט:

געגאַנגען איז ער פאַר אונדז, זיינע יידן, בעטן ביי די נאַצישע רוצחים, זיי זאָלן זיך מרחם זיין און לאָזן גאַנץ, נישט צעשטערן, אונדזער בית התפילה; דערלויבן אונדזער קליינע עדה יידן מתפלל זיין בציבור. נו, נו, האָבן זיי, די עשו׳ס, זיך איזדיעקעוועט איבער אים! האָבן זיי עס פון אים אָפגעחוזקט! אומברחמנותדיק האָבן זיי אים מבזה געווען, אָפּגעטאָן אים עינויים קשים; אויסגעפליקט זיין שיינע הדרת־פּנים׳דיקע באָרד און אַרויסגעלאָזן אים אויפן גאַס אַ נאַקעטן, אין איין העמד. פאַר גרויס עצבות, צער און ווייטיק, איז ער נאָכדעם שטאַרק פאַרשלאָפט געוואָרן און טאַקע קירצלעך נאָכדעם געשטאָרבן.

איר קענט זיך משער זיין ווי מיר, די קליינע עדה יידן, האָבן דאָן געפילט. די שרעק וואָס מיר האָבן איבערגעליטן: טאָמער, חלילה, די גאַנצע עדה יידן אונדזערע וועט אָפּגעווישט ווערן גאָר אינגאַנצן, און ס׳וועט, חלילה, קיין זכר מער פון אונדז ניט בלייבן. נו, האָבן מיר געוויינט און געקלאָגט אויף אונדזערן ביטערן גורל, און דאָך געהאָפט אויף אַ נס גדול מן השמים . . .

פאַר יציאת נשמה האָט ר׳ יוזעפל אויסגערופן צו אונדז אַרום אים שטייענדיקע: — טייערע יידן מיינע, זייט זיך ניט מיאש! געדענקען זאָלט איר, אַז ווער פון אייך וועט נאָך זוכה זיין צו בלייבן לעבן און אימערצעשעם איבערקומען די ווילדע רשעות און אַכזריות, וואָס האָט זיך ווי אַ ווילד־פייער אָנגעטראָגן אויף כל ישראל, זאָלט איר אָבער למען השם אין זינען האָבן, און בפירוש ניט פאַרגעסן, אַז „דאָס געצעלט פון יעקב״ טאָר ניט צעשטערט ווערן! באַמיט זיך עס צוריק אויפשטעלן. זייט ממשיך אונדזער הייליקע אמונה, אונדזער אייביקן קיום! בזכות זה

וועט איר דערלעבן אימערצעשעם במהרה ובימינו בארץ ישראל. . .

אין אונדזער שטעטל איז געוואָרן וואָס אַ טאָג ערגער און ערגער. די רומענישע און נאַצישע רוצחים האָבן צעשטערט און פאַראומרייניקט אונדזער מקום קדוש. די „רייניקייט״, די איינציקע ספר־תורה, וואָס מיר האָבן געהאַט, האָבן מיר באַוויזן פריער אַרויסצונעמען און באַהאַלטן אין אַ הייל. אָבער דעם אָרון־קודש, די שטענדערס, דעם כיור — אַלצדינג האָבן זיי צעבראָכן און אַרויסגעוואָרפן אויפן שול־הויף אין אַ קופּע צום פאַרברענען.

די עטלעכע פאַרבליבענע יידן האָבן מיט גרויס צער און עצבות אַלץ צוגעזען וואָס עס ווערט פון אַלעם דעם וואָס מיר האָבן אַזוי הייליק געהאַלטן און געהיט. עטלעכע פון אונדז האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, געלעגן פאַרשטעקט אין די בערגיקע היילן. מיר האָבן אָבער אויף אַ רגע נישט פאַרלאָרן דעם בטחון, אַז דער רבונו־של־עולם וועט זיך דאָך אויף אונדז מרחם זיין און די ספר־תורה, וואָס מיר האָבן באַהאַלטן אין הייל, זאָל חלילה נישט אַריינפאַלן אין די רוצחישע, טמאדיקע הענט.

ביי דער פּטירה פון אונדזער רב ז״ל, האָבן מיר גענומען אויף זיך אַ נדר, אַז אויב מיר וועלן זוכה זיין ביי דעם בורא העולם און מיר וועלן בעזרת השם לעבן בלייבן, וועט קיין איינער פון אונדז נשט רוען ביז וואַנען די הייליקע צוואה פון אונדזער חשובן רב וועט אויסגעפירט ווערן: צוריק מחדש זיין אונדזער בית התפילה.

ווען די היטלער מגפה האָט זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט און אַ שטראַל פון האָפענונג האָט זיך באַוויזן, האָבן מיר אָנגעהויבן אַרויסקריכן פון די באַהעלטענישן, פון די לעכער; אָפּגעאָטעמט אַביסל פרייער; לכל הפּחות דערפילט אַז מיר זיינען שוין זיכער מיטן נפש. האָבן מיר תיכף אָנגעהויבן ערנסט צו טראַכטן וועגן הייליקן נדר, וואָס מיר האָבן אויף זיך גענומען, און בעיקר טאַקע אָט־די הייליקע שליחות אונדזערע אויספירן...

קודם האָבן מיר אָנגעהויבן אַרומקוקן זיך צי ס׳איז עפּעס פאַרבליבן פון אונדזער בית־המדרש נאָך אָט־דער שרעקלעכער אָנשיקעניש. נו, וואָס זאָל איך אייך זאָגן? חושך איז אונדז אין די אויגן געוואָרן! די ווילדע בעסטיעס האָבן אונדזער בית־מדרש פאַרוואַנדלט אין אַ שטאַל פאַר פערד, להבדיל אלף הבדלות. דאָס איינציקע וואָס איז ניט אַריינ־געפאַלן אין זייערע בלוטיקע הענט איז — אונדזער „רייניקייט״. צו דער פאַרבאָרגענער הייל, וואו מיר האָבן אויסבאַהאַלטן אונדזער ספר־תורה,

האָבן די רוצחים ניט באַוויזן צוצוקומען. אויך די צעבראָכענע ברעטער פון אונדזערע געוועזענע שול־בענק, שטענדערס, ארון־קודש און באַלע־מער האָבן מיר געפונען אויף דער זעלביקער קופּע, ווי פריער, צום גליק און גאָטס חסד, ניט פאַרברענטע . . .

יאָ, מיין ליבער פריינט, מיר האָבן געזען אין דעם אַ גרויס מופת. טאַקע נאָר ווי פון אַן אצבע אלקים ! גאָטס וואָך האָט איבער דעם גערוט...

נו, האָבן מיר אַוודאי געלויבט און געדאַנקט דעם גרויסן גאָט אונ־דזערן און געזונגען אַ שיר מיט גרויס חדוה:

„אני מאמין באמונה שלמה בביאת המשיח, אני מאמין". . .פאַר דעם גרויסן חסד וואָס ער האָט געטאָן מיט אונדז. מיר, די לעבן־געבליבענע, האָבן זיך דאָך באַטראַכט ווי די אַחריות'פולע שליחי ציבור פון אונדזער געוועזענער חשובער עדה יידן; און פונקט ווי אונדזער אייגן צעבראָכן לעבן וועלן מיר מוזן צוריק אויפשטעלן, אַזוי וועלן מיר אויך מוזן טאַקע תיכף צוזאַמענעמען די איבערגעבליבענע רעשטלעך פון אונדזערע פריי־ערדיקע שול־בענק און די שטענדערס און באַלעמער, פאַרריכטן און גאַנץ מאַכן פאַר אונדזער באַנייטן בית־מדרש.

מיר האָבן אָבער באַלד איינגעזען, אַז בלייבן דאָרטן, אין רומענישן שטעטל, אויף דער מיט בלוט אויסגעווייקטער ערד פון אונדזערע קדושים־מאַרטירער, אונדזערע זין, טעכטער, קינדערלעך און זקנים, האָט שוין מער פאַר אונדז קיין שום זין נישט געהאַט. האָבן מיר ערנסט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן פאַרלאָזן דאָס פאַרשאָלטענע געבורטסלאַנד אונדזערס און אויסוואַנדערן אין אונדזער צוויי טויזנט יעריק אויסגעבענקט היימ־לאַנד—ארץ ישראל...

בקיצור, מיר האָבן ערנסט אָנגעהויבן זיך גרייטן צו דער גרויסער נסיעה. און ווי איר זעט, זיינען מיר דאָ אין אונדזער אַלטער הייליקער צפת.

— וואָרום האָט איר דוקא אויסגעקליבן אַלט־צפת און ניט ירושלים?

—האָב איך אַ פרעג געטאָן דעם פריינדלעכן, גוטמוטיק־באַרעדעוודיקן שמש, ר' נתן.

— וועגן דעם, זעט איר, איז ביי אונדז קיין חילוקי־דעות נישט געווען. מחמת די מקורבים פון אונדזער רב ז"ל, וועלכע זיינען געשטאַנען ביי זיין יציאת נשמה, האָבן אַליין געהערט פון זיין הייליק מויל אַ רמז, אַז דער מקום פון אונדזערע הייליקע מקובלים, וועלכע זיינען זיך מתעסק

מיט אונדזער הייליקער תורה, יומם ולילה, געפינט זיך בעיר הקדושה — צפת.

אין ארץ־ישראל, האָט ער אונדז מסביר געווען נאָך ביי זיין לעבן, איז פאַראַן אַ מנהג פון קדמונים, אַז די פרומע יידן פון גאַנץ ישראל זיינען ל״ג־בעומר עולה־רגל אַהערצוצו, קיין אַלט־צפת. אַהער קומען זיי אויף קבר אָבות צום גרויסן צדיק, רבי שמעון בר יוחאי, דאָ זיינען זיי מתפלל אין זיין שול, און דאָ גיבן זיי זיך איבער צו השתפכות נפש . . .

צפת, מיין פריינט, איז אַ מקום פון קדושה! דאָ האָבן געלעבט גרויסע פרומע יידן, נבאים און געטלעכע מענער. . .

פאַרשטייט איר שוין, אַז ביי אונדז איז שוין מער קיין ספק ניט געווען אַז אַלט־צפת וועט זיין אונדזער מקום מנוחה. איז אָט ווי איר זעט, זיינען מיר ב״ה דאָ, און ווי איר קוקט אָן אָט־דאָס אָרעמע שולכל אונדזערס, אָט־די שול־בענק און שטענדערס, דעם ארון־קודש און באַלעמער, און אפילו דעם מעשענעם הענגלייכטער, וואָס כ׳האָב נאָר וואָס געפוצט—אַלץ איז פון דאָרטן, פון אונדזער געוועזענעם בית המדרש אין רומעניע.

די ברעטער פון די צעבראָכענע שול־בענק, פון די שטענדערס און באַלעמער, וואָס די נאַציס האָבן פאַרפעלט צו פאַרברענען, האָבן מיר צוזאַמענגעקליבן, מיט אָפגעהיטקייט איינגעפּאַקט און אַריבערגעבראַכט אַהערצוצו. דאָ, פאַרשטייט זיך, האָבן מיר אַלץ פאַרריכט, צוזאַמענגעצ־קלאַפּט און אפילו אָפגעפּאַרבט מיט דעם זעלביקן קאָליר ווי פריער, מיט די זעלביקע געמעלעכצן און זיי ווידער צום לעבן געבראַכט . . .

איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אַז זאַכן און הייליקייטן זיינען ווי לעבע־דיקע ברואים; זיי וויינען און טרויערן ווען זיי זיינען אין צער און עצבות, און זיי ווערן פריידיק, זינגעווודיק און דערהויבן, ווען זיי געפינען צוריק זייער מקום־מקלט און אַ תיקון פאַר אַ באַנייט לעבן. . .

יאָ, מיין ליבער ייד, — האָט ר׳ נתן, דער גוטמוטיקער שמש, ממשיך געווען זיינע איבערלעבונגען — פונקט ווי מיר, וואָס זיינען שוין געווען אויף דער שוועל פון טויט און טאָקע ווי נאָר דורך אַ נס איז צו אונדז געקומען אַ נייע תקומה און מיר זיינען ווידער נתחדש געוואָרן, אַזוי איז אויך אונדזער אַלטער בית־מדרש און אַלץ וואָס איז געווען אין אים—אַלץ איז איבעראַנייס באַלעבט געוואָרן. . .

— דאָ, זעט איר, זיינען מיר ווידער מתפלל, ווי אין אונדזער פריער־

דיקן אַלט־רומענישן בית־מדרש. דאָ האָבן מיר, די לעבן־געבליבענע, אַלץ וואָס איר זעט דאָ, ערשט באַקומען אַן אמתן היילקן תיקון...

* * *

כ׳האָב פאַרלאָזט דעם גוטמוטיקן, ערלעכן שמש פון דעם קליינעם רומענישן שולכל אין אַלט־צפת מיט דעם געדאַנק און געפיל:—

אַז וואויל איז דעם וואָס איז אַן אויפריכטיקער מאמין און האָט אַ טיפן בטחון און ליכטיקע האָפענונגען. דאָס זיינען די שטאַרקסטע פעסטונגען קעגן כלערליי ספקות און האַרבע נסיונות; דאָס פאַרגרינגערט איינעמס משא פון צער און עצבות אין אַן עת־צרה און דערפירט אים סוף־כל־סוף צום צוגעזאָגטן לאַנד פון גייסטיקער דערלייזונג.

דער פסק־דין

נאָך דעם גרויסן יידישן אומקום אונדזערן, איז דער קיבוץ גלויות אַ גוואַלדיקע גרויסע זאַך — אַ פענאָמענאַלע דערשיינונג! טאַקע נאָר ווי די השגחה אַליין האָט עס פאַראויס באַשטימט און פאַרזאָרגט — האָט זיך אָפּגערופן צו מיר אין אַ שמועס מיין גוטער, ליבער שכן, פריינט אייזנבערג.

— איר ווייסט, זאָגט ער מיר — אַז אָט־די „יידישע בריק" איבער וועלכער עס ציען זיך קיין ישראל אונדזערע פאַרוואָרלאָזטע און פאַר־וואָגלטע איבערבלייבעכצן פונם שרעקלעכן בראַנד, און סתם דורך נסים אַרויסגעראַטעוועטע פון היטלער־רוצחים, ימח שמם וזכרם, איז אַזאַ קאָלאָסאַלער פענאָמענאָן, וואָס האָט צו זיך ניט קיין גלייכן אין דער יידישער געשיכטע.

— הערט איר, אַז איינער פון אנשי שלומנו האָט די זכיה עולה־רגל צו זיין קיין ישראל, וועט ער כמעט מיט באַשטימטקייט אָנטרעפן זיך דאָרטן מיט אַ נאָענטן, אַ ייד אָדער אַ בן־עיר פון דער אַלער היים. און, אַז איר וועט זיך צוזאַמענריידן מיט אַזאַ איינעם, וועט ער ביי אייך אַרויס־

רופן זכרונות שוין באַלד לאַנג פאַרגעסענע און בילדער נאָסטאַלגישע פון דעם נאָענטן עבר.

זייענדיק אין ירושלים, האָב איך באַזוכט דעם רוב לערן־אנשטאַלטן, גימנאַזיעס און אויך די באַוואוסטע ישיבה: עץ יעקב. צווישן די בחורים־לערנער אין אָט־דער ישיבה האָב איך ביי איינעם אויף זיין הוילער האַנט באַמערקט דעם טרויעריק־באַרימטן נומער, וואָס די נאַצי־רוצחים פלעגן איינקריצן אויף יעדן יידישן לאַגערניק. בין איך שטאַרק פאַראינטערעסירט געוואָרן מיט דעם בחורל און געוואָלט זיך באַקענען אַביסל מיט די שוידערלעכע איבערלעבונגען אין דעם „נאַצי־גיהינום", פון וואַנען ער קומט, און זיין יחוס־משפחה. כ'האָב בשעתו אַ בעט געטאָן דעם ראש־ישיבה, וואָס איז געווען נעבן מיר, ער זאָל מיר עפּעס דערציילן וועגן אָט־דעם בחורל מיט די טיף שוואַרצע, איינדרוקפולע און אומעטיקע אויגן.

ווי דער מנהל האָט מיר איבערגעגעבן, האָט ער קיין סך וועגן אים און זיין משפחה ניט געוואוסט; וואָס זיי וויסן יאָ איז, אַז ער איז ווי דורך אַ נס אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון „נאַצי־לאַגער" און מע האָט אים אַריבערגעבראַכט אַהערצו אין אונדזער ישיבה. ער האָט זיך אַרויס־געוויזן צו זיין אַ וואויל־קענער מיט אַ חריפותדיק קעפּל אויף זיך, און מחמת דעם טאָקע רופן מיר אים: דער „וואָלקאָווויסקער"— יעקבל וואָלקאָווויסקער. ניט מחמת ער קומט פון וואָלקאָוויסק, נייערט צוליב זיין עילוי'אישקייט און חריפות. האָבן מיר אים באַטיטלט מיט דעם אויסגעוויילטן נאָמען.

אַז איך האָב דערהערט דעם נאָמען „וואָלקאָוויסק" בין איך שוין גאָר פאַרכאַפּט געוואָרן מיט גרויס נייגער און אינטערעס. — הערסט אַ משעה, ער איז דאָך מיינער אַ בן־עיר!... האָב איך שוין צוגערופן דעם בחורל צו זיך און תוך־כדי־דיבור אים אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר נאָר יאַנקעלע, צי געדענקסטו דעם ראש־הישיבה פון וואָלקאָוויסק? — ר' יעקבל ז"ל?

— אַוודאי! זה סבי! מיין זיידע!

— צי ווייסטו אָבער עפּעס מער וועגן דיין זיידן, וואָס פאַר אַ גרויסער גאון און בן־תורה ער איז געווען?

— ניין, ידיד, וועגן זיידן און מיין משפחה בכלל ווייס איך נישט פיל.

— ווייסטע, יאַנקעלע, אַז דו קומסט פון אַ גאָר גרויסן יחוס? כ'מיין דיין גזע מחצבתך.

דער ראש־הישיבה, וועלכער איז געשטאַנען ביי מיין זייט און זיך צוגעהערט צו מיין שמועס מיט דעם בחורל, האָט הפנים געפונען פאַר מער פּאַסיק ער זאָל פריער מיך אַליין אויסהערן וועגן דעם בחורל׳ס היים און אָפּשטאַם. האָט ער זיך מיטאַמאָל אָפּגערופן:

— קומט מיט מיר אַריין אין מיין חדר מיוחד, חשובער אדון, וועל איך אייך פריער גערן אויסהערן, מכוח דעם „וואָלקאָוויסקער״, מחמת פאַר אונדז איז זייער וויכטיק צו וויסן די פּרטים פון יעדן תלמיד, בעיקר וואָלטן מיר וועלן וויסן אַביסל מער וועגן א י ם ווי מיר ווייסן. און אַז דער גורל האָט שוין יאָ אַזוי גורם געווען, אַז איר זאָלט זיך באַגעגענען מיט דעם בחורל, וועלכער, ווי איך פאַרשטיי, איז אייערער אַ בן־עיר, ווילן מיר טאָקע וויסן די פּרטים פון זיין שטאָם, פון זיין גזע. וויסן זאָלט איר, אַז מיר האַלטן זייער פיל פון דעם „וואָלקאָוויסקער״, טאָקע פאַר זיין התמדה און חריפות.

— אַדרבה, בבקשה! כ׳וועל אייך גערן דערציילן.

— ומעשה שהיה כך היה:

בשכנות מיט מיין זיידן אין וואָלקאָוויסק, האָט געוואוינט אַ ייד אַן אָרימאַן, אַברהם פעלער, האָט מען אים גערופן, געהאַנדלט מיט פעל. געווען איז ער אַ ייד אַ פּראָסטאַק, קוים געקענט דאַוונען. זיין ווייב, פרומע לאה, איז געווען דער היפוך פון אים — אַ פרומע יידישע טאָכטער, טאָקע לויט איר נאָמען. געטריי געווען איר מאַן און קינדער. געהאַט האָבן די אָרימע מענטשן פיר יינגלעך און איין מיידל.

אַז די יינגלעך האָבן אָנגעהויבן גיין אין חדר, האָבן די מלמדים ממש זיך געריסן איבער זיי. יעדער מלמד האָט כאָטש געוואָלט האָבן איינעם פון דעם פעלערס יינגלעך ביי זיך אין חדר. מחמת זייער גוטע לערנערס. די מלמדים האָבן פשוט זיך געקענט אויספּיינען פאַר די באַלעבאַטים ביים פאַרהערן זיי, ווי גוט מען לערנט זיך אויס ביי זיי. דעם עלטערן יינגל, יעקבל, האָט איין מלמד אָנגעבאָטן אברהמל פעלער, אַז ער וועט יאַנקלען לערנען גאָר אײנגאַנצן בחינם. אַזוי ווי מיט דעם ענין שכר־לימוד און קינדער דערציאונג האָט זיך אָפּגעגעבן דאָס ווייב זיינס, פרומע לאה, האָט ער דעם מלמד אָפּגעשיקט צו איר. פרומע לאה האָט מסכים געווען צום אָנבאָט פונם מלמד, און יאַנקעלע איז אַוועק צו אים לערנען. נאָכן זמן איז דער זעלביקער מלמד געקומען צו פרומע לאהן און געבעטן פונדעסטוועגן באַצאָלט פאַר דעם זמן שכר־לימוד.

— קיין געלט האָב איך נישט, ר׳ גמליאל, אָבער זאַכן קאָן איך אייך געבן. אָט איז דער אַלמער מיט קליידער, נעמט איך מיין פוטערנע רעטאַנדע, וואָס כ׳האָב געטראָגן צו מיין חתונה; פאַרקויפט זי און פאַרנוצט דאָס געלט געזונטערהייט.

די פיר יינגלעך אירע האָבן געלערנט ביי די בעסטע מלמדים און שכר־לימוד האָט זי געצאָלט — פון דעם אַלמער מיט אירע קליידער. אַז יאַנקעלע, דער עלטערער, איז ראוי געוואָרן צו פאָרן אין אַ ישיבה לערנען, און קיין געלט, אפילו אויף הוצאות הדרך, איז נִיט געווען, און דער קליידער אַלמער איז שוין אויך געווען אַן אויסגעליידיקטער, איז פרומע לאה אַוועק צו דער גרויסער גבירטע פון שטאָט, מרים לאה ראַפּאָפּאָרט, און איר זייער געבעטן, זי זאָל איר געבן עפּעס צו פאַרדינען: זי וועט וואַשן די פּאָדלאָגעס וכדומה, אַבי זי זאָל ביכולת זיין צו שיקן איר יאַנקעלע, דאָס עלטערע יינגל, אין דער ישיבה.

בדרך כלל האָבן די ראַפּאָפּאָרטס זיך געהאַלטן מיט די יידן פון שטאָט גאָר פון ווייטנס. דער הער ראַפּאָפּאָרט איז געווען געקניפּט און געבונדן מיט פּריצים און באַאַמטע פון דער מאַכט, געהערט אין זייערע קלובן, געפּירט זייער שטייגער לעבן, און געזאָגט האָט מען אויף אים, אַז ער איז אויך אַ גרויסער נואף, אַ הולטיי און אַ ווייבערניק. אָבער די מאַדאַם ראַפּאָפּאָרט האָט דאָך געהאַט איינזעעניש מיט דער אָרימער פרומע לאה און זי אָנגעשטעלט צו וואַשן ביי איר די פּאָדלאָגעס, כדי זי זאָל קענען פאַרדינען עטלעכע גילדן אויף שכר־לימוד פאַר אירע קינדער, און דעם עלטערן שיקן אין דער ישיבה. אַזוי אַרום איז יאַנקעלע אַוועק לערנען אין דער וואָלאָזשינער ישיבה.

אַברהם דער פעלער איז ס׳רוב אַרומגעפאָרן אין די דערפער קויפן פעלן, און אויף שבת פלעגט ער קומען אַהיים צום ווייב און משפחה. איינמאָל האָט אַ ייד אין אַ בית־מדרש אים אַוועקגערופן אין אַ זייט און אים פאַרטרויט אַ סוד, אַז זיין ווייב, פרומע לאה, איז אַ סוטה, אַן אומטרייע צו אים און אַ זינדיקע! ער האָט אמתע באַווייזן:—ובעיני ראיתי! כ׳האָב אַליין געזען ווי דיין פרומע לאה איז אַרויסגעקומען פון דעם הער ראַפּאָפּאָרטס שטוב! דאַרף מען נאָך אַ בעסערן באַווייז?... ווארעם וואָס האָט עפּעס אַ פרומע יידישע פרוי צו טאָן ביי אַזאַ נואף און הולטיי, ווי דער ראַפּאָפּאָרט איז באַוואוסט צו אַלעמען דאָ אין שטאָט?...

אַברהמל פעלער האָט לאַנג נישט געוואָרט, גאָר ווייניק נאָכגעטראַכט,

איז תיכף אַוועקגעלאָפן צום אַלטן רב, אליעזר משה ז"ל, און אים איבער־געגעבן אַלץ וואָס דער ייד האָט אים דערציילט וועגן זיין ווייב.

דער רב, אויף דער בקשה פון אַברהמל פעלער, האָט תיכף געשיקט דעם שמש זיינעם, ער זאָל ברענגען פרומע לאהן צום בית־דין שטיבל, און ער האָט גענומען זי אויף אַ פאַרהער. דער רב האָט איבערגעלייענט פאַר איר אַ גאַנצע מגילה, וואָס עס שטייט פאַר אַ סוטה, אַ זינדיקע פרוי. ניט נאָר דאַרף דער מאַן אירער זי אָפּגטן, נייערט אַ גרויסע שטראָף דאַרף זי אויף זיך נעמען. דער רב האָט בשעתו געעפנט דעם ארון־קודש און האָט פרומע לאהן אָנגעוויזן אַ פלעשל געמישעכץ.

— דו ווייסט וואָס דאָס איז? — האָט דער רב זי געפרעגט.

— ניין, רבי, כ'ווייס נישט.

— דאָס איז מים המאררים, אַ וואַסער אַזאַ, מיט וועלכע מען פאַרשט אויס זינדיקע ווייבער. דו וועסט באַשולדיקט, פרומע לאה, אין אומ־טרייהייט צו דיין מאַן; און אַז אַ סוטה, אַ זינדיקע, טרינקט פון דעם וואַסער, ווערט געשוואָלן ביי איר דער בויך און פון קערפּער הייבן אָן פאַלן שטיקערווייז. איז עס אָבער אַ בילבול, דאַן וועט דאָס וואַסער דיר קיין שאָדן ניט ברענגען. איז בעסער זיי זיך מודה, פרומע לאה! . . .

פרומע לאה האָט נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת אַ זאָג געטאָן צום רב:

— ווען גאָט האָט געגעבן די תורה צו די יידן, האָבן זיי געזאָגט: נעשה ונשמע! איך וועל פריער טרינקען דאָס וואַסער, און דערנאָך וועל איך אייך דערציילן דעם אמת.

דער רב האָט איר געבעטן זי זאָל גוט איבערטראַכטן און בעסער ניט טרינקען דאָס וואַסער, נאָר זיך מודה זיין. פרומע לאה איז אָבער באַשטאַנען אויף איר עקשנות און אַנטשלאָסן יאָ צו טרינקען דאָס וואַסער.

דער רב, דער שמש און נאָך אַ ייד אַן עדות, זיינען אַלע געבליבן נשתומם פון דער פרויס עקשנות און אויסטערלישער געוואַגטקייט. מיט ערנסטן גלויבן און שרעק אין די אויגן האָבן זיי נאָכגעפאָלגט יעדער באַוועגונג אירער: זי האָט מיט ניט געאיילטע טריט גענומען דאָס פאַרכישופטע מיסטעריעזע פלעשל וואַסער, און פון דעם אויס־געטרונקען ביז'ן דנאָ . . .

— און איצט, רבי, בין איך גרייט אייך צו דערציילן דעם גאַנצן ריינעם אמת! ווען מיין יאַנקעלע, דער עלטערער, איז ראוי געוואָרן צו פאַרן קיין וואָלאָזשין אין דער ישיבה, און אויף קיין הוצאות הדרך האָב

איך ניט געהאַט קיין פּרוטה ביי דער נשמה, און קיין שכר־לימוד פאַר די קלענערע ייִנגלעך האָב איך אויך ניט געהאַט צו צאָלן, — מיין מאַן, וואָס גייט אַרום איבער די דערפער, האָט קוים פאַרדינט אויף חיונה, און דעם גאַנצן עול פון דערציען מיינע קינדער זיי זאָלן אויסוואַקסן גוטע, פרומע יידן און למדנים, האָב איך גענומען אויף זיך, — בין איך אַוועק צו דער מאַדאַם מרים לאה ראַפּאָפּאָרט, זיך פאַרדונגען צו וואַשן אירע פּאַדלאָגעס, כדי צו פאַרדינען אויף שכר־לימוד פאַר מיינע קינדער. פון דעם וואָס איך פלעג אַריינקומען אין הויז פון די ראַפּאָפּאָרטס איז בכן, הפּנים, אַרויסגעקומען אָט־דער מיאוסער בלבול און חשד.

דער רב איז געבליבן זיצן, נאָך דער אויפקלערונג פון פרומע לאהן, אַ טיף פאַרטראַכטער. איר מאַן, אַברהם פעלער, דער שמש און דער עדות, האָבן ווי פאַרשעמטע געהאַלטן די קעפּ אַרונטערגעלאָזן און שטום געוואַרט אויף דעם פּסק־דין פון רב . . .

דער רב האָט נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת אויפגעהויבן דעם גרייז־גראָען קאָפּ, אַ רוף געטאָן דעם שמש זיינעם און אַנטשלאָסן אויסגערופן:

— עזריאל! ברענג אַריין קודם־כל אַ שיסל וואַסער. דו, פרומע לאה, גיי אַריין אין דעם חדר מיוחד און וואַש דיינע פיס מיט דעם וואַסער. און דו, אַברהמל פעלער, דאַרפסט טרינקען דאָס וואַסער אין וועלכן דיין ווייב האָט אירע פיס געוואַשן. פאַר דעם בלבול און בחינמדיקן צער און עגמת־נפש וואָס דו האָסט איר פאַרשאַפט, דאַרפסטו ביי איר בעטן מחילה, זיך לייגן אויף דער ערד און קושן אירע טריט; מחמת זי איז אַ הייליקע פרומע יידישע טאָכטער; בלב ונפש איז זי דיר איבערגעגעבן, און דיינע קינדער האָט זי אויפגעבראַכט צו זיין פרומע יידן און לומדים. זי האָט הייליק אָפּגעהיט די גרויסע מצוה פון שכר־לימוד. . .

פון איצט אָן בין איך דיר מתרה, פרומע לאה, אַז דיין נאָמען זאָל זיין: פרומע לאה די צדיקת . . .

אַ גליקלעכער, אָבער אַ פאַרשעמטער און הכנעהדיקער, איז אַברהמל נאָכגעגאַנגען זיין פרוי צו זיך אַהיים. פרומע לאה, ווי אַ צדיקת, האָט אים מוחל געווען.

די פיר ייִנגלעך האָבן אַלע געלערנט נאָכדעם אין דער וואָלאָזשינער ישיבה, און דערנאָך זיינען זיי, פאַר זייער גרויס חריפות און לומדות, געוואָרן ראשי־הישיבות. און אָט־דאָס בחורל, יעקבל וואָלקאָוויסקער,

ווי איר רופט אים, חשובער מנהל, איז אַן אייניקל פון איינעם פון די פיר זין פרומע לאה'ס און טראָגט טאַקע דעם נאָמען נאָך דעם עלטערן זון אירן, ר׳ יעקבל ז״ל, וועלכער איז געווען דער ראש־הישיבה פון וואָלקאָוויסק.
אַז די עלטער־באָבע זיינע, פרומע לאה, איז נפטר געוואָרן, האָט זי געהאַט אַ לוויה טאַקע נאָר ווי פאַר אַ גרויסער צדיקת.

דער פאַרבאָרגענער צדיק

אַז מען פאָרט אַרום איבער דער ברייט און לענג פון ישראל, באַגעגנט מען זיך מיט פאַרשידענע טיפּן יידן און איר הערט זיך אַן מיט כלערליי אויסטערלישע מעשיות און פּאַסירונגען. דעם סיפּור המעשה וואָס ווערט דאָ דערציילט האָב איך געהערט פון איינעם ביי אַ געזעמל אַרום אַ טיש אין אַן אַכסניה אין אַברהם אָבינו'ס שטאָט, באר־שבע. די אַטראַקציע וואָס האָט מיך געבראַכט אין אָט־דער אַכסניה איז געווען אַ פּשוט שילדל איבער איר אַריינגאַנג־טיר, מיט דעם אויפשריפט: „מסעדה של מ״ר פשתידה, היום יש גלידה.״
אַז איך בין אַריינגעקומען אין אָט־דער מסעדה, האָט מיר דער אדון פשתידה אָנגעוויזן אויף אַ ליידיקן שטול ביי אַ געגרייטן טיש צווישן אַנדערע יידן. נאָכדעם ווי מ'האָט געגומען צוביסלעך משקה, האָט דער בעל־אַכסניה סערווירט די געסט ביים טיש אַן אמתן היימישן מאָלצייט: געהאַקטע לעבערלעך מיט שמאַלץ פאַר אַ פאַרשפּייז, אַ געשמאַק באַטעמט ראָסל־פלייש, אַ מערן־צימעסל, אַ לאָקשענעם קוגל, און פאַר אַ קאָמפּאָט האָט ער סערווירט די שוין־דערמאָנטע גלידה — „אייז־קרים״ בלע״ז.
אַזוי ווי אויף כשרות האָט אָט־דאָס יידישע געזעמל הפנים ניט שטאַרק מקפיד געווען, האָט מען די גלידה, וואָס איז אין דעם הייסן באר־שבע אַ זעלטנקייט, גאַנץ געשמאַק פאַרשלונגען . . .
נאָכ'ן עסן, כטוב לבנו, האָבן עטלעכע ביים טיש זיצערס פאַררויכערט אַמעריקאַנער סיגאַרעטלעך און דערביי איז אויך פאַרפירט געוואָרן אַ געמיטלעכער שמועס איבער דעם ענין: צי פּסיכיאַטריע אָדער פּסיכאָ־

אַנאַליז איז אַ נייע לערע אָדער מען האָט זיך שוין באַנוצט מיט דעם נאָך גאָר אַמאָל אין דעם ווייטן, ווייטן עבר?...

נאָכדעם ווי עס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן כלערליי מיינונגען און דערפאַרונגען מכוח דעם ענין און גוט אויפגעלייגט איז מען געווען, האָט מען פאַרענדיקט אַ זמרל פון אַן אַלט באַקאַנט פאָלקס־לידל:

„וואָס מיר זיינען זיינען מיר,
אָבער יידן זיינען מיר.
וואָס מיר עסן עסן מיר,
אָבער קוגל עסן מיר."

יעדער איינער פונם געזעמל ביים טיש האָט נאָך דער ריי געזונגען אַ פערז פון דעם פאָלקסליד. דער אדון פשתידה פון דער מסעדה איז אויך צוגעקומען צום טיש, אַוועקגעזעצט זיך נעבן זיינעם אַ ברודער, וועלכן מען האָט גערופן ביים נאָמען: אַברהם קוגל. ווען עס איז געקומען צו קוגלס „תור" (רייע), האָט ער, צוזאַמען מיט דעם בעל המסעדה, זיין ברודער, געזונגען דעם קופלעט. ביידע האָבן זינגענדיק מיטאַמאָל זיך פונאַנדערגעוויינט . . .

די אַרום טיש זיצנדיקע זיינען ממש נשתומם געוואָרן: וואָס עפּעס פלוצלינג מיטאַמאָל, צוויי באַיאָרנטע יידן, מיר ניט דיר ניט, אינמיטן פון אַזאַ געמיטלעך יום־טובדיקער שטימונג און געזאַנג, זאָלן זיך גאָר צעכליפּען ווי קינדער?!... אַוודאי מוז עפּעס זיין הינטער אַט־דעם געוויין זייערן; עפּעס אויסטערלישעס איז אין דעם פאַרוויקלט — נישט אַנדערש! די עטלעכע יידן אַרום טיש האָבן זיך שטאַרק פאַרחידושט, זיך מאָדנע איבערגעקוקט, און דערנאָך געבעטן ביי זיי אַן אויפקלערונג פון זייער פלוצלינגן געוויין...

ווען קוגל האָט זיך אַביסל באַרואיקט, האָט ער פאַר אונדז דערציילט די פאָלגענדע מעשה:

ויהי בימים ההם: עס איז געווען אין די טעג פון 19טן יאָרהונדערט. געגניער, אין יאָר 1860, אין אַ קליינער שטאָט פון תחום המושב, אין רוסלאַנד. ווייסט איר דאָך, וואו ס'איז פאַראַן אַ „ויהי" איז אַ צרה. אָבער אַ צרה צו אַ צרה איז ניט גלייך! דאָס איז געווען אין יענער צייט די ערגסטע געשעענישן אין דער יידישער געשיכטע פון יענעם לאַנד, נעמליך: אַ צאָל יידישע פאָלקס־מענטשן האָבן דאַן פשוט געגומען פאַר־

לירן זייער צלם אלהים, גאַטס פונק פון מענטשלעכקייט; זיטלעכקייט און רחמנות האָבן ביי זיי ממש גענומען אַטראָפּירן און לחלוטין אָפּגעטאָן זיך פון זיי. זיינען אַט־די דאָזיקע פּראָסטאַקעס צו יענער צייט געוואָרן די אַזוי־גערופענע „כאַפּערס", און האָבן ממש אַרויסגעריסן מיט זייערע אייגענע הענט קליינע קינדער פון מוטערס און איבערגעגעבן זיי צו „פּאַניען" פאַר ניקאָלאַיעווסקע סאָלדאַטן אין דינסט אויף גאַנצע 25 יאָר.

די קינדער פלעגן פאַרשיקט ווערן אין די אַזיאַטישע טייגעס און דאָרט באַהאַנדלט ווערן ווי חיות. האָבן אַט־די דאָזיקע ווילדע „כאַפּערס" איינמאָל אין אַ שבת שיער ניט דערהרגעט אונדזער זיידן. מיינט ניט, אַז איך זאָג „דערהרגעט" איז עס סתם געזאָגט לשם מליצה אָדער גוזמה. ניין, טויזנט מאָל ערגער פון דעם ! . . .

אָבער הערט אויס די פּרטים פון אַט־דער אומגליקלעך אויסטערלי־שער פּאַסירונג.

אין דער שטאָט מ י ר, מינסקער געגנט, האָט דאָן אויסגעבראָכן די כאָליערע. ס'רוב האָבן דאָרט געלעבט יידן, און פון אַט־דער חלאת האָבן די יידן אָנגעהויבן פאַלן ממש ווי פליגן. געלעבט האָט דאָרטן אַ גרויסער אָרימאַן, יאָסל קוגל, אָדער פּשוטער — יאָסל דער שוסטער. האָט יאָסל דער שוסטער אין צייט פון דער כאָלעריע אַרויסגעוויזן אַ געוואַלדיקע מסירת נפש און העלדישקייט: וואו נאָר אַ הויז, וואו דאָס אומגליק האָט געטראָפן, פלעגט ער תיכף זיין אויפן אָרט, און מיט די אייגענע הענט רייבן און מאַסאַזשירן דעם חולה, ביז ער האָט דעם מלאך־המות פון דעם חולה פאַרטריבן. אַן אמתער מלאך המשיח געוועזן. נו, וואָלט מען, דאַכט זיך, אַזאַ מענטשן על פּי יושר געדאַרפט אויף די הענט טראָגן, אַ יאָ? האָבן אָבער די ווילדע „כאַפּערס" אים שיער נישט אומגעבראַכט פון דער וועלט.

וואָס האָבן זיי אים געטאָן, וועט איר פרעגן? — הערט און שטוינט!

אין שטעטל האָט דאָן געוואוינט אַ ניט־יידישער דאָקטאָר, פּאַן מידזשענסקי. האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די יידן פון שטעטל זאָלן איבער דער צייט פון דער כאָליערע נישט באַקן מער קיין קוגלען. האָבן די „כאַפּערס" אָרגאַניזירט זיך אין אַ חברה, און יעדן שבת האָט די חברה זיך אַרויסגעלאָזט איבערן שטעטל, געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, צענויפגענומען די קוגלען ביי די וואָס האָבן דעם באַפעל נישט אויסגע־פאָלגט. אַז זיי האָבן צענויפגענומען דעם ערשטן טוצן קוגלען און אַריינ־

געבראַכט אין קהל־שטיבל, וואָס האָט זיך געפונען אויפן בוידעם פון גרויסן בית־המדרש, זיינען זיי דערנאָך אַוועק אויף אַ צווייטער „קוגל־אַבלאַווע." צוריקקומענדיק מיט אַ צווייטן טוצן קוגלען, האָבן זיי צו זייער פאַרוואונדערונג געזען, אַז דער ערשטער טוצן איז פאַרשוואונדן.

נאָך אַ קורצער חקירה ודרישה האָט מען געפונען די קוגלען ביי אונדזער זיידן, יאָסעלע דעם שוסטער, וועלכער איז געזעסן אַ צופרידענער ביי זיין טיש און זיך גאַנץ פיין מחיה געווען מיט די קוגלען. די חברה „כאַפּערס" האָבן אָן שום צערעמאָניעס אַרויסגעשלעפּט אים פון הויז און אַוועקגעפירט אויפן אַלטן מאַרק; אַרונטערגעריסן פון אים די בגדים און אויפן נאַקעטן לייב אים געשלאָגן מכות־רצח. מקיים פּסק געווען מיט די „מלקות" האָבן זיי אים צוריק פאַרשלעפּט אַהיים און אַריינגעוואָרפן אים אין פיר־הייזל, וואו ער איז געבליבן ליגן אַ פאַרחלשטער פון ווייטאָג און בזיון . . .

אין מיטן נאַכט האָט די פרוי זיינע, אונדזער באָבע ע"ה, דערהערט עפּעס אַן אומגעוויינלעך שטאַרקן קלאַפּ אין פיר־הויז. איז זי אַרויסגעלאָפן אַהין מיט אַ לעמפל זען וואָס האָט פּאַסירט. ערשט זי האָט צו איר גרויסן אומגליק דערזען איר מאַן יאָסל, אונדזער זיידן, אַ געהאַנגענעם!...

אויף אירע געוואַלדן און יאָמערן האָט דאָס גאַנצע הויז זיך אויפגעכאַפּט; שכנים זיינען זיך צונויפגעלאָפן, מען האָט דעם שטריק אָפּגעשניטן פון דער תליה און קוים אים געבראַכט צום לעבן. ווען יאָסל איז אַביסל געקומען צו זיך, האָט ער מיט משוגהדיקע אוממענטשלעכע קולות זיך געריסן:

— לאָזט מיך נעמען אַ מעסער, לאָזט מיך! כ'וועל אייך אַלעמען אויסקוילענען! די שכנים האָבן געזען אַז מ'קען מיט אים גאָרנישט טאָן, אַן אמתער חולי־נפש, פשוט פון זינען אַרונטער, האָט מען אים געבונדן הענט און פיס, פאַרשטאָפּט דאָס מויל מיט אַ פאַטשיילקע און געלאָזט אים ליגן אין פינצטערן ווינקל פון פיר־הויז . . .

באַגינען האָט די באָבע אונדזערע זיך אַריינגעריסן צום מרא דאתרא מיט אַ גרויס יאָמער און געוויין:

— רבי, ראַטעוועט! די „כאַפּערס" האָבן פאַרפייניקט מיין מאַן! זיי האָבן אים ממש גערמיתט און איז דורך זיי פון זינען אַרונטער. רבי, העלפט אים, ראַטעוועט אים!

דעם רבין איז גוט בקאַנט געווען די רשעות פון אַט־די יונגאַטשעס,

די „כאַפּערס", און ער האָט אויך גוט געוואוסט פון די מעשים טובים פון דעם זיידן — מעשים ביז מסירת נפש און קידוש השם. האָט ער תיכף אַרויפגעכאַפּט אויף זיך זיין קאַפּאָטע און איז געלאָפן צו יאָסל דעם שוסטער אין זיין עת־צרה. דער שמש זיינער איז אים נאָכגעלאָפן און נאָכגעשריען:

— רבי, וואו לויפט איר? אין שול וועט מען וואַרטן אויף אייך מיטן דאַווענען!

— גיי זאָג זיי, עליע, מען זאָל אויף מיר נישט וואַרטן. איך וועל היינט דאַווענען ביחידות.

און געלאָפן איז דער רבי איבער די פינצטערע געסלעך, ברומענדיק שטיל אַ תפילה: סלח לעוון העם הזה."

געקומען אַהינצו, האָט דער רב זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד נעבן דעם אומגליקלעכן, לויז געמאַכט די שטריק, מיט וועלכע ער איז געווען געבונדן, אַרויסגענומען די פאַטשיילקע פון מויל, מיט וואָס ער איז געווען פאַרשטעקט, און ער האָט אים גענומען פאַטערלעך און שטיל באַרואיקן:

— יוסף בר שמואל, כ'בין געקומען דיר אָנזאָגן אַ בשורה טובה! דו ביסט געוואָרן אַ לאַמעד־וואָווניק, אַ צדיק נסתר, וועמעס נשמה וועט איבער מאה ועשרים שנה גיין גלייך אין גן־עדן אַריין... פאַר אַלע דיינע זינד ביזטו שוין אָפּגעקומען אויף דער וועלט. פון איצט אָן ביזטו אַ געלייטערטער צדיק הדור. . .

— יוסף בר שמואל, איך, דער מרא דאתרא, באַפעל דיר אָנצוגיין מיטן לעבן ווי אַ מציל נפשות און אַ הייליקער מוסר נפש . . .

דער זיידע איז נאָך אָט־די טרייסט־ווערטער פון רב צוביסלעך געקומען צו זיך און האָט מיט גרויס האַרץ־ברעכעניש און געוויין אָנגע־הויבן ריידן:

— רבי, כ'וועל די חרפה און דעם בזיון נישט קענען איבערלעבן! העלפט מיר שטאַרבן, רבי! העלפט מיר שטאַרבן...— האָט ער זיך געבעטן ביים רבין.

— לא תמות כי תחיה — נישט שטאַרבן וועסטו, נאָר לעבן וועסטו,

— האָט דער רבי אים מתרה געווען — וועסט נאָך פיל פרייד און נחת דערלעבן, יאָסל. דו, דיינע קינדער און זייערע דורות וועלן געבענטשט זיין פאַר דיינע מעשים טובים און מצוות פון מידת הרחמים און מסירת נפש...

— הער זיך איין, יוסף בר שמואל, וואָס אונדזער גמרא זאָגט: אַז אַ מענטש ווערט פאַרשעמט איז: „ילך למקום שאין מכירים אותו," דאַרף ער דערנאָך אַנהויבן אַ לעבן אויפסניי, און דאָרטן, אין זיין נייעם אָרט, וועט ער ערשט מצליח זיין...

— רבי, איך בין אַן אָרימאַן אַ ייד, אַן אָרעמער שוסטער בין איך; איך האָב נישט קיין שום מיטלען מיט וואָס צו פאַרלאָזן די שטאָט און אויסוואַנדערן ערגעץ אַנדערשוואו! . . .

— גיין אַריין אין שטוב, יאָסל בר שמואל, לייג זיך שלאָפן, רו זיך גוט אויס, און בעזרת השם ישתברך וועסטו אויפגעריכט ווערן...

דער זיידע האָט געפאָלגט דעם רבין, זיך געלייגט שלאָפן און איז אָפּגעשלאָפן, ווי דורך אַ כישוף, דריי מעת־לעת דורכאַנאַנד.

ווען דער מרא דאתרא איז אַהיים געקומען, האָט ער תיכף אַרויס־געשיקט דעם שמש זיינעם, ער זאָל אים ברענגען צו זיך די צוויי שענסטע באַלעבאַטים פון שטאָט. ווען די צוויי חשובע יידן האָבן זיך פאַר אים באַוויזן, האָט ער תיכף זיי באַפוילן אַרויסצוגיין איבערן שטאָט אויפצו־קלייבן געלט להציל נפשות, און דאָס געלט ברענגען צו אים אין דריי טעג אַרום. די צוויי באַלעבאַטים האָבן צו דער באַשטימטער צייט געבראַכט צום רב דריי הונדערט רובל. אויף מאָרגן, תיכף נאָכן דאַווענען, איז דער רב מיטן שמש געקומען צום זיידן, מיטגעבראַכט אַ פור, געהאָלפן איינ־פאַקן די זאַכן זייערע; באַזאָרגט די משפחה מיט הוצאות הדרך. דאָס געלט האָט דער רבי איבערגעגעבן אונדזער באָבען, און דעם זיידן האָט ער איבערגעגעבן אַ בריוו קיין פינסק־קאַרלין, אָנזאָגנדיק דעם זיידן, טאַקע גלייך פאַרפאָרן צו ר' דודל קאַרלינער.

ווען ר' דודל האָט איבערגעלייענט דעם מירער רבס בריוול, האָט ער אויפגענומען דעם זיידן מיט זיין משפחה בסבר פנים יפות; געהייסן גרייטן דעם טיש ווי צו אַ סעודה. ביי דעם טיש האָט דער רבי געזאָגט צום זיידן:

— זאָלסט וויסן זיין, יוסף בר שמואל, אַז דו וועסט זיין אַ צדיק נסתר. דיין מלאכה וועט זיין טראָגן וואַסער און אויך שפּרעכעריי...

— איך אַ שפּרעכער?! רבי, כ'וויס נישט ווי מען שפּרעכט. איך וויס אפילו נישט ווי אַזוי צו פאַרשאַפן זיך קונים פאַר וואַסער ברענגען— האָט דער זיידע פאַרצווייפלט געענטפערט.

— זאָרג נישט, יאָסל — האָט דודל אים באַרואיקט. — זיץ מיט

דיין משפחה לעת־עתה ביי מיר אין שטוב. עסט און טרינקט. גאָט ברוך הוא וועט דיר וויזן דעם וועג . . .

במשך פון דריי טעג האָט ר׳ דודל געשיקט רופן זיין וואַסער־טרעגער און האָט אים מתרה געווען איבערצוגעבן זיין פּרנסה צום אורח, ר׳ יוסף בר שמואל, און אַליין זיך נעמען צו עפּעס אַנדערש. השם יתברך וועט אים שוין נישט פאַרלאָזן.

ר׳ דודל האָט אויך אין אַ גאַנץ קורצער צייט אויסגעלערנט דעם יידן צו זיין אַ שפּרעכער, און אַזוי איז אונדזער יידע, מיט דער הילף פון ר׳ דודלען, געוואָרן סיי אַ וואַסער־טרעגער און סיי אַ שפּרעכער. זיין שם, אַז ער נעמט אַוועק חלאתן און מיחושן ממש ווי מיט די הענט, האָט זיך פאַרשפּרייט אין גאַנצן געגענט. פריצים פון אימעניעס, פון פּינסק און אומגעגנט, פלעגן נאָך אים שיקן זייערע קאַרעטעס, פאַרפאָרן אין זייערע היימען צו העלפן זיי, און דערנאָך אָפּשיקן אים אַהיים אָנגעלאָדן מיט אַלדאָס גוטס . . .

דער יידע האָט דאָן געהאַט פּרנסה בשפע און מיט גרויס כבוד. בסוד סודות פלעגט מען אויף אים זאָגן, אַז ער איז אַ למד־וו׳ניק, אַ נסתר...

* * *

ר׳ דודל פלעגט פאַרבעטן דעם יידן, ער זאָל תמיד זיצן ביים טיש פון זיין רעכטער האַנט.

איינמאָל, ס׳איז געווען אין אַ שמחת תורה. ר׳ דודל איז געזעסן מיט זיינע חסידים און זיך משמח געווען מיט גאָטס תורה. די חסידים, כמנהג, האָבן געטרונקען לחיים צום רבין און אים שטאַרק געווינטשעוועט ער זאָל מאריך ימים ושנים זיין, דערלעבן משיחן וכו׳. מיטאַמאָל שטעלט זיך אונדזער יידע אויף מיט אַ כוס אין האַנט און נעמט אויך ווינטשעווען ר׳ דודלען:

— רבי, זאָל אויף אייך מקוים ווערן דער פּסוק: „צדיק נעזב וזרעו מבקש לחם“ — דער צדיק זאָל געהאָלפן ווערן און די קינדער זיינע זאָלן ברויט בעטלען. . .

די חסידים אַרום טיש זיינען אַלע ווי איינער אויפגעשפּרונגען מיט אַ גרויס געשריי און ליאַרעם:

— ער שעלט דעם רבין! ער שעלט דעם רבין! — האָבן זיי געשריען און געוואָלט אים דורס זיין... ר׳ דודל האָט זיך אויפגעהויבן, אַ מאַך־טוענדיק מיט דער האַנט און אויסגערופן:

— באַרואיקט אייך, ליבע יידן! באַרואיקט אייך! גאָט קוקט אין מענטשנס האַרץ און נישט אין מויל... געמיינט האָט ער גוט, און דאָס איז דער עיקר! דערימעך איז עס אַ ברכה און נישט קיין קללה! ר׳ דודל האָט דערנאָך פאַרצויגן אַ זמרל פון זעלביקן פאָלקסליד, וואָס מיר האָבן דאָ נאָר וואָס געזונגען:

„וואָס מיר זיינען זיינען מיר, אָבער יידן זיינען מיר." און די חסידים האָבן נאָך דער ריי נאָך, אָט אַזוי ווי מיר דאָ, יעדער מיט אַ באַזונדער פערז דאָס פאָלקסליד אויסגעזונגען. ווען עס איז געקומען צום זיידנס ריי, האָט ער מיט באַזונדערער התלהבות און מיט טרערן אין זיינע אויגן געזונגען זיין קופּלעט:

„וואָס מיר זיינען זיינען מיר,
אָבער יידן זיינען מיר.
וואָס מיר עסן עסן מיר,
אָבער קוגל עסן מיר."

דערמאָנענדיק זיך וואָס מיט אים האָט פּאַסירט אין דעם נאָענטן עבר אין מ י ר, און ווי ער איז איצט אויפגעריכט געוואָרן מיט לייטן גלייך האָט ער פון גרויס חדוה זיך יאָמערלעך פאַנאַנדערגעוויינט...

ר׳ דודל האָט אַרויפגעלייגט זיין רעכטע האַנט אויפן זיידנס אַקסל און געמאַכט אַ ברכה:

— יהי רצון, זאָל דאָס ליד געזונגען ווערן בכל תפוצות ישראל, און זאָל עס אויך האָבן זיין תיקון, במהרה בימינו אין אונדזער אויפגעריכטער מדינה — ארץ־ישראל.

* * *

יאָרן לאַנג האָט דאָס ליד געוואָגלט פון לאַנד צו לאַנד און איז געזונגען געוואָרן אין אַלע גלותן. און איצט, זינגענדיק אָט־דאָס יידישע פאָלקסליד, „וואָס מיר זיינען זיינען מיר," האָבן מיר, מיין ברודער און איך, נאָסטאַלגיש דערמאָנט זיך אין אונדזער אַלטער היים, אין דעם הייליקן אָנדענק פון אונדזער זיידן, דעם מוסר נפש, און אויך אין דעם פאָלקסליד, וואָס דודל קאַרלינער האָט אַ ברכה געגעבן...

ווי איר זעט, איז זיין ברכה טאַקע מקוים געוואָרן. און מיר דאָ, אין דעם לאַנד פון אונדזערע אָבות, אין דער אויפגעריכטער אַברהם אָבינו׳ס שטאָט, באר־שבע, זינגען מיר דאָס אייביק יידיש פאָלקס־ליד:

„וואָס מיר זיינען זיינען מיר, אָבער יידן זיינען מיר..."

נקמה

א

אין אַ שיינעם, לויטערן פרילינג־טאָג, אונטער אַ קלאָר־בלויען הימל, האָב איך געמיטלעך שפּאַצירט אַליין אין אַ גאָרטן־פּאַרק ביים ברעג ים, אין תל־אביב. ס'איז געווען אַ שבת נאָכמיטאָג: יונגע עלטערן, טאַטעס און מאַמעס האָבן זאָרגפעלטיק געפירט זייערע יונגע קינדערלעך ביי די הענט, ציכטיק אָנגעטאָן בגדי שבת. אַ גרופּע יוגנט־לעכע, בחורים און מיידלעך, האָבן אין געשלאָסענע הענט אויף די אַקסלען געאָרמט, מאַרשירט מיט פריילעך געזאַנג, פאַרהילכט די לופט מיט זייער יוגנטלעך געלעכטער, און געצויגן אויף זיך דעם אויפמערק פון די שפּאַצירנדיקע. אַ גאַס־פאָטאָגראַפער, מיט זיין אַפּאַראַט אויף אַ דרייפוס, האָט אָנגעבאָטן די שפּאַצירנדיקע אָפּצופאָרטרעטלען זיי בחצי חינם . . .

כ'האָב ווי אַ נאַר־וואָס אָנגעקומענער אין ישראל אַלץ מיט נייגער באַטראַכט: די געמיטלעך שפּאַצירנדיקע יידן דאָ, זייער גאַנג און מאָדערנע הלבשה, די ליכטיקע, שיינענדיקע פּנימלעך פון די קינדערלעך, און די צופרידענע פון נחת, עלטערן; די פרייע געמיטער און די זיכערע טריט זייערע אויף אייגענער ישראל ערד. אַלץ האָט געהאַט פאַר מיר אַ וואַרימען און נאָענטן אינטערעס, און אַלץ האָט צו מיר אויסגעזען שיין מיט אַ גאָר באַזונדערן יידישן חן . . .

כ'בין נאָכדעם געזעסן אויף אַ באַנק אין פּאַרק און פאַר מיינע אויגן איז דורכגעגאַנגען אַ פריי יידיש לעבן אין באַוועגונג . . .

מיטאַמאָל איז מיין אויג געפאַלן אויף אַ שטייענדיקער גרופּע יידן — זיבן אין צאָל — זיבן יידן און דריי הינט צווישן זיי. די אויסטערלישקייט פון דער גרופּע יידן, ביי אייניקע פון זיי שטעקנס אין די הענט, האַלב־רויט און האַלב־ווייס געפאַרבט, האָט מיך שטאַרק פאַראינטריגירט. בין איך מיט נייגעריקייט צוגעקומען צו זיי. פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז מיר באַלד קלאָר געוואָרן זייער מצב. זעקס פון די יידן זיינען געווען בלינדע. דער זעעוודיקער איז געווען זייער מורה־דרך, דער באַלייכטער פון זייער לעבן, די ליכט אין זייער בלינדקייט . . .

ריידנדיק מיט דעם מורה־דרך פון די בלינדע, האָב איך באַמערקט, אַז זיין פּנים האָט אויף זיך בלוי־רויטלעכע פלעקן — פלעקן ווי אויס־געברענט פון עפּעס אַ שטאַרקן עסיד אָדער „אַלין“.

ער האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט, אָט־דער מורה־דרך פון די בלינדע. זיין פנים, הגם נישט צו באַקאַנט, האָבן אָבער אָט־די בלוי־בלוטיקע, ווי אויסגעבערענטע, פלעקן מיטאַמאָל אַרויסגערופן אין מיר אַן אַסאָסיאַציע פון געדאַנקען וועגן אַ שווידערלעכער פּאַסירונג אין מיין אַלטער היים אין דער ליטע. איך האָב געוואָלט זיך איבערצייגן אין מיין השערה וועגן אָט־דעם פאַרשון אין צוזאַמענהאַנג מיט יענער אויסטער־לישער פּאַסירונג ,וואָס איז פלוצלינג אַרויפגעשוואומען פאַר מיינע אויגן. האָב איך אים אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, כ'בעט אייך, זיינט איר צומאָל נישט אַ בריסקער?

— יאָ — האָט דער מורה־דרך פון די בלינדע מיט אַביסל פאַר־וואונדערונג מיר געענטפערט.

— און צי זיינט איר נישט אַ שטיף־זון פון ר' זלמן פראָסקאָווער?— האָב איך שוין מיט מער נייגער אים אַ פרעג געטאָן.

— יאָ, יאָ, ידיד, טאַקע געטראָפן, ווי איך בין אַ ייד!—האָט ער שוין מיט ניט ווייניק אינטערעס און חידוש מיר געענטפערט, און גלייכצייטיק מיר אויך אַ פרעג געטאָן:

— אַז איר ווייסט שוין ווער איך בין, זאָגט־זשע מיר, כ'בעט אייך, ווער זייט איר?

כ'האָב נאָטירלעך, זיך פאַר אים פאַרגעשטעלט, אַז אויך איך בין אַ בריסקער און אַז כ'בין אַ זון פון ר' זרח חיים, דער אויבער־שמש פון גרויסן שניידערשן בית־המדרש, און מיין נאָמען איז: ברוך שניטקאָווער.

מיר האָבן זיך געדריקט די הענט מיט אַ ברייטן און האַרציקן שלום־עליכם. נאָכדעם ווי מיר האָבן געשמועסט אַביסל צווישן זיך, האָט דער מורה־דרך פון די בלינדע צו מיר אַ זאָג געטאָן:

— ווייסט איר וואָס, מיין חשובער בן־עיר: איך מוז איצט אָפּפירן מיינע בלינדע אין אנשטאַלט, וואו זיי האַלטן זיך אויף. כ'זע אַז זיי ווערן שוין אַביסל אומרואיק. אין אַ האַלבער שעה אַרום, אויב איר האָט די צייט צו וואַרטן, וועל איך זיך צוריקקערן און טאַקע דאָ אין פּאַרק, אויף אָט־דער באַנק, וועלן מיר געמיטלעך קענען שמועסן פון יענער גלאָר־רייכער צייט אין דער אַלטער היים און מכוח דעם ביסל פרייד און נישט ווייניק לייד וואָס מיר האָבן אַדורכגעטראָגן.

כ'בין געבליבן זיצן אויף אַ באַנק מיטן פנים צום ים, און כלערליי רעמיניצענסן פון דער אַלטער היים זיינען פאַר מיר אויפגעגאַנגען ווי

אויף אַן עקראַן. אָבער מער פון אַלץ האָב איך טאַקע געוואָלט וויסן, וואָס האָט געטראָפן מיט אָט־דעם זלמן פראָסקאָווער, וועגן וועלכן כ׳האָב געהערט דערציילן כלערליי זאַכן.

כ׳האָב אויף דעם בן־עיר מיינעם לאַנג נישט באַדאַרפט וואַרטן. כמעט צו דער מינוט איז ער אָנגעקומען. אויף מיין בקשה ער זאָל מיר דערציילן פּרטימדיק וועגן דעם אומקום פון זיין שטיף־פאָטער, ר׳ זלמן פראָסקאָווער, און אויך ווי אַזוי ער איז עולה געווען קיין ישראל, האָט ער פאַר מיר מיט אַ באַזונדער געפיל פון איבערלעבונג אָנגעהויבן די סיפור המעשה:

— מעשה שהיה כך היה: איר געדענקט דאָך מסתמא, אַז צו אונדז אין שטאָט פלעגט כמעט יעדן יאָר קומען אויף אַ באַזוך דער מינסקער מגיד צו האַלטן אַ ריי דרשות. און אַ מגיד איז ער געווען, דער מינסקער, טאַקע איינער פון די געציילטע. אויף אים פלעגט מען זאָגן ביי אונדז, אַז „פון דובנער מגיד ביזן מינסקער איז נאָך אַזאַ מגיד נישט געווען.״

ווי דער מאמר גייט: „פון משה ביז משהן איז נאָך אַזאַ משה נישט געווען.״

צו דעם מינסקערס דרשות פלעגן קומען הונדערטער יידן פון שטאָט און אַרום. און דער תוכן פון זיינע דרשות זיינען כמעט כסדר געווען דער זעלביקער, איבער איין ענין: „התורה ממונחת בקרן זוית״ — די תורה איז פאַרלאָזן און פאַרשטויסט אין אַ ווינקל. צו אָט־די דרשות פון דעם מינסקער מגיד פלעגט דער שטיף־פאָטער מיינער ע״ה מיך כסדר מיט־נעמען.

דער שטיף־פאָטער מיינער, ווי איר ווייסט, איז געווען אַ פאַרמעג־לעכער מענטש, אַ פאַבריקאַנט, אַ יוסטער באַלעבאָס. געווען אויך אַ קרעפטיקער ייד און געהאַט, ווי מען זאָגט, „גרויסע עלענבויגנס.״ אין שניידערישן בית־מדרש האָט ער געפירט די גאַנצע גרענדע. ס׳האָט נאָך נישט פּאַסירט, אויף וויפיל איך געדענק, אַז ער זאָל ניט געווען אויס־געקליבן ווערן אַלס דער גבאי ראשון. ערשטנס איז ער געווען אַ ייד אַן עושר, און כידוע, ווי אומעטום: „ווער ס׳האָט די מאה דער האָט די דעה.״ און צווייטנס, האָט ער שוין געהאַט זיין חברותא, וועלכע האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר אים. אַ טייל זיינען טאַקע געווען אָפּהענגיק פון אים מיט׳ן „שטיקל ברויט״, האָט מען געפאָלגט וואָס מען האָט געהייסן טאָן. און אַז מען האָט געדאַרפט אַ פּאָר ניט־פאָלגערס גוט אָנשרעקן, אָדער

אפילו געבן אַ פּאָר „סטוסאַקעס" אין דער זייט, האָבן זיינע מענטשן זיך אויך נישט צוריקגעהאַלטן דאָס צו טאָן. ס'האָט שוין ניט איינמאָל גע־טראָפן, אין אַ שבת נאָכן דאַווענען, אַז ס'איז געקומען צו שטאַרקע געשלעגן און מ'האָט געוואָרפן זיך מיט לייכטער און שטענדער אין די קעפּ; אָבער געוואונען האָט זלמן פּראָסקעווער סיי־ווי.

הערט איר, ס'איז דאָך שוין מעשה שהיה, מעג מען עס דערציילן.

דער שטיף־פאָטער מיינער האָט געהאַט אַ פאַבריק פון שוכוואַרג. זיינע שיך און קאַמאַשן פלעגט ער אפילו אַרויסשיקן אין דער גרויסע מעטראָפּאָליע — וואַרשע. געהאַלטן האָט ער אַ גרויסע צאָל פּועלים. און זאָל אים צו קיין גנאי ניט זיין: ער האָט זיי גאַנץ היפּש עקספּלואַטירט. ווען סטרייקס זיינען געוואָרן אַ געוויינלעכע דערשיינונג, פלעגט ער זיך גרויס מאַכן, אַז ביי אים וועלן די אַרבעטער קיינמאָל ניט סטרייקן...

ויהי היום, זיינע אַרבעטער ביי אים אין פאַבריק האָבן זיך אָרגאַ־ניזירט און דערקלערט אַ סטרייק. איז זיך מישב ר' זלמן און איז אַוועק צום פּאָליצײַ־שעף און געמסרט אויף די אָנפירער פון סטרייק, אַז זיי זיינען שרעקלעכע רעוואָלוציאָנערן. מ'האָט די אָנפירער תיכף אַרעס־טירט. אין פּאָליצײַ־באַצירק האָט מען זיי גוט צעממיתט און אַריינגעזעצט נאָכדעם אין תפיסה.

עס זעט אויס אַז קיין זאַך אין לעבן ווערט הפנים ניט אומבאַשטראָפט. ויהי בחצי הלילה, ס'איז געווען שוין באַלד האַלבע אַכט, שטאָק פינצטער. מיר זיינען געגאַנגען אַהיים פון דעם מינסקערס מגידס אַ דרשה, דער טאַטע און איך. מיטאַמאָל איז אַרויסגעשפּרונגען פון באַהעלטעניש איינער און אָפּגעגאָסן דאָס גאַנצע געזיכט פון מיין שטיף־טאַטן מיט אַ גרויסער דאָזע „אַלין". עטלעכע שפּריצן פון אָט־דעם ברענענדיקן עסיד האָט אויך פאַרכאַפּט אַ טייל פון מיין פּנים. אויף אונדזערע געוואַלדן זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן מענטשן. מען האָט אונדז תיכף אַריינגעבראַכט אין סיראָטעס אַפּטייק, געפּרובירט אונדז ראַטעווען. אים האָט שוין קיין רפואה נישט געהאָלפן. מען האָט אים נאָכדעם אָפּגעפירט קיין וואַרשע אין אַ גרויסן שפּיטאָל, אָבער אויך דאָרטן האָט מען שוין פאָר אים גאָרנישט געקענט טאָן. געבראַכט האָט מען אים צוריק אַהיים — טאָטאַל בלינד. און ביי מיר, ווי איר זעט, איז אויף אייביק פאַרבליבן אָט־די בלוי־בלוט אויסגעברענטע פלעקן אויף מיין פּנים, און איך טראָג זיי מיט זיך ווי קין'ס צייכן . . .

ב

אין דער שניידערישער שול— מסתמא געדענקט איר— זיינען גע־שטאַנען צוויי גרויסע טישן, אָפּגעזונדערט איינער פון אַנדערן: איין טיש פאַר תהילים־זאָגער און אַ צווייטער פאַר למדנים—גמרא־לערנער. ר' עליע, דער טעפּער, אויב איר געדענקט אים, איז געווען אַ ייד אַ פּשוטער, אַן ערלעך־פרומער. ער פלעגט ניט נאָר ברענגען וואַסער צו די למדנים און תהלים זאָגער, נייערט מיט זיין גרויס מתיקותדיקן תהלים זאָגן פלעגט ער צוציען אַ גרויסע צאָל פּשוטע יידן און טאַקע ממש משפּיע זיין אויף זיי צו ווערן תהלים זאָגער. זיין אויסניגונען דעם פּסוק: „צדיק ואביון יושיע ה'" פלעגט זיך ממש צעגיין איבער אַלע אברים . . .

ווען מיין שטיף־פאָטער האָט שוין שלום געמאַכט מיטן געדאַנק, אַז ער וועט שוין בלייבן בלינד אויף די איבעריקע טעג פון זיין לעבן, האָט ער אָנגעהויבן שטאַרק חרטה האָבן אויף זיינע פריערדיקע מעשים. ניט נאָר איז ער געוואָרן אַ חוזר בתשובה, נייערט ער האָט זיך אויך אַ נדר געגעבן צו פאַרטיילן צדקה, צו טאָן מעשים טובים, און מער פון אַלץ האָט ער זיך צוגעבונדן צו ר' עליען דעם טעפּער. געוואָרן זיינער אַ הייסער חסיד און אים אַ סך געהאָלפן אין דער גרינדונג פון נייע תהלים קרייזלעך אין אַנדערע בתי מדרשים און שטיבלעך אין שטאָט.

ווען דער מינסקער מגיד האָט פאַרענדיקט זיינע דרשות און איז גרייט געווען צו פאַרלאָזן די שטאָט, איז ער געקומען צו ר' עליען דעם טעפּער, מיט אים זיך דורכשמועסן מכוח אַ גרינדונג פון אַ חברה ש"ס.

— ר' עליע — האָט דער מינסקער זיך צו אים געווענדעט — כ'האָב צו אייך אַ בקשה, און מיט גאָטס חסד וועט איר די בקשה מיינע אויספירן, מחמת דאָס וואָס איך בעט פון אייך איז אַן עבודת קודש. און איר, ר' עליע, זיינט דער פאַסיקער און אויפריכטיקער שליח ציבור פאַר דעם. איר, ר' עליע, זיינט אַ פרומער, ערלעכער ייד, אַ מתמיד תהלים זאָגער, און מיט אייער התלהבות האָט איר באַוויזן שטאַרק משפּיע צו זיין אויף אַ סך פּשוטע יידן און אפילו לערנער, אָנצובינדן זיך אין אייערע תהלים קרייז־לעך. בכן, ר' עליע, איז עס אייער הייליקער חוב אויך איינצופירן גמרא און ש"ס קרייזלעך.

ר' עליע איז פּשוט נשתומם געוואָרן פון דעם „מינסקערס" בקשה, וואָס גאָר צו אים האָט ער זיך געווענדעט מיט אַזאַ וויכטיקער שליחות.

— וואָס רעדט איר, וואָס, חשובער רבי! ווי קום איך צו גמרא יידן און למדנים פון ש"ס? כ'בין אַ פּשוטער ייד, אַ פּראָסטאַק; כ'בין עליע דער טעפּער, בין איך. איך פאַרקויף טעפּ צו די גויים; איך טראָג וואַסער צו די לערנער אין בית־מדרש. ווי קום איך זיך מתעסק זיין מיט אַזאַ הייליקער עבודה?

— ניין, ר' עליע, איך בין אייך מבטיח, אַז איר זיינט יאָ ראוי פאַר אַזאַ וויכטיקן דינסט פאַר דעם רבונו־של־עולם. יאָ, ר' עליע, איר מער ווי ווער עס איז. זאָגט מיר נישט אָפּ, ר' עליע. כ'וועל נישט אַוועקפאָרן פון דאַנען ביז איר וועט מיר נישט מבטיח זיין, אַז איר וועט מיט דער הילף פון השם יתברך אַזאַ עובדה אויף זיך נעמען...

ר' עליע האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט: ער האָט תיכף אָנגעהויבן זיך עוסקן מיט דעם ענין. דאָס אַלטע פאַרוואָרלאָזטע בית־עולם שולכל איז מיטאַמאָל אויפגעריכט געוואָרן. ר' עליע, מיט דער הילף פון זלמן פּראָסקעווער און נאָך אַ פּאָר יידן, האָט דאָס שולכל פאַרריכט, אויפגעראַמט און צוגעקליבן. מען האָט צוזאַמענגעבראַכט אַ צאָל ש"סן און אין אַ גאָר קורצער צייט איז עס געוואָרן אַ מקום תורה. צענדליקער יידן, פּראָסטע און למדנים, האָבן אָנגעהויבן קומען אַהערצו לערנען ש"ס. אויך האָבן אַנדערע קלויזן, אונטער דער השפּעה פון ר' עליען, איינגעפירט אַזעלכע חברה ש"ס. ס'איז נאָכדעם אפילו צוגעשטאַנען צו זיי ר' שמואל אַבראַמסאָן, אַ גרויסער למדן. (מ'האָט אים אויך גערופן ר' שלמה יאַנאָווער).

ר' זלמן פּראָסקאָווער, ווי געזאָגט, איז געוואָרן אַ חוזר בתשובה און האָט זיך צוגעבונדן צו ר' עליען בלב ונפש. ער האָט זיך איינגעבעטן אים צו העלפן מיט וואָס ער איז נאָר בכוח געווען. ער האָט אויסגעהאַלטן די חברה ש"ס און די חברה תהלים זאָגער; געגעבן צדקה אויף אַלץ וואָס ר' עליע האָט אים גע'עצה'ט. ער פלעגט גיין מיט ר' עליען אין די בתי־מדרשים, זיצן דאָרטן יומם ולילה און זיך צוהערן צו די לערנער און אַליין אויך תהלים זאָגן.

נאָך איידער היטלער י"ש האָט זיך באַוויזן מיט זיינע רוצחים אין אונדזער שטאָט, איז ר' זלמן, מיין שטיף־פאָטער, צוגעשטאַנען צו מיר איך זאָל עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

זינט איך בין געוואָרן דאָרטן זיין מורה־דרך, בין איך אים געוואָרן

זייער נאָענט, טאַקע ווי נאָר אַן אייגענער זון. ער האָט אין מיר געהאַלטן אין איין אַריינטענהן:

— פּאָר, מיין זון, קיין ארץ־ישראל. ביזט נאָך יונג, און בעיקר האָסטו אָפענע אויגן. וועסט נישט פאַרפאַלן ווערן. ראַטעווע זיך, נחום, פון דעם אָנקומענדיקן בראַנד און פייער אויף כלל ישראל. איך וועל שוין ווי עס איז אין מיין בלינדער וועלט פאַרענדיקן מיין לעבן. . .

נו, ווי איר זעט, בין איך דאָ אין ישראל. און מערקווירדיק איראָניש ווי עס איז, אַז אויך דאָ בין איך געוואָרן אַ מורה־דרך פון בלינדע. אָנשטאָט דעם וואָס איך בין געווען דאָס אויג פון איינעם, פון מיין שטיף־פאָטער, בין איך איצט דאָ די אויגן פון אַ סך — דאָס ליכט אין זייער בלינדקייט...

ווען היטלערס האָרדעס האָבן זיך באַוויזן ביי אונדז אין שטאָט, האָבן זיי תיכף אָנגעהויבן צוזאַמענגעמען די יידן און זיי איינגעשלאָסן אין אַ געטאָ. צווישן די מחנות יידן איז אויך פאַרשלעפּט געוואָרן ר' זלמן פּראָסקאָווער. דאַרף איך אייך דערציילן די שרעקלעכע אוממענטשלעכע איבערלעבונגען אין די געטאָס? וועלכער ייד ווייסט עס ניט?! און אויב ער ווייסט ניט, איז ער קיין ייד ניט. אויב ר' זלמן האָט ניט געקענט אין זיין בלינדקייט זען די מערדערישע מעשים פון די נאַציס, האָט ער אָבער גענוג געהערט די ווייגעשרייען פון די קינדער, זקנים און פרויען. ער האָט געוואוסט, אַז קיין נוצן פון אַרבעט קאָן ער די נאַציס נישט ברענגען און פריער אָדער שפּעטער וועט ער, ווי אַ סך אַנדערע, אָדער דערשאָסן ווערן אָדער געפירט ווערן אין דער קרעמאַטאָריע . . .

נעכט און טעג האָט ער רק געטראַכט אויף וועלכן אופן ער קאָן נקמה נעמען פון די מערדער און אומברענגער פון יידישן פאָלק . ..

ר' זלמן פּראָסקאָווער האָט זיך פאַרטרויט פאַר אַ פריינט זיינעם, וועלכער איז געווען אין אַ ווידערשטאַנד גרופּע, אַז ער איז גרייט אויף אַ נקמה־אַקט קעגן די נאַציס, וואָס קומען אַהער אַלעמאָל און איזדיעקעווען זיך איבער זיי. ער וועט ביי דער ערשטער פּאַסיקסטער געלעגנהייט דאָס דורכפירן, אויב ער וועט אים באַזאָרגן מיט אַן אויפרייס־באָמבע. „מיין לעבן האָט שוין סייווי קיין ווערט פאַר מיר ניט", האָט ער זיך ביי אים געבעטן.

ווען די גרופּע בעסטיאַלישע רוצחים איז געקומען צום טויער פון דער געטאָ אַריינצוקומען פאַר אַן אינספּעקציע, האָט ר' זלמן, באַוואָפנט מיט אַן אויפרייס־באָמבע, טראָגנדיק אין אַ שטרויענעם קוישל, זיך דער־

נענטערט צום טויער, וואו די נאַצים זיינען געשטאַנען, און ווען ער האָט דערהערט דעם קול פון איינעם פון זיי: „וואוהין גייסטו, דו בלינדער פאַרפלוכטער יודע!?" האָט ער ראַפּטאַם, פון וואַנען דאָס קול האָט זיך געטראָגן, האַסטיק אַ וואָרף געטאָן די אויפרייס־באָמבע אין דעם נאַצי־געזעמל, אויסשרייענדיק:

— תמות נפשי עם פלישתים!

און צוזאַמען מיט זיי איז ער אויפגעריסן געוואָרן . . .

מיין בן־עיר, דער שטיף־זון פון דעם אומגעקומענעם ר' זלמן פּראָס־קאָווער, און דער איצטיקער מורה־דרך פון בלינדע אין תל־אביב, האָט פּאַטעטיש פאַרענדיקט זיין סיפּור המעשה.

ביים האָריזאָנט פון ים איז שוין די זון פאַרגאַנגען אין קופּערנע פלאַמען — אַן אָנזאָג אויף אַ לויטער־זוניקן טאָג אין ישראל. . .

אַ צווייטער ר' לוי יצחק

בעת ר' אליעזר משה, דער פּינסקער רב, איז נפטר געוואָרן, איז זיין אָרט געבליבן ליידיק במשך אַ לענגערער צייט. פּינסק איז געבליבן אָן אַ רב, און פאַר אַ דין־תורה האָט מען זיך געמוזט מטריח זיין און צופאָרן קיין קאַרלין. די פאַרמעגלעכע באַלעבאַטים און נכבדים פון דער גרויסער שול, האָבן באַין אופן ניט געקאָנט צופּאַסן זיך צו קיין נייעם רב. ווען לכן רב מען האָט זיי נאַרייעט און איז געקומען אָנבאָטן זיך אויפן כסא הרבנות, איז זיי נישט געווען געפעלן.

— עפּעס אַ פאַרגלייך צום פּינסקער! — האָבן זיי געטענהט. ר' אליעזר משה איז געווען אַ גאון עולם און אַ צדיק תמים! צו זיין צידקות, צו זיין דרך און עבודת ה' איז נישטאָ קיין גלייכן. ביי אים ז"ל אין בית־דין שטוב האָט מען כסדר גערעדט דברי תורה. די דרשות וואָס ער פלעגט האַלטן—אמת ניט צו אָפט—זיינען געווען איבער דער גאַנצער סביבה אַ שם־דבר. עפּעס אַ קלייניקייט זיינע דרשות!... זיי זיינען געווען דורכ־געדרונגען מיט טיפער ידישער חכמה און יראַת אלקים . . .

ווען נאָר אַ נייער רב האָט אין שטאָט זיך באַוויזן, האָט ער זיך געוווּנדערט צו די דעה־זאָגער אין קהלישע ענינים. האָבן די נכבדים און לומדים אים „פאַרהערט" און אפילו אויסגעהערט זיינע אַ דרשה על רגל אַחת, און האָט די פראָבע ביי זיי—ניט אויסגעהאַלטן.

— העזה פון אַ יידן — האָבן זיי צווישן זיך געמורמלט — צו וועלן זיין דער ממלא מקומו פון ר' משה אליעזר ז"ל!... לסוף האָט מען דעם רב־קאַנדידאַט באַצאָלט פאַר זיין טירחה און הוצאות הדרך און משלח געווען.

איינמאָל איז אין שטאָט אָנגעקומען אַ רב. ווי דער שטייגער, איז ער אויך אַוועק צו די קהלישע עסקנים אָנבאָטן זיך פאַרן כסא הרבנות. די שיינע באַלעבאַטים האָבן דורכגעקוקט זיינע סמיכות, אויסגעהערט זיינס אַ דרשה, אָבער... אויך ער האָט נישט נושא־חן געווען ביי זיי. נו, האָבן זיי אויך אים, ווי דעם פריערדיקן, משלם געווען פאַר זיין טירחה און הוצאות הדרך, בתנאי ער זאָל באַלד פאַרלאָזן די שטאָט.

דער דאָזיקער רב, ר' לייזערל אַטלאַס, ווי ער האָט געהייסן, האָט הפנים ניט שטאַרק חשק געהאַט אַוועקצופאָרן פון שטאָט. ווי ס'האָט אויסגעזען, האָט ער געהאַט פאַר זיך גאָר אַן אַנדערע מחשבה; ער האָט לכתחילה געמאַכט זיך וועגן דעם כלא־ידע: וואָס איז די איילעניש? ער וועט אַרומקוקן די שטאָט, באַקענען זיך מיט די תושבים, און אַזוי איז ער געבליבן איבער דער וואָך.

אויף שבת איז ער אַוועק אין דער שניידערשער קלויז, וואו די מתפללים זיינען ס'רוב באַשטאַנען פון חייטים און אַנדערע בעלי מלאכות. דאָרטן טאַקע האָט ער דעם זעלביקן שבת געהאַלטן אַ דרשה. ביי די יידן פון דער שניידערשער קלויז האָט דער רב, ר' לייזערל אַטלאַס, גראָד שוין גאָר אויסגענומען. זיי האָבן ממש „געלעקט" די פינגער פון אים. אַזעלכעס האָבן זיי נאָך ביז דאַן נישט געהערט . . .

— אַי, אַי, וואָס פאַר אַ כוח הדיבור! — האָט שמואליק פאַרסטריגע זיך פאַרגאַפט — אַ דרשה'קעלע האָט ער עס געהאַלטן, אַ מחיה געווען צו הערן!

און די אַנדערע יידן אין קלויז האָבן געטיילט זיין התלהבות און האָבן זיך אַלע געפילט דערהויבן: אַזאַ כבוד, אַזאַ זכיה! אַ רב זאָל צו זיי אַראָפּקומען האַלטן אַ דרשה! זיי האָבן דאָך תמיד געדאַרפט גיין אין דער

גרויסער קלויז הערן דעם מגיד, דעם רב, אָדער חזן, און ס׳רוב שטיין דאָרטן כעני בפתח — ווי פרעמדע . . .

ס׳איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס צו זיי, אין זייער אָרעמער קלויז, איז אַראָפּגעקומען אַ רב האַלטן אַ דרשה. און געדרשנט האָט ער פאַר זיי אַזוי וואַרעם, אַזוי ברידערלעך, האַרציק, אַזויפיל פּשטות, באַווירצט מיט שיינע פאָלקס־מעשהלעך און משלים, וואָס האָט זיך אַזוי נאָענט צוגעפּאַסט צו זייער מצב און מעמד...

— מיינע ליבע יידן — האָט ער פאַר זיי מסביר געווען — ווייסן זאָלט איר, אַז דער עיקר פון אַלע עיקרים פון אמתער יידישקייט איז: אַ וואַרעם יידיש האַרץ, גוטע, ערלעכע כוונות און טאָן מעשים טובים. דאָס איז מער אָנגעלייגט ביים רבונו־של עולם ווי איינעמס גרויסן זיך מיט זיין למדנות און רק אַרויסשטעלן זיך מיט זיין יחוס. אַ ייד וואָס העלפט נישט דעם אָרימאַן, דעם אביון אין אַ נויט, און גיט ניט ווי אַ מתן־בסתר, פאַרשוועכט דעם בן אָדם לחברו . . .

די שניידער זיינען צו אים ממש צוגעזאָדן געוואָרן. זיי האָבן געפילט אַז עס רעדט צו זיין אַן אייגענער, אַ נאָענטער. זיי האָבן זיך דערהויבן און זיינען באַפליגלט געוואָרן פון זיין אָנווענזנהייט און פון זיינע וואַרעמע רייד. אַנדערע האָבן דעם נייעם רב, וואָס איז צו זיי, ווי נאָר טאַקע פון דער השגחה אַראָפּגעשיקט געוואָרן, פאַרגליכן צו אַ ר׳ לוי יצחק באַדיטשעווער. דער שניידערישער בית־מדרש איז יענעם שבת געווען איבערגעפולט מיט פרייד און התלהבות און זיינען גרייט געווען צו טאָן אַלץ וואָס זיי קאָנען, אַבי דער רב זאָל דאָרט בלייבן אויף רבנות. אָבער... וואָס קומט אַרויס אַז דער רב האָט ביי זיי שטאַרק עולה יפה געווען, אַז די שניידערי־שע קלויז האָט ניט דאָס לעצטע וואָרט אין דעם ענין פון אָנשטעלן אַ רב? ווי ס׳האָט זיך געפירט פון קדמונים, זיינען עס תמיד געווען די גבירים אַדירים, די דעה־זאָגער. האָבן זיך מישב געווען אַ חברה שניידער־יונגען און זיינען אַוועק אין דער גרויסער שול פון די נכבדים און אויפגעהויבן אַ ויצעקו און אַ טומל:

— ס׳טייטש, וואו איז עס געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך, אַ שטאָט זאָל לגמרי בלייבן אָן אַ רב? געבוג געוואַרט! מיר פאָדערן פון אייך איר זאָלט אָנשטעלן דעם רב, ר׳ לייזערל אַטלאַס. ער האָט ביי אונדז גע דרשנט און מיר זאָגן אייך, אַז פינסק האָט נאָך אַזאַ דרשה ניט געהערט. נישקשה, מיר האָבן אויך עפּעס צו זאָגן אין דעם ענין! מיר זיינען פּונקט

אַזעלכע מיוחסים ווי איר ביים אַנשטעלן אַ רב פאַר אונדזער קהילה!

פון די האַרבע טענות איז געוואָרן אַ שטאַרקע מחלוקה, וואָס האָט געהאַלטן אַט־אַט ביי אַ געשלעג. די באַלעבאַטים האָבן געזען אַז ס'ווערט ערנסט, האָבן זיי אויסגעטאָן די טליתים, פאַרלאָזט די שול און איבער־געלאָזט די שניידער יונגען אין טומל.

די שניידער־יונגען, זייענדיק שטאַרק אויפגעבראַכט וואָס זיי האָבן נישט באַקומען קיין צופרידנשטעלנדיקע תשובה פון די שטאָט־באַלע באַטים, האָבן נאָך מיט מער רוגזה און טומל נאָכגעפאָלגט זיי אין דרויסן און ערשט דאָרטן האָט זיך די מחלוקה צעפלאַקערט.

ס'איז גראָד געווען אַנהויב פרילינג. דאָס שניי און אייז, אונטער די שטראַלן פון דער פרילינג־זון, איז שוין געווען צעגאַנגען און ס'האָבן זיך געשטעלט די באַוואוסטע פינסקער בלאָטעס. אַ פּאָר פון די יונגען, אין גרויס פאַרדרוס און אייפער, האָבן אַראָפּגעכאַפּט פון אַ פּאָר באַלע באַטים די שטריימלעך זייערע, אַנגעשעפּט מיט זיי בלאָטע און מיט גוואַלד צוריק אַרויפגעזעצט זיי אויף זייערע קעפּ . . .

דער סוף איז געווען אַז די שניידערישע קלויז האָט דאָס מאָל אויס־געפירט. ר' לייזערל אַטלאַס איז אַנגענומען געוואָרן אויף רבנות פון דער קהילה, טראָץ די עקשנות און קעגנערשאַפט פון דעם גרויסן גביר ר' אָשרל זאַסלאַווסקי און די אַנדערע נכבדים, און ס'זיינען איינגעשטילט געוואָרן די געמיטער. קהל האָט דאַן אַנגערופן ר' לייזערל אַטלאַס — „דער שניידערישער רב". . .

ר' לייזערל איז במשך זיין כסא הרבנות שטאַרק באַליבט געוואָרן ביי אַלעמען, הן ביי די אָרימע והן ביי די רייכע, פאַר זיין אומגעהויער איבערגעגעבנקייט לטובת הכלל; פאַר זיינע קלוגע, גוטע עצות און זעל־טענע המצאות. בעיקר האָט ער געהאַט איינזעעניש מיט די אביונים און קבצנים. יעדן שבת האָט ער געדרשנט אין אַנאַנדער קלויז. פריער האָבן די אָרעמע שולכעלעך און שטיבלעך ניט געהאַט די זכיה אַז דער רב זאָל אַראָפּקומען צו זיי דרשענען. איצט האָבן זיי זיך דערפילט, אַז מען האָט זיי אויך אין זינען, מען רעכנט זיך מיט זיי, כאָטש זיי זיינען ניט פון די יחסנים און לומדים. ר' לייזערל האָט אויך איינגעשטעלט חסידים־שטיבלעך און תהלים־זאָגער, וואו דער פּשוטער ייד, דער בעל־עגלה און טרעגער, דער פּועל און קרעמער, האָט מיטגעזאָגט און מיטגעלערנט די תורה הקדושה.

איינמאָל ביים דאַווענען, אין שניידערישן בית־המדרש, האָבן די מתפללים דורכן פענצטער פון שול, מיטאָמאָל דערזען אַ זייער אויסטער־לישע און ווילדע געשעעניש: אין מיטן פון בלאָטיקן שליאַך זיינען געשטאַנען אַ פּאָר האַלב־שיכורע סאָלדאַטן און ווי נאָר זיי האָבן דערזען אַ פאַרבייגייענדיקן יידן מיטן טלית אונטערן אָרעם, האָבן זיי אַרויסגעריסן פון אים דעם טלית און אים אַריינגעשליידערט אין בלאָטע. אין קלויז איז געוואָרן אַ געוואַלדיקער גערודער איבער אַט־דער נבלה. דער רב האָט תיכף געהייסן אָפּשטעלן דאָס דאַווענען און האָט געבעטן די צוויי ברידער־פּישערלייט, פּייוקע און בערקע, באַוואוסטע גיבורים, זיי זאָלן צוזאַמענ־לייגן זייערע טליתים אונטער די אָרעמס און אַרויסגיין אין גאַס. אַז די צוויי סאָלדאַטן האָבן דערזען די צוויי יידן מיט די טליתים אונטער די אָרעמס, האָבן זיי זיך דערנענטערט צו זיי און געוואָלט אַרויסרייסן פון זיי די טליתים און וואַרפן זיי אין בלאָטע, ווי זיי האָבן עס געטאָן צו די אַנדערע יידן, אָבער איידער זיי האָבן עס באַוויזן צו טאָן, האָבן די ברידער אַרויסגעוויזן זייער גבורה: בערקע האָט אַ נעם געטאָן איין סאָלדאַט און פּייוקע דעם צווייטן, און אַ הויב געטאָן זיי מיטן גאַנצן כוח זייערן און אַריינגעשליידערט זיי אין דער טיפער בלאָטע.

אויף אַזאַ מפּלה האָבן די סאָלדאַטן זיך נישט גערעכנט. מיט גרויס שוועריקייט האָבן זיי זיך אַרויסגעקראַבקעט פון דער בלאָטע, ווי אויס־געשמירטע חזירים, און קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן. די צוויי ברידער האָבן זיך נצחונדיק צוריקגעקערט אין בית־מדרש, וואו מען האָט תיכף ממשיך געווען דאָס איבערגעריסענע דאַווענען נאָך מיט מער התלהבות ווי פריער.

אַט אַזעלכע און אַנדערע המצאות זיינען דערציילט געוואָרן פון ר׳ לייזערל אַטלאַס. צוליב זיין נאַענטשאַפט און גוט־ברודערשאַפט מיט אַלעמען, איז זיין נאָמען באַליבט געוואָרן. ער האָט געשמט אַלס אַ צדיק תמים און אַ גרויסער בעל־שכל.

איז געקומען אַ יידענע מיט אַ שאלה: אַ גערש איז אַריינגעפאַלן אין איר יויך, האָט דער רב זי באַרואיקט און געפּסקנט „כשר״, און אַז זי מיט איר משפּחה מעגן עס עסן געזונטערהייט. מיט די גבירטעס האָט ער שוין ביט געהאַט אַזאַ איינזעעניש. פאַר די קבצנים איז ער ממש געווען אַן אבן־טוב . . .

אין שטאָט זיינען געווען אַ צאָל גנבים. בראש פון דער חברה איז געווען איינער אַ זעליג גנב. הגם ער אַליין האָט טאַקע נישט געגנבעט, האָט מען אָבער געוואוסט, אַז ווען מען וויל צוריקקריגן די גנבה, דאַרף מען זיך ווענדן צו זעליגן. ער האָט שוין געוואוסט וואו און ביי וועמען די זאַכן געפינען זיך. זעליג גנב האָט פונדעסטוועגן געהאַט צוויי מאָסן: ביי אָרימעלייט האָט ער גענומען וויינקער אויסלייז־געלט, ביי די רייכע — מער.

אין שטאָט איז צוריקגעקומען פון אַמעריקע, יעקב בער, דער שטריקל־דרייער, מיט אַ היפשער אַפּותיקי, בערך אַ פינף טויזנט דאָלער. געוואָלט דאָרט עפענען אַ פאַבריקל און ווערן צוריק אַ היגער. חברה גנבים האָבן עס תיכף דערשמעקט און אים ריכטיק באַאַרבעט... אויף זיין געוויין און געיאָמער האָט מען אים געשיקט צו זעליג גנב.

— גיי צו זעליג גנב — האָבן אים די מקורבים געעצהט — אויב עמיצער ווייסט עפּעס וואו און ביי וועמען די גנבה געפינט זיך, איז עס זיכער זעליג גנב.

דער סוף איז געווען, אַז פון די פינף טויזנט דאלער האָט מען דעם „אַמעריקאַנעץ" אומגעקערט אַ טויזנטער. דער ייד, נעבעך, אַ שטאַרק אַנטוישטער, אַ פאַרצווייפלטער, מיט שאַרפע קללות אויף די ליפּן אויף אַלץ און אַלעמען, האָט „פאַרקערעוועט דעם דישל" און היידאַ צוריק קיין אַמעריקע.

זעליג גנב האָט געהאַט דריי שיינע טעכטער, איינע שענער פון דער אַנדערער, אמתע יפהפיות. די עלטערע, גיטל, איז פאַרפירט געוואָרן פון אַ שניידער־יונג, און איידער וואָס־ווען איז ער נעלם געוואָרן ווי אין וואַסער אַריין. די צווייטע, פּערל, האָט געדינט ביי אַ דאָקטאָר. האָט דער דאָקטאָר זיך מיט איר „איזניוכעט"... און פאַר זעליגן איז עס געוואָרן אַ „שמאַלץ־גרוב"... דער דאָקטאָר האָט זיך שוין ניט געקאָנט אויסקויפן פון אים... מורא האָבנדיק פאַר אַ שם־רע און אויך פאַר אונטערגעשלאָגענע זייטן, האָט ער זעליגן געצאָלט וועכנטלעך. און פּערלען, זיין מיידל, האָט ער באַקליידט ווי אַ מלכה... דערפאַר אָבער האָט זעליג די יינגסטע טאָכטער זיינע, ליזעטשקען, אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ. געשיקט זי אויף די קלאַסן, און איז געוואָרן אַן אמתע קורסיסטקע. און שיין איז זי געווען, ניט צו באַשרייבן, אין איר לויטער פּנים ניט אַריינצוקוקן! טאַקע אַן אמתע יפת־תואר.

די בחורים זיינען תמיד אַרומגעהאַנגען אַרום איר, ווי בינען אַרום האָניק . . .

איינמאָל איז זי מיט איר אַ חברטע געגאַנגען שפּאַצירן אויפן שליאַך הינטער דער שטאָט, נאָענט ביי די בערגלעך, ווי דאָס רוב פון די שטודירנדיקע יוגנט פלעגט מאַכן „ראַנדעוואוס". צווישן די שפּאַצירנ־דיקע סטודענטן איז אויך געווען דער בן־יחידל פון דעם גרויסן גביר, ר' אָשרל זאַסלאַווסקי. דאָס בחורל, סאָלאָמאָנטשיק, איז געווען באַוואוסט פאַר אַ גאָר וואוילן לערנער, אַן עילוי, אַ בקי אין תורה און אין וועלטלעכע לימודים. פאַרשטייט זיך, אַז ר' אָשרל האָט זיך שטאַרק געגרויסט מיט זיין חריפישן בחור און האָט געהאָפט אַז ער וועט נאָך אויסוואַקסן אַ גאון.

דאַרף טרעפן, ווי ס'טרעפט אַזעלכע זאַכן, אַז אָט־דעם גבירס בן־יחידל, סאָלאָמאָנטשיק, זאָל זיך פאַרליבן אין ליזעטשקען, זעליג גנבס טאָכטער, פון ערשטן אויגנבליק. און ווי פאַרליבט, טאָקע „ביז איבער די אויערן"!... בקיצור, ער האָט שוין פון דער מיידל ניט אָפּגעטראָטן, קיין אויג פון איר ניט אַראָפּגענומען. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן באַגעגענען יעדן טאָג און אין די אָוונטן... און—מען האָט זיך געשוואוירן אייביקע ליבע... סאָלאָמאָנטשיק האָט ליזעטשקען הייליק פאַרזיכערט, אַז ער וועט מיט איר חתונה האָבן — צי די עלטערן זיינע וועלן יאָ אָדער ניט געבן די הסכמה צום שידוך.

ר' אָשרל זאַסלאַווסקי, דער טאַטע זיינער, ווי ס'איז געווען צו דער־וואַרטן, האָט בשום אופן ניט מסכים געווען. ער האָט געשריען, געוואַלדע־וועט: ניין און ניין און טויזנט מאָל ניין ! . . .

— וואָס הייסט, וואו איז עס אַזוינס געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך?! איך, ר' אָשר זאַסלאַווסקי, דער גביר־אדיר, דער נכבד־העיר, וועל מיין איין־און־איינציקן זון, דעם עילוי, דעם חריף, דעם קאָפּ־מענטש, אויף וועלכן איך האָב געהאָפט אַז ער וועט זיין אַ כבוד און אַ שטאָלץ פאַר מיר און פאַרן כלל ישראל — זאָל אים פאַרקנסן צו אַ מיידל פון אַזאַ אויס־וואורף, ווי זעליג גנב, אויף וועמען קהל האָט אַ חרם אַרויפגעלייגט פאַר זיינע מעשים תעתועים?!... כ'וועל דאָך זיין צו געלעכטער!... ניין, איך וועל פריער קראַפּירן, אַ מיתה־משונה וועל איך זיך אָנטאָן, איידער כ'וועל עס דערלאָזן ! . . .

סאָלאָמאָנטשיק און ליזעטשקע האָבן זיך דערוויל אַלץ שטאַרקער צוגעבונדן איינער צום צווייטן. נאָר דער טויט וואָלט זיי געקאָנט צעשיידן...

* * *

צו יענער צייט האָבן זיך איבערן גאַנצן תחום המושב אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן פּאָגראָם־שטימונגען. ס'איז געווען תיכף נאָך דעם קעשינעװער פּאָגראָם. אין יעדער שטאָט, וואו עס האָבן געוואוינט יידן, האָט מען זיך געגרייט אויף אַ פּאָגראָם. די יידן זיינען אַרומגעגאַנגען פאַר־יאושטע, צעבראָכענע, פון גרויסן צער און אומגליק וואָס האָט זיך מיט־אַמאָל אַראָפּגעלאָזט אויף כלל ישראל. מען האָט געקלאָגט, געזאָגט תהלים. אין שניידערישן בית־מדרש זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די גיבורי־העיר: די פישער־יונגען, די קצבים און סתם שטאַרקע יונגען. בראש פון אָט־דער קליינער אָבער שטאַרקער מחנה איז געשטאַנען זעליג גנב.

רבותי! — האָט זעליג געדונערט מיט זיין לייבן־קול — געגנוג גע־קלאָגט און געיאָמערט. מיט קינות־זאָגן וועלן מיר די רוצחים ניט פאַרטרייבן... לאָמיר אַלע ווי איינער זיין גרייט אויף מסירות־נפש! מיר טאָרן זיך ניט לאָזן אומברענגען, ווי די יידן אין קעשינעוו! מיר'ן אַרויסגיין אַנטקעגן די מערדער און זיי פאַרטרייבן פון די טויערן פון שטאָט! נעמט מיט זיך: העק, לאָפּעטעס, מעסערס, אייזנס, און מיר'ן אַרויסגיין זיי באַגעגענען, ניט ווי פּחדנים, נאָר מיר וועלן זיי פאַרטיליקן נאָך איידער זיי באַווייזן זיך דאָ... שרעקט זיך ניט יידן!

און אַליין האָט ער זיך געשטעלט אין דער ערשטער ריי פון דער קליינער מחנה.

און ס'איז טאַקע געווען צו פאַרדאַנקען, פריער גאָט און דערנאָך זעליגן, וואָס פינסק איז ניצול געוואָרן פון אַ פּאָגראָם.

דאַן האָט זיך דער רב פון שטאָט, ר' לייזערל, אַריינגעלייגט און פאַרלאַנגט פון אָשרן, אַז ער זאָל ניט שטערן זיין זון זיך משדך זיין מיט זעליגס טאָכטער.

— איר זעט דאָך אַז די קינדער האָבן זיך ליב, מסתמא איז דאָס אַ זיווג מן השמים! . . . איר דאַרפט, בכן, נאָכגעבן, ר' אָשר. דעם חרם האָט קהל פון זעליגן אַראָפּגענומען. איצט, אַז ער וועט זיך מיט אייך משדך זיין, וועט ער אויך ווערן אַ לייטישער מענטש. אַז דער רבונו־של־עולם האָט זעליגן שוין פאַרגעבן פאַר זיינע פריערדיקע מעשים תעתועים, מעגט איר, ר' אָשר, אויך — האָט ר' לייזערל איינגעטענהט מיטן גביר פון שטאָט.

ר׳ אָשר זאַסלאַווסקי האָט געגעבן זיין הסכמה, און דער שידוך צווישן זיין זון מיט זעליגס טאָכטער איז מיט מזל געשלאָסן געוואָרן.

— איר האָט פאַרדינט אַ גרויסע מצוה, ר׳ אָשר — האָט דער רב דערנאָך מסביר געווען. איר האָט דערהויבן אַ מסירת־נפשניק צו זיין פאַרדינטן כבוד און שכר. גאָט זאָל אייך פאַר דעם בענטשן...

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז ר׳ לייזערל אַטלאַס, דער „שניידעריי־שער" רב, ווי מ׳האָט אים גערופן, נפטר געוואָרן. צו זיין לוויה איז אַרויס גאַנץ שטאָט אים באַגלייטן, טאַקע ווי נאָך אַ צדיק תמים. ביים הספד האָט מען צווישן אַנדערן דערמאָנט, אַז ר׳ לייזערל אַטלאַס איז געווען אַ „צווייטער ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער." אויף דעם האָט דער גביר, ר׳ אָשר זאַסלאַווסקי, געזאָגט מיט געוויין: „אויב ניט נאָך גרעסער"!...

חיהלע די צדיקת

הערט איר, נישטאָ נאָך אַזאַ לאַנד, וואו דער ווייטער עבר מיט דעם צאַפּלענדיקן הײַנט באַגעגענען זיך פּנים אל פּנים.

אונדזער לאַנד איז קליין, איז וואו איינער זאָל זיך נישט אַ קער טאָן, וועט ער, פריער־שפּעטער, אַנטרעפן זיך מיט אַן אַלטן, שוין באַלד פאַר־געסענעם פריינט — אַ בן־עיר פון די נייע עולים, אָדער גאָר מיט איינעם פון די אַלט־איינגעזעסענע ותיקים, וואָס זיינען אַריבערגעקומען אַהער נאָך מיט דער ערשטער אָדער צווייטער עליה.

מיינער אַ ווייטער קרוב האָט מיך אַרומגעפירט ווייזן די וואונדער און די אויפטואונגען פון אונדזער אַלט־ניי־לאַנד; און האָט מיך אויך אַריינגעבראַכט אין אַ הויז אין תל־אביב, צו איינעם אַ ותיק מיטן נאָמען „גור", וואָס, ווי מיין קרוב האָט מיר דערציילט, איז ער טאַקע מיינער אַ בן־עיר — פון קאַרלין.

ניט איך געדענק אים פון דער אַלטער היים און ניט ער האָט געהערט פון מיר, מחמת ביידן האָט דער גורל פאַרוואָרפן אויף צוויי באַזונדערע קאָנטינענטן; אים — אין אַלטן ארץ־ישראל, און מיך — אין אַמעריקע.

די שטוב פון אַט־דעם אדון „גור" האָט אויף מיר געמאַכט אַ באַזונ־דער גוטן איינדרוק: שיין און רחבותדיק מעבלירט, מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען, און אויף אַלץ האָט מען געקאָנט זען דעם חותם פון גוטן געשמאַק. עס האָט זיך געפילט, אַז די דאָזיקע משפחה איז שוין דאָ פון די איינגעזעסענע און איינגעוואָרצלטע פון כמה יאָרן.

אַז מיין קרוב האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר דעם אדון פון שטוב, אַז איך בין אַ קאַרלינער, האָט ער זיך ממש דערפרייט און מיך גענומען אויס־פרעגן וועגן אונדזער שטעטל; ווי לאַנג איך בין שוין פון דאָרטן, און וועלכע פון די אָנגעזעענסטע משפחות דאָרטן זיינען מיר באַקאַנט.

קיין סך ידיעות פון דער אַלטער היים, נאָך וועלכע ער האָט אַרויס־געוויזן אַ באַזונדערע נאָסטאַלגיע, האָב איך אים נישט געקאָנט איבער־געבן, מחמת דאָס רוב פון די משפחות דאָרט געדענק איך קוים; זיי זיינען פאַר מיר כמעט ווי פאַרנעפּלט...

דערהערנדיק אַז זיין נאָמען איז „גור", האָב איך מאָמענטאַל אַ טראַכט געטאָן: מסתמא האָט ער אויך זיין היימישן נאָמען משנה געווען. אין ישראל, כידוע, בייט מען דאָך די נעמען; מען וויל הפּנים וואָס מער אָפּווישן יעדן זכר פון גלות. אָט ווי למשל, פון שערטאָק איז געוואָרן ש ר ת; פון רובאַשאָוו — ש ז ר, וכדומה.

קאַרלין, הגם אַ קליינע שטאָט, האָט אָבער גע'שמ'ט מיט אירע שיינע, פאַרמעגלעכע משפחות און „גוטע יידן": ר' דודל קאַרלינער, די באַוואוסטע לוריעס און אַנדערע. האָב איך זיך געמוטשט: וואָס אַ שטייגער איז געווען זיין היימישער נאָמען? כ'בין געווען כמעט ווי זיכער, אַז דער נאָמען „גור" האָט אַוודאי זיין שורש אין אַ נאָמען פון דער אַלטער היים. כדי זיך צו איבערצייגן אין מיין השערה, און אויך שטילן מיין נייגער, האָב איך אים, ווי מיט זיכערקייט, אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, כ'בעט אייך, חשובער אדון „גור", קאָנט איר מיר אפשר זאָגן אייער היימישן נאָמען, איידער איר האָט אים משנה־השם געווען?

אַוודאי וועל איך אייך זאָגן, מיין פריינט: מיין היימישער נאָמען איז געווען: גורעוויטש לוריע. וועט איר דאָך מסתמא זיך וואונדערן, וואָרום דווקא אי גורעוויטש אי לוריע? וועגן דעם, זעט איר, איז פאַראַן אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע. אויב די צייט דערלויבט אייך, וועל איך אייך עס גערן דערציילן.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס וועלן דערציילן די זכרונות פון זיין

פאַמיליע־כראָניק איז ביי אים אַ געוויסע נאָסטאַלגישע באַפרידיקונג...

— אַדרבה ואַדרבה! — האָב איך זיך געבעטן ביי אים צו דערציילן.

ער האָט פאַררויכערט אַ ציגאַרעטל און אויך אויסשטרעקנדיק פאַר מיר איינעם האָט ער אָנגעהויבן דעם סיפור־המעשה.

—ומעשה שהיה כך היה: זלמנקע חריף, אַזוי האָט מען גערופן מיין פאָטער ע״ה יינגלווייז, מחמת ער איז געווען אַ מתמיד, אַן אמתער עילוי. די מוטער זיינע, מיין באָבע חיהלע ע״ה, איז פרי געבליבן אַ יונגע אַלמנה אָן קרובים און אָן פריינט. כדי זיך און דעם יינגל מפרנס צו זיין פון עפּעס האָט זי זיך גענומען צו פאַרקויפן צו די פאַרמעגלעכע באַלעבאַטים, אַמאָל אַ שאָק אייער אויף יום־טוב, אַן עוף אויף שבת, וכדומה. צוליב דעם האָט מען טאַקע זי גערופן ביי אונדז אין שטעטל — חיה די „קורלאַפּניצע.״ אָבער ווי אָרעם און קלעגלעך אירע פאַרדינסטן זיינען געווען, האָט זי דאָך איר זלמנקען, מיין טאַטן הייסט עס, געשיקט צום בעסטן נגידישן מלמד לערנען.

עטלעכע פון די נגידישע באַלעבאַטים, צווישן זיי איינער פון די לוריעס, דעם רייכסטן, איז הפּנים נישט אָנגעשטאַנען וואָס חיה די „קורלאַפּניטשעס״ יינגל לערנט זיך ביים זעלביקן מלמד וואָס זייערע יינגלעך. צוליב דעם, הייסט עס, חברן זיי זיך מיט אים און דאַרפן מיט אים זיצן ביי איין טיש אין חדר. האָבן אָט־די „שיינע״ באַלעבאַטים איינמאָל זיך מישב געווען און געלאָזט וויסן ר׳ אָשרן דעם מלמד, אַז אויב ער וועט נישט אָוועקשיקן פון חדר דער „קורלאַפּניטשעס״ יינגל, וועלן זיי אָוועקנעמען פון אים זייערע יינגלעך, און ער וועט, פאַרשטייט זיך, בלייבן אָן אַ קנעלונג.

ר׳ אָשר מלמד האָט הפּנים קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט און האָט דעם אָרעמען יינגל חיהלעס, מיט נישט ווייניק צער פאַר זיך, דאָך אַוועק־געשיקט.

חיהלע איז אָבער נישט געווען פון די וואָס לאָזן אָן אומיושרדיקע האַנדלונג שטיל פאַרבייגיין און אַראָפּשלינגען. זי איז תיכף אַוועקגעלאָפן צום רב, אליעזר משה, פאָדערן אַ דין־תורה.

ס׳איז געווען אַ הייסער נאָכמיטאָג, דער רב האָט געהאַט זיך צוגע־לייגט פאַר אַ דרימל. ר׳ יחיאל דער שמש האָט לכתחילה זי גאַרניט געוואָלט אפילו אַריינלאָזן. חיה איז אָבער ניט אָפּגעטראָטן. זי האָט געליאַרעמט און געשריגן, זי מוז תיכף זען דעם רב. ער מוז זי אויסהערן.

— אַן אומגעהערטער אומ'יושר איז מיר געטאָן געוואָרן! — האָט זי נישט אויפגעהערט צו שרייען.

דער רב, פון יענער זייט טיר, האָט דערהערט די קולות און די אַמפּער־רונג פון עפּעס אַ יידענע. האָט ער האַלב געעפנט די טיר פון זיין חדר מיוחד, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און געפרעגטביים שמש:

— יחיאל, וואָס גייט דאָ אָן, וואָס? וואָס איז דאָ פאַר אַ מחלוקת?...

חיה, דערזעענדיק דעם רב, האָט זיך אַביסל באַרואיקט, און האָט דערנאָך שטיל און פּרטימדיק דערציילט דעם רב וואָס עס האָט פּאַסירט: די האַנדלונג פון די „שיינע" נגידישע באַלעבאַטים קעגן איר, די אָרעמע אַלמנה.

— רבי, איך וועל נישט אָפּטרעטן פון דאַנען, ביז איר וועט מיר ניט מבטיח זיין, אַז איר וועט זיי, די „שיינע" באַלעבאַטים, תיכף רופן צו אַ דין־תורה.

דער רב האָט נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת מיט זיך, אַ זאָג געטאָן צום שמש:

— יחיאל, זיי זיך מטריח און גיי אַריבער צו ר' אשר דעם מלמד און צום גרויסן גביר־אַדיר, ר' זרח לוריע, און אויך צו די אַנדערע באַלע־באַטים: ר' שמואל קאַמינקער און ר' ברוך דראַכמער, און הייס זיי תיכף ומיד אַריבערקומען צו מיר מיט זייערע יינגלעך, און מיר וועלן געַנוי קאָנען אויסהערן די טענות און קריוודעס פון ביידע צדדים...

פון חיהלעס רייד האָט דער רב תיכף געזען אַז זי איז דאָך די געדעכטע; אַז אַ גרויס אומרעכט איז קעגן איר באַגאַנגען געוואָרן. ער האָט אויך פון אירע רייד אַרויסגענומען, אַז ער האָט פאַר זיך ניט סתם עפּעס אַן אָרעמע דערשלאָגענע אַלמנה. וואָרעם, ווי אָרעם חיה איז געווען אין איר אויסזען, איז זי אָבער רייך געווען אין וויסן, אין תורה און אין חכמה — טאַקע אַן אמתע למדנית. מיט שטאָלץ און חשיבות האָט זי געמאָנט יושר און צדק, צו וואָס זי איז געווען באַרעכטיקט.

זי האָט זיי דערמאָנט, די נגידישע שיינע באַלעבאַטים, אַז ביי גאָט איז נישטאָ קיין יחסנים — אַלע זיינען פאַרן רבונו־של־עולם גלייכע מיוחסים.

— „השמים שמים לה' והארץ נתן לבני־אדם, והתורה לישראל עמו" — האָט זי אַריינגעוואָרפן דעם פסוק. — מיין זלמנקע, זאָל מיר לעבן און געזונט זיין — האָט זי אויסגערופן מיט גרויס אייפער — איז

פונקט אַזוי באַרעכטיקט צו לערנען גאָטס תורה, ווי זייערע יינגלעך! בפרט אַז איך צאָל שכר־לימוד ניט ווייניקער ווי זיי.

דער רב, אויסהערנדיק אירע טענות און גערעכטע תביעות, האָט איר אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, מרת חיה בת אברהם, וויפיל פאַרדינט איר אַ וואָך פון אייער פרנסה?

— הם, מ'שטיינס געזאָגט, וואָס איך פאַרדין! אויף אַלע מיינעם שונאים געזאָגט געוואָרן. דאָס וואָס איך פאַרדין אַ גאַנצע וואָך וואָלט נישט גענוג געווען פאַר איינעם פון „זיי"— אַנוויזנדיק אויף די באַלע־באַטים — אויף איין אָנבייסן.

כ'פאַרדין אויף מיין אויסקומעניש, פינף רובל אַ וואָך. איז האַלב פון דעם גיב איך אַוועק אויף מיין זלמנקעס שכר־לימוד.

דער רב האָט דערנאָך פאַרהערט חיהלעס אַכט־יעריק יינגל, זלמנקען, און אויך די נגידישע יינגלעך, און אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז זלמנקע, חיהלעס בן־יחידל, וואָס שייך וויסן און פאַרשטיין וואָס ער האָט גע־לערנט, איז געשטאַנען אַ סך העכער פון די גבירישע יינגלעך. טאַקע אַן אמתער עילוי. שוין לאַנג, לאַנג, האָט דער רב געזאָגט, אַז ער האָט אַזאַ חריפיש קעפל פאַרהערט. אַגב, זינט דאַן האָט מען אָנגעהויבן רופן דעם יינגל: „זלמנקע חריף". דער רב איז געבליבן זיצן פאַר'דמיונ'ט. אַלע אין צימער ביים רב זיינען געזעסן אין אַ פאַרגליווערטער שטילקייט, דערוואַרטנדיק דעם רבס תשובה אָדער פסק־דין. דער רב האָט מיטאַמאָל, ווי אויפגעכאַפּט זיך פון זיינע דמיונות, און געווענדעט זיך צו די באַלעבאַטים:

— הערט אויס, מיינע בכבודיקע יידן! איר ווייסט, אַז אַן אומ'יושר איז געטאָן געוואָרן דער אַלמנה, מרת חיה בת אברהם, מצד אייך. כדי צו פאַרריכטן אייער טעות און פאַרגיטיקן דעם אומ'יושר, וויל איך אייך מתרה זיין, אַז דעם פסק־דין, וואָס איך גיב איצט אַרויס, זאָלט איר תיכף ומיד, בלי שום תירוץ, אויספירן. ראשית, דאַרפט איר ביישטייערן אַ מנה־יפה, כדי צו באַקליידן און באַשוכן דעם יינגל חיהלעס, אַזוי שיין און אַזוי לייטיש ווי אייערע אייגענע קינדער. והשנית, דאַרפט איר אויך זען אַז אייערע יינגלעך זאָלן אין חדר ביים רבין נישט האַלטן זיך פאַר גרעסערע מיוחסים פון זלמנקען. אייערע יינגלעך קאָנען פון זלמנקען

אַ סך, אַ סך לערנען. די גמרא זאָגט: „הזהרו מבני העניים, כי מהם תצא חכמה."

דעם רב איז הפנים טשיקאַווע געווען אויך צו וויסן, ווי קומט צו אָט־דער אָרעמער אַלמנה, חיה די „קורלאַפּניטשקע" זיין אַזאַ יודעת ספר? האָט ער טאַקע, אַגב אורחא, זי אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, חיה בת אַברהם, אייער באַהאַוונטקייט אין די „שוואַרצע פינטעלעך" האָט מיך געמאַכט זיך שטאַרק חידושן. קאָנט איר מיר אפשר עפּעס דערציילן מכוח דעם אופן און וואו איר האָט געלערנט?

— יאָ, חשובער רבי — האָט חיה מיט צופרידנקייט אים געענטפערט

— אַוודאי וועל איך אייך גערן דערציילן. מיין פאָטער, זכרונו לברכה, איז געווען אַ מלמד, אָט ווי ר' אָשר, און געקנעלט האָט ער מיט זיינע תלמידים חומש, רש"י און גמרא. פלעג איך, אַלס קליין מיידל נאָך, כסדר שטיין פון דער זייט און זיך גוט צוהערן צום לימוד. שבת בייטאָג פלעג איך אים בעטן, דעם טאַטן מיינעם, ער זאָל מיך פאַרהערן און איבערלערנען אַלץ וואָס איך האָב אין די וואָכן־טעג אויפגעכאַפּט. און אַזוי איז עס עד היום הזה ביי מיר פאַרבליבן. אוי, ווען נישט די בידנע דאָליע פון אַ פינצטערער אַלמנה, וואָס דאַרף האָרעווען און פראַצעווען, כדי מפרנס צו זיין זיך און מיין קינד און אויף שכר־לימוד פאַר זלמנקען וואָלט איך נאָך אויך איצט אַריינגעקוקט יעדן טאָג אין אַ ספר!...

די בעלי־בתים, פאַרשטייט זיך, האָבן אויסגעפאָלגט דעם פסק־דין פונם רב, און ס'איז געוואָרן שלום ושלוה . . .

ויהי היום, אין אַ קורצער צייט אַרום, האָט דער גביר־אַדיר, ר' זרח לוריע, געליטן אַ גרויסע צער־פולע אבידה. נאָך אַ קורצער קראַנקהייט איז ביי אים די פרוי געשטאָרבן. ער איז פאַרבליבן אַן אַלמן מיט אַן אַכט יעריק בן־יחידל, אַ יתום, אָן אַ מאַמע. די אשה פון ר' זרח לוריע האָט פאַר איר פּטירה געלאָזט אַ צוואה אין וועלכער זי האָט אָנגעזאָגט, אַז איר מאַן, ר' זרח לוריע, זאָל באַלד נאָך שלושים חתונה האָבן מיט אַ פרומער פרוי, וועלכע זאָל קענען זיין אַ געטרייע מוטער צו איר איינציק איבערגעבליבענעם יתומל. ווען ר' זרח לוריע האָט נאָך די שלושים זיך אַדורכגערעדט מיטן רב מכוח דער צוואה וואָס זיין פרוי האָט אים איבער־געלאָזט, איז דעם רב מיטאַמאָל דורכגעלאָפן אַ מחשבה:

— וואָרום נישט משדך זיין חיה די „קורלאַפּניטשקע" מיטן גביר לוריע? . . .

וואָס מער דער רב האָט זיך פאַרטיפט אין דעם ענין, אַלץ קלאָרער און גלייכער האָט דער שידוך צו אים אויסגעזען. דער רב, הפנים, האָט שוין די דאָזיקע מחשבה ניט אָפּגעלאָזן. האָט ער אין אַ שיינעם טאָג געשיקט רופן צו זיך די פרוי, חיה גורעוויטש, די אַלמנה, און פאַרפירט מיט איר אַ זייער ערנסטן שמועס, מכוח איר עלנטן מצב און תכלית, סיי פאַר זיך און סיי פאַר איר בן־יחידל, און לסוף האָט ער פאַר איר מגלה געווען זיין מחשבה, צי זי וואָלט נישט מסכים געווען צו אַ שידוך צווישן איר מיט דעם גרויסן גביר־אדיר, דער אַלמן, ר׳ זרח לוריע? טאַקע מיט דעם זעלביקן לוריע, מיט וועמען זי האָט ניט לאַנג צוריק געהאַט אַ דין־תורה . . .

חיהלע האָט געלאָסן אויסגעהערט דעם רב, איז אָבער ניט שטאַרק נתפּעל געוואָרן פון דעם פאָרגעשלאָגענעם שידוך. זי האָט אָבער נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת דאָך געגעבן דעם רב אַ קלאָרע, נאָכגעטראַכטע תשובה, פונקט ווי זי וואָלט וועגן דעם ענין שוין פון פריער נאָכגעטראַכט און אויסגעחשבונט וואָס צו ענטפערן אויף אַזאַ אָנבאָט:

— מיין הסכמה צו אָט־דעם שידוך — האָט זי געענטפערט דעם רב — קאָן איך געבן נאָר מיט איין תנאי: היות ר׳ לוריע איז אַ ייד אַן עושר, וויל איך, ראשית כל, ער זאָל מיר סילוקן דעם נדן, וואָס מיר קומט על־פּי דין. דאָס געלט וויל איך חלילה נישט פאַר זיך. מיט דעם געלט וועל איך אויפריכטן די אָפּגעלאָזענע תלמוד־תורה אונדזערע, די קינדערלעך באַזאָרגן מיט שיכלעך און מלבושימלעך; אויך זיי זאָלן האָבן אָפּצוועסן צו זאַט. מען וועט אויך דאַרפן אונזער אַלטן קלויז אויפריכטן און אַריינ־ברענגען לערנער, ישיבה־בחורים, אַזוי אַז אונדזער קלויז זאָל טאַקע אויף אַן אמת ווערן אַ בית־הספר, וואו עס זאָל זיך כסדר הערן דאָרטן דאָס וואָרט פון אונדזער תורה הקדושה. והשנית וויל איך, אַז ר׳ זרח לוריע זאָל זיך מתחייב זיין צו האַלטן מיין זלמנקען ווי אַן אייגן קינד, פונקט ווי ער וואָלט וועלן אַז איך זאָל פאַרנעמען דאָס אָרט פון אַ מוטער פאַר זיין אַריהלען, אַזוי זאָל ער זיין אַ געטרייער פאָטער צו מיין קינד.

דער רב האָט אויסגעהערט די פאָרגעבראַכטע תנאים פון חיהלען און ס׳איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן איר הסברה. טאַקע נאָר אַן אשה צנועה, אַ חכמה, קען נאָר אַזעלכע מעשים טובים האָבן אין זינען. אַלץ וואָס זי וויל איז טאַקע נאָר לטובת הכלל.

דער רב האָט נאָכדעם אַריינגערופן דעם שמש זיינעם און אים באַפוילן:

— זיי אַזוי גוט, יחיאל, גיי אַריבער צו ר' זרח לוריע, ער זאָל אַריבערקומען צו מיר, ווען ער וועט האָבן צייט. איך וויל זיך מיט אים דורכשמועסן מכוח אַ וויכטיקן ענין.

ווען לוריע האָט דערהערט פונם רב די רייד, מכוח אַ שידוך צווישן אים און חיה די „קורלאַפּניטשקע", איז ער לכתחילה זייער שטאַרק מבולבל געוואָרן פונם בלויזן איינפאַל פון רב. ער האָט נישט געקאָנט גאָר משיג זיין דעם געדאַנק אפילו.

— וואָס הייסט, איך, זרח לוריע, דער גביר־אַדיר, דער גרויסער עושר, זאָל זיך גאָר משדך זיין מיט דער אָרעמער אַלמנה, חיה די „קור־לאַפּניטשקע"!? עס האָט אים ממש שאָקירט. ער האָט נישט געוואוסט צי זאָל ער לאַכן, צי זאָל ער וויינען...

— וואָס אַ רב קאָן איינפאַלן! — האָט ער אין דעם מאָמענט, ווי פאַר זיך אַליין, אַ מורמל געטאָן.

דער רב האָט אָבער פאַרשטאַנען לוריעס איצטיקע טראַכטענישן, האָט ער מכוח דעם ענין איצט ניט געוואָלט פיל מאריך זיין. ער האָט אים אָבער באַרואיקט און געהייסן גוט נאָכטראַכטן דעם ענין.

— גייט אַהיים, ר' זרח, טראַכט זיך גוט אַריין מכוח אייער אייגענעם איצטיקן מעמד, וועגן אייער קינד אָן אַ מאַמען, וועגן דער צוואה פון אייער פרוי. און אַז איר וועט זיך גוט אַריינטראַכטן אין מיינע רייד און טאַקע אויך וועגן און מעסטן די אַלע מידות טובות פון חיה גורעוויטש, האשה הצנועה והחכמה, און בעיקר, אַז זי וועט אַוודאי זיין אַ גוטע מוטער צו אייער אַריהלען, אין דעם דאַרף מען גאָרניט ספקן. ווען איר וועט אָט־דאָס אַלץ האָבן אין זינען, וועט איר אָט־דעם גאַנצן ענין דערזען אין גאָר אַנאַנדער ליכט. גייט ר' זרח אַהיים, דענקט זיך גוט איבער און קומט צו מיר אין עטלעכע טעג אַרום מיט אַ תשובה.

פאַר עטלעכע טעג און נעכט האָט ר' זרח לוריע רק געטראַכט מכוח דעם שידוך וואָס דער רב האָט אים גערעדט. די קלוגע תכליתדיקע רייד פונם רב האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן איינפעסטיקן זיך אין זיין מוח און אים שוין ניט אָפּגעלאָזן. ער האָט אָנגעהויבן מיט זיך אַליין צו חקרנען און פאַרגעוואָרפן זיך אפילו אויף געוויסע גבירישע פאַראורטיילן זיינע:

— אין אמתן — האָט ער מיט זיך געחקירהט — איז דאָך מיין עיקר מניעה, וואָס אין שטאָט קאָן מען זי ווי חיה די „קורלאַפניטשקע", די אָרימע אַלמנה. און צוליב דעם וואָס „לייט וועלן זאָגן" איז דאָך מיין „קווענקלעניש"! וואָרעם, וואָלט חיה ניט געווען „חיה די קולאַפניטשקע", אָדער ניט קיין היגע, וואָלט איך אפשר גאָר אַנדערש דעם ענין אויפגענומען... און צוריקגעשמועסט, איז אָרעמקייט אָדער באַשעפטיקונג—אַ חרפּה? פאַרקערט, עס איז גאָר צו איר גרויסן שבח, וואָס זי איז אַן אשת־חיל! איז זי זיך דאָך מפרנס מיטן יינגל אירן און וויל נישט אָנקומען צו קיצבה, ווי אַנדערע אין איר מצב!... יאָ, די פרוי חיה גורעוויטש האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן צו זיין, ווי דער רב האָט געזאָגט, אַ פרומע יידישע טאָכטער, אַן אשה צנועה. אויך איז זי אין דעם זעלביקן עלטער ווי מיין פרוי צירל ע"ה, און איר יינגל, זלמנקע חריף, איז טאַקע גאָר אַ וואויל יינגל, אַן אמתער עילוי. מיין אַריהלע וועט פון אים אַ סך, גאָר אַ סך קענען לערנען... און וואָס שייך די תנאים וואָס זי נעמט אויס, איז עס חלילה ניט קיין פערזענלעך־גשמיותדיקע, נייערט פרום־ערלעכע, לטובת הכלל. דאָס אויך באַווייזט, אַז זי איז אַ פרומע, איידעלע נשמה.

נאָך אָט־די גרינדלעכע מעדיטאַציעס און ישוב־הדעת מיט זיך, איז ר' זרח לוריע געקומען צום רב און אים איבערגעגעבן די תשובה, אַז ער איז מוכן ומזומן אויפצונעמען מיט אים דעם ענין; אַז ער איז מסכים צום שידוך און אויך צו די תנאים, און איז גרייט: „לתן יד ולהבטיח איזה דבר"— און זאָל זיין אין אַ גוטער, מזלדיקער שעה.

דער רב האָט נאָכדעם גערופן חיה בת אַברהם גורעוויטש און ר' זרח לוריע פאַר אַ תקיעת־כף, און דער שידוך איז מיט מזל געשלאָסן געוואָרן, לויט אַלע דינים, תנאים און תקנות, וואָס זיינען אָנגעגעבן געוואָרן אויף דער בקשה פון חיהלע גורעוויטש.

חיהלע האָט, ראשית כל, אויפגעריכט די תלמוד תורה. די אָרעמע קינדערלעך דאָרטן, האָט זי געזען, זאָלן האָבן זאַט אָפּצועסן, און וועמען נויטיק — שיכלעך און מלבושימלעך.

ר' זרח לוריע, אויס דאַנקבאַרקייט צו חיהלען פאַר איר געטריישאַפט צו אים און צו זיין יינגל, האָט איבערגעגעבן אין איר רשות אַ באַדייטנדע סומע, כדי אויפצוריכטן די אַלטע קלויז, און האָט פאַרוואַנדלט דעם בית־המדרש אין אַ ישיבה. זי האָט איינגעלאַדן אַ ראש־הישיבה; לערנערס האָבן זיך באַוויזן פון נאָענט און ווייט, אַזעלכע וואָס האָבן קיין

משפחה און קיין קרובים ניט געהאַט, און אויך אַזעלכע וואָס זיינען אַרויס־געשיקט געוואָרן פון אַנדערע ישיבות, צוליב דעם וואָס מען האָט געפונען ביי זיי „טריף־פסולס" ר"ל. אַלע, אַלע האָבן געפונען אַ מקום מקלט אין חיהלעס בית־המדרש. זי האָט אויך אויסגעטיילט אַ סך צדקה, געגעבן פאַר מעות־חיטים וכדומה.

פון דאַן אָן האָט מען זי גערופן ניט אַנדערש ווי „חיהלע די צדיקת" און דעם בית־המדרש, וואָס איז טאַקע אַ דאַנק איר געוואָרן אַ בית־הספר, האָט מען אויך גערופן אויף איר נאָמען — חיהלעס בית־המדרש . . .

ווען חיהלע איז אין עלטער פון קנאַפּע זעכציק יאָר נפטר געוואָרן, איז די גאַנצע שטאָט אַרויסגעקומען באַגלייטן זי צו איר אייביקער רו.

פאַר אַ צייט לאַנג פלעגט די שטאָט גיין צו איר אויף קבר־אבות, ווי צו אַ צדיק תמים.

אויף איר מצבה איז געווען אויסגעקריצט אָט־דער עפּיטאַף:

פ"נ האשה הצנועה והצדקת חיהלע בת אברהם גורעוויטש־לוריע.

* * *

דער אדון „גור" (גורעוויטש־לוריע) האָט מיט דעם דערציילטן יחוס פון זיין באָבע, חיהלע צדיקת, פאַרענדיקט זיין סיפור המעשה.

מיר האָבן צוזאַמען מיט אים געפילט זיך עקזאַלטירנדיק דערהויבן, וואָס ער האָט פאַר אונדז דערציילט אַ קאַפּיטל פון זיין משפחה כראָניק, וואָס האָט טיף געוואָרצלט מיט יידישקייט אין דער אַלטער היים, וואָס איז שוין מער נישטאָ און וואָס איז איבערגעפלאַנצט געוואָרן מיט אַ געזונטן המשך אין אונדזער אַלט־ניי־לאַנד — ישראל.

מיטן רבינס כוח

אַנטקעגן דעם וואָס מען זאָגט, אַז די לערע פון פּסיכיאַטריע איז במשך פון די לעצטע עטלעכע יאָר זייער שטאַרק אין דער מאָדע, זאָגט צו מיר אַנומלט מיינער אַ נאָענטער שכן, מר. ווינאָקור. — די פּסי־כיאַטריע — האָט ער ממשיך געווען — האָט גאָר אַ סך באַווירקט דאָס מענטשלעכע דענקען און לאָזט זיך שטאַרק פילן אויף אַלע געביטן פון לעבן: אין דער קונסט, אין דער ליטעראַטור, אין טעאַטער, אין סאָציאַלן לעבן — אומעטום! מען האָט אפילו אָנגעהויבן זיך באַנוצן אין טאָג־טעגלעכן לעבן מיט אַזעלכע טערמינען ווי „אונטערבאַוואוסטזיין", „דער־דריקטע באַגערן", „קאָמפּלעקסעס" וכדומה.

מיט אָט־דער הקדמה האָט דער שכן מיינער מיך פאַראינטריגירט אים אויסצוהערן זיינעם אַ סיפּור המעשה, וואָס, ווי ער זאָגט, האָט זיך פאַרלאָפן אין דער אַלטער היים, מיט אַ דריי־פערטל הונדערט יאָר צוריק און ער וויל עס אויך אַריינרעכענען אין דער קאַטעגאָריע פּסיכיאַטריע.

— מיינט ניט — האָט ער פאָנאַנדער אַנטוויקלט זיין טעאָריע, אַז פּסיכיאַטריע איז אַ שפּאָגל־נייע זאַך! שוין אין דעם גאָר ווייטן עבר האָט'ן זיך באַנוצט מיט אָט־דער מעטאָדע. ווייסט איר, אַז דער רמב"ם אין זיין צייט, מיט אַן ערך זיבן הונדערט און פופציק יאָר צוריק, זייענדיק דאָקטאָר און פּסיכאָלאָג, האָט שוין דערטראַכט זיך וועגן דעם אויטאָנאָ־מישן נערוון־סיסטעם ביים מענטשן און אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַ פּסיכיש געמיט, וואָס באַווירקט דעם פיזישן צושטאַנד פון קערפּער, וואָס ברענגט אים פיזישעליידן ? דער רמב"ם האָט שוין געוואוסט אַז ניט אַלץ קאָן מען היילן מיט מעדיצינען אָדער כירורגיע, נייערט מען דאַרף אויסגעפינען דעם מקור פון די סיבות פון אַזאַ גייסטיקן מצב ביי דער פּערזאָן וואָס האַנדלט אין געוויסע פאַלן אימפּולסיוו אומנאַרמאַל. דאָס אייגענע האָבן געטאָן דער רוב פון אונדזערע „גוטע יידן"—די רביים.

— איר ווייסט, זאָגט ער מיר— אַז די היינטיקע דאָקטוירים־פּסיכי־אַטריקער זיינען אין דער בחינה פו אונדזערע אַמאָליקע „גוטע יידן", די בעלי־המופתים. „זיי" פירן אויס די זעלביקע פונקציע און שליחות. ניט מער, די „היינטיקע" באַנוצן די „סאָפע" און לאָזן דעם פּאַציענט ריידן, בעת די רביים האָבן געהאַט אַ גוואַלדיקע אינטואיציע, אַ רוח־הקודש...

זיי זיינען געווען די אמתע פסכאָ־אַנאַליטיקער. מיט זייער חכמה און חריפות האָבן זיי געהיילט און אַ סך מענטשן באַפרייט פון זייערע פיזישע און גייסטיקע חלאתן און מיחושן...

לאָמיר, בכן, דאָס באַצייכענען ווי אַן הקדמה, און איצט צו דער עיקר־המעשה:

— ומעשה שהיה כך היה — האָט ער אָנגעהויבן. — אין איינער פון די שטעט פון תחום המושב האָט געלעבט צו יענער צייט אַן אָרימע אַלמנה, אַן הענדלערקע מיט גרינצייג. געהאַט האָט די אַלמנה צוויי דערוואַקסענע קינדער — אַ יינגל פון זיבעצן יאָר און אַ מיידל פון צוויי־און־צוואַנציק. דער יינגל איז געווען אַ גרויסער גולם, אַ ניט דערבאַקענער, ווי מען זאָגט. האָט די אַלמנה אים אָפּגעגעבן צו בערקען דעם „סאַדאָווניק" פאַר אַ שומר, ער זאָל היטן זיין ווײַנשל סאָד. איר קאָנט זיך משער זיין ווי „קלוג" ער איז געווען, אַז די מאַמע האָט אים מיטגעגעבן אַ ברויטל און אָנגעזאָגט, ער זאָל אָנרייסן פאַר זיך אַביסל ווײַנשל פון אַ בוים און עסן צום ברויט; האָט ער געענטפערט: „מאַמע, כ'האָב מורא! בערקע סאַדאָווניק האָט איבערגעציילט די ווײַנשל אויף די בוימער."

דערפאַר אָבער איז די מיידל — וואָס זאָג איך מיידל, די מויד — געווען גאָר אַן אַנטיק! אַן אמתע אשת־חיל. גערופן האָט מען זי זעלדע. דאָס איז געווען שוין איינמאָל אַ מויד! אַ קאָפּ און אַ פּנים האָט זי געהאַט אַן אויסטערליש גרויסן; צוויי פולע אויפגעבלאָזענע רויטע באַקן; אַ מויל מיט אַרויסגעשטאַרטשעטע גרויסע ציינער; אַ שווער־לייביקע, מיט גרויסע מאַנצבילשע רגלים; און אַ שעלטערקע איז זי געווען — זאָל גאָט שומר ומציל זיין! אַן אמתע סעדעכע, אַ סעמערניצע. אַ גאַנצע תוכחה מיט קללות וחרמות האָט זיך תמיד געשאָטן פון איר מויל. זי האָט שוין געהאַט דער ריכטיקן מענה־לשון. מען האָט זיך געהיט אַריינצופילן צו איר אין מויל, ווי פון אַ העליש פייער.

די מויד איז שוין לאַנג געווען ראוי לברכה, גרייט אַ שידוך צו טאָן, האָט אָבער די אַלמנה קיין סך נדן נישט געהאַט; בסך־הכל אַ הונ־דערט און פופציק רובל. מיט אַזאַ קליינעם נדן האָט זיך קיין בעלן אויף אַזאַ פאַרשוין ניט געמאָכט. מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן דאָרטן עפּעס אַ שניידערל, ניט קיין היגער, און ער דווקא האָט יאָ מסכים געווען מיט איר אַ שידוך צו טאָן. דאָס שניידערל האָט אָבער געהאַט אַ שטיקל פּגם, וואָס ער האָט ניט געטאָרט אויסטאָן דאָס היטל, ר"ל. ער האָט געהאַט, ווי איר

שטויסט זיך שוין אָן, אַ היפּשן פּאַרך, כ׳בעט איבער אייער כבוד. זעלדע האָט זיך תיכף אָנגעכאַפּט אָן דעם אוצר:

— נישקשה, כ׳על שוין מאַכן פון אים אַ לאַט! — האָט זי אויסגערופן — לאָט עס איבער צו מיר!

הכלל מען האָט געפּראַוועט אַ חתונה — אַן אָרעמע חתונה, אָבער כדין וכדת . . .

תיכף נאָך דער חתונה האָט זעלדע גענומען דעם מאַן אירן און איז אַוועק מיט אים קיין וואַרשע, אויסהיילן דעם פּגם. אָפּגעזאַמט זיך דאָרט עטלעכע וואָכן, זיינען זיי צוריקגעקומען פון וואַרשע פּיקס און פּאַרטיק צו עפענען אַ שניידעריי. זעלדע האָט גלייך געדונגען אַ דירה מיט אַ פּאַראַדנעם אַריינגאַנג און אַרויסגעהאַנגען אַ שילד מיט צוויי גרויסע אויפשריפטן אין פּויליש און אין רוסיש:

„קראַוועץ וואַרשאַווסקי" — „וואַרשאַווסקי פּאַרטנאַי"

דער מאַן אירער, דאָס שניידערל, האָט זי אַוועקגעזעצט ביים געניי און אַליין האָט זי אָנגעהויבן באַלעבאַטעווען. אַ שניידערל איז ער געווען אַ גאַר גוטער און געניט האָט ער לויט דער דעמאָלסדיקער פּאַריזער מאָדע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן פּריצים און פּוילישע שליאַכ־טשיצעס מיט באַשטעלונגען און... ס׳איז געוואָרן ביי זיי גאַר אַ גרויסע שפע. זעלדע האָט אָנגעשטעלט וואָס אַמאָל מער פּועלים־חייטים און האָט געפירט דאָס פאַבריקל זייער שטרענג! זי האָט די אַרבעטער שטאַרק עקספּלואַטירט, געצאָלט זיי אַ קלעגלעך־נישטיקן לוין מיט אַ מאָגערן עסן, קוים צו דערהאַלטן די נשמה. זי פלעגט זיי כמעט צוטיילן דעם ביסן, און געאַרבעט האָבן זיי ביי איר זייער לאַנגע שטונדן, פון אַ שפּראָץ אויף טאָג ביז שפּעט אין אָוונט.

זעלדע איז פון יאָר צו יאָר אַלץ רייכער געוואָרן, און וואָס מער עשירות זי האָט דערוואָרבן, אַלץ האַרבער און גייציקער איז זי געווען. מיט דער שניידעריי אַליין האָט זי זיך ניט באַנוגנט. זי האָט אויך אָנגעהויבן אָנטלייען געלט אויף פּראָצענט, אַ וואוכערניצע געוואָרן, און געשונדן די הויט פון די וואָס האָבן געדאַרפט צו איר אָנקומען.

די אַרבעטער האָבן זיך שטאַרק אָנגעליטן פון איר. פלעגט אַ פּועל פון שווערער מידקייט אַ דרימל טאָן ביי דער אַרבעט, האָט איר אָדלער־אויג עס גלייך באַמערקט און זי איז תיכף אויסגעוואַקסן לעבן אים און מיט אַ גרויסער נאָדל אים אַ שטאָך געטאָן אינם כ׳בעט אייך איבער אייער

כבוד... די שנאה פון די אַרבעטער צו איר איז גוואַלדיק שטאַרק געוואַקסן. האָבן זיי געזוכט די געלעגנהייט אָפּצורעכענען זיך מיט אָט־דער מרשעת.

איינמאָל האָבן אירע אַרבעטער צוזאַמענגערעדט זיך מיט אַ חברה אַרבעטער פון אַן אַנדער פאַבריקל, אַז מען מוז אָט־די פּיאַווקע אַזוי אָנ־לערנען, אַז זי זאָל האָבן צו געדענקען. ס'איז דער חברה געלונגען זעלדען צו פאַרנאַרן, דורך עפּעס אַן אויסרייד, צו נידעריקן טייל פון שטאָט און מ'האָט זיך אין איר גאַנץ שטאַרק נוקם געווען; מען האָט זי היפּשלעך צעממיתט. זי איז אַרויס פון זייערע הענט מיט אונטערגעשלאָגענע אויגן און אונטערגעהאַקטע זייטן. זעלדע האָט זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין בזיון און חרפּה. זי איז אָנגעגאַנגען מיט איר רשעות און גייציקייט נאָך מיט מער רוגזה. איר עשירות איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. כמעט אַ האַלבע שטאָט איז געווען ביי איר פאַרמשכונט.

במשך פון יאָרן איז ביי איר אַ טאָכטער אויסגעוואקסן ראוי לברכה. האָט זעלדע, פאַרשטייט זיך, געוואָלט איינקויפן זיך אין יחוס. געלט האָט זי געהאַט לרוב. האָט זי איינגעהאַנדלט אַ געבילדעטן יונגנמאַן, אַ חתן פאַר איר טאָכטער. געגעבן האָט זי אַ גאַנץ געשוואָלענעם נדן, און אַ חתונה האָט זי געפּראַוועט אַ גאָר גרויסאַרטיקע.

אַ האַלבע שטאָט איז זיך צוזאַמענגעקומען זען ווי זעלדע פּראַוועט אַ חתונה פאַר איר איין־און־איינציקער טאָכטער. ס'איז דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן אַז זי האָט אַביסל גרינגער געמאַכט איר פאַרהאַרטעוועט האַרץ, נאָכגעלאָזט אַביסל איר קמצנישקייט. ביי דער חתונה האָט זי אויס־געטיילט אַ פרייען מאָלצייט צו די שטאָטישע אָרימעלייט און בעטלערס.

איר טאָכטער האָט צו דער באַשטימטער צייט מיט מזל אַ צווילינג געבוירן, און אין משך פון צייט נאָך אַ פּאָר ייִנגלעך. און אַזוי איז זעלדע באַגליקט געוואָרן מיט פיר אייניקלעך.

די צייט איז נישט געשטאַנען אויף איין אָרט. עס זיינען אָנגעקומען נייע צייטן: „נייע פויגל—נייע לידער״! ס'האָט זיך באַוויזן דער „בונד״, די פּועלי־ציון; רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען האָבן זיך אָנגעהויבן לאָזן הערן; אַרבעטער האָבן זיך אָרגאַניזירט און ס'האָט, פאַרשטייט זיך, אויך נישט אויסגעלאָזן זעלדעס וואַרשטאַט. אירע געזעלן זיינען אַרויס אין סטרייק, אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען: העכערע שכירות, בעסערע „קעסט״, קירצערע שטונדן און מענטשלעכערע באַהאַנדלונג. זעלדע איז שטאַרק אויפגערעגט געוואָרן:

— ביי מיר אַ סטרייק? — האָט זי געשריגן און פּראָטעסטירט.

איר ערשטער אימפּולס איז געווען לויפן צו דער פּאָליציי, פאַר־מסרן די אָנפירער, אַז זיי זיינען רעוואָלוציאָנערן, „מורדים במלכות! פאַרשפּאַרן אין תפיסה דאַרף מען זיי! האָט זי געליאַרעמט. זי האָט זיך אָבער תיכף דערמאָנט וואָס פאַר אַ מיאוסן פּסק זלמן פּראָסקאָווער, דער שיך־פאַבריקאַנט, האָט געהאַט פון דער זעלביקער חברה. מיט אַלין האָט מען אים דאָס פּנים באַגאָסן און טאָטאַל בלינד געמאַכט! פאַר אַזאַ סוף האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקן און איז בליך־שנעל אַוועקגעלאָפן צו איר שטענדיקן בעל־יועץ, הערשל דער מעקלער, זיך האַלטן מיט אים אַן עצה. הערשל מעקלער האָט גע'עצה'ט נאָכצוגעבן, און זעלדע האָט געפאָלגט.

מיט דעם אַליין האָט זיך אָבער ניט געענדיקט איר קאַמף מיט דער נייער צייט. דאָס איז געווען דער בראשית פון איר באַרג־אַראָפּ. זי האָט געהאַט געענוג אויסצושטיין פון די „ברידער און שוועסטער", ווי זי האָט זיי גערופן. מען האָט רק געזוכט פון איר נקמה צו נעמען פאַר איר גייציקייט און רשעות.

איינמאָל האָבן אַ דריי חברה־לייט פון די „דאָזיקע" אַריינגעריסן זיך צו איר אין הויז פאַר אַן עקספּראָפּריאַציע:

— זעלדע! — האָבן זיי אויסגערופן — געלט אָדער דיין לעבן!

און געהאַלטן אָנטקעגן איר געלאָדענע רעוואָלווערן.

זעלדע האָט מער נישט געהאַט אין הויז ווי פינף הונדערט רובל מזומן, האָט זי זיי איבערגעגעבן.

ניט גענוג, זעלדע. מיר דאַרפן נאָך פינף הונדערט, אַרויסצונעמען איינעם פון תפיסה, וואָס איז פאַרמסרט געוואָרן פון אַזאַ ווי דו. זי האָט זיי צוגעזאָגט, אַז אין אַ פאַר טעג אַרום וועט זי האָבן גרייט פאַר זיי די אַנדערע פינף הונדערט.

זעלדען איז דאָס לעבן ממש נישט איינגעגאַנגען. זי האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיט אַזאַ זאַך ווי נאָכגעבן אימיצן, בפרט נאָך ווען מען שטעלט איר אַרויס פאָדערונגען. „אַן אָפענע גזילה, אַן אמתע רויבעריי! וואו איז עס אַזעלכעס געהערט געוואָרן!" האָט זי געשטורעמט.

עס האָט זעלדען אָנגעהויבן גיין „מיטן פוטער אַראָפּ." נאָך אַנדערע צרות און אַנשיקענישן האָבן זיך אָנגערוקט אויף איר משפחה: דער זון פון דער טאָכטערס צווילינג האָט פּלוצלינג באַקומען אַ צרעת, אַ קרעצי־קייט. קיין רפואה האָט אים ניט געהאָלפן. האָט די שנור אים אָפּגע'גט.

די טאָכטער און מוטער פון דעם קרעציקן זון האָט אָנגעהויבן שטאַרק ליידן פון דער צוקער־קראַנקהייט, און זעלדען האָט עס אָפּגעקאָסט אַ גאַנצער „מאַיאָנטעק". איבערגעטאָן כל המיטלען שבעולם און ס'האָט איר נישט געהאָלפן. איינער פון די אייניקלעך איז געפאָרן קיין דייטשלאַנד שטודירן און איז דערנאָך געקומען אַהיים צוריק אַן אויסגעשטודירטער— סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער. און האָט רק געשטורעמט קעגן דער באָבעס עשירות, און האָט נאָך צוגעהאָלפן זיינע גוויאישע חברים, אַז זיי זאָלן ביי דער אייגענער באָבע זיינער מאַכן אַן עקספּראָפּריאַציע. זעלדען האָט עס ממש אויס מענטש געמאַכט און זי האָט מוראדיק פון דעם געליטן.

— סטייטש, וואו איז דאָס געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך? — האָט זי געקלאָגט און געליאַרעמט — אייגן בלוט! אויסגעהאָדעוועט אַ בלוטיקן שונא פאַר זיך! . . .

אין צוגאָב צו דעם אַלעם איז דאָס יינגסטע אייניקל אירס געביסן געוואָרן פון אַ הונט אין גאַס. און פאַר גרויס שרעק איז ער פאַר קיין שום מענטשן גערעדט, קראַנק געוואָרן אויף דער „פּאַליקע". אַט־די אַלע חולאתן און צרות, וואָס זיינען ווי אַ וויסטע קללה פון דער השגחה אַראָפּ־געשיקט געוואָרן אויף איר הויז און משפחה, האָבן אויף זעלדען אַ מורא־דיקן און אַנגסטיקן שרעק אָנגעוואָרפן. זי איז אַרומגעגאַנגען אַ מעלאַנ־כאָלישע און מורא באַקומען פאַר איר אייגענעם שאָטן. זי האָט אָנגעהויבן גלויבן, אַז דאָס קומט זי אָפּ פאַר די האַרבע זינד וואָס זי איז אין לעבן באַגאַנגען קעגן מענטשן. זי האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן און מיט וואָס זיך צו העלפן. איז זי ווידער געלאָפן צו איר בעל־יועץ, הערשל דער מעקלער, און אין גרויס פאַרצווייפלונג זיך געבעטן ביי אים:

— לויף, הערשל, צום רבין; נאַ, נעם מיט הונדערט רובל. בעט דעם רבין ער זאָל מתפלל זיין פאַר מיינע קינדער, אַז די אַלע חולאתן און פּלאגן זאָלן זיך אָפּטאָן פון זיי.

דער אַלטער רבי, ר' שניאורל ז"ל, האָט איר געלט נישט געוואָלט נעמען.

— גיי, הערשל, צו מרת זעלדע די נגידית'טע, און פאַרזאָג איר, אַז זי מוז זיך מטריח זיין און אַליין אַריבערקומען צו מיר. גיי, הערשל, איך דאַרף נישט איר געלט!

זעלדע איז תיכף געקומען צו לויפן צום רבין. מיט טרערן אין די אויגן און מיט אַ שולד־געפיל פאַר אירע פריערדיקע מעשים רעים איז

זי הכנעהדיק געשטאַנען כעני בפתח. דער רבי האָט אויסגעהערט אירע צרות און בקשה. מיט געוויין און חרטה האָט זי געוואָלט אים אויס־רעכענען די באַגאַנגענע זינד אירע.

— דאַרפסט זיך פאַר מיר נישט מתוודה זיין, זעלדע — האָט דער רבי זי אָפּגעשטעלט — כ׳ווייס, כ׳ווייס אַלץ פון דיינע מעשים תעתועים; מעשים אשר לא יעשו!... כ׳וועל בעסער אויסרעכענען פאַר דיר אַ צעטל ניט פון די מעשים רעים, וואָס דו האָסט איבערגעטאָן במשך פון דיין לעבן, נייערט פון די מעשים טובים, וואָס דו, אין דיין מצב, האָסט געקענט און געדאַרפט טאָן און נישט געטאָן. האָסט אָנגעזאַמלט אַ גרויס עשירות, זעלדע! ווער האָט פון דעם הנאה געהאַט? האָסט קיינמאָל פאַר קיין שום זאַך נישט מנדב געווען אין דיין לעבן, סיידן מען האָט מיט געוואַלד פון דיר עפּעס אַרויסגעריסן. לויט דיין עשירות האָסטו געדאַרפט שטיצן דעם בית־החולים, געבן אויף מעות־חיטים און פדיון־שבויים. האָסט בכלל נישט געטאָן קיין שום מעשים טובים, ווי אַ מענטש ובפרט אַ ייד דאַרף טאָן.

— וואָס זאָל איך טאָן, הייליקער רבי? וואָס זאָל איך טאָן? גיט מיר אַן עצה, רבי. כ׳על אויספאָלגן אַלץ וואָס איר׳ט מיר הייסן — האָט די ביז איצט אומפילנדיקע שטיין־האַרטע זעלדע, זיך צעכליפּעט — אָבי פון מיין משפחה זאָלן אַוועקגענומען ווערן די קללות וחרמות, וואָס דער אויבערשטער, כ׳בין נישט ווערט זיין נאָמען צו דערמאָנען, האָט אויף מיר אַראָפּגעשיקט . . .

— וויפיל איז ווערט דיין פאַרמעגן, זעלדע? — האָט דער רבי, נאָך אַ קורצן ישוב הדעת, זי אַ פרעג געטאָן — אַ פערטל מיליאָן רובל? יאָ? פון דעם דאַרפסטו, על פי דין און על פי יושר, געבן מעשר, פולע צען פּראָצענט אויף אָט־די אַלע זאַכן וואָס כ׳האָב דאָ אויסגערעכנט, און בעיקר זאָלסטו נישט פאַרפעלן די מצוה פון פדיון שבויים. אַז די וועסט אויספאָלגן אָט־די אַלע מצוות און טאָן מעשים טובים, וועט השם יתברך זיך אויף דיר מרחם זיין און דו, דיין טאָכטער און דיינע אייניקלעך וועלן געזונט ווערן. . .

זעלדע האָט דערנאָך געבראַכט אירע קינדער צום רבין, ער זאָל זיי בענטשן פאַר אַ רפואה שלמה. דער טאָכטער מיט דער צוקער־קראַנקהייט האָט דער רבי פאַרשריבן אַ ספּעציעלע דיעטע; דעם אייניקל וואָס האָט באַקומען די פאַליקע ר״ל, זינט דעם ביס פון אַ הונט און ס׳איז געבליבן ביי אים אַן אייגעוואָרצלטע שרעק און מורא פאַר הינט, האָט ער גע׳עצה׳ט

צו האַלטן ביי זיך כסדר זיסקייטן, צוקערלעך, און וואו נאָר ער וועט זען א הונט׳ זאָל ער אים מכבד זיין מיט דער נאַשעריי, און אַזוי אַרום וועט דער הונט ווערן פריינטלעך; די מורא וועט צוביסלעך פאַרשווינדן און ער וועט פון דעם מיחוש זיך אינגאַנצן באַפרייען. דעם גאָר עלטערן, וואָס איז קרעציק געוואָרן, האָט ער געגעבן אַזאַ שמירעכץ און אים מתרה געווען, ער זאָל נישט פאַרפעלן זיך זאַלבן און האַלטן זיך ריין, וועט ער פון דעם פגם מיט דער צייט פטור ווערן. און מיט דעם פלאַם-פייער-דיקן סאָציאַליסט-רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט דער באָבען זיינער געבראַכט אַ סך בזיון און האַרצווייטאַג, האָט דער רבי געהאַט מיט אים לענגערע שמועסן און האָט אים אָנגעוויזן, בפועל ממש, ווי ווייט ער איז פאַרפירט געוואָרן פון אַ פרעמדן, ניט-יידישן גלויבן; ווי ער דינט ר״ל עבודה זרה; אַז זיינע ניט-יידישע חברים פריידיקער, אונטערן מאַנטל פון וועלט-באַפרייאונג, האָבן שוין ניט איינמאָל פאַרשפרייט יידן-האָס און געהעצט אפילו צו פאָגראָמען, מחמת „דער צוועק האָט געהייליקט דעם מיטל״...

— זון מיינער — האָט דער רבי פאָטערלעך אים באַרירט — באַ-פריי פריער דיין אייגן פאָלק. אין אונדז יידן וועט קיינמאָל קיין מניעה ניט זיין! מיר וועלן תמיד זיין גרייט פאַר דעם „באחרית הימים״! טראַכט זיך אַריין, זון מיינער, אין די רייד וואָס איך האָב געטאָן צו דיר ריידן . . .

דעם רבינס רייד זיינען נישט געווען לאיבוד. ער האָט אַזוי שטאַרק משפיע געווען אויף דעם יונג-אויפגעהייטערטן רעוואָלוציאָנער, אַז אין משך פון אַ קורצער צייט איז דער בחור געוואָרן אַ הייס-פלאַמיקער ציוניסט, און האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער ערשטער גרופע חלוצים פון דער צווייטער עליה קיין ארץ-ישראל.

זעלדע האָט אויסגעפאָלגט דעם רבינס עצות. האָט אָנגעהויבן געבן צדקה און בכלל געטאָן מעשים טובים. בעיקר האָט זי אַ סך געטאָן פאַר פדיון שבויים, און געגעבן האָט זי שטיל — מתן בסתר.

איינמאָל האָט די אָרטיקע פאָליציי אַרעסטירט אַ יידישן בחור, אַן איין-אייניציקן פון אַן אָרימער אַלמנה, ביי וועלכער ער איז געווען איר ברויט-געבער, איר שיצער. די אַלמנה האָט, נאַטירלעך, געיאָמערט און געקלאָגט אויף איר אומגליק. זעלדע האָט זיך דערוואוסט פון דעם און דורך איר שתדלנות און געלט איז דער אַלמנהס זון באַפרייט געוואָרן. אַזעלכע פאַלן זיינען געווען עטלעכע אין שטאָט. הגם זי האָט עס געטאָן

אין דער שטיל, מען זאָל נישט וויסן, האָט מען זיך דאָך דערוואוסט. זעלדע איז באַוואוסט געוואָרן ווי די באַשיצערין און אויסלייזערין פון די אָפּט אָרעסטירטע פון דער אָרטיקער מאַכט.

די מצוה פון פדיון שבויים איז געוואָרן ביי איר אַ חוק ולא יעבור ביז די לעצטע טעג פון איר לעבן...

* * *

ווען אונדזער לאַנד איז שוין ענדלעך אויפגעריכט געוואָרן ווי אַן אייגענע מלוכה און איך האָב שוין אויך זוכה געווען צו באַזוכן ישראל, האָב איך מיר דאָרטן, פאַרשטייט זיך, באַגעגנט מיט אַ צאָל פון מיינע בני־עיר ביי אַ שמחהלע. בינו־לבינו האָבן מיר זיך נאָסטאַלגיש דערמאָנט וועגן די כלערליי טיפן און פאַרשוינען פון אונדזער שטאָט אין דער אַלטער היים, און אַוודאי האָבן מיר ניט פאַרגעסן זיך צו דערמאָנען אין דער אויסטערלישער זעלדען און אין אירע מעשים תעתועים, מיט וועלכע ס׳האָט געשמט דאָן די שטאָט. און... וואָס מיט דעם כוח און השפעה פון רבין איז זי ענדלעך געוואָרן אַ חוזר בתשובה׳ניצע און אָנגעהויבן טאָן מעשים טובים.

צווישן דער קליינער מסיבה פון מיינע בני־עיר האָט זיך אויך געפונען זעלדעס אייניקל. אָט־דער דערמאָנטער געוועזענער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, וועלכער איז שוין איצט אין ארץ פון די ותיקים, און ער האָט מוסיף געווען צו אָט־די נאָסטאַלגישע זכרונות, אַז דער רבי, ר׳שניאורל, איז ניט געווען סתם אַ רבי, ווי געוויינלעך, דער גייסטיקער מדריך פון זיין קהילה, נייערט ער האָט ווי מיט אַ שם־המפורש אָפּגענומען כלערליי חולאתן און מיחושן פון גייסטיק־קראַנקע און געמיט־צערודערטע; פאַרלאָרענע אַרויסגעפירט אויפן דרך הישר. ער האָט גאָר אַ סך משפיע געווען, אַז איך, דער פאַרגויאישטער, אַסימילירטער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, וואָס האָב שוין געדענקט, אַז אָט־אָט און מיר פאָרן גלייך אַריין אין דעם גן־עדן פון פעלקער־ברידערשאַפט, פרייהייט און יושר פאַר אַלע מענטשן־קינדער, האָט דער רבי, מיט זיין קלאָרער וויזיע און שכל הישר, מיך אַרויסגעפירט אויפן דרך המלך און דערפירט מיך צו אונדזער אַלטניי־לאַנד—ארץ־ישראל...

מיין שכן, מר. ווינאָקור, האָט פאַרענדיקט זיין סיפור המעשה און מיט אַ ניצחונדיקן בליק זיך צו מיר געווענדעט:

— נו, דענקט איר ניט, מיין פריינט, אַז שוין גאַר־גאַר אין ווייטן עבר, האָבן אונדזערע רביים און „גוטע יידן“ געוואוסט און פאַרשטאַנען ווי צו היילן גייסטיק־קראַנקע, צערודערטע געמיטער און פאַרלאָרענע נשמות ? און אפשר מיט נאָך אַ גרעסערן פועל יוצא פון די היינטיקע מאָדערנע פסיכאָ־אַנאַליטיקער?

זיידל באַיאַן

„זיידל באַיאַן“ — אַזוי האָט מען אים גערופן. אָט־דער צונאָמען זיינער האָט אים זייער געפּאַסט און ווי צוגעטראָפן, הן לויט זיין אויסזען והן לויט זיין אויפפירונג. נאָך אַלץ צען־יאָריק יינגל איז ער געווען שוין קערפּערלעך אַן איבערגעוואַקסענער בחורעץ: אַ הויך־געוויקסיקער, אַ ברייט־פּלייציקער, מיט אַן אויסטערליש גרויסן קאָפּ, שאַרף קענטיקע געזיכטס־שטריכן און אַ פּאָר שווערע ידים מיט גראָב־קלעציקע פינגער. האָט ער אויף אימיצן זיין האַנט און פינגער איינגע־קוועטשט, האָט מען דערפילט אַ ווייטיק ביז בלוט פאַרגליווערונג.

אין חדר האָבן אַלע יינגלעך געציטערט פאַר אים אימת־מות. צום לערנען האָט ער געהאַט אַ פאַרשטאָפּטן קאָפּ. יעדן סוף וואָך, דאָנערשטיק, האָט ער נאָך אַלץ דעם שיעור פון דער וואָך נישט געקענט. שלמה אָשר, דער מלמד זיינער, פלעגט אים איבערגעבן צו משה חריף, ר׳ שמואל אייזענבערגס בן־יחידל, ער זאָל איינלערנען מיט אים דעם שיעור פון דער וואָך. משהלע חריף האָט איינמאָל פאַרלאָרן זיין געדולד צו אים און זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט:

— זיידל, האָסט אַ פאַרשטאָפּטן, גויאישן קאָפּ !

האָט אים זיידל פאַר דער באַליידיקונג אַזוי צעשלאָגן, אַז משהלע איז אָפּגעלעגן אַ וואָך צייט קראַנק.

די עלטערן פון די קינדער, וואָס האָבן געלערנט אין דעם זעלביקן חדר מיט זיידל באַיאַן, זיינען געקומען צולויפן נאָכדעם צו ר׳ שלמה אָשר דעם מלמד און אים מתרה געווען: אויב דעם באַיאַנס עלטערן וועלן אים

ניט באַשטראָפן, וועלן זיי אַרויסנעמען זייערע ייִנגלעך פון זיין חדר. דער סוף איז געווען, אַז זיידל באַיאַן איז דערנאָך געקומען צו משהלען און זיך געבעטן ער זאָל אים מוחל זיין און געשוואוירן, אַז מער וועט ער אים און די אַנדערע ייִנגלעך פון חדר נישט אַ ריר טאָן.

ווען זיידל באַיאַן איז עלטער געוואָרן, אַ בחור פון אַ יאָר פופצן־זעכצן, איז ער אַביסל אויסגעוואַקסן פון זיין ייִנגלשער ווילדקייט, אָבער זיין פיזישע גבורה, פאַרשטייט זיך, איז געוואָרן נאָך גרעסער און אויס־טערלישער.

איינמאָל, אַ שבת נאָכן דאַווענען, ווען אַ מענגע שקצים זיינען זיך צוזאַמענגעקומען און געוואָלט פאַרפירן אַ געשלעג מיט די ייִדישע יונגע־לייט, האָט זיידל באַיאַן ערשט דעמאָלט אַרויסגעוויזן זיין גרויסע גבורה. ער האָט זיי אַזוי צעממיתטט, אַז זיי האָבן שוין פאַרזאָגט אַ צענטן, מער זיך אָנהייבן מיט די ייִדן פון שטעטל.

מיט משהלע חריף, זינט ער האָט זיך מיט אים איבערגעבעטן, איז ער געוואָרן זיינער אַ גוטער חבר און פריינט. זיי האָבן אָנגעשלאָסן זיך אין דעם ציוניסטישן קרייזל אין שטאָט, און ווען אַ מחלוקת איז אַנטשטאַ־נען אויף דער „בירזשע" צווישן די אַנדערע פאַרטייען מיט די ציוניסטן, האָט זיידל תיכף אָפּגעשטעלט דעם קריג מיט זיינע „שלאָגנדיקע" אַרגו־מענטן. זיידלס ליבע און התלהבות פאַר דעם אידעאַל פון שיבת ציון און קאַמף פאַר אַן אייגן ייִדיש היימלאַנד איז ביי אים געוואָרן אַ טייל פון זיין לעבן. ער איז געוואָרן צו דעם איבערגעגעבן בלב ונפש און איז גרייט געווען צו גיין אויף מסירת־נפש פאַר אהבת ישראל. זינט דער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אין צאַרישן רוסלאַנד און ווי אַ פועל־יוצא די פּאָגראָמען אויף ייִדן אין דעם תחום המושב, איז זיידל תמיד גרייט געווען דורס צו זיין יעדן שונא ישראל, וואָס איז אים נאָר צום האַנט געקומען.

ומעשה שהיה כך היה: אין יאָר 1905, איידער די ערשטע דורכ־געפאַלענע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, זיינען פאָרגעקומען גרויסע סטרייקס איבערן לאַנד, און די פּאָסט איז אָפטמאָל געווען פאַרשפּעטיקט צוליב דעם. איז מען געצוואונגען געווען אַליין קומען אין פּאָסט־אָפיס אָפּצונעמען די בריוו אָדער צייטונגען. אין „יענע טעג" האָט זיידל באַיאַן איינמאָל דערזען ווי פון דעם פּאָסט־אָפיס איז אַרויסגעקומען עפּעס אַן עלטערער פאַרשוין, אין די זיבעציקער, און סיי אויף דעם פּרצוף־פּנים און סיי פון זיין הלבשה

האָט זיך נישט געמערקט קיין צייכן ער זאָל זיין מאחינו בני ישראל, נאָר אַן אמתער רוסאַק!... בפרט, אַז אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פּעקל פון די צוויי גרעסטע אַנטיסעמיטישע צייטונגען: די „נאָוואָיע ורעמיאַ" און דעם „קיעוולאַנין".

דער אַלטער פאַרשוין האָט פאַנאַנדערגענומען די בלעטער און צוריק אין זיי אַריינגעקוקט. ווען זיידל באַיאַן האָט עס דערזען, איז ער מוראדיק אויפגעקאָכט געוואָרן. ער האָט מיטאַמאָל צוגעשפּרונגען צום אַלטן, אַרויסגעריסן פון אים די צייטונגען, צעוואָרפן און געטראַמפּלט די בלעטער מיט זיינע שווערע פיס; אין צוגאָב האָט ער, אין זיין כעס און צאָרן, דעם פאַרשוין היפּשלעך שטאַרק צעשלאָגן, אַז דער אַלטער איז פון די קלעפּ און שרעק מסוכנדיק פאַרשלאָפט געוואָרן. אָפּגעקרענקט וואָכן אין בעט, איז ער שוין מער צו זיך נישט געקומען און איז שטיל בנשיקה געשטאָרבן...

ווער אָט־דער מיסטעריעזער אַלטיטשקער איז געווען, האָבן די יידן נישט געוואוסט, און זיידל, זיין אומברענגער, אויך ניט. געמיינט האָט ער, אַז אָט־דער אַלטער איז אוודאי איינער פון יענע פאַרביסענע שונאי־ישראל וועלכע העצן די מאַסן צו מאַכן פאָגראָמען און פאַרגיסן יידיש בלוט. האָט ער, ווי זיין טבע איז געווען, אין אימפּולסיוון אויפברויז, געוואָלט שטילן זיין כעס דורך נקמה. זיידל האָט געמוזט זיך אויסבאַהאַלטן אויס מורא צו האָבן אויף זיך אַ „דיעלאָ", אַן אָנקלאַגע אויף מאָרד. די עלטערן זיינע האָבן אים משלח געווען קיין אַמעריקע

אָבער דערנאָך, טאַקע באַלד נאָך דעם מאַנס טויט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אָט־דער אַלטער פאַרשוין, אויף וועלכן זיידל האָט געדענקט אַז ער איז אַן אַנטיסעמיט, אַ שוואַרץ־מאהניק, איז גאָר לויט זיינע שטילע מעשים טובים געווען ניט סתם אַ ייד, נייערט אַ בן־תורה און אַן אמתער צדיק נסתר. . . .

דערוואוסט האָט מען זיך וועגן אים כלערליי וואונדערלעכע און אויך מאָדנע זאַכן: געוואוינט האָט ער מיט זיין פרוי הינטערן שטאָט. צווישן יידן פון שטעטל האָט ער זיך זעלטן באַוויזן. ימים נוראים צייט פלעגן אַ צאָל ניט־יידן אַראָפּקומען אין דער גרויסער שול, זען ווי די יידן „מאָליען" זיך, זיינען מתפלל, איז ער געווען צווישן זיי. זיין נאָמען, האָט מען זיך דערוואוסט' איז געווען האַראָוויץ' און זיין פּראָפעסיע איז געווען לערערײ. געווען אַ גרויסער למדן און געלערנט כל ימים ושנים.

דערוואוסט האָט מען זיך אויך, אַז וואו ס'איז געווען ערגעץ אַ יתומל, אַ ייִנגל אָן טאַטע־מאַמע (קיין אייגענע קינדער האָט דאָס מאָדנע פּאָר־פאָלק נישט געהאַט) פלעגן זיי אָט־די יתומימלעך אַדאָפּטירן. יעדן מאָל, ווען ער האָט געבראַכט אַ פרישן יתום אין שטוב, פלעגט ער דער ווייב אַ זאָג טאָן:

— נאַדיאַ! אָט האָסטו נאָך אַ זון! . . .

זיי פלעגן די יתומים האַלטן ווי אייגענע קינדער: געבן זיי אַ באַק־ווע׳מע היים; באַקליידן זיי און באַשוכן; שיקן זיי אין אַ שולע און אַליין אויך מיט זיי לערנען. ווען די קינדער זיינען אויפגעוואַקסן, עלטער גע־וואָרן, פלעגט ער, נאַטאַן, זיי שיקן צום ווילנער לערער־סעמינאַר. און ווען זיי האָבן דאָרטן גראַדואירט אַלס לערער, פלעגט מען זיי שוין באַ־זאָרגן מיט לערער־שטעלעס פאַר כלערליי שולעס אין דעם תחום המושב. אָט־די זין פלעגן אָנהאַלטן מיט זייערע אַדאָפּטירטע עלטערן אַ כסדרדיקע קאָרעספּאָנדענץ.

נאַטאַן האָראָוויץ, ווען ער איז געוואָרן אַ בן־שבעים, האָט זיך צוריק־געצויגן פון לערעריי און געלעבט מיט זיין פרוי אין אָפּגעזונדערטקייט, און דווקא צווישן ניט־יידן. געווען איז ער אַ מענטש פון בוך, געגריבלט זיך תמיד אין כלערליי ספרים, אויך אַריינגעקוקט אין די שריפטן פון די יידישע שונאים; געוואָלט זיך רק דערגרונטעווען צו די מקורות פון דעם שנאת חינם צום יידישן פאָלק מצד דער ניט־יידישער וועלט . . .

ער האָט כסדר געלייענט די אַנטיסעמיטישע פּרעסע, כדי צו זיין גרינטלעך אינפאָרמירט וואָס עס קומט פאָר אין שונאס לאַגער. אין געהיים איז ער אויך געווען פאַרבונדן מיט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונ־גען. צוליב זיין באַהאַוונטקייט וואָס ס'ווערט געשריבן און פּלאַנירט אין דער רעאַקציאָנערער פּרעסע, איז ער געוואָרן אַ וויכטיקער קוואַל פון אינפאָרמאַציע פאַר דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג . . .

נאַטאַן האָראָוויץ איז נישט געווען קיין רעליגיעז פרומער; ער האָט אָבער געטאָן אַ סך זאַכן פאַר יידישקייט, אין זין פון פאַרשפּרייטן יידיש וויסן און דענקען, און געטאָן האָט ער עס בסתר...

זיידל באַיאַן האָט, פאַרשטייט זיך, גיט געוואוסט פון אָט־די מעשים טובים פון זיין אומשולדיקן קרבן. אויבנאויפיק האָט ער צו אים, ווי צו אַ סך אַנדערע, אויסגעזען ווי אַ ניט־ייד. געוואוינט צווישן ניט־יידן; אויפגעפירט זיך ווי זיי; אַ גלוח, מיט געדיכטע גרויסע וואָנצעס און אַן

עכט רוסישער הלבשה. נתגלה געוואָרן אַלס ייד איז ער ערשט דאָן נאָך זיין פּטירה. צו זיין לוויה זיינען זיך צונויפגעקומען, קודם כל אַלע זיינע אַדאַפּטירטע זין, לערער וואָס זיינען געווען צעוואָרפן איבער כלערליי שטעט און שטעטלעך פון דעם תחום-המושב, וואו זיי האָבן געלערנט. ביי דער לוויה און נאָך די הספדים האָבן זיי געזאָגט קדיש און אפילו ריירנד געוויינט נאָך זייער אַדאַפּטירטן פאָטער און ליבן לערער; אויך זיינען אָנגעפאָרן אַ צאָל יידן נכבדים פון אַנדערע שטעט, וואָס האָבן געוואוסט זיין יחוס-עצמו. די לוויה איז געווען אַ שיינע, אַ בכבודיקע, טאַקע נאָר ווי פאַר אַ נאָענטן, אַ חשובן און פאַרדינסטפולן גוטן יידן און כלל-עסקן. פון דעם אַלעם האָט „זיידל באַיאַן" דערוואוסט זיך ערשט ווען ער האָט זיך געטראָפן מיט זיין בן-עיר, זיין אַמאָליק-נאָענטן חבר פון דער אַלטער היים — משהלע חריף.

באַגעגנט האָבן זיך ביידע יוגנט-חברים אין ניו-יאָרק, ביי אַ גרויסער מאַסן-פאַרזאַמלונג לכבוד זשאַבאָטינסקי, ציוניסט רעוויזיאָניסט, ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע רעקרוטירן יידישע יונגעלייט פאַר זיין „יידישן לעגיאָן..." אין ערשטן וועלט-קריג.

ווען זיידל האָט זיך דערוואוסט וואָס פאַר אַ וואונדערלעכער מענטש אַט-דער נאָטאַן האַראָוויץ איז געווען, און אַז ער, זיידל, איז באַגאַנגען אַ מאָרד אויף אַן אומשולדיקן יידן ! און נאָך וואָס פאַר אַ ייד! אַן איש חשוב ואמת, ממש אַ צדיק נסתר!... און אַ קרבן איז אַט-דער גוטער מענטש געפאַלן פון זיין, זיידלס, אייגענער באַיאַנסטווע און אומוויסנקייט, האָט ער זיך צעוויינט ווי אַ קינד. ווען ער איז אַביסל צו זיך געקומען, האָט ער מיטאַמאָל, אויסשטרעקנדיק זיינע שווער מאַסיווע הענט, און ווי נאָך אַ קורצן ישוב-הדעת, אויסגערופן:

— זעסט אַט-די צוויי ידים, משהל! — האָט ער, ווי ער וואָלט אַ שבועה זיך געגעבן, פּאַטעטיש אַ זאָג געטאָן: — זאָלן זיי מיר אָפּפאַלן פאַר אַט-דער גרויסער זינד און פאַרברעך, וואָס איך בין באַגאַנגען קעגן אַט-דעם אומשולדיקן קדוש, נאָטאַן האַראָוויץ ! . . .

זיידל איז במשך די צייט געוואָרן פרום און פאַר דער ווילדער טאַט, וואָס ער האָט אַלס ייִנגל אומגעבראַכט אַן אומשולדיקן מענטשן, זיך בשום אופן נישט געקענט מוחל זיין... ער האָט רק מתפלל געווען און אויך אויף זיך גוזר געווען אַ קללה: אויב שטראָפן, שטרף מיך, אַ גאָט, פאַר מיינע זינד— ניט מיינע קינדער!...

זיידל האָט דערנאָך זיך אָנגעשלאָסן אין דעם „יידישן לעגיאָן" און נאָך דער מלחמה איז ער שוין פאַרבליבן אין ארץ־ישראל. ווי אַ געאיבטער און געשולטער „לעגיאָנער" איז ער אויך דערנאָך געווען אין דער הגנה און „פלמח", און איז כסדר געווען גרייט צו געבן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד די יידישע שונאים, וואו זיי זאָלן נישט זיין.

אין דעם גורלדיקן יאָר פון 1948, ווען ארץ־ישראל איז פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי אַ זעלבסטשטענדיקע יידישע מלוכה, און די אַראַבער האָבן תיכף געמאַכט אַן איבערפאַל אויף די ישראלים, איז זיידל, נאַטירלעך, געווען אין דער ערשטער ריי פון דער קעמפנדיקער מחנה.

נאָכן וואַפנשטילשטאַנד מיט די אַראַבער איז זיידל געשיקט געוואָרן עקספּעדירן, אויפצוזוכן און אָפּצוראַמען די כלערליי אויפרייס־מינעס אונטערגעלייגטע פון שונא; איינע אַזאַ מינע האָט מיטאַמאָל אויפגעריסן און ביידע הענט זיינען פון אים אָפּגעריסן געוואָרן... זיידל איז אָפּגעלעגן אין הדסה שפּיטאָל היפּשע עטלעכע וואָכן. ווען ער האָט שלום געמאַכט מיט זיין ביטערן גורל, האָט ער איינמאָל מסביר געווען פאַר זיין קראַנקן־שוועסטער, אַז ער איז איצט באַרויקט און אפילו גליקלעך, וואָס די השגחה האָט סוף־כל־סוף אים באַשטראָפט פאַר דער גרויסער זינד וואָס די הענט זיינע האָבן אין זיין יוגנט, דורך אַ טעות, אַן אומשולדיקן יידן אומגעבראַכט . . .

כידוע, באַלד נאָך דער עטאַבלירונג פון דער יידישער מלוכה האָבן יידן אָנגעהויבן עולה־רגל זיין קיין ישראל אין די צענדליקער טויזנטער און צווישן זיי אויך זיידלס יוגנט־חבר, משהלע חריף. תיכף ביי זיין אָנקומען קיין תל־אביב, האָט ער גענומען נאָכפרעגן זיך ביי זיינע בני־העיר אויף זיידלען; דערציילט האָט מען אים פּרטימדיק, וואָס מיט זיידלען האָט געטראָפן און אַז ער קען אים טרעפן כמעט יעדן טאָג אין פּאַרק ביים תל־אביבער ים־ברעג.

משהל האָט די באַגעגעניש אויף לאַנג נישט אָפּגעלייגט. אויף מאָרגן האָט ער כמעט מיט אַ ציטער, ערב די אומדערוואַרטעטע באַגעגעניש מיט זיין אומגליקלעכן יוגנט־חבר, זיך אַוועקגעלאָזט צום תל־אביבער ים־ברעג זוכן דעם בן־עיר זיינעם, זיידל „באַיאַן". כך הוה! ס'האָט לאַנג נישט גענומען; שפּאַצירנדיק האָט ער שוין פון ווייטנס דערקענט די אימפּאַזאַנטע געשטאַלט אים אַנטקעגן קומען, גלייך ווי זיי וואָלטן פון פריער באַשטעלט אָט־די באַגעגעניש! יאָ, ס'איז זיידל, די זעלביקע הויכע, ברייט־

פלייציקע געשטאַלט! אָבער... צוויי לײדיקע אַרבל פון זיין ברייטן ראָק האָבן, אָנשטאָט הענט, זיך געבאָבלט הין און צוריק... און, פאַרריסנדיק די אויגן, האָט ער געקוקט פאַראויס צו האָריזאָנט פון ים . . .

װען משהל האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו דער געשטאַלט, האָט ער מיטאַמאָל דערפילט עפּעס ווי אַ קלעם ביים האַרצן און אַ דריקעניש אין האַלדז, ווי ער וואָלט דאָס לשון פאַרלאָרן. אין דעם מאָמענט האָט ער געפילט אַ מין אומבאַקוועמקייט זיך פאַר אים צו ווייזן, זיך צו דערקענען... אַ געפיל פון צער און רחמנות האָט אין אים דאָס געשטאַלט אַרויסגערופן. ער האָט דאָך זיך געשטאַרקט, זיך גענענט און מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט זיך פאַר זיינע אויגן; זיי האָבן ביידע שווייגנדיק פאַר אַ פּאָר מינוט זיך אָנגעקוקט: זיידל מיט גרויס פאַרוואונדערונג און משהל מיט רחמנותדיקע, האַלב אַראָפּגעלאָזטע אויגן. . .

— האָסט מיך דערקענט, משהל? — האָט נאָך אַ קורצן שווייגן זיך אָפּגערופן צוערשט זיידל — אָבער קוק נישט אויף מיר מיט אַזאַ רחמנות־פּנים און באַדויער!... האָסט שוין מסתמא געהערט, אַז איך האָב פאַרלאָרן מיינע ביידע הענט אין דער באַפרייאונגס־מלחמה! — האָט ער כמעט ווי מיט שטאָלץ אויסגערופן. — איך בין אָבער צופרידן מיט מיין גורל און איך דאַנק און לויב דעם רבונו־של־עולם, וואָס ער האָט מ י ך פאַר מיינע יוגנט־זינד באַשטראָפט און ניט מיינע ק י נ ד ע ר. קינדער דאַרפן ניט אָפּקומען פאַר עלטערנס חטאים . . .

— כ׳בין מתפלל צו השם־יתברך וואָס ער האָט בלויז די הענט ביי מיר צוגענומען און נישט דאָס גאַנצע לעבן !

— כ׳בין גליקלעך, משהל, וואָס כ׳האָב זוכה געווען צו בלייבן לעבן און זען פאַר מיינע אויגן דאָס ווידערגעבוירן ווערן פון אונדזער לאַנד פון די אָבות און דעם גרויסן נס פון קיבוץ גלויות . . .

יונה דער וואַסער־פירער

יעדן דאָנערשטיק פלעגט יונה וואַסער־פירער אַריינקומען צו ר׳ נאַטע מלמד אָנצופילן דאָס פעסל וואַסער, וואָס איז געשטאַנען אין פאָדערהויז פון זיין חדר. אָפּגעטאָן זיין עובדה, פלעגט ער דערנאָך, כמעט הכנעהדיק, זיך צושאַרן צום גרויסן טיש, ביי וועלכן ר׳ נאַטע האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים חומש און גמרא, און בעטנדיק, אַ פרעג טאָן ר׳ נאַטען, צי מעג ער זיך צוהערן צום לערנען.

— מעכעטייסע (מהיכי־תיתי) — האָט ר׳ נאַטע גוטמוטיק אים געענטפערט.

יונה וואַסער־טרעגער האָט דאַן ערשט זיך אַנידערגעזעצט ביים סוף פון דער גרויסער באַנק, אויף וועלכער די קינדער זיינען געזעסן, און מיט גרויס הנאה זיך צוגעהערט צום לערנען, און מקנא געווען די קינדער וואָס זיי לערנען מיט אַזאַ התמדה . . .

מיטאַמאָל האָט יונה זיך צעוויינט!...

— וואָס־זשע וויינט איר, ר׳ יונה?!...— האָט נאַטע מלמד אים אַ פרעג געטאָן אין גרויס פאַרוואונדערונג.

— ווארום זאָל איך נישט וויינען, ר׳ נאַטע — האָט יונה אַביסל פאַרשעמט דערדריקט אין זיך דאָס געוויין — אַז איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט די זכיה, אפילו אַלס קליין יינגל, צו לערנען חומש און גמרא, ווי אַלע באַלעבאַטישע קינדער. צו צען יאָר בין איך שוין געבליבן אַ יתום אָן אַ טאַטן, און תיכף דערנאָך בין איך געוואָרן דער מפרנס פון דער משפחה. די מאַמע מיינע האָט מיר באַלד נאָכן טאַטנס טויט אָפּגעגעבן צו מאַטקע דעם וואַסער־פירער, ווערן זיין געהילף; תמיד געטראָגן וואַסער צו באַלעבאַטישע שטובן און קלויזן. כ׳האָב תמיד געזען און געהערט ווי אַנדערע לערנען די תורה הקדושה, און אַליין, ווי איר זעט, בין איך געבליבן אַן עם־הארץ.

— „נפשי תשוקה בתורה" מיין האַרץ און נשמה גייען מיר אויס צו וועלן לערנען. אָבער... וואָס קומט מיר אַרויס פון דעם ווילן מיינעם ? און אַז די תשוקה איז ביי מיר גרויס, האָב איך דען די צייט און מעגלעכקייט פאַר דעם ? ! . . .

— זאָגט־זשע מיר, ר׳ יונה, פון וואַנען ווייסט איר דעם פסוק: „נפשי תשוקה בתורה״, אַז איר האָט קיינמאָל נישט געלערנט, ווי איר זאָגט — איז שוין ר׳ נאָטע מלמד שטאַרק נייגעריק געווען צו וויסן.

— דעם מאמר האָב איך אויפגעכאַפּט פון דעם וואָלקאָווישקער מגיד, וואָס קומט צו אונדז אַרונטער דרשנען אין דער אַלטער קלויז . . .

— איצט, אַז כ׳בין שוין ב״ה באַלעבאָס פאַר זיך אַליין, מיט אַן אייגענעם געשפאַן, רייס איך מיר אָפּ אַביסל צייט און כאַפּ זיך אַריין אין בית־המדרש אָפּצודאַווענען בציבור, זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים, הערן ווי אַנדערע לערנען, אַז אַליין קען איך נישט ! . . .

— איר ווייסט — האָט יונה וואַסער־פירער ממשיך געווען צו דער־ציילן וועגן זיין לעבן און מצב — גאָר גרינג איז מיט נישט אָנגעקומען צו ווערן אַ באַלעבאָס, אַ וואַסער־פירער! כ׳בין זיך אויסגעשטאַנען גענוג צרות פון די אַנדערע וואַסער־טרעגער, מיינע קאָנקורענטן. אוי, די בידנע פרנסה ! . . .

— איר מעגט עס הערן: אַז מיין באַלעבאָס, מאָטקע וואַסער־פירער, איז נפטר געוואָרן, איז די אַלמנה זיינע, חיה־שרה, געבליבן ווי אויפן וואַסער, אָן אַ פּרוטה ביי דער נשמה. די אַנדערע וואַסער־פירער האָבן זיך דאָן אַ לאָז געטאָן ווי היישעריקן אויף מאָטקעס באַלעבאַטים, און האָבן ממש געוואָלט אַרויסרייסן דער אַלמנהס און מיין ביסן פון מויל.

תיכף נאָך שבעה־זיצן האָט די אַלמנה זיך צו מיר געווענדעט:

—יונה — זאָגט זי צו מיר— דו זעסט דאָך, אַז די גנבים, די אַנדערע וואַסער־פירער צעטרענצלען אונדז דעם „פּאַדריאַד״; רייסן אַוועק פון אונדז מאָטקעס באַלעבאַטים ! מיר׳ן דאָך בלייבן באַלד גאָר אָן חיונה!... אָט נעם איבער, יונה, דעם געשפאַן מיט די באַלעבאַטים און ווער באַלע־באָס פאַר זיך!

— בקיצור, כ׳האָב איבערגענומען הכל־בכל; דעם געשפאַן, די עמערס און די אַנדערע מכשירים און געוואָרן באַלעבאָס וואַסער־פירער. דער מאָטעכע צאָל איך עד היום וואָכער: יעדן סוף וואָך ברענג איך איר די זעלביקע שכירות וואָס מאָטקע ע״ה פלעגט מיר צאָלן.

תחילת האָבן די קאָנקורענטן מיינע אָנגעטאָן מיר געברענטע צרות. ניט איינמאָל האָבן זיי אַרויסגעצויגן דעם צאַפּן פון מיין וואַסער־פאַס און איך בין געבליבן מיט ליידיקן. אָבער... סוף־סוף האָבן די לאָבוזעס איינ־

געזען, אַז זיי וועלן מיר פון דער פּרנסה נישט אַרויסשלאָגן, האָבן זיי מיך צורו געלאָזן. און אָט ווי איר זעט, בין איך שוין אַ וואַסער־פירער אַ קימאַ־לן פון עטלעכע צענדליק יאָר...

* * *

ווען יונה איז געוואָרן אַ בן־חמישים איז אים שוין נמאס געוואָרן דאָס וואַסער פירן, און ס'האָט טאַקע אָנגעהויבן אויף אים פאַלן שווער, סיי פיזיש און אויך פּסיכאָלאָגיש, גייסטיק. — אַרבעט — האָט ער גע־טראַכט — מאַכט טאַקע ניט מיאוס דעם מענטשן, אָבער דאָך האָט ער אָנגעהויבן פילן אַ שפלותדיקייט אין זיין מצב, און אַ געדריקטקייט אויף זיין געמיט, וואָס ער איז נאָך אַלץ „יונה וואַסער־פירער"...

— וויפיל איז דער שיעור— האָט ער געטענהט סיי צו זיך און סיי צו זיינע שטוב־מענטשן — צו זיין אַ וואַסער־פירער?!... כסדר זיין פאַר־נומען אַלע וואָכן־טעג פון יאָר; קיינמאָל קיין צייט געהאַט אַריינצוקומען אין בית־המדרש צו דאַוונען בציבור; זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים, פאַרגינען זיך צו זיצן אין קלויז און צוהערן זיך צו דברי־תורה פון תלמידי־חכמים, ווי אַנדערע יידן זיינען פון דעם נהנה . . .

ביי יונהן איז עס נישט געווען סתם אַ מחשבהלע אויפצוגעבן דאָס וואַסער־פירעריי, נייערט ער האָט ערנסט גענומען טראַכטן וועגן דעם און אויך געהאַט פאַר זיך אַ פאַרטיקן געניטעם פלאַן, וואָס ער וועט טאָן ווייטער.

דערטראַכט האָט ער זיך צו ווערן אַ בעל־העגלה! אָבער ניט סתם אַ בעל־העגלה, וואָס פירט פאַנאַנדער סחורות און סתם כלערליי מכשירים. ניין... וואָס פאַר אַ שינוי וועט ער דאָ האָבן געמאַכט? האָט ער זיך פאַר זיינע מקורבים און שכנים פאַרענטפערט: — ווידער פראַצעווען און אויס־געריסן ווערן אויף די וועגן, געמאַרקן און יארידן?! ניין, ניט פאַר מיינע כוחות מער!... כ'וועל מיר איינשאַפן אַ נייעם שיינעם געשפאַן און וועל פירן באַלעבאַטישע יידן, פרומע יידישע פרויען; ווען צו „גוטע יידן" אין די הויפן; ווען סתם אין אַ וויכטיקער שליחות, אָדער גאָר פירן אויף חתונות, אויף ימים־טובים בעטן אין ווייטערע מקומות... כ'וועל זיין צווישן מענטשן מיט לייטן גלייך; אַרויספאָרן פון די דלד־אַמות פון שטעטל; זען די ברייטע שיינע וועלט; די גרינע פעלדער און וועלדער און די פלאַי־פלאַים פון גאָטס יצירה . . .

מיט אָט־די מחשבות האָט יונה זיך אַרומגעטראָגן אַ לענגערע צייט און ענדלעך איז פון זיין מחשבה געוואָרן אַ ממש, אַ רעאַליטעט.

יונה האָט איינגעהאַנדלט פאַר זיך אַ נייעם געשפּאַן, מיט אַ גאָר פייַנער געל־ברוינער שקאַפּע, מיט וועלכער ער האָט זיך פשוט געצאַצקעט. די פעל אירע איז געווען אַזאַ גלאַנציקע; איר גריווע האָט ער תמיד גע־האַלטן אַזוי ציכטיק, גלאַט אויסגעקעמט, און אַ רויט שלייפעלע אין איר איינגעבונדן. דעם וואָגן האָט ער מייסטעריש אויסגעבעט פאַר דער באַקוועמלעכקייט פון די פאַרשוינען זיינע. און... אַז יונה האָט אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך דעם „וואַסער־טרעגער" לבוש, מיט די תמיד פאַרנעצטע און צעקנאָדערטע שטיוואַלעס, און אָנגעטאָן אויף זיך אַ ריינעם אנצוג, אַ ניי היטל מיט אַ ברייטן דאַשעק; זיין באָרד, שוין מיט עטוואָס באַזיל־בערטע פעדעם גלאַט און ציכטיק אויסגעקעמט, איז אים ממש נישט געווען צו דערקענען!... עפּעס איז ער ווי מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן! אַ שינוי אין זיין גאַנצן געשטאַלט!... די ביז־איצט כמעט איינגעהויקערטער רוקן און פּלייצע, פון דעם שטענדיקן טראָגן די שווערע, גרויסע עמער מיט וואַסער, האָבן זיך מיטאַמאָל אויסגעגלייכט, און ער איז גאָר שטאַלטנער געוואָרן!...

ווען יונה האָט זיך הרחבהדיק אַוועקגעזעצט אויף דער קעלניע פון זיין געשפּאַן און אַ קוק געטאָן אויף זיינע פאַרשוינען וואָס ער האָט גע־פירט, איז אים ממש אַ שטיק געזונט צוגעקומען... ער האָט דאַן זיך דערפילט עקזאַלטירנדיק דערהויבן...

אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט ער זיך אין פריידן אָפּט דערמאָנען וועגן זיין נאָענטן עבר, וועגן דעם קלאָגעדיקן מצב זיינעם פון פריער, זייענדיק וואַסער־פירער.

זומער איז עס נאָך געווען ווי־עס־איז איבערצוטראָגן, אָבער ווינטער! אוי די ווינטערן! מיט די ביטערע פרעסט און קעלטן! אין אַזעלכע טעג פלעגט ער דאַרפן פאָרן צום טייך, אויסהאַקן „פּאָלאָנקעס" אין דעם אייז; אָנפילן דאָס פאַס מיט וואַסער און דערנאָך צעטראָגן די עמערס וואַסער אין די שטובן. דורכגענומען פון קעלט, אַ פאַרפרוירענער, איז ער כמעט אַליין אין אַ שטיק אייז פאַרוואַנדלט געוואָרן!... דערמאָנענדיג זיך בלויז אין דעם, איז אים אַ קעלט אַדורך איבערן לייב . . .

איצט קען ער זיך אפילו פאַרגינען צו טאָן מעשים טובים:

יעדן ל"ג־בעומר פלעגט יונה צוזאַמענעמען קינדערלעך פון די חדרים; זיי איינמאַסטען אין זיין וואָגן, און אַרויספאָרן מיט זיי אין נאָענטן

וועלדלביים ראַנד פון שטאָט. ער פלעגט די קינדער באַזאָרגן מיט היל־צערנע שווערדלעך, רוט־ביקסלעך, לעקעכלעך און אויבס, און זיך פאַר־שפילן מיט די קינדער, ווי ער וואָלט אַליין אַ ייִנגל געווען...

יונה האָט דאַן איבערגעלעבט די קינדערישע פרייד, וואָס ער האָט אין זיין קינדהייט נישט געהאַט...

במשך די עטלעכע יאָר וואָס יונה איז געווען בעל־העגלה, האָט ער באַוויזן „אויסצוגעבן" זיינע טעכטער מיט מזל, און צו זיין גרויסן צער איז אים זיין פלוניתטע, חיה ביילע, מיט אַ יאָר שפּעטער געשטאָרבן.

יונה איז מיטאַמאָל געבליבן אַליין, כמעט היימלאָז און הילפלאָז... הגם ער איז געווען בטבע אַ שמח בחלקו, האָט ער דאָך געפילט אָן זיין חיה־ביילען איינזאַם און פאַרלאָרן... די קינדער זיינע האָבן דווקא געוואָלט אים אַריינגעמען צו זיך, האָט ער אָבער ניט געוואָלט:

— זיין ביי קינדער... הע! „אַליין איז די נשמה ריין" — האָט ער געטראַכט.

צו זיין ווערן אַ בן־שישים איז ער נאָך פּודעסטוועגן געווען אַ גאַנץ קרעפּטיקער ייד! ער האָט אָנגעהאַלטן זיין געשפּאַן, געפירט ווי פריער באַלעבאַטים פון שטאָט צו שטאָט און אויך מיט וויכטיקע שליחותן.

צו יענער צייט האָט ער זיך אָנגעהויבן אַרומטראָגן מיט אַ מחשבה, אַז דאָס ביסל יאָרן וואָס אים איז באַשערט פון דער השגחה, וואָלט ער געוואָלט לעבן אין ארץ־ישראל, און דאָרטן טאָקע האָבן די זכיה צו שטאַרבן אין הייליקן לאַנד פון אונדזערע אָבות... נאָך אַ מאָטיוו און אַ מחשבה וואָס האָט אים שטאַרק באַוועלטיקט, כאָטש ער האָט עס צו קיינעם נישט אַרויסגעבראַכט:

— דאָ בין איך דעם גאַנצן לעבן מיינעם געווען: יונה וואַסער־פירער, אָדער, יונה בעל־העגלה... מיט די בעסטע כוונות פון מיינע שכנים און מקורבים אין שייכות צו מיר, בין איך נאָך אַלץ פאַרבליבן אין זייערע אויגן און אין די מוחות — „יונה וואַסער־פירער"!... אין ארץ־ישראל אָבער, וועל איך אָנהייבן אַ ניי קאַפּיטל: אַנדערע יידן, אַנאַנדער סביבה; וועל איך אויספורעמען מיין לעבן אַנדערש; לויט מיין וואונטש און באַגער, ווי איך האָב תמיד געוואָלט און נאָך וועלכן כ'האָב געבענקט . . .

נאָך איידער יונה האָט גענומען זיך גרייטן צו אָט־דער גאָר וויכטיקער נסיעה, האָט ער מסביר געווען פאַר זיין זייער נאָענטן פריינט, נאָטע מלמד, אַז זיין הייסטער וואונטש איז תמיד געווען צו האָבן די גרויסע זכיה צו

שטאַרבן אין הייליקן לאַנד. און איצט, אַז ער וועט קומען קיין ארץ־ישראל, וועט ער האָבן זיין חלום פאַרווירקלעכט. . .

יונה האָט אויספאַרקויפט זיין ביסל אייגנס; זיין געשפאַן מיט הכל־בכל; צוזאַמענגעקליבן דאָס ביסל חובות, וואָס איז אים געקומען ביי עטלעכע באַלעבאַטים, בטוחים. און... ס'האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט אַ שפּאַר ביסל מזומן—אַ ניט קליינער פאַרמעגן...

נאָטע מלמד, ביים אָפּגעזעגענען זיך מיט יונהן, האָט זיך צו אים געווענדעט מיט אַ בקשה:

— כ'וויל דיר איבערגעבן, יונה, אַ וויכטיקע שליחות: פאַרסט אין הייליקן לאַנד; פאַר געזונט און זיי מצליח. נעם מיט זיך אָט־דאָס תנ"כ'ל וואָס איך גיב דיר און זאָל עס דיר זיין אַ וועגווייזער אויף דיין לאַנגער און ווייטער נסיעה. און... אַז דו וועסט שוין זיין אין ארץ־ישראל און וועסט אפשר באַגעגענען מיין ברודער, לייזער וואָלף, פון וועלכן כ'ווייס ניט פון זיין געביין, וואו ער איז אַהינגעקומען עד היום הזה—גיב אים איבער דאָס תנ"ך'ל פון מיר אַלס מתנה און אַ ברידערלעכן אָנדענק...

יונה האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט זיין זון, טאָכטער און אייניקל; מיט זיינע שכנים, נאָענטע און מקורבים; איבערגעלאָזט הינטער זיך זיין געבוירן־אָרט; זיין שווער לעבן און פראַצע, וואָס ער האָט דאָ געהאַט פון קינדווייז אָן, און... אויף צום לאַנד פון זיינע חלומות — ארץ־ישראל. . .

* * *

יאָרן האַרבע, שווערע יאָרן זיינען פאַרלאָפן, מען האָט פון יונה וואַסער־פירער מער נישט געהערט. עפּעס האָט אימיצער יאָ געבראַכט אַ ניט קיין גוטן גרוס וועגן אים, נעמלעך: אַז ביי זיין אָנקומען קיין ארץ־ישראל, האָט מען אויסגענאַרט ביי אים דאָס ביסל געלט וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך; דאָס געלט וואָס ער האָט במשך די אַלע יאָרן פון שווערער פראַצע אָפּגעשפּאָרט... נאַטירלעך האָבן עס אַלע זייער באַדויערט, וואָס אַזאַ גזלה זאָל האָבן געטראָפן צו דעם גוטן אַלטן יונה. און וואו—אין אומ־דזער הייליק לאַנד, אין ארץ ישראל ! . . .

שווערע, גרויזאַמע יאָרן זיינען דורכגעגאַנגען; גרויסע דערשיטערנ־דיקע געשעענישן; מלחמות, רעוואָלוציעס און... דער אומקום פון אַ גרויסן טייל פון יידישן פאָלק דורך די מערדערלעכע הענט פון די דייטשישע

רוצחים, ימח שמם וזכרם. און... לסוף, די ענדלעכע גאולה: מלכות ישראל; קיבוץ גלויות . . .

ווען ר' נאָטע דעם מלמדס אייניקל, חיימל, וועלכער האָט במשך אַ לענגערער צייט געלעבט אין אַמעריקע און איז שוין אַליין אויך געווען אַ בן־חמישים, האָט אין יאָר 1949, נאָך דעם אויפקום פון דער יידישער מלוכה, עולה געווען קיין מדינת ישראל, האָט מען אים, ווי דאָס רוב טוריסטן, אַרומגעפירט ווייזן די כלערליי אנשטאַלטן, ווי: קינדער־היימען, שפּיטאָלן, מושב זקנימס וכדומה. אין איינעם פון די מושב־זקנימס, אין וועלכן מען האָט געהויזט יידן פון כלערליי שטעט פון דער אַלטער היים איז ח יי מ ע ן, נאָטע דעם מלמדס אייניקל, אויפגעשוואומען אַ מחשבה: אפשר גאָר אויסגעפינען דאָ, אין דעם אַלטן מושב־זקנים, צי עס געפינט זיך דאָ ניט צומאָל, ר' יונה, וועגן וועלכן דער זיידע זיינער, נאָטע דער מלמד, האָט געהאַט וועגן אים אַזוי פיל צו דערציילן. און ער אליין, חיים, געדענקט נאָך אויך, ווי אָט־דער יונה בעל־העגלה פלעגט מיט די קינדער, ל"ג בעומר, אַרויספאָרן אין וואַלד און פאַרווילן מיט זיי דעם טאָג . . .

דער אויפבליץ פון אָט־דער מחשבה האָט שוין חיימען ניט אָפּגעלאָזט. ער איז טאָקע תיכף־ומיד צוגעקומען צום משגיח פון דעם מושב־זקנים און אים אָנגעגעבן אַלע פּרטים פון זיין חשובן בן־עיר, ר' יונה. דער משגיח האָט אים פריינטלעך אויסגעהערט און אַ ברייט צופרידענער שמייכל האָט זיך אויף זיין הדרת־פּנים צעלייגט; משמעות צופרידן געווען וואָס ער קען אָט־דעם פאַראינטערעסירטן אַמעריקאַנער אידן באַפרידיקן זיין בקשה . . .

— מיין חשובער אדון, דער גליקלעכער צופאַל האָט אייך גראָד געבראַכט אַהערצו, צו דעם ריכטיקן מושב־זקנים!... ניט נאָר איז ר' יונה דאָ איינער פון די עלטערע תושבים, נייערט ער איז דאָ איינער פון די גאָר חשובסטע; ער איז אפילו דער ראש פון דער כיתה לערנער וואָס מיר האָבן דאָ אין שולכל פון דעם מושב־זקנים . . .

חיים איז געווען איבערגליקלעך וואָס ער וועט דאָ קענען באַגעגענען דעם אַלטן חשובן ר' יונה, זיין וואונדערלעכן בן־עיר, וועגן וועלכן מען האָט ביי אים אין שטעטל אַ סך גוטע מעשים דערציילט, און ער איז געוואָרן דאָרט כמעט אַ לעגענדע ! . . .

דער משגיח האָט אַריינגעפירט חיימען אין אַ שטיבל, אַ קליין בית־

מדרשל, וואו אַ מנין עלטערע יידן זיינען געזעסן אַרום אַ גרויסן טיש, פאַרטיפט אין לערנען.

— אָט־דער ייד, בראש פון טיש, איז ר׳ יונה, אויף וועלכן איר פרעגט זיך נאָך — האָט דער משגיח אָנגעוויזן חיימען אויף ר׳ יונהן.

חיים האָט מיט לאַנגזאַמע טריט זיך דערנענטערט צו ר׳ יונהן און מיט גרויס יראת הכבוד אַ זאָג געטאָן:

—ר׳ יונה ! כ׳בין אייערער אַ בן־עיר; נאָטע דעם מלמדס אַן אייניקל, חיים ! חיה ביילע דער זאָקנשטריקערינס אַ זון ! — געבנדיק אים אַ וואַרעמען שלום־עליכם . . .

דער אַלטער ר׳ יונה, האַלטנדיק חיימס האַנט, האָט מיט אויגן פול מיט פאַרוואונדערונג אים באַטראַכט און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— וואַרט, וואַרט צו אַביסל, מיין זון; כ׳וויל איצט נישט מפסיק זיין; באַלד וועלן מיר אָפּלערנען דעם שיעור, וועלן מיר זיך דורכשמועסן און כ׳האָב עפּעס וויכטיקעס דיר איבערצוגעבן...

חיים האָט לעת־עתה זיך צוגעהערט ווי ר׳ יונה לערנט מיט זיין כיתה יידן, און ווי קלוג, פשוט, ער פאַרטייטשט זיי די טיפסטע פסוקים פון ש״ס!... ער איז ממש נשתומם געוואָרן פון זיינע רייד און פון זיין בקיאות אין ספרי תורה ! . . .

— איז דאָס יונה וואַסער־פירער! יונה בעל־עגלה ? ! . . . האָט ער געטראַכט און זיך שטאַרק געוואונדערט. ער האָט דערזען פאַר זיך אַ ייד אַ למדן, אַ מופלג בתורה ! — פלאי־פלאים ! . . .

ר׳ יונה האָט פאַרמאַכט דעם ספר; די יידן, זיינע מיטלערנער, האָבן דאָס אייגענע געטאָן; זיינען אויפגעשטאַנען פון אַרום טיש און אויך געגעבן דעם גאַסט שלום; דערנאָך האָט ר׳ יונה זיך אָפּגעגעבן מיט זיין בן־עיר.

— חיים, זאָגסטו, רופט מען דיך!... נו, זאָל זיין צום לעבן, חיים!... כ׳זע דו וואונדערסט זיך, חיימל, וואָס איך בין דאָ געוואָרן אַ לערנער, אַ בעל־תורה ! — פאַרשטייסט מיך, מיין זון, ווען איך בין אָנגעקומען אין ארץ בין איך שוין דאַן געווען אַ זקן, קרוב צו שבעים. וואָס האָב איך דאָ געקענט טאָן צו יענער צייט? דאָס לאַנד איז דאָ געווען וויסט און פוסט; צו קיין אַרבעט האָט מען מיך נישט געוואָלט נעמען. יינגערע פון מיר האָבן קוים געקענט זיך מפרנס זיין... בין איך אַריין אין אָט־דעם מושב־זקנים און געמאַכט זיך דאָ ניצלעך לויט מיינע כוחות... בעיקר אָבער, האָב איך דאָ אָנגעהויבן לערנען, פריער אַ פרשה חומש, דערנאָך געבעטן

מען זאָל מיט מיר לערנען אַ בלאַט גמרא. ווייסט דאָך, אַז נאָך אין דער היים האָב איך געהאַט אַ גרויסע תשוקה צו לערנען די תורה הקדושה... און דאָ איז מיין וואונטש מקוים געוואָרן ! . . .

— רבי עקיבא האָט געזאָגט: „טראָפּנס וואַסער קענען דורכלעכערן אַ שטיין, און טראָפּנס תורה קענען זיך אויך אריינזאַפּן אפילו צו אַן עם־הארץ, ווען נאָר דער ווילן איז פאַראַן!" ווען דער אַלטער ר' ניסעלע ז"ל, וואָס פלעגט דאָ לערנען מיט אונדז, איז נפטר געוואָרן, האָט מען מיר איבערגעגעבן די עבודה קדושה צו לערנען מיט דער כיתה יידן...

רבי שמואל, איינער פון די לערערס פון פרקי אָבות, האָט געזאָגט:

„דער וואָס לערנט אַליין, כדי אויך צו לערנען אַנדערע, גיט מען אים די מעגלעכקייט אי אַליין צו לערנען, אי אַנדערע צו לערנען." און דאָס וואָס איך האָב געטאָן: כ'האָב אַליין געלערנט, און איצט איז עס מיין גורל אויך צו לערנען מיט אַנדערע.

— זאָגט־זשע מיר, חשובער ר' יונה, איז טאַקע פאַראַן עפּעס אַ שמץ אמת פון דעם וואָס מען האָט דערציילט אין דער היים וועגן אייך, אַז ווי נאָר איר זענט אָנגעקומען אַהערצו אין לאַנד האָט מען אויסגענאַרט ביי אייך אייער פאַרמעגן?...

— לא דובים ולא יער!... נישט געשטויגן און נישט געפלויגן!"... אַז איך בין אָנגעקומען אַהער אין לאַנד האָט מען מיך צו קיין אַרבעט נישט געוואָלט נעמען, אפילו איך זאָל געווען צוצאָלן. געווען געווען יונגע־לייט וואָס האָבן געאַרבעט פאַר אַ שיבוש! האָב איך שוין ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי אָנצוקומען צו דעם אנשטאַלט. איך האָב דאַן איבער־געגעבן מיין גאַנץ פאַרמעגן, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ טויזנט קערבלעך, צום מושב־זקנים. וואָס האָב איך דאַן מער געדאַרפט, אַז מיט אַלץ בין איך דאָ געווען פאַרזאָרגט...

דו ווייסט, חיימקע, אַז כ'בין דאָ שוין אַן ערך פון קרוב צו דריי צענדליק יאָר ! . . .

נו, פרעג איך דיר, ווער ביי וועמען האָט מער פאַרנומען, זיי ביי מיר, צי איך ביי זיי?... כ'האָב שוין אַרויסגענומען פון מיין פאַרמעגן דאָ כפל־כפליים ! . . .

— ר' יונה, איר האָט, דאַכט מיר, געזאָגט, אַז איר האָט עפּעס וויכטיקעס מיר איבערצוגעבן.

— אַ יאָ, יאָ, והעיקר שכחתי!... אַזוי, אַזוי! ביסטו, הייסט עס, חיימקע, נאָטע דעם מלמדס אַן איניקל!....

ר׳ יונה איז פּאַמעלעכקע, מיט דריבנע טריטלעך, צוגעגאַנגען צו אַ שטענדער און אַרויסגענומען פון דאָרט אַ זייער אַלטן תנ״כ׳ל מיט כמעט צעפליקטע טאָוולעך און צוגעברענגט צו חיימען.

— זעסט, חיימקע, אָט־דאָס תנ״כ׳ל האָט דער זיידע דיינער מיר מיטגעגעבן, איך זאָל עס מיטגעבן צו זיינעם אַ ברודער, טאָקע דיינעם אַ פעטער, אַלס אַ מתנה און אנדענק... דיין פעטער האָב איך דאָ נישט געפונען, און אפשר איז ער דאָ גאָר קיינמאָל ניט געווען... דאָס תנ״כ׳ל האָב איך דאָ געהאַלטן הייליק די גאַנצע צייט. כ׳האָב זיך מיט דעם קיינמאָל ניט געשיידט . . .

כ׳האָב אָבער געהאָט בטחון, אַז אימיצער פון דיין משפחה וועט וועט עס איז דאָך קומען אַמאָל אַהער צו אונדזער הייליק לאַנד פון די אָבות און איך וועל נאָך קענען מיין שליחות אויספירן. איצט אַז דו ביזט דאָ, גיב איך דיר איבער דאָס תנ״כ׳ל אַלס ירושה...

חיים איז געווען גערירט פון ר׳ יונהס רייד און האַנדלונג. ער האָט אַרויסגעשיקט דעם שמש אַריינצוברענגען וויין מיט קיכלעך, און די אַלטיטשקע יידן האָבן זיך משמח געווען מיטן אורח, אַ בן־עיר, אויף וועלכן ר׳ יונה האָט געוואַרט קנאַפּע דריי צענדליק יאָר, כדי אָפּצוגעבן דעם אַלטן תנ״כ׳ל, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך — פון דער אַלטער היים.

— זאָגט מיר, ר׳ יונה — האָט חיים, זיין יינגערער בן־עיר, אים אַ פרעג געטאָן — וואָס איז דער סוד פון אייער אַריכת ימים, ביז מאה ועשרים!?

— שאַ, זאָג עס ניט אויס. ביי זיי, ביי מיינע שכנים, בין איך נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, אין די אָנהויב אַכציקער. אין דער אמתן בין איך שוין באַלד, טאָקע באַלד דעם תשעה־באָב, ווער איך צוויי־און־נײַנציק...

דער אַלטער ר׳ יונה האָט זיך פאַרקלערט און האָט ווי מיט אַ גמרא־ניגון אַרויסגעפּליסטערט:

— דער סוד פון אַריכת ימים פרעגסטו: ס׳איז אַ גאַנץ פשוטער, מיין זון! — האָסטו גלויבן און בטחון פאַר וואָס און פאַר וועמען צו לעבן, שענקט דיר דער וואָס לעבט אייביק אַריכת־ימים . . .

איצט, ר׳ חיים, אַז כ׳האָב שוין אַלץ און אַלעמען אָפּגעצאָלט; קיינעם קיין בעל־חוב נישט געבליבן; מיין ירושה צעטיילט; די שליחות אויס־

געפירט; בין איך גרייט, מוכן ומזומן, זיך אפצוגעזעגענען מיט אלץ און אלעמען אויף גאטס ערד...

חיים האט פארלאזן ר׳ יונהן און אים צוגעזאגט, אז איידער ער וועט אפפארן פון ישראל וועט ער אים קומען זען און זיך מיט אים געזעגענען.

מיט א פאר חדשים שפעטער, ווען חיים איז געקומען צום מושב־זקנים זיך זעגענען מיט זיין חשובן בן־עיר, ר׳ יונה, האט מען אים מודיע געווען די טרויעריקע בשורה, אז ר׳ יונה איז נפטר געווארן כ״א בחודש סיון, בנשיקה, ווי א צדיק... ער האט געהאט א בכבודיקע לוויה, א גרויסע צאל ותיקים זיינען געקומען אים אפגעבן דעם לעצטן כבוד...

חיים האט פארלאזן דעם אנשטאלט מיט א שווער געמיט, אבער מיט א געפיל פון יראת־הכבוד פאר דעם נפטר...

„נאגיב חולדא"

גרויס איז מיטאמאל געווארן דער נאמען פון נאגיב חולדא צווישן דער יוגנט און אויך עלטערע אין ישראל. ווען נאגיב חולדא האט זיך באוויזן, אין גאס אדער אויף א פארזאמלונג, איז זיין נאמען תיכף געווען אויף אלעמענס ליפן. ווען ער האט זיך באוויזן אויף דער בימה צווישן די רעדנער און אנגעהויבן מיט זיין געוויינלעכן, כמעט שאבלאנעם מאמר:

— טוב למות בעד ארצנו, טוב לחיות בעד ארצנו — איז דער גאנצער זאל ממש פארטויבט געווארן מיט לאנג דויערנדיקע אפלאדיסמענטן און הילכיקע אויסרופן:

— יחי נאגיב חולדא!

ווער איז ער, אט־דער נאגיב חולדא? וואס פאר א מעשים טובים אדער העלדישקייטן האט ער עס באוויזן, וואס ער רופט ארויס ביים יידישן עולם אזא פלאמיקע התלהבות?

איז עס אפשר דערפאר, וואס אן אראבער, א ניט־ייד, זאגט זיך ארויס מיט א גוטווארט פאר דער יידישער מדינה? איז עס ניט דער זעלביקער

גלות־פּסיכאָז: טאַנצן קדוש פאַר אַ ניט־ייִד, ווען ער זאָגט זיך אַרויס מיט אַ ליבּ־וואָרט פאַרן ייִדישן פאָלק? אָט־דער געדאַנק האָט מיך אין יענעם מאָמענט שטאַרק געעגבערט.

איך בין געזעסן צווישן דעם גרויסן עולם און בין ממש נשתומם געוואָרן פון אָט־דער מאָדנער, אומגעוויינלעך אויפבּרויזנדער אויפנאַמע...

דער אינטערעס איז אין מיר געוואַקסן צו וויסן און גענוי זיך צו באַקענען מיט די סיבּות פון אָט־דעם מאַסן־פּסיכאָז. די נייגעריקייט האָט מיך שוין ניט געלאָזט רוען.

האָב איך פאַרבּויגן מיין אומוויסנקייט אין דעם ענין און אַ פרעג געטאָן מיין ענטוזיאַסטישן שכן, וואָס איז נעבן מיר געזעסן, ער זאָל מיר אויפקלערן אַביסל וועגן אָט־דעם לעגענדאַרישן אַראַבּישן העלד, פון וועלכן דער עולם און ער, דער שכן מיינער בתוכם, איז אַזוי שטאַרק נתפּעל.

דערוואוסט האָב איך זיך וועגן אָט־דעם לעגענדאַריש־אַראַבּישן העלד, נאַגיבּ חולדא, פאָלגנדיקע מעשה:

גאַניגבּ חולדא, אַן אומוויסנדיקער אַראַבּער, איז געווען אָרעם און פאַרלאָזט, ווי אַ „חולדה”—אַ ראַץ. פון זיין פריעסטער יוגנט האָט ער זיך דאָס רוב געוואַלגערט אין תּפיסות, מערסטנס פאַר קליינע נישטיקע פאַר־ברעכנס: קעשענע־גנבות, אָדער גאָר פאַר צעבּרעכן אַ שויב־פענסטער פון אַ קראָם. פאַר דעם סאָרט פאַרברעך פלעגט ער ס׳רובּ באַקומען פון דריי ביז זעקס חדשים תּפיסה. אַרויס אויף דער פריי איז ער אין עטלעכע טעג אָדער אַ וואָך; ווידער אַריינגעזעצט געוואָרן פאַר אַן ענלעכן פאַר־ברעכן. אַזוי אַז ער איז געווען אין תּפיסה אַ שטענדיקער „קעסטניק”. פאַר דעם לעצטן פאַרבּרעכן זיינעם האָט דער ייִדישער שופט ניט געוואָלט אים באַשטראָפן מער ווי דריי חדשים. וואָרעם וויפיל טאַקע איז דער שיעור אויסצוהאַלטן אַן אומזיסטן „קעסטניק” אויף די הוצאות פון דער מדינה?

ס׳איז געווען ווינטער, רעגנדיק און קאַלט; אַן אַ היים, אַן אַ דאַך איבּערן קאָפּ, האָט נאַגיבּ חולדא געבעטן זיך ביים שופט ער זאָל אים געבן כאָטש זעקס חדשים תּפיסה, אנשטאָט די דריי. ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן זיין דינגען זיך. ביים אַרויספירן אים פון בית־דין האָט נאַגיבּ חולדא אומגעדרייט זיך מיטן פּנים צום ייִדישן שופט און צו אים אויס־געשריען: „יהוד מכוער”! (שמוציקער ייִד).

דער ריכטער איז, פאַרשטייט זיך, שטאַרק בייז געוואָרן, האָט ער תיכף געהייסן אים צוריקברענגען און געגעבן אים די פולע זעקס חדשים תפיסה, אָן דער פריווילעגיע פון אַ חודש וויניקער פון טערמין, פאַר גוטער אויפפירונג. דער עיקר—האָט דער שופט אונטערגעשטראָכן— וועסטו פאַר דיין ווילדער חוצפה מוזן אויסזיצן דיין גאַנצן טערמין און בלויז צווישן יידישע אַרעסטאַנטן.

— דאָס טאַקע האָב איך געוואָלט, חשובער שופט — האָט נאַגיב חולדא אויסגערופן — אַ דאַנק!

— וועסט מיר אָן אַנדערש מאָל דאַנקען — האָט דער ריכטער אים געענטפערט — און האָט געהייסן אים אָפפירן אין דער עכו־תפיסה, און טאַקע נאָר צווישן יידישע אַרעסטאַנטן.

ס'איז געווען נאָכמיטאָג אין דעם חדר־האוכל פון דער עכו־תפיסה. אַזוי גיך ווי דער מאַלצייט ווערט פאַרענדיקט, אַזוי הערט זיך תיכף די שטאָלענע שטימע פון דער קאָמאַנדע שוטרים: — לקום! לקום!

איינציקווייז גייען אַרויס די אַרעסטאַנטן אין תור (רייע), אַריינוואַרפנדיק ביי דעם אַרויסגאַנג טיר די לעפל־גאָפּל און מעסער אין אַ קאָרב אַריין. אויפן הויף פון דעם פריזאָן שטעלן זיך אויס די אַרעסטאַנטן צו פיר אין אַ ריי און זיי מאַרשירן אַוועק אין אַ מיליטערישן סדר צו די צריפים (באַראַקן). די אַרעסטאַנטן האָבן דאָן צוויי פרייע שעה. דאָס זיינען די לעבעדיקסטע צוויי שעה אין תפיסה. אין אָט־די צוויי שעה נעמען די אַרעסטאַנטן אָפּ זייערע בריוו, ענטפערן אויף בריוו, באַשטעלן די זאַכן וואָס איז זיי דערלויבט צו קויפן. אין די צוויי שעה האָבן זיי אויך „ראַנדעוואוס" מיט זייערע פריינט און קרובים, וועלכע קומען מיט אַ שיפל פון חיפה צו זען זיך מיט די תפיסהניקעס.

אייניקע פון זיי פאַרגינען זיך אפילו אַ האָרא־טאַנץ אין דער צווישן־צייט. נאָר איינער איז גלייכגילטיק צו אַלץ און שטיל־שטום—נאַגיב חולדא. ווי נאָר ער קומט אַריין אין צריף פון דעם נאָכמיטאָג, אַזוי כאַפּט ער זיך תיכף אַרונטער אונטער דער קאָלדרע פון זיין געלעגער, דעקט זיך איבער מיט דעם צודעק איבערן קאָפּ און ווערט באַלד אַנטשלאָפן מיט דעם שלאָף פון אַ ווינטער־חיה אין איר נאָרע . . .

נאַגיב חולדאַ האָט נישט קיין פריינט, האָט נישט קיין אייגענע אויף דער וועלט. ער איז עלנט און איינזאַם ווי אַ „חולדה"—אַ ראַץ. קיינער אינטערעסירט אים ניט און קיינער אינטערעסירט זיך ניט מיט אים.

ויהי היום, נאָך זיין אָפּזיצן אַ פּאָר וואָכן, האָט ער אַריינגעקראָגן אַ שכן נעבן זיין בעטל, אַ יידישן אַרעסטאַנט, וואָס איז אַריינגעפאַלן פאַר „שוק־שחור" — פאַר האַנדלען אויפן שוואַרצן מאַרק.

דער יידישער אַרעסטאַנט האָט געהאַט אַ פאַרם פאַר הינט: גע־האָדעוועט הינט פאַר שמירה און אַלס „פירער" פאַר בלינדע. שפּייז פלעגט דער איד, דער הינט־ציכטלער, באַקומען פאַר פּופּציק חיות. האָט אָבער איינמאָל געטראָפן, אַז ער האָט צוואַנציק פון די פּופּציק הינט פאַרקויפט. איז אים געבליבן נאָר דרייסיק. אָבער שפּייז האָט ער נאָך אַלץ פאַרלאַנגט לויט דער ראַטע ווי פאַר פּופּציק, און דאָס וואָס ס'איז אים געבליבן האָט ער פאַרקויפט אויפן שוואַרצן מאַרק. נו, „סוף גנב לתליה", האָט מען אים געכאַפּט און אַריינגעזעצט פאַר אַ חודש אין תפיסה. אָט דער ייד האָט זיך צוגעבונדן צו זיין שכן, צו חולדאַן.

ווען דער ייד איז באַפרייט געוואָרן האָט ער געשיקט אַ בריוו צו חולדאַן אין תפיסה, אין וועלכן ער איז אים מודיע, אַז אין משרד, קאַנטאָר פון דער תפיסה, איז פאַראַן פאַר אים צוועלף לירעס, און אַז ער, חולדאַ, וועט באַפרייט ווערן, וועט ער, דער ייד, אים אַנשטעלן אַלס אַ הונט־אויפזעער ביי זיך אויף דער פאַרם, מיט אַ געהאַלט פון זעכציק פונט אַ חודש. אויך אַ צימער און עסן פריי. אין בריוו איז אויך געזאָגט געוואָרן, אַז ער, דער הינט־ציכטלער הייסט עס, האָט זיך געווענדעט מיט אַ בקשה צום שופט, ער זאָל אים, חולדאַן, באַפרייען פאַר דעם טערמין, אָבער דער שופט האָט די בקשה זיינע מבטל געמאַכט.

ווען איינער פון די שוטרים האָט דעם בריוו געבראַכט צו חולדאַן, האָט ער אים, ווי תמיד, געטראָפן איינגענורעט אויף זיין בעטל שלאָפנדיק געשמאַק. האָט ער אים געגומען וועקן:

— נאַגיב חולדאַ! אַ בריוו פאַר דיר! אַ בריוו!

חולדאַ האָט ענדלעך זיך פויל אויפגעהויבן, זיך געריבן די אויגן פון שלאָף, קוים געעפנט זיי, און מיט פאַרוואונדערונג אַ מרוקע געטאָן:

— וואָס פאַר אַ בריוו?! פאַר מיר אַ בריוו?

חולדאַ האָט נישט געוואָלט גלויבן. ער האָט נישט געקענט זיך משער זיין, אַז אימיצער זאָל צו אים שרייבן אַ בריוו! מסתמא וויל מען אים אָפּנאַרן, אָפּחוזקן פון אים, און ער האָט זיך ווידער אויסגעצויגן אויף דער נאַרע... ווען דער שוטר האָט אָבער איבערגעלייענט פאַר אים דעם בריוו, האָט ער זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעוויינט ווי אַ קינד. ס'איז

געווען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, וואָס אַ מענטש זאָל זיך מיט אים פאַראינטערעסירן און אים מענטשלעך באַהאַנדלען.

פון דאַן אָן פלעגט חולדאַ באַקומען בריוו אַלע וואָך און אויך געלט יעדן חודש צו קענען איינקויפן פאַר זיך זאַכן.

ווען די צייט פון זיין באַפרייאונג האָט זיך דערנענטערט, האָט ער באַקומען אַ בריוו פון דעם יידן, דער הינט־ציכטלער, מיט אַ צוזאָג פון פינף־און־צוואַנציק לירעס אויף הוצאות הדרך, און אויך זיך באַזאָרגן מיט אַ גאַנצע פּאָר שיך און אַ מלבוש.

ביים יידן אויף דער הינט־פאַרם האָט חולדאַ זיך ממש אַליין געפונען. ער האָט אָנגעהויבן אַ ניי קאַפּיטל אין זיין לעבן. זיינע פליכטן אַלס הינט־ציכטלער האָט ער אויסגעפירט בשלימות, געשיקט און געטריי. אויפן פאַרם האָט ער זיך באַפריינדעט מיט אַ תימנער מיידל: פאַרוואַלטערין פון דעם יידנס ווירטשאַפט און באַלעבאַטישקייט; און צווישן חולדאַן און דער תימנער מיידל האָט זיך אַנטוויקלט אַ גאַר הייסער ראָמאַן...

ויהי בחצות הלילה, מיטאַמאָל האָט אַן אַלאַרם־רוף אים אויפגע־וועקט: אַראַבער זיינען באַפאַלן אַ יידישן מושב, אַ פּאָר מייל פון דעם הינט־פאַרם. נאַגיב חולדאַ האָט קיין סך נישט געטראַכט, געכאַפּט דעם לאַסטוואָגן, אַריינגעפּאַקט אין אים אַ פּאָר טוצן כלבים פון דער פאַרם און האָט זיי געגעבן אַ באַפעל:

„שקט! לא יחרץ כלב לשונו", און לאָזט זיך אויף גיך אַהין אַוועק. אָנגעקומען מיט זיין כאַפּטע הינט פּונקט אין צייט, האָט ער תיכף געגעבן אַ באַפעל צו די הינט:

„ל נ ש ו ך א ת ה ע ר ב י ם !" — די הינט מיט חולדאַ'ן בראש, האָבן ניט נאָר פאַריאָגט די אָנפאַלער, נייערט נאָכגעיאָגט זיי אין זייער אַראַבישן דאָרף, און דאָרטן ערשט האָבן די הינט די אָנפאַלער צעביסן און צעריסן און אָנגעמאַכט ביי זיי אַ חורבן.

ביים צוריקקער פון אָט־דער שלאַכט, האָט נאַגיב חולדאַ געקראָגן אַריינגעשאָסן אַ פּאָר קוילן אין אים פון אַן אַראַבישן וועכטער.

אין הדסה שפּיטאָל איז ער געלעגן און געפּאַכעט מיט דער נשמה. נאָכ'ן באַזייטיקן פון אים די קוילן איז ער נאָך אַלץ געלעגן צווישן לעבן און טויט. די דאָקטוירים אָבער האָבן געזאָגט, אַז ער וועט דעם קאַמף מיט'ן מלאך־המות געווינען, אויב... ער וועט פילן אַז ער האָט פאַר וואָס צו לעבן...

נאַגיב ווערט ענדלעך געזונט, האָט חתונה מיט דער תימנער, נאָכדעם ווי מ׳האָט אים אין הדסה שפּיטאָל געיידישט . . .

אין 1948, באַלד נאָך דער עטאַבלירונג פון מדינת ישראל, איז ער, נאַגיב חולדאַ, דער העלד פון „דיער־על־יאַסין.״

דער אַ־אַבישער דאָרף ווערט אינגאַנצן פאַרניכטעט און ווערט נאָכדעם פאַרוואַנדלט אין אַ מעברה פאַר די ניי־געקומענע עולים.

— נו, ידיד! — האָט מיין פריינטלעכער שכן נצחונדיק אויסגערופן — איצט פאַרשטייט איר שוין פאַרוואָס נאַגיב חולדאַ ווערט מיט אַזויפיל התפּעלות אויפגענומען ?

שלומקע דער יתום

איבער דער בריק אויף וועלכער עס ציען זיך קיין מדינת ישראל צענדליקער טויזנטער עולים, ס׳רוב על פּי נויט, ציען זיך אָבער אויך גרויסע מחנות יידן פון די תפוצות, בעיקר פון דעם אַמעריקאַנישן קאָנ־טינענט. טייל פאָרן מחמת בענקשאַפט צום לאַנד, און אַ טייל, צוליב דעם גרויסן אינטערעס צו וועלן זען מיט די אייגענע אויגן, וואָס יידן האָבן טאַקע אַליין, מיט זייער אייגענעם פיזישן כוח אויפגעטאָן אָן דער פיזישער הילף פון ניט־יידן. . .

פון צווישן אָט־דער צווייטער קאַטעגאָריע האָט זיך אויך געפונען אויף אַ יידישער שיף, וואָס איז דירעקט געשוואומען קיין ישראל, אַן אַמעריקאַנער יידישער יונגערמאַן ביים נאָמען: אירווינג פיש, אַ פּראָ־פעסאָר פון אַ באַוואוסטן אוניווערסיטעט אין אַמעריקע, וואָס אויף דער איינלאַדונג פון דער יידישער מלוכה פאָרט ער איצט אַלס פאָרשער און סטאַטיסטיקער.

פּראָפעסאָר אירווינג פיש, אַן אַמעריקאַנער געבוירענער, דערצויגן ביי עמיגראַנטישע עלטערן, האָט אָבער זייער ווייניק געוואוסט פון יידישע קולטור־ווערטן און יידישן שטייגער לעבן. יידיש לשון איז אים פרעמד

געווען און נאָך פרעמדער איז אים געווען העברעאיש, ווי דעם רוב פון דער יידיש־אַמעריקאַנער יוגנט.

אויף דער יידישער שיף האָט דער פּראָפעסאָר צוגעזען ווי די יידן זיינען זיך שטאַרק משמח, האַלטן זיך צוזאַמען, זינגען יידישע און העב־רעאישע לידער, און זיינען ביז גאָר התלהבותדיק וואָס זיי פאָרן צום לאַנד פון זייער האָפענונג... דער פּראָפעסאָר האָט זיי שטאַרק מקנא געווען.

— איך פאַר קיין ישראל כמעט ווי אַ שטומער. חוץ ענגליש וועל איך אפילו נישט קאָנען אַ וואָרט אויסריידן צו קיינעם — האָט ער פּאַטעטיש אַ זאָג געטאָן צו זיין שכן אויף דעם דעק פון דער שיף, מ"ר אייזען, וועלכער איז נעבן אים געזעסן און וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ פליסיקער ריידער אויף די דריי שפּראַכן: יידיש, העברעאיש און ענגליש.

— מ"ר אייזען, אפשר קענט איר מיר כאָטש אַביסל אַרויספירן אויף דעם דרך פון דעם העברעאישן לשון, באַקענען מיר מיט געוויסע אויס־דריקן פון ווערטער, אידיאָמען וכדומה ?

מ"ר אייזען, אַ ייד פון עטלעכע און זעכציק, אַ באַרעדעוודיקער מיט אַ גוטן זכרון, איז דווקא גערן געווען דאָס צו טאָן. ראשית, האָט ער געטראַכט, וועט ער אַליין אויך האָבן די געלעגנהייט אויסצולופטערן זיין העברעאיש, והשנית, וועט ער טאַקע טאָן אַ מצוה אויך, בפרט נאָך אַן אַמעריקאַנעם יידישן יונגנמאַן, וואָס פאָרט קיין ישראל און האָט חשק צו לערנען העברעאיש, דאָס לשון פון לאַנד !

—יאָ, פּראָפעראָר פּיש, ס'וועט זיין פאַר מיר אַ פּריווילעגיע דאָס צו טאָן פאַר אייך— האָט מ"ר אייזען, מיט אַ געפיל פון פרייד, זיך אָפּגערופן.

— איך האָף, אַז ווי אַ פּראָפעסאָר וועט איר זיכער זיין אַ גוטער תלמיד. איך וואָלט אָבער, קודם כל, געוואָלט וויסן אַביסל וועגן אייך פּערזענלעך. כ'מיין, וועגן אייער משפחה, עלטערן וכו'. . .

— כ'וועל אייך זאָגן דעם אמת, מ"ר אייזען — האָט דער פּראָפעסאָר כמעט ווי פאַרשעמט אַביסל געענטפערט: — כ'וויס זייער ווייניק וועגן דעם אונטערגרונט פון מיינע עלטערן; כ'וויס נאָר, אַז זיי זיינען געקומען קיין אַמעריקע, ווי דער רוב יידישע עמיגראַנטן, פון מזרח־אייראָפּע, און אויב איך מאַך נישט קיין טעות, אויף וויפיל איך האָב געהערט דעם טאַטן מיינעם דערציילן ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין ייִנגל, קומט ער ערגעץ פון דער ליטע, פּינסק, און אַז ער איז געבליבן אין דער אַלטער היים

אַ קיילעכדיקער יתום נאָך אַלץ קינד. דאָ אין אַמעריקע איז ער געוועז צוערשט אַ „באַס־פּיינטער" און דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט „ריעל־עסטייט" געשעפטן; תמיד געווען פאַרנומען מיט זיך און די „ביזנעס" און זייער וויניק אויפמערק געגעבן די קינדער, מיך און מיין שוועסטער. די מאַמע מיינע האָט שוין געזאָרגט פאַר אונדזער דערציאונג. געוואָלט האָבן די עלטערן מיינע, איך זאָל אויסשטודירן דאָקטאָר; געוואָרן בין איך אַ וויסנשאַפטלער.

— קיין יידישע דערציאונג האָב איך נישט באַקומען, איז מיר טאַקע פרעמד דעריבער דאָס יידיש לשון און די יידישע סביבה.

מ"ר אייזען, אויסהערנדיק דעם פּראָפעסאָרס יחוס, און אַז דעם טאַטנס נאָמען איז סאָול פיש, געווען פריער אַ „באַס־פּיינטער", דערנאָך אין די „ריעל־עסטייט" ביזנעס און — אַ יתום פון דער היים דערצו, איז ער געבליבן זיצן כמעט ווי געפּלעפּט...

— איז עס מעגלעך, אַז אַט־דער יונגערמאַן, פּראָפעסאָר אירווינג פיש, וואָס זיצט נעבן מיר, איז אַ זון פון שלומקע פאַרבער, דער יתום; מיין יוגנט־חבר פון דער אַלטער היים, און וועלכער האָט מיך, אין די „גרינע יאָרן" מיינע, גלייך ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקע, מיך צוגענומען צו דער אַרבעט, מיך אויסגעלערנט צו זיין אַ הויז־פאַרבער און מיר געצאָלט דאַן אין סאַמע אָנהייב, צוועלף דאָלער אַ וואָך, פיל מער ווי איך האָב דאַן די ווערט געהאַט ? ! . . .

מ"ר אייזען האָט דורכדרינגלעך באַטראַכט דעם נעבן אים זיצנדיקן יונגן פּראָפעסאָר, געזוכט ביי אים וועלכע עס איז אייגנטימלעכע געזיכט־שטריכן אָדער תנועות פון שלומקע דעם יתום. דעם טאַטנס נאָמען אין דער היים איז טאַקע געווען: שלומקע פישקאָפּ, האָט ער דאָ אים פאַר־קירצט אויף „פיש". דער טאַטע איז אפילו געווען אַ קורצוואוקסיקער און אַ ברייט־פּלייציקער, בעת ער איז אַביסל העכער פון מיטעלן וואוקס; אָבער די האָר זיינע, ברוינע, ווי ביי שלומקען ; אויך די אויגן זיינע, אַזעלכע טיפע, וואַרעמע און קלוגע, ווי ביי שלומקע יתום ! . . .

— איר ווייסט, פּראָפעסאָר פיש — האָט מ"ר אייזען מיט זיכערער אַנטשלאָסנקייט אַ זאָג געטאָן — פון דעם ביסל וואָס איר האָט מיר דער־ציילט פון אייער פאָטער, בין איך שוין מער ווי איבערצייגט, אַז אייער פאָטער איז מיינער אַ בן־עיר, אַ לאַנדסמאַן, און, איך ווייס מער פּרטים פון אייער טאַטנס קינדהייט און זיין לעבן, ווי איר, זיין אייגענער זון ! . . .

דער יונגער פּראָפעסאָר איז שוין איצט שטאַרק פאַראינטריגירט געוואָרן פון זיין שכן, דעם באַריידעוודיקן מיטשמועסער, און טאַקע געוואָלט וויסן פון זיין פאַטערס קינדהייט און לעבן פון דער אַלטער היים.

— וואָרעם, וואָס ווייס איך טאַקע פון מיינע עלטערן, בעיקר פון מיין פאַטער, מער ווי דאָס וואָס כ'האָב געהערט אים דערציילן ווען איך בין נאָך אַ קינד געווען?... — האָט ער זיך אַ טראַכט געטאָן און האָט אין זעלביקן מאָמענט אַ זאָג געטאָן:

—„אָ, ווהאָט עי קאָאינסידענט, מר. אייזען, ענד ווהאָט עי סמאָל וואָירלד איט איז"...

— יאָ, אָט איז אַ צופאַל! גיי ריכט זיך אַז איך וועל דאָ זיך צוזאַמענטרעפן מיט דעם זון פון שלומקע דער יתום, מיין יוגנט־פריינט און חבר! — האָט מ"ר אייזען וואָרעם געדרוקט די האַנט פון דעם פּראָפעסאָר, און האָט טאַקע אויף דער בקשה פון אים תיכף אָנגעהויבן דערציילן די עפּיזאָדן פון טאַטנס לעבן אין דער אַלטער היים . . .

— מיר האָבן געוואוינט אין שכנות מיט אַ פּריצישן הויף, וואָס האָט אויך געהאַט אַ גרויסן סאָד פון כלערליי פּרוכטן. דער הויף און דער סאָד איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ הויכן פּלויט.

איינמאָל האָבן מיר דערהערט פון יענער זייט פּלויט ביים פּריץ אַזעלכע האַרצרייסנדע קולות און געוויינען פון אַ קליינעם יינגל, אַז ס'האָט פּשוט דאָס האַרץ צעריסן הערנדיק. האָבן מיר, יינגלעך, אַרויפגעקלעטערט אויף דעם פּלויט און דערזען האָבן מיר אַ שוידערלעכע זאַך: אַ דינער פון דעם פּריצ'ס הויף האָט געהאַלטן שלומקע יתום און אַ צווייטער האָט אים מערדערלעך געשמיסן מיט אַ שווערן לעדערנעם פּאַס; מחמת מע האָט אים געכאַפּט רייסן באַרנעס פונם פּריצ'ס סאָד. שלומקע איז קוים אַרויס אַ לעבעדיקער פון זייערע הענט, אונטער די פייערדיקע שמיץ.

אַ צווייטער עפּיזאָד איז פאָרגעקומען צווישן מיר און שלומקען, וואָס איז געבליבן שטאַרק איינגעקריצט אין מיין זכרון.

איינמאָל האָב איך באַקומען אַ שפּאָגל נייע קאָפּיקע פון מיין רבין פאַר מיין גוט לערנען. אין דרויסן האָב איך מיר געשפּיגלט אין דער גלאַנציקער קאָפּיקע און זיך באַרימט פאַר די אַנדערע יינגלעך, וואָס פאַר אַ שיינע נייע קאָפּיקע דער רבי האָט מיר געשענקט. מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אַרום דעם חדר שלומקע יתום און האָט געוואָלט אַרויס־

רייסן פון מיינע הענט די קאָפּיקע. האָב איך אים ניט געלאָזט. האָט אָבער שלומקע מיך גוט אָנגעשלאָגן און די קאָפּיקע ביי מיר דאָך צוגענומען.

קומענדיק אַהיים אַ פאַרפּאַליעוועטער, אַ געשלאָגענער און פאַר־ווייטעטער, האָב איך געמיינט, אַז די מאַמע מיינע וועט אים גוט אָנשעלטן און גיין אים פאַרוואַרפן פאַרוואָס ער האָט מיך געשלאָגן און צוגענומען די קאָפּיקע פון מיר! ערשט לסוף זאָגט מיר די מאַמע:

— האָסט געדאַרפט לכתחילה אים געבן די קאָפּיקע: אַ יתום נעבעך! אָן טאַטע־מאַמע. פאַר דער קאָפּיקע וואָלט ער געקאָנט קויפן פאַר זיך עטלעכע בייגל צום עסן. אַוודאי געווען גוט הונגעריק... אָרעמער יתום!...

אַט דער רחמנות געפיל צום אָרעמען יתום פון מיין מאַמען האָט געמאַכט אויף מיר אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אַז פון דעמאָלסט אָן, ווען כ'האָב נאָר געהאַט אַ קאָפּיקע, פלעג איך שוין אַליין לויפן אָפּזוכן שלומקען און אים זי אָוועקגעגעבן...

מיטאָג־צייט, ווען שרה ביילע, די באָב־פאַרקויפערין, פלעגט קומען צו די ישיבה־בחורים מיט אָפּגעזאָטענעם אַרבעס, איז שלומקע מיט נאָך אַכט יינגלעך, אויך יתומים, אַריינגעקומען און געהייסן די יידענע אים געבן פאַר אַכט גראָשן אַרבעס און ער פלעגט דערנאָך פאַנאַנדערטיילן אויף גלייכע חלקים צו די אַנדערע יתומים, זיינע חברים.

איינמאָל האָב איך אים אַ פרעג געטאָן: — שלומקע, וואו עסטו שבת?

— וואו ס'מאַכט זיך, און אַמאָל עס איך גאָרניט — איז געקומען דער ענטפער...

פון דאַן אָן בין איך געוואָרן זיין מפרנס. איך פלעג צוזאַמענעמען פון מיין זיידן, פון מיין משפחה, צו ביסלעך עסן און ברענגען צו שלומקען און ער פלעגט שוין טיילן זיך מיט זיינע חברים־יתומים.

ווען שלומקע איז אַביסל גרעסער געוואָרן פלעגט ער אָפט צוכאַפּן זיך צו די שפּייז־שענקלעך פון די פאַרמעגלעכע באַלעבאַטישע שטובן און אַרויסנעמען אַמאָל אַן אָפּגעקאָכט גענדזל, אַמאָל אַן עוף אָדער אַנדערע מאכלים, וואָס איז אים צום האַנט געקומען. הגם מע האָט געוואוסט אַז דאָס איז שלומקעס אַרבעט, האָט מען אים צורו געלאָזט; וואָרעם, וואָס האָט מען געקאָנט טאָן? — אַ יתום נעבעך! ...

ווען דער קליינער „בונד" האָט זיך אָרגאַניזירט אין שטאָט, האָט מען אים אַריינגענומען אין דער אָרגאַניזאַציע און מען האָט אים אויך

געֿעצה'ט ער זאָל ווערן אַן אַרבעטער. מ'האָט אים טאַקע אויך געפונען אַ פּלאַץ ביי קלמן דעם הויז־פּאַרבער.

אַז שלומקע האָט אָנגעהויבן פאַרדינען, האָט ער די שפּייז־שענקלעך פון די באַלעבאַטישע שטובן אויך צורו געלאָזן. דאַן בין איך געוואָרן מיט שלומקען נאָך מער באַפריינדעט.

אַז שלומקע איז אונטערגעוואַקסן איז ער אַריבער פון קליינעם ״בונד״ צום גרויסן און מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ גאַר שטאַרקער טוער אין דער אָרגאַניזאַציע: ער האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן שטרייקס; געפירט דעמאָנסטראַציעס; געטאָן אפילו ריזיקאַלישע אומלעגאַלע אַרבעט...

די ערשטע גרויסע ״עקספּראָפּריאַציע״ וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין שטאָט, איז געווען מיט דער איינשטעלעניש פון שלומקען דער יתום. און ביי ווען מיינט איר האָט עס שלומקע מיט זיינע געהילפן אַדורכגעפירט אָט־דעם איבערפאַל?... ביים פריץ ווענצעל אין הויף! ביים זעלבן פּאַליאַק, וואו מ'האָט שלומקען דעם יתום מערדערלעך גע־שמיסן, ווען ער איז אַ קליינער ייִנגל געווען, כאַפּנדיק אים רייסן באַרנעס פון פריצ'ס סאַד. . .

שלומקע האָט אויף אַזאַ אופן גענומען נקמה פאַר די שמיץ וואָס מ'האָט אים דאַן אַזוי אומרחמנותדיק געגעבן. . .

פאַר שלומקען איז נאָכדעם געוואָרן צו ענג ווייטער צו פאַרבלייבן אין זיין היים־שטאָט. די ״מאַכט״ האָט שוין געהאַלטן אַ וואַכזאַם אויג איבער אים. כדי אים ניט צו אַרעסטירן און ״פאַרשיקן״ האָט די אָרגאַ־ניזאַציע אים אַוועקגעשיקט קיין אַמעריקע.

אין אַמעריקע האָט ער צוערשט געאַרבעט ביי יענעם אַלס הויז־פּאַרבער. און ווען איך בין מיט יאָרן שפּעטער נאָך זיין קומען, געקומען קיין אַמעריקע, האָב איך אים דאָ שוין געטראָפן אַלס אַ סאָלידער ״פּיינטער קאָנטראַקטאָר״, און ער האָט מיך זייער פיין מקרב געווען; מיך אפילו אָנגעשטעלט ביי אים צו אַרבעטן ביי הויז־פּאַרבעריי און געצאָלט מיר שכירות ווי אַן אמתן בעל־מלאכה: צוועלף דאָלער אַ וואָך! אַ סך מער ווי איך האָב די ווערט געהאַט.

אונדזערע וועגן האָבן זיך נאָכדעם צעטיילט: מיך האָט דער גורל פאַרוואָרפן אין דער ווייטער קאַליפאָרניע; ער איז געבליבן אין גרויסן ניו־יאָרק. און ווי איך האָב געהערט ווייטע גרוסן פון אים, האָט ער זיך

דערנאָך געגומען צו „ריעל־עסטייט״ ביזנעס און ס׳איז אים אַוועק גאַרנישט שלעכט ! . . .

— אַט־דאָס, פּראָפעסאָר פיש, איז געווען דער לעבנס־גאַנג פון אייער פאָטער, שלומקע דער יתום . . .

דער יונגער אירווינג פיש איז געזעסן די גאַנצע צייט צוגעשמידט מיט אומגעהויער אינטערעס און זיך צוגעהערט צו דעם סיפור המעשה פון זיין פאָטערס לעבנס־גאַנג אין דער אַלטער היים.

פון אַזאַ פאַרוואורלאָזטן און מיזעראַבעלן לעבן, האָט דער זון ביי זיינע טאַטע־מאַמע אין אַמעריקע, פאַרשטייט זיך, ניט געהאַט... אים איז אַזאַ זאַך לגמרי פרעמד געווען. ער האָט מיט אַ טרער אין די אויגן און מיט אַ וואַרעמען האַנטדרוק צו משה אייזען אויסגעדריקט זיין טיפע דאַנקבאַרקייט פאַר דער אינטערעסאַנטער רעוועלאַציע וועגן זיין פאָטער און מיט אַ שטילן זיפץ אַ זאָג געטאָן:

—„פור דעד! ווהאָט עי מיזערעבל טשאַילדהוד הי העד ! ווהאַי! איט׳ס אַלמאָסט עז פיטיפול עז אָוו אַור ,דעד־ענד־קידס׳ אין ניו־יאָרק״!...

* * *

פּראָפעסאָר אוירווינג פיש האָט אין ישראל ווי זיך געפונען. חוץ זיין אַרבעט, ווי סטאַטיסטיקער און פאָרשער, האָט ער מיט גרויס תשוקה אַ נעם געטאָן זיך צום לערנען העברעאיש, די שפּראַך פון לאַנד, און האָט וואָס אַ טאָג אַלץ מער זיך איינגעלעבט אין דער נייער צו אים סביבה און איז ממש פאַרליבט געוואָרן אין דעם נייעם לאַנד. חוץ מזה האָט ער במשך זיין זיין דאָרטן זיך שטאַרק באַפריינדעט מיט אַ שיין באַלעבאַטיש מיידל, אַ סברא, און ער האָט ערנסט אַנגעהויבן טראַכטן זיך מיט איר פאַרבינדן ווי זיין לעבנס־באַגלייטערין. אַזוי אַז ער האָט שוין אפילו קיין מחשבה געהאַט פון פאָרן צוריק אין די שטאַטן. זיינע באַגייס־טערטע בריוו פון ישראל צו זיין שוועסטער, לינדאַ, און שוואָגער, דייוויס, דעם אַרכיטעקט פון ניו־יאָרק, האָבן ניט ווייניק גורם געווען, אַז אויך זיי זיינען מיט דער צייט אַריבערגעקומען קיין ישראל. געבליבן זיינען בלויז די עלטערן זייערע, שלומקע און רייטשעל, אַליין, אָן די קינדער, אָן משפּחה אויף די עלטערע יאָרן.

הגם די קינדער האָבן געהאַלטן אין איין שרייבן צום טאַטן, צו שלומקען, ער זאָל ליקווידירן זיינע געשעפטן און קומען מיט דער מאַמען

זיך באַזעצן אין ישראל. — מיט אייער פאַרמעגן — האָבן די קינדער זיי געשריבן — קענט איר דאָ אויסלעבן אייער עלטער, ביז הונדערט און צוואַנציק, אין נחת און אין פריידן... ביי דער מאַמען האָבן די קינדער שוין געפועלט, אָבער ביים טאַטן, ביי שלומקען, בשום אופן ניט.

בעת ביי די קינדער, זייענדיק אין ישראל, איז פאָרגעקומען אַ פענאָמענאַלער איבערברוך און אַ שינוי אין זייער גאַנצן גייסטיקן מהות און שטייגער לעבן; האָט אָבער סאול פיש הפּנים ניט געקענט שיידן זיך מיט זיין איינגעוואָרצלטקייט און איינגעפונדעוועטע „ריעל־עסטייט" פּראָיעקטן און אויך ניט מיט דעם אַזאַרטנעם קאָרטן־שפּיל, וואָס איז געוואָרן אַ טייל פון זיין לעבנס־רוטין.

בדרך כלל האָט דער געדאַנק פון ישראל, יידיש היימלאַנד, צו אים ניט אַזוי שטאַרק אימפּאָנירט. ער איז ניט פאַרכאַפּט געוואָרן מיט אַט־דער בענקשאַפט און אינטערעס צום אויפבוי פון אַ יידיש היימלאַנד, ווי ס'האָט אַרומגעכאַפּט דעם רוב מנין פון דעם עלטערן דור אין די תפוצות. אפשר אין זיין אונטערבאַוואוסטזיין איז נאָך געווען איינגעזעסן דער קעגנערי־שער געפיל צום ציוניזם, וואָס ער האָט געירשנט פון דער באַוועגונג און אויף אַן אידייע וועלכע ער איז דערצויגן געוואָרן אין דער אַלטער היים... הגם ער איז שוין לאַנג, לאַנג מער נישט קיין נאָכפאָלגער פון וועלכער עס איז אידעאָלאָגישן איינשטעל... אַזוי צי אַזוי, סאָול פיש, דער געווע־זענער הויז־פאַרבער און איצטיקער אייגנטימער פון בנינים און „ריעל־עסטייט" פּראָיעקטן, האָט ניט געחלומט אפילו צו צולאָזן אין זיין מחשבה דעם געדאַנק וועגן פאַרלאָזן זיין אַמעריקע, וועלכע האָט אים געגעבן אַלע מעגלעכקייטן און פּריווילעגיעס דאָ צו לעבן אין שפע און אין רחבות; איז צו וואָס זאָל ער מאַכן אַ שינוי און אַן איבערפלאַנצונג פון אַזאַ גוט איינגעוואָרצלט לעבן?...

אָבער די מאַמעס האַרץ איז דאָך נישט אַזוי פאַרהאַרטעוועט געווען ווי סאָול פיש'ס, דעם טאַטנס. זי האָט דאָ געבענקט נאָך די קינדער. אויב ניט פאָרן זיך באַזעצן דאָרט — האָט זי צו אים טענות געהאַט — איז לכל הפחות פאָרן צו זען זיך מיט די קינדער!...

דערפאַר ווען ס'איז אָנגעקומען אַ „קייבלגראַם" פון זייער טאָכטער לינדאַ אין ישראל, אַז זי האָט מיט מזל געבוירן אַן אייניקל פאַר טאַטע־מאַמע, און אַז מ'וועט וואַרטן מיטן ברית ביז זיי וועלן קומען, און זיי ווילן דעם טאַטן מכבד זיין מיט סנדק; אויך האָט דער זון, פּראָפעסאָר אירווינג

פיש, געשריבן, אַז ער מיט זיין כלה און די מחותנים וועלן וואַרטן מיט שטעלן אַ חופה כדין וכדת ביז זיי וועלן קומען, האָט שוין שלומקע מער נישט געקענט ביישטיין אַזאַ נסיון...

סאָול פיש האָט ענדלעך געבראָכן זיין עקשנות. באַשלאָסן טאַקע פאָרן קיין ישראל אויף דער שמחה צו די קינדער. אָבער, מיטן געדאַנק, באַלד נאָך דעם ברית פון ערשטן אייניקל, און נאָך דער חתונה פון זיין זון, וועט ער צוריק־פליען אַהיים צו זיינע געשעפטן, צו זיין סביבה און צו זיין אַלטן שטייגער לעבן...

* * *

אויפן לופטפעלד אין לוד האָבן די קינדער, דער זון מיט דעם איידעם, באַגעגנט די עלטערן זייערע. מען האָט זיך וואַרעם און האַרציק באַגריסט נאַטירלעך. איידער זיי זיינען צוגעקומען צום „אויטאָ" זאָגט דער זון צום טאַטן:

— ווייסט, טאַטע, דער רוב וואָס קומען צום ערשטן מאָל אין ישראל, קושן די הייליקע ערד פון אונדזערע אָבות...

סאָול פיש, אַביסל איבערראַשט, האָט עפּעס ווי אימפּולסיוו געוואָלט זיך אַראָפּלאָזן צו דער ערד. ער האָט אָבער אין זעלביקן מאָמענט הפנים חרטה געהאַט און בלויז האַלב זיך אַ נויג געטאָן צום פנים פון דער ערד אָבער ניט נאָכגעגעבן...

די קינדער האָבן דעם טאַטן אַ הויב געטאָן אין דער הויך און אויף די הענט אים צוגעטראָגן צום „אויטאָ" און תיכף אָפּגעפאָרן צו דער טאָכטער און איידעם קיין תל־אביב . . .

אַ פּאָר טעג נאָכן ברית פון אייניקל איז ערשט דאַן געפּראַוועט גע־וואָרן אַ גאָר גרויסאַרטיקע שמחה, אַ מין קבלת־פּנים לכבוד די עלטערן, וואָס זיינען ענדלעך געקומען קיין ישראל. דאָס איז געווען אַ יום־טוב פון אַ ווידער־פאַראייניקונג און גאַנצקייט פון דער ביז איצט צעריסענער משפחה. ביי יענעם צוזאַמענקום זיינען אויך געווען אַ צאָל דערוואַרבענע יונגע פריינט פון די קינדער, ס'רוב סאַברעס; אויך אַ צאָל שלומקעס לאַנדסלייט, ותיקים און אויך ניט־לאַנג אַריבערגעקומענע עולים; אַלע זיינען געקומען צו דער שמחה פון די קינדערס עלטערן.

פּראָפעסאָר אירווינג פיש, דער זון פון שלומקע דער יתום, האָט

פּאַרגרייט אַ סורפּריז: אַן אויפפירונג, אין „וואָרט און בילד"— דאָס לעבן פון שלומקע דער יתום"...

דורך אַ געלונגענער נאַראַציע מיט צוגעפּאַסטע בילדער איז סאָול פיש'ס לעבן אַדורכגעגאַנגען: זיין יתומשאַפט; זיין שווער, פאַרוואָרלאָזט לעבן, וואָס ער האָט אַדורכגעמאַכט במשך זיין קינדהייט און יוגנטלעכ־קייט אין דער אַלטער היים; זיין קומען קיין אַמעריקע אַלס יינגל פון אַכצן יאָר; זיינע „גרינע" יאָרן אין אַמעריקע, און ווי פון זיין שווערער פּראַצע און פּעאיקייט האָט ער ענדלעך אַרויפגעקלעטערט אויף דעם לייטער פון גרויסן מאַטעריעלן דערפאָלג. אַלץ איז סינעמאַגראַפיש דורכ־געגאַנגען דער ניט ווייטער עבר פון שלומקע דער יתום, איצטיקער סאָול פיש...

סאָול פיש האָט געזען זיך אין שפּיגל פון זיין לעבנס־שפּאַן, פון זיין קינדהייט אַן ביזן איצטיקן מאָמענט פון זיין ווערן אַ בן־שבעים...

ער איז געווען אַזוי איבערראַשט, עקזאַלטירנדיק דערהויבן און גערירט פון דער גרויסער פרייד און וואַרעמקייט וואָס ער האָט דאָ גע־טראָפן ביי דעם ווידער־צוזאַמענבונד מיט די קינדער, אַז ער האָט ערשט איצט דערזען און דערפילט אַז ס'איז פאַראַן אַ זין און אַ יש פאַר אים דאָ צו בלייבן.

— דאָס גאַנצע ביז איצטיק לעבן מיינס, פון האָווען און יאָגן זיך נאָך תענוגי עולם־הזה איז געווען אַ מין פּרוזדור צו דאָס גרויסע עונג רוחני און פרייד פון זיין איצטיקן זיין דאָ, מיט דער אייגענער משפחה צוזאַמען מיט די קינדער, מיט דעם אייניקל און אייניקלעך וואָס אי"ה וועלן קומען...— האָט ער געטראַכט.

דאָס זיינען געוואָרן זיינע איצטיקע מחשבות...

נאָך אַ לענגערן ישוב הדעת האָט סאָול פיש אַוועקגעשיקט אַ „קייבל־גראַם" צו זיין פאַרטרויענסווערטן אַדוואָקאַט, ער זאָל אָנהייבן ליקווידירן און פאַרקויפן זיין גאַנצן פאַרמעגן — אַלע אינוועסטאַציעס!

— איך בלייב דאָ — לאָזט ער אים וויסן — מיטמיינע קינדער און מיט דער גרויסער משפחה יידן, אין ישראל...

טראָץ זיינע זיבעציק יאָר, האָט ער אָבער בשום אופן ניט געוואָלט אויפגעבן צו זיין אַקטיוו. ער האָט נאָך געפילט אין זיך גענוג כוח און ענערגיע אויך דאָ אין ישראל זיך צו מאַכן נוצלעך.

— כ׳בין ניט געקומען קיין ישראל צו שטאַרבן, נייערט צו שאַפן און בויען! — האָט ער געענטפערט זיינע קינדער און נאָענטע, ווען די לעצטע האָבן אים געזאָגט, אַז ער וואָלט שוין געמעגט אויפגעבן זיין יאָגעניש...

סאול פיש האָט אויפגעבויט אַ פּאָר האָטעלן אין תל־אביב, געמאַכט אַנדערע אינוועסטירונגען, אָבער... סוף־סוף קומט ער צום באַשלוס — גענוג! מען דאַרף עפּעס טאָן אויך לטובת הכלל; פאַרשאַפן זיך אַביסל עולם־הבא; לאָזן נאָך זיך אַ שטיקל גוטן נאָמען — אַן ענין וועגן וועלכן ער האָט ביז איצט ניט אָנגעהויבן צו טראַכטן אפילו...

סאול פיש העלפט אַריבערברענגען יתומים פון אַנדערע לענדער קיין ישראל; בויעט יתומים אנשטאַלטן, שפּיטאָלן; און איז געוואָרן אַן אָנזעעוודיקע פיגור אין דער רעהאַביליטירונג פון די ניי־אַריבער־געקומענע עולים, און אַ וויכטיקער מנדב צום אויפבוי פון זיין צו אים ניי־געפונען לאַנד...

דריטע אָפּטיילונג

קאַליפאָרניאַדע

דערציילונגען

קאַליפאָרניע

(אימפרעסיע)

א

קאַליפאָרניע! — לאַנד פון זון־שיין און שפע. שוין אין דיין ווייטן עבר האָסטו געהאַט אַלע נאַטור־רייכע פּאָטענצן צו ווערן דאָס לאַנד פון חלב ודבש, און ביסט עס געוואָרן! . . .

ווי לאַנג צוריק?

אינגאַנצן אַ טוצן־צענדליק יאָר, ווען ס'איז געווען דער בראשית פון דיין באַזעצונג. און אין דיין בראשית ביסטו געווען רוי, אומקולטי־ווירט, ווי יעדער אָנהייב . . .

אין די טיפענישן פון דיין ערד איז געווען גאָלד און נאַפט און כל־ערליי מינעראַלן. און אויף דיין אויבערפלאַך, כלערליי ווילד־פלאַנצן, גראָזן און בוימער, וואָס האָבן געטורעמט צו דיינע הויכקייטן...

פון דיינע העכסטע „גלעציערס", פון דיינע שניי־באַדעקטע בערג־שפּיצן און שאָטנדיקע פאַלדן, זיינען געפלאָסן דיינע וואַסערן, זיגזאַגיש, אָן אַ סדר, אין פאַרשידענע ריכטונגען אַראָפּ, צו דיינע טיפן טאָלן און ברייטע פּריירים...

געוואַקסן זיינען דיינע פלאַנצן און ווילד־גראָזן נאָכאַנאַנד, נישט באַרירט נאָך קיינמאָל פון אַ מענשטלעכער האַנט...

דער רויט־הויטיקער אינדיאַנער שטאַם האָט געלעבט דאָ פון קדמונים. און אפשר געווען צופרידן פון זיין גורל און געבוי און פון גאַנצן אַרום אין דער פאָלקאָמענער „נאַטור אין דער רוי"...

אינגאַנצן אַ קנאַפּן יאָרהונדערט צוריק,\
געוווינט זיינען דאָ בלויז אינדיאַנער:\
געוועלטיקט האָט דאַן דאָ דער אינדיאַן־שטאַם,\
דער הי־געבוירענער, דער אמתער אַמעריקאַנער.

נאָך איצט זיינען דאָ און דאָרט סימנים געבליבן
פון זיין לעבן אויף דער אינדיאַן רעזערוואַציע,
כאָטש מע זעט שוין נישט מער דעם „פייל און בויגן״,
די פעדערן פון „טשיף״ און זיין נאַציע.

מ׳זעט שוין נישט מער דעם אינדיאַן־רייטער
מיט זיין „אָדלער־אויג״ אויף די בערגקיע פלאַכן;
ס׳רעדלען זיך איצט אויף די בעטאָנענע וועגן
די אויטאָס פון אָרעמען און רייכן.

אַ וועלט גאָר אַ נייע מיט אַ שטייגער־לעבן
פרעמד צו דעם אינדיאַן שטאַם.
ר׳איז געבליבן אין הינטערגרונט פאַרלאָרן, פאַרגעסן;
זיין זכר בלויז איז אין ביכער און ראַם.

איז געקומען דער מענטש מיט וויזיע און קוראַזש; דער מענטש פון אַרבעט און פלייס, און אַריינגעבראַכט אַ סדר אין גאָטס יצירה...

דער פיאָנער, דער אייביק „באַן־ברעכער,״ האָט בהדרגה׳דיק איבער־געביטן דעם פרצוף־פּנים פון דיין ערד און געוויקס און האָט פאַרגרייט אַ פולע שפע פאַר די מיליאָנען מענטשן־קינדער, וואָס זיינען געקומען נאָך אים צו דיינע ברייטע ברעגן.

דער פיאָנער פון אַרבעט און מוח האָט פאַראַנקערט, די אין ניוועץ לויפנדיקע וואַסערן, מיט פעסט געבויטע דאַמבעס און רעזערוואוואַרן, און ווען דאָס וואַסער האָט דערגרייכט די ראַנדן פון דיין לאַנד, האָט דער קוואַליקער שטראָם דערקוויקט דיין טראַכט, און אַ גרויסע פרייד איז אויפגעגאַנגען, ביי מענטש און ערד, פון דער דורשטיקער באַהעפטונג...

געקומען צו דיר איז מען פון מזרח און מערב, פון צפון און דרום, אין גאָר גרויסע צאָלן, כדי צו אַרבעטן און פראַצעווען, און געניסן פון דער שפע, וואָס פאַרגרייט פאַר זיי האָבן דיינע זוניקע טאָלן...

ס׳בלאַנקען דיינע שטיבלעך, אַרום לאָנען און בלומען, מיט רחבות און פרידן... און אין זוניקן קאַיאָר, דער פויגל ביי דיין פענצטער, טוט זיין ליד אויסזינגען.

און האַרט ביי די פוס־בערג, קאַליפאָרניע פּאַלאַצלעך, אין זון־ליכט פון טאָג באַהעלט; און איבער זיי, אין די בלויע הימלישע הויכן, דיינע בערג־שפּיצן מיט שניי־ווייס באַדעקט. האָסט זומער און ווינטער, אין איין צייט פון יאָר, און אין איין שטח פון רוים און פּלאַץ; גאָטור און לעבן האָט פאַר דיר אוצרות צעשפּרייט; גאָטס וואונדער! ס'איז ניט צום אָפּשאַץ.

ב

קאַליפאָרניע!

אין דעם יאָר 1840 האָסטו זיך ערשט אָנגעהויבן צו רירן, אויפצו־וואַכן. אַ פּאָר חברה־לייט, לואיס און קלאַרק, האָבן דאַן אָנגעהויבן צו לויפן ביליקע עקסקורסיעס און די באַרימטע „באַרבאַראַ קאָוסט" איז געוואָרן אַ פרייער און אָפענער פּאָרט...

דיין ריכטיקער אויפבליען, אָבער, איז געקומען נישט פריער ביז אַ מאַן מיטן נאָמען מאַרשאַל האָט אָנגעהויבן גראָבן אַ גאָלד־מיין נעבן סאַקראַמענטאָ און, אין משך פון איין יאָר האָבן זיך איבערגעוואָלגערט ביי דיר אַן ערך זעקס מיליאַן נפשות פוןביידע געשלעכטער; גאָלד־גרעבער, גאָלד „פּראָספּעקטאָרס", כלערליי אַוואַנטוריסטן און געמבלערס.

דזשאָקווין מילער און ברעט האַרט, דיינע צוויי באַרימטע, צו יענער צייט, שרייבער, האָבן אָנגעהויבן דאַן שרייבן פּאָעטישע לויב־געזאַנגען וועגן דיין קלימאַט, וועגן דיינע שיינע קאַליפאָרניע לאַנדשאַפטן און וועגן דעם „גאָלד־ראַש."

קאַליפאָרניע!

ביסט אַנטדעקט געוואָרן פון שפּאַניער, געשלאָגן זיך פאַר דיר האָבן די אירלענדער, באַזעצט געוואָרן ביסטו פון „יענקיס", אויפגעבויט געוואָרן פון כינעזער און ווערסט עד־היום געפּירט פון דיינע „בייטיוו סאָנס."

מיט די שפּאַנישע אין דער „סאַוט", די יענקיס אין דער „נאָרט" און טוריסטן איבעראַל, האַלסטו, קאַליפאָרניע, אין איין וואונדערלעכן וואַקסן. האָסט זיך אַזוי צעוואַקסן, אַז מע האָט דיר געמוזט צעטיילן אויף צווייען, כדי די צוויי, די „נאָרט" און די „סאַוט" זאָלן זיך נישט אַרומשלאָגן...

די „קעפּיטאַל" פון דער „נאָרט" איז געווען סאַן פראַנציסקאָ, און פון דער „סאַוט" — לאָס אַנגעלעס.

סאַן: מיינט „סעינט"—הייליקער, און אַנגעלעס מיינט — מלאך...
אָבער דאָס, פאַרגעסט נישט, איז געווען לאַנג, לאַנג צוריק.
סאַן פראַנציסקאָ איז קיינמאָל נישט געווען קיין שטאָט פון הייליקע. און לאָס אַנגעלעס איז ווייט פון צו זיין אַ שטאָט פון מלאכים...

היינט האָט סאַן פראַנציסקאָ מער רעסטאָראַנען, וועלכע טראָגן נעמען פון הינט, ווי וועלכע עס איז שטאָט אין דער וועלט.

די גאַנצע וועלט באַצייכנט איר צייט־רעכענונג, פריער און נאָכן געבורט פון קריסטוסן. סאַן פראַנציסקאָ באַצייכנט איר צייט, פריער און „נאָך דעם פייער" (ערד־ציטערניש).

קאַליפאָרניע!

ביסט געוואָרן דער שמעלץ־טאָפּ פון אַמעריקע. מען קומט צו דיר פון אַלע טיילן פון לאַנד. דיין לאָס אַנגעלעס האָט אַן אַ שיער טוריסטן, „ריעל־עסטייט" אַגענטן און פילם אַקטיאָרן.

איינע פון די גרעסטע פאַרמעגנס אירע (און ווערט אַגב זעלטן דער־מאָנט ביי אירע איינוואוינער) איז דער קלימאַט.

לאָס אַנגעלעס האָט, אייגנטלעך, צווייערליי קלימאַטן: אַ פאָלקאָ־מענער און אַן אומגעוויינלעכער. איז שיין און זוניק, באַרימט מען זיך מיט זיין פאָלקאָמענקייט; איז אָבער קאַלט, רעגנדיק און „סמאָגי", זאָגט מען דאַן: אַן אומגעוויינלעכער וועטער.

דיינע איינוואוינער דאָ, זיינען אָדער רייך, אָדער האָפּנונגסלאָז אָרעם און די שטאָט איז באַרימט געוואָרן פאַר אירע פילע אמוזירונג־פּלעצער און אָפּטע קלאַגעס קעגן מעיאָר און די שטאָט־טאַטעס.

לאָס אַנגעלעס! האָסט מער שיינע פרויען, ווי וועלכע עס איז שטאָט אין דער וועלט, אָבער אַלע קומען זיי פון ערגעץ, כדי אַריינצוקומען אין די „פילמס".

דיין שיינע האָליוואוד ווערט גערופן: די שטאָט פון גליקלעכע היימען. עס איז מסתמא דערפאַר, וואָס מאַן און ווייב דאָרטן, לעבן אין באַזונדערע היימען...

קאַליפאָרניע!

דיינע יידן אין לאָס אַנגעלעס האָבן דיך אויך נישט פאַרשעמט: פּאַראַלעל מיט דעם וואוקס פון דיין שטאָט זיינען זיי בהדרגה'דיק מיט־געגאַנגען און מיטגעשאַפן אין דיין גרויסן וואוקס און אַנטוויקלונג. פון

זעקס יידן, מיט אַ וואַסערע הונדערט יאָר צוריק, איז דאָ אויסגעוואַקסן קיין עין־הרע, אַ לעבעדיק שפּרודלדיקער ישוב פון קרוב צו פיר הונדערט טויזנט נפשות, כן ירבו. און געקומען איז מען אַהער פון אַלע עקן פון די אַמעריקעס און מיטגעבראַכט האָבן זיי זייער יוגנטלעכע טעטיקייט און געמאַכט פון דיין לאַס אַנגעלעס דאָס וואָס זי איז — אַן עיר ואם בישראל...

קאַליפאָרניע!

מיט דיינע 158,693 סקווער מייל, ביסטו דער צווייטער גרעסטער שטאַט אין לאַנד (אַ חוץ אַלאַסקאַ) אין שטח. און וועסט אויך באַלד דער צווייטער — אין כמות.

דיין באַרג „וויטני" איז דער העכסטער פּונקט אין אַמעריקע: פופצן טויזנט פוס די הויך. און בסך־הכל אַכציק מייל פון אַט־דעם אייביק מיט שניי באַדעקטן באַרג־שפּיץ, ליגט דער נידעריקסטער פּונקט — דער „טויטער טאָל", וואָס איז 276 פוס אונטער דעם וואַסער־פלאַך.

קאַליפאָרניע!

דו שמ'סט איצט ביי דער וועלט מיט דיינע צאָלרייכע האָטעלן, גוטע וועגן, שיינע לאַנדשאַפטן, פיפיקע פרעס־אַגענטן, „לאַנדריס", פילם הייזער, סופּער־מאַרקעטס, אויטאָמאָביל אייגנטימער, בלומען און לאָקאַלע אייפערזיכטיקייט.

חוץ די אַלע זאַכן, ליב איך דיך, קאַליפאָרניע!

איך האָב ליב דיינע בערג און טייכן, דיינע מדבריות און ים־ברעגן.

מיין איינציקער טרוים אין לעבן איז: באַזעצן זיך אין אַ שיינער באַשיידענער „באַנגעלאָ" אויף אַ קליינער פאַרם, באַשאָטנט פון דיינע הויכע עקאַליפּטן און קאַלירפולע בלומען, און דאָרטן, אין דעם גאָלדענעם זון־שיין און אין די בלויע זילבער לבנה נעכט, וועל איך זען פאַר זיך וויזיעס און פאַנטאַזיעס פון אַ וועלט אַ ליכטיק שיינע און אַ גייסטיק קאַלירפולע...

אין געיעג נאָך גאָלד

א

עמנואל, אַ יונגערמאַן אין די מיט־דרייסיקער, אַן ענערגיש געזונטער, האַרעפּאַשנער ייד, מיט אַ פונק פון אַוואַנטורע אין זיך; אַ באַ־ווייבטער מיט אַ זונעלע פון פינף יאָר, האָט אין אַ שיינעם פרימאָרגן מיט־געטיילט זיין ווייב סילוויע, אַז ער האָט בדעה זיי זאָלן זיך אַריבערציען פון דעם גרויסן ניויאָרק צו דעם דאָן נאָך ווילדן מערב, אין דער ניי־אויפגעקומענער שטאָט: סאַן פראַנציסקאָ.

ס'איז געווען תיכף נאָך דעם קריג פון אַמעריקע מיט מעקסיקאָ. קאַליפאָרניע איז נאָר וואָס איבערגעגאַנגען פון מעקסיקאָ צו אַמעריקע און איז נאָכדעם אַריינגענומען געוואָרן אין דער „יוניאָן" פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן.

ס'האָבן זיך באַלד געעפנט פאַר יונגע מענטשן, מיט מוט און ענערגיע, כלערליי געלעגנהייטן. צופעליק איז צו יענער צייט, אַרום דעם סאַקראַ־מענטאָ טאָל, אַנטדעקט געוואָרן גאָלד־גראַבנס, און די דאָזיקע עלעקטרי־זירנדיקע נייעס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד פון איין עק ביזן צווייטן. צענדליקער טויזנטער מענטשן פון אַלע קלאַסן און שטאַטן זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן מיט אַט־דעם גאָלד־פּסיכאָז, און האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צו די בערג, דערגרונטעווען זיך צו אַט־דעם פיל צוגעזאָגטן און גע־מאָניעטן גאָלד־שטויב...

אויך עמנואל איז היגעריסן געוואָרן פון אַט־דעם דראַנג און לוסט צו וואַנדערן נאָך אַט־דעם ווייטסטן טייל פון אַמעריקע, צו זוכן זיין גליק און פּרובירן מזל. ער האָט געהאַלטן, אַז די „געלעגנהייט וואָס קלאַפּט איצט אין זיין טיר" טאָר ער נישט פאַרביילאָזן. זיין באַגער איז געווען צו דערוועלבן זיך אַ לעבן וואָס איז מער ווי „פון האַנט אין מויל," אָבער אויף אַ ווייניקער ספּעקולאַטיוון אופן. זיין חשבון איז געווען גאָר אַן אַנדערער און אַ פּשוטערער: — אַרום די הונדערטער טויזנטער מענטשן, וואָס יאָגן זיך איצט נאָך דעם „גאָלד־ראַש" און זיי וועלן זיכער זיך נויטיקן דאָרטן אין כלערליי זאַכן און פּראָדוקטן, וועט ער דורך זיי און אַרום זיי, זיין „גאָלד" געפינען...

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט עמנואל אַנגעשלאָסן זיך אין איינעם פון די הונדערטער „קאַראַוואַנען״, וואָס האָבן זיך דאַן געצויגן צו די בערג און גאָלד־מינען...

ב

אויף די משופּעדיקע סיערע בערג, דורך די קרומע, נאָך ווייניק אויסגעטרעטענע וועגן, איז נאָך אַ „קאַראַוואַן״ מיט בוידן, אָנגעלאָדן מיט פאַרשידענע חפצים און פּראָוויאַנטן, אויך נאָכגעפאָרן דער ייִד, עמנואל, מיט זיין בויד.

ס׳איז געווען מיט־זומער, די הייסע סוף יולי זון האָט שרפהדיק געבראָטן, און אין שוויס געבאָדן די שטאַלטנע מענער, וועלכע האָבן געשלעפּט זיך לאַנגע טעג, צו דעם פּיל־פּראָספּעקטירטן אָרט פון די דאַן אַנטדעקטע קאַליפאָרניער גאָלד־מינען.

ווען די זון האָט זיך געגומען זעצן האָט דער מידער „קאַראַוואַן״ ענדלעך זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ שטיק פלאַך־לאַנד, נעבן אַ געדיכטן וואַלד מיט אַ לויפנדיקן קילן וואַסער־שטראָם, אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, אָפּרוען די פערדס און די אַנטרייבערס מידע ביינער. דאָ וועלן זיי מאַכן זייער נאַכטלעגער, אָנזאַפּן זיך מיט פרישע כוחות, כדי ווידער קענען ממשיך זיין זייער ווייטע אַוואַנטוריסטישע נסיעה. אַזוי האָבן זיי געטאָן יעדן טאָג, ביז זיי וועלן ענדלעך אָנקומען צום עיקר־פּונקט — צו די גאָלד־אוצרות וואָס ליגן ערגעץ אין דער אינגעווייד פון דער ערד און אין די האַרטע פעלזן פון די בערג.

ווער זיינען זיי געווען אָט־די געוואַגטע מענער פון אָט־די אומצייליקע „קאַראַוואַנען״, וועלכע האָבן געצויגן זיך אויף אָט־די משופּעדיקע וועגן? וואָס פאַר אַ מיני־טיפּן מענטשן זיינען זיי עס געווען און וואָס פאַר אַ מענטאַליטעט און פסיכאָז האָט זיי מיטאַמאָל באַהערשט, איבערלאָזנדיק היים, ווייב און קינד און אַוועקגעלאָזט זיך אויף אַזאַ וויטער סכנהדיקער נסיעה?

צווישן אָט־די גרויסע מחנות „גאָלד־יעגערס״ זיינען געווען כלערליי אַוואַנטוריסטן „געמבלערס״ מיט אַ וואַנדער־לוסט אין זייערע אומרואיקע נשמות. אויך אַזעלכע וואָס האָבן געוואָלט אַרויסרייסן זיך פון דעם קלעם פון פאַמיליען לעבן, וואָס זיי האָבן געטראָגן אויף זיך ווי אַ שווערן עול, און האָבן געוואָלט באַפרייען זיך אַביסל פון אָט־דער טאָג־טעגלעכער

איינטאָניקייט. אָט־די פֿאַרשווינענע האָבן מיטאַמאָל דערזען פֿאַר זיך עפּעס אַ נייעם ציל אין לעבן און וויזיע פֿון „גיך רייך ווערן.“ דאָס האָט אפשר טיילווייז באַרעכטיקט זייער וואַנדער־לוסט, לפּחות, אין די אויגן פֿון זייערע נאָענטע און משפחות...

***

אַרום צעשפּרייטע לייוונטענע געצעלטן האָבן קליינע פֿייערלעך זיך באַוויזן. די „גאָלד־יעגערס“ האָבן זייער נאַכט־מאָלצייט צוגעגרייט. דער פֿרישער, זאַפּטיקער אַראָמאַט פֿון דעם דערנעבנדיקן סאָסנאָוון וואַלד האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם רויך און געשטאַנק פֿון דעם געפּרעגלטן „העם און עגס“ (חזיר־פֿלייש און אייער). דאָ און דאָרטן האָט זיך געהערט דאָס טוויטשערן פֿון פֿייגל, דאָס קלאַפּן פֿון דעם „האָלץ־פּיקער.“ אַ גאַזעל האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים לויפֿנדיקן וואַסער, און מיט אירע רונד־צעשראָקענע אויגן עפּעס ווי באַטראַכט אָט־די לעבעדיקע באַוועגלעכע ברואים, פֿון ווייטנס, וואָס האָבן דאָ, מיטאַמאָל, מיט רעש און טומל זיך באַוויזן ביי אָט־דעם ברעג טייכל. דאָ קומט זי, די גאַזעל, יעדן טאָג, שטילן איר דורשט אין די פֿרימאָרגנס און ביים זון־פֿאַרגאַנג. זי האָט דערשנאָפּט און דערזען מיטאַמאָל עפּעס גאָר אומגעוויינלעכעס; האָט זי ראַפּטאָם אויפֿגעהויבן איר הירשן־קאָפּ, אים אַ דריי געטאָן אָט רעכטס אָט לינקס, און איז פֿייל פֿון בויגן, ווי אונטערגעשאָסן, שפּרינגיק־הירשנ־דיק, ראַשיק אַנטלאָפֿן ווי פֿון אַ געפֿאַר, אין דער ווילדערניש פֿון וואַלד...

עמנואל האָט, ווי די אַנדערע פֿון דעם „קאַראַוואַן“, צוגעפֿירט זיינע פֿערד צום טייכל זיי „אָנוואַסערן“ און אַליין אויך זיך אַרומוואַשן פֿון דעם שטויב און ברודיקן שוויס, אין וועלכן ס׳לייב זיינס האָט זיך געבאָדן אַ גאַנצן טאָג אויף דער ברענענדיקער זון, אַנטרייבנדיק זיין געשפּאַן.

נאָך דער אַכילה זיינען די „גאָלד־יעגערס“ רונד־אַרום פֿייערלעך געזעסן, אויסגעזונגען און אויסגעשפּילט אויף מויל־האַרמאָניקעס זייערע בענקנדיקע לידער פֿון דער היים, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט הינטער זיך.

עמנואל האָט די גאַנצע צייט פֿון דעם וואַנדער־וועג געהאַלטן זיך ביים סוף פֿון דעם „קאַראַוואַן“. זיין בויד־וואַגן איז געווען אָנגעפּאַקט מיט כלערליי זאַכן און זאַפּאַסן פֿאַר דעם געברויך פֿון די גאָלד־גרעבער:— רידעלס, גראָב־אייזנס און „פּיקן“, אַרבעטס־הויזן און העמדער, שטיוול

און זאַקן, היטלען און דעקן, שיסלען, מולטערלעך און בלעכענע זיפּן אויף דורכזיפּן און דורכוואַשן דעם גאָלד־זאַמד פון די אויסגעגראָבענע און אויסגעהאַקטע פעלזן. זיין בויד איז געווען אַ פולשטענדיקע „קראָם אויף רעדלעך" און האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ רויט־קרייץ וואָגן, וואָס פאָלגט נאָך אַ „קאַראַוואַן" פון אַן אַרמיי־אָפּטייל....

די קליינע מחנה „גאָלד־יעגערס" האָבן פרי נאַכט געמאַכט, מחמת זיי זיינען געווען מיד און אויסגעמאַטערט פון דער שווערער נסיעה.

שפּעט אין אָוונט, ווען די גאַנצע מחנה איז געווען אַרומגענומען מיט אַ טיפן און שטאַרקן שלאָף, האָבן זיי תחילת נישט געהערט דאָס רוישן פון דיביימער, דעם וואָיען פון די קאַיאָטן און אַנדערע בעלי־חיים פון וואַלד. דער וואַלד־געררויש איז געווען אַן אָנזאָג פון אַ באַלד אָנקומענדיקן שטורעם, און... אין מיטן דער נאַכט האָט אַ רעגן־שטורעם זיך אַראָפּ־געלאָזן; בליצן און דונערן האָבן אָנגעהויבן צו קנאַלן אין דעם גאַנצן וואַלדיקן אַרום; די לייוונטענע געצעלטלעך זיינען פון רעגן דורכגענעצט געוואָרן. די אויפגעכאַפּטע מענער פון שלאָף זיינען אַריינגעקראָכן אין די בוידן און איינגענעסטלט זיך איינס אין אַנדערן. אָן אומרו האָט די פּלוצ־לונגע שטורעם־בהלה אין זיי אַרויסגערופן און האָבן שוין מער נישט געקענט איינשלאָפן. דאָס קראַכן פון די ברעכנדיקע בוימער, די קולות פון די חיות און פויגלען האָבן זיך געלאָזט הערן אין אינטערוואַלן און מיטגעהאַלטן מיט די קולות וברקים פון דעם אַראָפּגעשיקטן שטורעם און מבול...

מיטן קאַיאָר איז אַלץ און אַרום איינגעשטילט געוואָרן; דער וואַלד איז ווידער געשטאַנען אַ רואיקער, אַ געשמאַק פרישער. קיין שאָדן מער פון די בלעטער און צווייגן אויף די ביימער. דער רעגן האָט אַראָפּגעוואַשן דעם געדיכטן שטויב פון אַלץ און אַרום; די לופט, אַ ריינע, אַ זויבערע. דער טאָג האָט זיך געשטעלט אַ לויטערער, די פייגל האָבן זינגעוודיק איבערגערופן זיך אויף זייער פייגל־לשון. וועווערקעס זיינען געשפּרונגען פון צווייג איבער צווייג; געוואַגטערע זיינען אַרומגעלאָפן און געשטערט מיט זייערע פיסקעלעך צווישן די פון שטורעם אָנגעפאַלענע בלעטער און צווייגן.

די זון איז אַרויסגעשוואומען פון איר „פוטער־פאַס" און ווידער געוואַרעמט און באַשטראַלט דעם גאַנצן אַרום . . .

ג

עמנואל האָט זיך געהאַלטן אַביסל אָנדערש און כמעט ווי אויסגע־טיילט זיך פון די אַנדערע מענער פון דעם „קאַראַוואַן", מיט וועלכן ער איז מיטגעפאָרן. ניט מחמת ער האָט זיך באַטראַכט פאַר געהויבענער, מיוחסדיקער פון די אַנדערע; ניין, ער האָט זיך אָבער אויך נישט באַ־טראַכט שפלות'דיקער. אָבער, מיט דעם וואָס ער איז נישט געווען קיין „פּראָספּעקטאָר", קיין „גאָלד־יעגער", נאָר פּשוט אין זייערע אויגן — אַ פעדלער, אָדער, אין בעסטן פאַל, אַ קרעמער, איז ער מיט דעם אַליין שוין ממילא נישט געווען פון זייער קאַטעגאָריע — אַ ניט־זייעריקער. זיי האָבן אַזעלכן באַטראַכט פאַר אַ ניט־געוואַגטן און אַוודאי נישט פאַר קיין „געמבלער."

זיי האָבן געוואוסט, ווען ער האָט זיך אָנגעשלאָסן צו זיין אַ מיט־פאָרער מיט זייער „קאַראַוואַן", אַז ער פירט מיט זיך כלערליי זאַכן און חפצים פאַר זייער געברויך, אין וועלכע זיי וועלן זיך באַנויטיקן, און די זאַכן וועלן זיי ביי אים באַקומען. און פאַר דעם אַליין האָבן זיי אים באַ־טראַכט ווי פאַר אַ וויכטיקן אָביעקט אין זייער אַוואַנטורע.

חוץ דעם, דרויסנדיק, איז עמנואל ניט געווען אַנדערש פון די אַנדערע. הגם אַ ייד פון אָפּשטאַם, האָט ער אָבער ניט אַרויסגעוויזן ספּע־ציפישע אייגנשאַפטן פון זיין ראַסע; זיין אויפפירונג, זיין אַכילה און הלבשה — די זעלביקע ווי זייערע. ניט די „גאָלד־יעגערס" זיינען געווען פון די מינים קריסטן, וואָס האָבן געפּראַוועט אינטערוועגנס וועלכע ס'איז רעליגיעזע דינסט, און ניט עמנואל, דער ייד, האָט אין יענער געגעבענער סיטואַציע און סביבה, אַרויסגעוויזן זיך מיט זיין יידישקייט און שטיי־גערישקייט . . .

די „גאָלד־יעגערס" האָבן נאָכ'ן איינגעשטילטן שטורעם, ביים זוניקן פרימאָרגן, אַרויסגעהאנגען אויף אָנגעצויגענע שטריק, פון בויד צו בויד, די פון רעגן פאַרנעצטע זאַכן און דעקן. זיי האָבן אַרומגעקוקט די וועגענער, די לייצעס און זייער גאַנצן געשפּאַן, צי אַלץ איז אין אָרדענונג. אויך עמנואל האָט זאָרגפעלטיק אַלץ אַרומגעקוקט; די בויד, די רעדער, די אָקסן און די פערד. ביי איין פערד האָט ער באַמערקט אַ שטיקל פעל אָפּגעריבן ביי אַ זייט, האָט ער גלייך די רויע וואונד מיט אַ פעטס באַ־

שמירט. ער האָט דערנאָך איינגעשפּאַנט די פערד, און, ווי די אַנדערע, גרייט געווען צו דער ווייטערדיקער נסיעה.

נאָכדעם ווי דער ערשטער פון „קאַראַוואַן" פאַראויס האָט געגעבן דעם פייף־סיגנאַל, האָט מען זיך גערירט אין וועג. די וואַלד־פייגל האָבן זיי אַרויסבאַגלייט מיט אַ טומלדיקער פּישטשעריי און געפליגל, ווי זיי וואָלטן מיט דעם געגעבן צו וויסן די אַנדערע פון זייער מין, זיי זאָלן קומען אויפכאַפּן דאָס איבערבלייבעכץ פון די נעכטיקע באַלאַגערערס.

אַ שפּרינג־האָזל האָט פּייל־בויגנדיק אַדורכגעשניטן דעם מיט־וועג פאַראויס דעם „קאַראַוואַן" און אַ רויט פוקסל האָט זיך ראַפּטאָם אַ יאָג געטאָן נאָך דעם. פאַזע דעם וואַלד האָט איינער געקענט זען אַ פּאָר פּריש אָפּגעשאָסענעביימער פון נעכטיקע בליצן און דונערן, און אין די אויסגע־ברענטע לעכער פון די ברייטע ביימער האָבן וועווערקעס געמאַכט זייערע נעסטן און באַהאַלטן שפּייז פאַרן ווינטער. אַלטע שוואַר־שטאַמיקע גרויסע ביימער־גיגאַנטן זיינען געלעגן צעשפּרייט, אפשר פון קדמונים, אויף אַט־דעם געדיכט באַוואַלדערטן באָדן...

דער וועג איז געווען אַ שווערער, אַ האַרבער. ערטערווייז האָט דער „קאַראַוואַן" געדאַרפט דורכשניידן לויפנדיקע וואַסערן פון ניט צו טיפע טייכן. ענדלעך, מיטן צופאַלן פון דעם אָוונט, זיינען זיי אָנגעקומען צו דעם „פאָרפּאָסטן" פון דעם סאַקראַמענטאָ טאָל, וואו די ערשטע גאָלד־מינען זיינען אַנטדעקט געוואָרן. דאָ האָבן זיי שוין געטראָפן אַזעלכע ווי זיי, צעשפּרייט אויף אַ גרויסן שטח, מיט צענדליקער הונדערטער געצעלטן. זיי זיינען נישט געווען דאָ די איינציקע „אויפן יאַריד", אין די צענדליקער טויזנטער זיינען זיי געקומען אַהערצו רעגיסטרירן זייערע „קליימס", גרייט אָוועקצולאָזן זיך מיט „פּיק" און רידל צו זוכן זייער גליק.

עמנואל האָט דאָ אין דעם גרויסן באַלאַגערטן „קעמפּ" באַשטאַט זיין „בויד־קראָם" און האָט מיט דעם באַגינען אַרויסגעלאָזט זיך צווישן די הונדערטער געצעלטן פּעדלען מיט זיין סחורה.

צי די געוואַגטע אומדערמידלעכע „גאָלד־יעגערס" האָבן דאָ געפונען זייער מזל אין די פעלזן פון די בערג און טאָלן, צי ניט, עמנואל אָבער האָט זיכער ניט גענאַרט זיך אין זיין חשבון; ער איז געגאַנגען אויף אַ „זיכערן בריק". דאָ האָט ער געפונען אַ גוט רייפן באָדן, סיי פאַר זיין מסחר און סיי דורך פאַרשידענע פאַרמיטלונגען, וואָס איז אים נאָר צום האַנט געקומען. און... ס'איז אים אָוועק גאָרניט שלעכט...

אויסער דעם, בעת די „גאָלד־יעגער,״ אַ גרויסער טייל פון זיי, זיינען גאַנצענע נעכט איבערגעלעגן אין די אויף גיך אויפגעשטעלטע שענקען און כלערליי „געמבלינג״־סאַלאָנען, און ס'רוב פון זיי האָבן פאַרשיכורט אָדער פאַרשפּילט זייערע פאַרדינסטן, ביי פאַרשידענע אַזאַרט־שפּילן, וואָס איז דאָרט פריי און אומגעשטערט אַנגעגאַנגען, האָט עמנואל געקליבן אַ דאָלער צו אַ דאָלער, געלעבט מיט אַ תכלית, און אין משך פון אַ קורצער צייט באַוויזן אָפּצושפּאָרן אַ ניט קליינעם פאַרמעגן.

ווען דער „גאָלד־ראַש״ האָט זיך אָפּגעשטעלט, דאָס גאָלד פון די מינען האָט זיך „אויסגעמעלקט״, זיינען פון די צענדליקער טויזנטער אַ סך „באַגליקטע״ און נאָך מער אַנטוישטע, אַוועקגעלאָזט זיך צו דער דאָן ווילדער און פאַרשייטער סאַן פראַנציסקאָ, וואו די ווילדסטע ליידנשאַפטן און אימפּולסן האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין דער באַרימטער „באַרבאַרי־קאָוסט״, מיט אירע זנות־הייזלעך, וועלכע זיינען צו יענער צייט געווען אין פולן גלאַנץ און בליאונג. אין דעם דאָן נאָך רוי־אַנטוויקלטן ווילדן מערב, אין אַט דעם פרייען פּאָרט — סאַן פראַנציסקאָ, האָבן בראַווע מענער מיט ענערגיע און אַמביציע געהאַט כלערליי געלעגנהייטן צו וואַקסן מיט דער ניי־אויפגעקומענער מעטראָפּאָליע ביים פּאַסיפיק...

עמנואל, ווי געזאָגט, האָט די אַמביציע און ענערגיע געהאַט אין אַ גרויסער מאָס. ער האָט די געלעגנהייט ניט געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן. מיט זיינע אָפּגעשפּאָרטע געלטער, צו יענער צייט, האָט ער ערשט דאָרטן גענומען זיך צו צעפירן די הענט...

ד

גרויסע שטרעקעס ווירגינישע ערד, וואָס קיין אַקער־אייזן האָט נאָך ביז דאַן ניט באַרירט איר אויבערפלאַך, האָט זיך ממש געבעטן מען זאָל איר אויפברעכן, איר טראַכט עפענען און פאַרזייען, כדי אַרויסגעבן פון זיך די גאָט־געבענטשטע פרוכט און גרינצייגן, צו זעטיקן די צענדליקער טויזנטער וואָס האָבן זיך געצויגן צו די ברעגן פון דעם פּאַסיפישן ים.

עמנואל האָט אָפּגעדונגען גרויסע שטרעקעס פון אַט־דעם באָדן. אָנגעדונגען הונדערטער לאַנדלאָזע, הונגעריקע מעקסיקאַנער פּויערים, וועלכע האָבן ניט נאָר ניט אַנגעזען ווען עס איז אַ צורת מטבע, נייערט זעלטן געהאַט אָפּצועסן צו זאַט. מיט זיין אָרגאַניזאַטאָרישער פעאיקייט

האָט ער איינגעשטעלט „פעלד־קיכן" אויף די גרויסע שטחים פון לאַנד; אָפּגעקויפט פאַר אַ שיבוש אַלטע לייוונטענע געצעלטן, אויף צו הויזן די פעלד־אַרבעטער, און אַריינגעבראַכט אַ קאַראַוואַן מיט פערד, אַקער־אייזנס און אַנדערע נויטיקע פעלד־מכשירים. ער האָט אָנגעשטעלט אַ צאָל „פאָרלייט" אויף באַשטימטע איינגעטיילטע „גענגס" פון די אָרעמע, פרימיטיווע, אָפּגעריסענע, פאַרוואָרלאָזטע מעקסיקאַנער, וואָס האָבן נאָך דאָ געלעבט, ווען קאַליפאָרניע איז נאָך מעקסיקע געווען. ער האָט זיי אַרויסגעשלעפּט פון דער מיזערנער אָרעמשאַפט און, אפשר צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן, אַז זיי האָבן באַקומען זאַטע מאָלצייטן און מענטשלעכע געלעגערס. אָט־די ביז איצט פאַרגעסענע און פאַרוואָרלאָזטע, איינגעשפּאַנטע אין דער אַרבעט, האָבן געאַקערט, געזייט און געשניטן און אַריינגעבראַכט גרויסע ריווחים, וואָס די גוטע זוניקע און פעטע ערד האָט פון זיך אַרויסגעגעבן. במשך פון עטלעכע יאָר איז עמנואל באַוואוסט געוואָרן אַלס דער תבואה־קעניג פון קאַליפאָרניע.

איין דערפאָלג האָט געפירט צו אַ צווייטן. עמנואל האָט אויך געהאַט אַ האַנט אין אַנדערע פּראָיעקטן: הונדערטער טויזנטער אַקער לאַנד זיינען געלעגן און געפּוסטעוועט, וואָס קיין אַקער־אייזן האָט נאָך ביז דאַן ניט באַרירט. וואַסער איז געווען לרוב, האָט מען אָבער געדאַרפט ברענגען דאָס וואַסער צום באָדן; האָט ער אָרגאַניזירט אַ קאָמפּאַני פאַר עטאַבלירן איריגאַציע סיסטעמען, געבויט דאַמבעס, פאַבריצירט וואַסער־רערן א.אַ.וו. מיט דעם וואוקס פון דער באַפעלקערונג האָט מען געמוזט האָבן הייזער און בנינים, האָט ער אויך אין דעם געהאַט אַ האַנט. מיט זיין געניאַלן טאַלאַנט, פעאיקייט און וויזיע, איז ער געוואָרן דער „וויזאַרד" פון אונטערנעמונגען און איינער פון די אָנגעזעענסטע בירגער און אינדוסטריאַליסטן ביים פּאַסיפיק.

גרויס איז געוואָרן דער נאָמען עמנואל. זיין נאָמען האָט זיך געטראָגן פון מויל צו מויל, אין זיין סביבה און איבערן גאַנצן שטאַט. ער האָט געהאַלטן: „וואָס צו לייט איז צו לייט און וואָס צו גאָט איז צו גאָט." דאָס „רענדל ביי טן" צוליב רייכטום, פּרעסטיזש און כבוד, האָט ער מיט עקל פאַרוואָרפן, און מיט אַזעלכע וואָס האָבן עס יאָ געטאָן, האָט ער נישט געוואָלט האָבן קיין מגע־ומשא. אין די ימים נוראים, ראש־השנה און יום־כפור, פלעגט ער אין זיין צוויי־פערדיקן געשפּאַן צופאָרן צום טעמפּל און דערמיט שוין יוצא זיין מיט זיין רעליגיעזער יידישקייט. צדקה האָט

ער געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט: מנדב געווען אויף שפּיטאָלן און „קליניקס״, יידישע און ניט יידישע אַנשטאַלטן וכדומה.

אין „טשעמבער אָוו קאָמערץ״, וואָס ער איז געווען איינער פון די גרינדער, איז ער געווען דאָרטן דער איינציקער ייד, און פאַרנומען דאָרטן אַן אָנגעזעענעם אָרט. מען האָט זיך גערעכנט מיט אים, סיי פאַר זיין פינאַנציעלן מעמד, סיי פאַר זיין קלוגן פּראַקטישן שכל, און סיי ווי אַ פּיאָנער און בויער פון שטאָט.

אויבנאויפיק איז ער צווישן געשעפט־קאָלעגן, ניט־יידן, געווען רעס־פּעקטירט כמעט ווי אַ גלייכער צווישן גלייכע, אָבער... אינטואיטיוו האָט ער געפילט, אַז ער האָט צווישן זיי אַ צאָל שונאים, ניט פאַרגינערס. כאָטש זיי האָבן אַנערקענט זיינע גרויסע פאַרדינסטן, האָט עס אָבער נישט אָפּ־געהאַלטן אַ טייל געוועזענע „ווידזשילאַנטיס״ (זעלבסט־געקרוינטע אָרדע־נונג־היטערס, תיכף נאָך דעם „גאָלד־ראַש״ פעריאָד פון כאַאָס, פון וועלכע עס איז דערנאָך נישט גאָר גרינג געווען פטור צו ווערן) מיט זייער איינגע־וואָרצלטן פאַראורטייל אים צו „נידלען״ ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, און פאַררופן זיך אויף זיין יידישקייט; געגעבן אים רק אָנצוהערן, אַז ער איז נישט קיין „נעיטיוו״ — אַ פרעמדער וכו׳...

הגם אין האַנדלען מיט די בלערליי נאַטור ווילדע, גרויזעק־ברעכערישע און ס׳רוב אומקולטיווירטע עלעמענטן, וועלכע האָבן אין יענער צייט פונם „גאָלד־ראַש״, אָן ביקסן און רעוואָלווערן זיך נישט אַ קער געטאָן; און עמנואל איז אַליין אויך פאַרהאַרטעוועט געוואָרן. דאָך האָט ער אָבער נישט פאַרלוירן דעם צלם אלהים — די חשיבות צום מין מענטש. פון די אָפּטע שטעך־ווערטלעך און באַמערקונגען פון די אַזוי־גערופענע „קולטי־ווירטע״ ניט־יידישע פריינט זיינע, האָט ער זיך געפילט שטאַרק געטראָפן, ביז ווייטיק; ער האָט עס ניט געקענט תופס זיין און אָפט געטראַכט:

— ווי שטאַרק גרויסמוטיק זאָלסט נישט זיין, ווי ברייט און פריי זאָלסט נישט טאָן פאַר דעם וואויל פון גאַנצן כלל, אָן חילוק פון גלויבן און ראַסע, איז אַלץ נישט גענוג פאַר „זיי״... אין לעצטן סך־הכל — האָט ער נאָכגעטראַכט — האָב איך דאָך געטאָן מער פאַר ניט־יידן ווי פאַר יידן, און דאָך קען מען אַלץ נישט יוצא זיין פאַר „זיי״... פון דעם קלענסטן פגם אויף דיר, מאַכן זיי אַ באַרג, זוכן פאַרפינסטערן דיין געמיט, לייגן דיר מכשולים אין וועג, באַליידיקן און דערנידעריקן...

אפילו דאָס אָננעמען זיך פאַר אים פון אַ פאַר ניט־יידישע פריינט, איז אים געוואָרן דערווידער...

אָפט פלעגט ער הערן זיי זאָגן:

—„אַ, הי איז נאָט סאָ בעד!—עמנואל איז עי גוד פעלאָו!” (ער איז נישט אַזוי שלעכט—עמונאל איז אַ וואוילער יונג).

—„הי איז דיפערענט פראָם דהי רעסט אָוו היס לאָט” (ער איז אַנדערש ווי די איבעריקע פון די זייניקע).

אָט־די כלומרשטע פאַרטיידיקונג האָט אים נאָך מער ווייט געטאָן און באַליידיקט . . .

ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער איינגעוואָרצלטער געפיל פון פאַראורטייל קעגן יידן איז ביי זיי אַ סך שטאַרקער ווי דער גראדער שכל, און עס האָט לגמרי נישט קיין זין מיט זיי צו רעזאָנירן...

— איז צו וואָס שטופן זיך אין פרעמדע טירן ? . . .

עמנואל האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן דערווייטערן זיך פון זיינע ניט־יידישע פריינט און מער דערנענטערן זיך צו אַ יידישער סביבה: צו די וואָס טיילן דעם זעלביקן גורל ווי ער...

מיט זיין פאַרטיפן זיך אין דעם אייגענעם שטאַם און שורש, האָט ער וואָס אַמאָל מער דערפילט זיך גייסטיק דערהויבענער, שלימות'דיקער אין זיין דענקען, און אין זיינע האַנדלונגען — פרייער און אָן רעזערוואַציעס...

מסירת־נפש

גרויסע משופּעדיקע בערג האָבן אַרומגערינגלט דעםברייטן טאָל פונם קליינעם יידישן ישוב, וואָס האָט זיך איינגעגלידערט אין דעם ווייטן ווילדן מערב. אָט־די גרויסע, הויכע, כמעט הוילע בערג, האָבן געטורעמט צו די בלויע הויכקייטן און דערוועקט אַ גרויס נייגער ביי אַ טייל פון די איינוואוינער אין טאָל.

— וואָס איז דאָרטן, אויף יענער זייט, אַריבער דעם האָריזאָנט פון די בערג? — האָבן די ניי־אַריבערגעקומענע „סעטלערס" זיך געחידושט... איז דאָרטן אַ טרוקענער, פּוסטער חלל, אָדער אין די טיפקייטן זייערע איז פאַראַן וועגעטאַציע, וואַלד און אַנדערע אויסטערלישע נאַטור־דערשיינונגען ? . . .

אויף זיי, די נאָר־וואָס אַריבערגעקומענע, וועלכע האָבן פריער גע־לעבט אויף דעם פלאַך־לאַנד אין די מזרח־שטעט פון דער אַמעריקאַנער צעשפּרייטקייט, האָבן אָט־די הויכע מאָנסטער־בערג אַרויסגערופן געמיש־טע שטימונגען און געפילן... אַ טייל האָבן געפילט ווי זיי וואָלטן געווען איינגעשלאָסן אין אַ מעכטיקער פעסטונג און אָפּגעריסן פון דער גרויסער, ברייטער, ציוויליזירטער וועלט, און, ווי אַ פועל־יוצא פון דעם ווערן זיי ניט זעלטן פאַרכאַפּט פון אַ געדריקטער שטימונג און מיט אַ בענקשאַפט צו דעם וואָס זיי האָבן געלאָזן הינטער זיך; בעת אַנדערע ווידער האָבן געפילט, אַז דווקא דאָ, אין דעם ברייטן פרייען טאָל, מיט די הויכע בערג, ווי זיינע שומרים, אונטער אַ ליכטיק בלויען הימל און ביי די בלויע זילבער לבנה־נעכט, ווייט פון דעם שטאָטישן געטומל, גערודער און געדיכטקייט, פילן זיי זיך זיכער, געמיטלעכער, רואיקער און גייסטיק פרייער...

ביי דעם שויס פון דער מאַמע־ערד האָט אַזעלכער געפילט, אַז ער איז אַ טייל פון דער נאַטור און פון דעם גאַנצן אַרום. . .

וועגן אָט־די גרויסע משופּעדיקע בערג און זייער מיסטישער קעניג־רייך פון יענער זייט, איז אין דעם טאָל דערציילט געוואָרן, אַז אין די טיפענישן זייערע זיינען פאַראַן וואונדערלעכע דערשיינונגען, וואָס במשך דעם צייט־אַלטער האָט די נאַטור מייסטעריש אַרויסגעבראַכט כלערליי פאָרמען און געשטאַלטן, ווי נאָר פון אַ קינסטלער־האַנט געשאַפן...

געוואַגטע נאַטור־מענטשן און פּיאָנערן האָבן שמאָלע וועגן אויס־

געשניטן, כדי צו קאָנען צוקומען צו אָט־די וואונדערלעכע נאַטור־דער־שיינונגען פון גאָטס יצירה; פון די זאַמד־קאָלירטע פעלזן האָבן זיך אויסגעפורעמט כלערליי פיגורן, געשטאַלטן, מענטשלעכע און חיהשע סילועטן, ווי אויך טורעמדיקע קאַטעדראַלן, קאָלאָנעס און פאַרשיידענע אָביעקטן, ווי זיי וואָלטן געווען איבערבלייבעכצן פון אַן אונטערגעגאַנגע־נער אַלט־פּאַרצייטיקער ציוויליזאַציע.

אין די ווייטע טיפענישן פון אָט־די פאַרכישופטע בערג האָט אויך אַ קרום משופּעדיקער שמאָלער וועג געפירט צו אַ געדיכט באַוואַלדערטן באַרג, מיט שווער־שטאַמיקע סאָסנאָווע ביימער, און גאָר ביים סאַמע הויך, אין איינעם פון דער קייט פון די בערג, וועלכע די פּאַרמערס פון טאָל האָבן גערופן: דער „טייוולס מויל“, זיינען געוואַקסן גלייכע, שלאַנקע ביימער ,וועלכע זיינען זייער אַ ניצלעך געהילץ פאַר כלערליי נויטיקע זאַכן אין וועלכע די פּאַרמעס באַנויטיקן זיך. דאָס געהילץ איז גוט פאַר שטאַלן פאַר די בעלי־חיים, שפּייכלערס פאַר די תבואות און אויך פאַר צוימען אַרום די פּאַרמס און נחלות. צוצוקומען אָבער צו אָט־דעם משופּע־דיקן הויך־פּונקט פון דעם באַרג־וואַלד איז געווען אַ גרויסע געוואַגטקייט און אונטערוואָרפן צו אַ טויט־סכנה. ווייניק האָבן געהאַט די דרייסטקייט און דעם מוט אַזאַ נסיעה אונטערצונעמען.

דערציילט ווערט, אַז ניט איינער, אַרונטערלאָזנדיק זיך פון יענעם משופּעדיקן באַרג־וועג, האָט זיין לעבן פאַרלאָרן. פאַר דעם רוב פּאַרמער פון טאָל, אפילו פון די אַלט־איינגעזעסענע און גאָר באַזונדער פאַר די, פון דעם קליינעם יידישן ישוב, איז אַזאַ שריט געווען אַ משונהדיקע פאַנטאַזיע . . .

איינער אַזעלכער, וואָס האָט געוואַגט און געווען איינשטעלעריש אַזאַ זאַך יאָ צו טאָן, איז געווען — ברוך! ברוך דער גרויסער, אַזוי האָט מען אים טאַקע גערופן. ברוך איז געווען אַן אויסטערלישער אינטערע־סאַנטער טיפּ ביז גאָר; הן אין זיין אויסזען, אין געשטאַלט, הן אין כאַראַקטער: אַ גרויסער, אַ הויך־געוויקסיקער, אַ ברייט־פּלייציקער, שטאַרקע געזונטע מוסקולן מיט שאַרף־קאַנטיקע געזיכט־צוגן. אין קעגנ־זאַץ צו זיינע יידישע שכנים פון ישוב, האָט ער אויסגעזען ווי אַ ריז.

געווען איז ער אויך אַ פּשוטער, אַ פּראָסטער האָרעפּאַשניק. ביים ערשטן אָנבליק וואָלט מען אים גיכער אָנגענומען פאַר אַ „נייטיוו“, אַ הי־געבוירענער, וואָס איז אויסגעוואַקסן אויף דער פרייער ברייטער נאַטור,

זיך געפּיטערט דאָ אויף פעלד און באַרג, און איז ווי אויסגעהאַמערט געוואָרן פון דער היגער בערגיקייט — אַ טיפּישער פּויער און אַ קאָנטיקער נאַטור־מענטש... אין צוגאָב צו דעם האָט אים די השגחה באַשאָנקען מיט אַ נאַטירלעכער אינטעליגענץ און פאָלקס־חכמה. זיינע מעשהלעך וואָס ער פלעגט דערציילן אין די פרייע אָוונט־שעה'ן, ביי אַ דרויסן־פייער, פון זיין קליינשטעטלדיקן לעבן ערגעץ אין אוקראַינע, האָבן אַרויסגערופן ביי אַלעמען אומגעהויער אינטערעס און הנאה.

ברוך איז געווען באַליבט ביי דעם קליינעם ישוב, טאַקע פאַר זיין פּשטות, פאַר זיין פלייסיקייט און נאַטירלעך איבערגעגעבענעם אידעאַליזם ביז מסירת־נפש'דיקייט...

אים זיינען, למשל, ניט אָנגעגאַנגען די דיסקוסיעס איבער די אָזוי־גערופענע אויסטייטשונגען פון די טעאָריעס וועגן דעם צוריקקער פון יידן אויף ערד און לאַנדווירטשאַפט. אָן קלוגע רייד און פּשטלעך האָט ער געפילט, אַז ס'רופט אים צום לאַנד! אַז דאָ, ביים שויס פון דער מאַמע־ערד וועט ער זיך קאָנען גאַנץ און קרעפטיק אויסלעבן... איז ער געקומען אַהערצו, ווי אַ צאַל אַנדערע, אויף אָט־דעם ווילדן באָדן, וואו קיין מענטש־לעכער פוס האָט ביז דאַן ניט באַטראָטן, און קיין אַקער־אייזן האָט נאָך אָט־די רויע ערד ניט אויפגעבראָכן...

גרויס און שווערמאַסיק, ווי אָט־דער ברוך האָט אויסגעזען, האָט ער נאָך שווערער אויפן לאַנד געאַרבעט. אין פאַרגלייך מיט די שטאָטיש־דענערוווירטע, שוין האַלב אויסגעמאַטערט פון דער שטאָטישער פּראַצע, האָט ער זיך דאָ, צווישן זיי, ווי אַ ריז אָנגעזען און איז אויף דעם לאַנד אַן אמתע ברכה געווען. ער איז תמיד אַזאַ זיכערער אין זיך געווען! ווען ער האָט צום ערשטן מאָל די סאָכע אין דער ווילדער, פאַרוואַקסענער ערד אַריינגעגראָבן, האָט דאָס קאַלטע, בלאַנקע, שטאָלענע מעסער גאַנצע פּלאַכטעס טרוקענע ברוינע ערד אַרויסגעהויבן, אַ דריי געטאָן דעם אַקער און ראַפּטום איבערגעקערט: לאַנגע, גראַדע שרונטן ערד האָבן זיך אויף דעם פעלד קעגן זון געשוואַרצט, און ווי שווימענדיקע כוואַליעס האָבן זיי די טרוקענע, פון זון פאַרברענטע, ווילד־געוויקסן פאַרפלייצט און אין דער אינגעווייד פון דער ערד אַריינגענומען.

אַלע האָבן אים באַוואונדערט, אים מקנא געווען אויפן כוח וואָס ער פאַרמאָגט; הנאה געהאַט פון זיין אויסערגעוויינלעכן מוט און פלייס. כמעט מיט התמדה פלעגט ער זיך אַרומפאָרען אַרום זיינע פערד און קי. פאַר

דעם רוב פון זיינע שכנים איז די אַרבעט געווען די ערשטע צייט ניי, פרעמד און שווער; פאַר אים — גרינג און כמעט שפּילעוודיק.

אין אָנהייב, איידער מען האָט אים דאָ גוט דערקענט, האָט מען געקוקט אויף אָט־דעם פּראָסטן מגושמדיקן יידן מיט ניט ווייניק ביטול, אָבער באַלד האָט מען איינגעזען, אַז ער, וואָס איז געווען איינס מיט דער ווילדער ערד און מיט אַלץ אַרום אים, האָט זיך מיטאַמאָל אין אַלעמענס אויגן אַ הויב געטאָן, ווי אַ טורעם איבער אַלעמען דאָ. אויף דעם לאַנד, וואו האַרעוואַניע איז געוואָרן דער עצם פון דעם גדייען, איז אָט־דער פּראָסטער האַרעפּאַשניק—דער חשובסטער און ניצלעכסטער געוואָרן, און מען האָט מיטאַמאָל אָנגעהויבן אים אַרויסווייזן גרויס אָפּשיי און דרך־ארץ.

דער ווילדער באָדן האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ שטיקל ישוב: דאָ און דאָרט אַ כאַלופּע אָדער אַ שטיבל, אַ שפּייכלער און אַ ברונעם, וואָס ער האָט געהאָלפן אויפשטעלן; און אָט זעט מען אים ביי דער אַרבעט אויף אַ גרויסער שטרעקע צעאַקערטער ערד, ריין פונווילד־גראָז, פאַרטיק צום פאַרזיי, און די ערד ביי אים זעט אויס אַזוי ריין אויסגעקעמט און פאַרפּוצט, ווי אַ פרומע יידישע טאָכטער ערב שבת . . .

צווישן די צעאַקערטע, גראָדע און לאַנגע שרונטן ערד, ביים אַריינ־פלוס פון דער קינסטלעכער באַוואַסערונג, גייט ער אַרום, ברוך, אַזאַ הויך־אויסגעצויגענער מיט אַ לאָפּאַטע אויפן אַקסל, ווי אַ סאָלדאַט אויף פאַטרול מיט אַ ביקס, און גיט אַכטונג, אַז אַלץ זאָל צוגיין ווי ס'באַדאַרף צו זיין, אַז אין יעדן בייט און שורה זאָל דאָס וואַסער ווי געהעריק אַריינ־פליסן. ער זעט ווי ס'גליטשן זיך די זילבער־וואַסער ריטשקעלעך צווישן די צעאַקערטע שורות ערד, וואָס איז פאַרזייט מיט ווייץ און האָבער, און זיין האַרץ ווערט איבערפילט מיט פרייד. ער צעוואַקסט זיך ממש מיט די יונגע שפּראָצונגען, מיט דער רויער, פייכטער און וואַרעמער ערד... און ברומט אונטער פאַר זיך אַ שטילע תפילה צום בורא פון אַלץ . . .

ברוך איז באמת געוואָרן דער מוסטער און מאָדעל פונם ישוב. ווען די גויאישע פאַרמער־שכנים פון טאָל פלעגן אַרונטערקומען, אויס נייגער־ריקייט, כאַפּן אַ קוק ווי אַזוי די יידן גייען דאָ אָן מיט זייער אַרבעט, האָט'ן כסדר ברוכן אַרויסגעשטעלט ווי אַ מוסטער פון אַן ערד־אַרבעטער; כאָטש די מערסטע האָבן זיך שוין ביסלעכווייז „איינגעבראָכן", אָבער צו ברוכס נאַטירלעכן צובונד צו דער ערד און אַרבעט האָט מען זיך נאָך

נישט געקענט דערהייבן. האָט ער עפּעס נאָר באַמערקט אַ נייעם וועג, אַ נייעם שטייגער אין לאַנדווירטשאַפט ביי די גויאישע שכנים, האָט ער עס באַלד אויפן שטעל, מיטן פשוטן שכל משיג געווען, איופגעכאַפּט און נאָכגעטאָן.

גרויס און פאַרשפּרייט איז געוואָרן ברוכס נאָמען איבערן גאַנצן טאָל. „דהי ביג דזשו״ — אַזוי האָבן אים די ניט־יידישע שכנים גערופן. ער איז פאַררעכנט געוואָרן ווי אַ געניטער, פייאיקער און האָרעפּאַשנער פאַרמער, אפילו ביי די אַלט־איינגעזעסענע טאָל־און־בערג פאַרמער.

זיין אַ פולקאָמענער, אויסגעפּרובירטער פאַרמער, אין ווילדן ווייטן מערב, האָט ניט נאָר געמיינט טאָן כלערליי שווערע אַרבעטן אין דער היים, אויף אייגענעם לאַנד, נאָר אויך זיין דרייסט, איינשטעלעריש; זיך לאָזן אַמאָל אויף מסירת־נפש; זיך אַמאָל אַ שפּיל טאָן מיטן טויט אויך. איינע פון די געוואַגטע בריה'שאַפטן ביי די דאָרטיקע בערג־און־טאָל פאַרמער איז געווען, אַרונטערלאָזן זיך פון יענעם הויכן באַרג, איבער זיבן טויזנט פוס הויך, מיט אַן אָנגעפּאַקטער פור האַלץ, וואָס מען פלעגט טאַקע אויף יענעם משופּעדיקן באַרג אָנהאַקן, גוט אָנפּאַקן, פאַרשטריקע־ווען און אַרונטערפירן.

ברוכן האָט עס ניט איבערגעשראָקן. ער פלעגט רק טענהן, אַז ער מוז נאָך ווען עס איז אַרויפפאָרן צום „טייוולס מויל״ און אַרונטערפירן פון דאָרט אַ פור געהילץ. זיינע שכנים האָבן געלאַכט און געחוזקט פון זיין השגה. זיין אַמביציע אָבער איז געווען צו באַווייזן, בעיקר די ניט־יידישע שכנים, אַז אויך יידן קענען זיין געוואַגטע מענטשן. חוץ מזה האָט ער זיך טאַקע גענויטיקט איז אַזאַ געהילץ. אָט וויל ער אַ שפּייכלער בויען, שטאַלן פאַר זיינע פערד און קי.

קויפן ביי די גויאישע שכנים דאָס נויטיקע געהילץ, אָפּגערעדט פון דעם וואָס ס'איז נישט געווען קיין מזומנים מיט וואָס צו קויפן, איז פשוט ניט שיין — האָט ער געטענהט: — וואָס וועלן די גויים זאָגן? — יידן זיינען פּחדנים, שרעקעדיקע מענטשעלעך!...

דער געדאַנק אַראָפּצוברענגען אַ פור געהילץ פון דעם „טייוולס מויל״ האָט זייער שטאַרק באַשעפטיקט זיין מוח, אַ סך מער ווי מ'האָט זיך באמת געקאָנט פאָרשטעלן.

סוף זומער, נאָך שניט־צייט און דרעש־צייט, זיין ביסל תבואה האָט ער שוין געהאַט אַראָפּגענומען, זיין לעצטן שניט אַלפאַלפאַ אויך אַראָפּ־

געגומען, אַראָפּגעפּירט פון פעלד און געסטויגט נעבן הויז. אָפּגעטאָן די מערסטע דרינגנדיקע אַרבעטן, האָט ער ערנסט גענומען טראַכטן וועגן דער געוואָגטער נסיעה.

ווען דער האַרבסט האָט זיך שוין געהאַט היפּשלעך איינגעפּונדעוועט, די עטלעכע שיטערע ביימלעך, ביים ברעג פון דעם שמאָלן ברודיקן טייך, האָבן זייערע געל־גרינע בלעטלעך פון זיך אַראָפּגעוואָרפן; ווינטן און פרימאָרגן פרעסטלעך זיינען געוואָרן אָפטע באַזוכער, ברענגענדיק די קאַלטע בשורה פון באַלדיקן ווינטער.. אין יענע טעג האָט ברוך באַשלאָסן, איידער די שווערע שנייען לייגן זיך אויף די וועגן — זיין פאַרטראַכטן, געוואָגטן פּלאַן דורכצופירן. ער האָט מיט קיינעם מכוח דעם ניט גערעדט, ביי קיינעם קיין עצות ניט געפרעגט און פאַר קיינעם זיין סוד נישט אַנטפּלעקט.

אין אַ קאַלטן פּראָסטיקן פאַרטאָג, ווען אַלץ אין טאָל און אַרום, סיי מענטש און חיה, איז נאָך געשלאָפן, אַלץ איז נאָך געווען אַזוי שטיל און סודותדיק, ווי די בלויע בערג מיט זייער אייביקן סוד; געהערט האָט זיך בלויז מאָמענטנווייז דאָס וואָיען פון דעם הונגעריקן „קאַיאָט" אין די נאָענטע פוס־בערג — אין יענעם מאָמענט האָט זיך ברוך גרייט געמאַכט: איינגעפּאַקט אַ קלומעקל צידה לדרך, מיטגענומען שטריק, האַק און זעג, איינגעשפּאַנט צום גרויסן וואָגן זיינע צוויי סוסים און איז שטיל, אומבאַמערקט פון קיינעם, צום „טייוולס מויל" זיך אַוועקגעלאָזט; דאָרטן וואו די לאַנגע, גלייכע סאָסנעס וואַקסן... זיין שוואַרצער קודלאַטער הונט „ניק", פאַרשטייענדיק דעם ערנסט פון זיין באַלעבאָס' עובדה, איז שטיל, אָן אַ ביל, נאָכן וואָגן נאָכגעלאָפן.

***

צוויי גאַנצע מעת־לעתן האָט דער ישוב פון ברוכן נישט געהערט. אַלע זיינען זייער אומרואיק געוואָרן. דאָס יאָמערן און קלאָגן פון זיין פרוי און קינדער האָבן אַ שטיין געקאָנט רירן. מען האָט באַיין אופן זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז ער זאָל אַזאַ געוואָגטע נסיעה אַליין אונטערנעמען.

אויף דעם אַלאַרמירנדיקן רוף און טרעוואָגע האָבן די אַרומיקע פאַרמערס קיין סך ניט געקענט העלפן. קיינער פון זיי האָט אים לעצטנס נישט געזען, ניט אין טאָל און ניט אין די בערג. האָט אַ גרופּע פאַרמערס זיך אַוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פון די גרויסע בערג, דאָרטן וואו דעם

„טייוולס מויל" געפינט זיך, אפשר וועט מען אים דאָך ערגעץ באַגעגענען אָדער אויף די שפּורן זיינע זיך אָנשלאָגן.

ווען מען איז טיף אין טאָל פון די בערג אַריינגעפאָרן און זיך דער־נענטערט צום צופוסנס פון דעם גרויסן משופּעדיקן באַרג, האָט מען דערזען פון וויטנס נאָך, אַ גרויסן, לויז געפּאַקטן וואָגן מיט געהילץ, פון גרויסע, לאַנגע, אָפּגעטשעסעטע דראַנגען. ס'איז תיכף קלאָר געוואָרן און צוגלייך קאַלעמוטנע אויפן האַרצן... צוקומענדיק נענטער האָט מען ברוכס וואָגן דערקענט. לויט דעם צערודערטן געהילץ אויפן וואָגן האָט מען פאַרשטאַנען, אַז עפּעס גאָר ערנסטעס האָט מיט אים פּאַסירט.

אַביסל ווייטער פון וואָגן, אויף אַ פלאַך פון דער ערד, זיינען געשטאַ־נען זיינע צוויי פערד, מיט לויזע כאָמוטן, אָפּגעריסענע לייצעס און צעשראָקענע דאָס ווילד־גראָז געגריזשעט...

מיט באַנומענע קולות האָבן די לייט זיך פאַנאַנדערגעשריגן:

— ב ר ו ך ! ב ר ו ך ! ! ב ר ו ך ! ! !

בלויז דאָס ווידערקול האָט זיך אומגעקערט.

קלעטערנדיק אַלץ העכער אויפן באַרג־וועג האָבן זיי מיטאַמאָל דערהערט „ניקי'ן", זיין הונט, בילן...

מיט ווילדן אימפּעט און פאַרכאַפּטן אָטעם האָבן זיי זיך אָוועקגעלאָזט קלעטערן אַלץ העכער און העכער.

אויפן מיט־וועג פון באַרג האָבן זיי ברוכן אַ טויטן, אַ פאַרגליווערטן געפונען, מיט אַן איבערגעריסענער לייצע פאַרשטייפט אין אַ פאַרגליווער־טער האַנט; מיט אַ צעדריקטער ברוסט פון דער שווערער וואָגן־משא געהילץ, וואָס איז איבער אים איבערגעפאָרן, איז ער געלעגן מיטן פּנים און אָפענע פאַרגלייזטע אויגן צום הימל געווענדעט...

מיט געבויגענע קעפּ, צעוויטיקטע פון צער און טרויער אויף דער גרויסער אבידה, האָט מען אים אין טאָל צום ישוב אַראָפּגעבראַכט.

באַלד האָט זיך די טרויעריקע בשורה פאַרשפּרייט איבער דעם גאַנצן טאָל און אַרום : — דער „טייוולס מויל" האָט שוין ווידער אַ קרבן איינגעשלונגען...

צו זיין לוויה איז די גאַנצע שכנהשאַפט פון טאָל זיך צוזאַמענגעקומען. ביים זוים פון זיין פאַרם האָט מען אים צו קבר ישראל געבראַכט.

אויף דער איינזאַמער ערשטער יידישער מצבה, אין אָט־דעם פאַר־וואָרפענעם ווילדן טאָל, האָט מען אויפגעשריבן דעם פאָלגענדיקן עפּיטאַף:

פ"נ

ברוך בן אברהם, אַ זון פון אונדזער וואַנדער־פאָלק, פשוטער האָרעפּאַשנער ייד מיט אַ גרויסער יידישער נשמה. איז געגאַנגען אויף מסירת־נפש, אומגעקומען צוליב דער דערהייבונג פון דעם יידישן נאָמען . . . ת נ צ ב " ה.

די ברכה פון וואַסער

דער טאָל אין זיין גאַנצער לענג און ברייט, ביזן ווייטן האָריזאָנט, איז איצט געלעגן אַ פאַר׳שרפה׳טער, געבאַקן און געבראָטן פון דער הייסער סוף תמוז זון. אין אָט־די הייסע זומער־טעג האָבן די היצן און ווינטן גיך אויסגעטריקנט דאָס ביסל פייכטקייט וואָס איז געבליבן אין דער אינגעווייד פון דער ערד, פון די לעצטע ווינטער־רעגנס און שנייען, און געלאָזט איצט די ערד— טרוקן און דורשטיק.

פון דער טריקעניש האָט די ערד ערטערווייז אָנגעהויבן זיך שפּאַלטן, ווי נאָך אַן ערד־ציטער. די פוס־בערג פלאַכן און די ברייט־טאָליקע פּרייריס האָבן אַרויפגעצויגן אויף זיך אַן אַש־גרוי קאָליר...

איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון טאָל האָט איצט געהערשט אַ זון־ברענענדיקע שטילקייט: מענטש און חיה האָבן פאַרקליבן זיך אין שאָטנדיקער באַהעלטעניש אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם פון דער ברענענדיקער זון. די ווייץ און האָבער־זאַנגען פון דעם פרילינג פאַרזיי איז צו פרי ווייך געוואָרן, אָבער זייער קליין און מאָגער. אַלץ איז געוואָרן צעטריקנט און געדורשט נאָך אַ טראָפּן וואַסער, נאָך אַן אָפּפרישונג. אויך די קלענערע ברונעמער ביי די פאַרמער אין טאָל האָבן אָנגעהויבן צוביסלעך אויסצוטריקענען און ס׳האָט געהאַלטן ביי אַ שטאַרקן דוחק אין וואַסער אפילו פאַר דעם פשוטן היימישן באַדאַרף.

צו דער טריקעניש זיינען נאָך אויך צוגעקומען אַפטע ווינטן, וואָס האָבן אויפגעהויבן וואָלקנס גאַנצע פון שטויב און מיט גרוי באַדעקט די

צוימען אַרום די פאַרמס, די שטיבער און דעם גאַנצן דרויסנדיקן אַרום. די בלעטער פון די שיטערע עקאַליפּטן האָבן זיך געגומען געלן און אָנגע־הויבן צוביסלעך אַראָפּצופאַלן ווי אין האַרבסט, און די ניט־דערוואַקסענע האַלב־רייפע קערנער פון די ווייץ און האָבער־זאַנגען האָבן זיך טיילווייז אָנגעהויבן קרישלען און ברעקלען.

בענדזשאַמין סיראַטאַ׳ן, אָדער ווי די ניט־יידישע פאַרמער־שכנים זיינע האָבן מיט היימיש־פריינטלעכקייט אים גערופן „ביג בען״, טאַקע צוליב זיין אויסטערלישן אויסזען, מחמת אַ הויך־געוויקסיקער, אַ ברייט־פּלייציקער, כסדר מיט אַ גוטמוטיק פריינטלעך געמיט, האָבן זיי אים ס׳רוב באַטראַכט ווי זייערן אַ בעל־יועץ. און פאַרדינט האָט ער זיך דעם כבוד און דרך־ארץ ביי זיי, נישט סתם אַזוי צוליב זיין אויסזען, נייערט קודם פאַר זיין בקיאות און וויסן אין די ענינים פון אַגריקולטור און זיי אָפט געֿעצה׳ט ווי אַזוי צו פאַרבעסערן זייער הכנסה פון זייערע פעלדער, און בעיקר, וואָס ער האָט אָן אייגן־נוציקע כוונות אַוועקגעגעבן זיין מי און צייט פאַר אינטערעסן פון דער שכנהשאַפט אין טאָל.

ווען ס׳איז באַקאַנט געוואָרן, אַז דער שטאַט־לעגיסלאַטור אין סאַק־ראַמענטאָ האָט ענדלעך אַרויסגענומען דעם פאַרלעגערטן איריגאַציע פּראָיעקט פון דעם „פידזשען־האָל״ (טויבן־לאָך) און באַשלאָסן אויף אַן אמת איינצופירן אַ וואַסער־סיסטעם אויף זייער לאַנד, האָט מען ערשט דאַן אָפּטמאָל באַדאַרפט לויפן צו די אַדמיניסטראַטאָרן, און דורך כלערליי שתדלנות און בקשות פועלן ביי זיי, אַז די אַרבעט אויף דעם פּלאַנירטן וואַסער־קאַנאַל, וואָס דאַרף ברענגען דאָס וואַסער צו זייערע פעלדער, זאָל מען דאָך אָנהויבן. און בענדזשאַמין סיראַטאַ איז געווען דער, וואָס אַ דאַנק זיין פריינטשאַפט מיט מענטשן פון איינפלוס אין סאַקראַמענטאָ, האָט מען ענדלעך דעם איריגאַציע פּראָיעקט אַ שטופּ־געטאָן פאָראויס.

אַ קורצע צייט נאָך בענדזשאַמינס שליחות קיין סאַקראַמענטאָ, האָבן זיך טאַקע באַוויזן „סורווייערס״ מיט קאָמפּאַסן און „דרייעקס״ און אָנ־געהויבן מעסטן דאָס לאַנד אין דער לענג פאַזע די פוס־בערגלעך, וואו דער פּראָיעקטירטער וואַסער־קאַנאַל וועט זיך ציען. באַלד נאָכדעם האָט מען נומערירטע האַלץ־פלעקלעך באַשטעקט אויף דער לענג פון דעם באָדן, און ס׳האָבן זיך באַוויזן טראַקטאָרן, גראָב־מאַשינען, אַרבעטער מיט פערד און וועגענער, אויף אַוועקצופירן די אויסגעגראָבענע ערד פונם וואַסער־קאַנאַל. דער גאַנצער טאָל איז מיטאַמאָל באַלעבט געוואָרן מיט

אַ גרויסער פיבערהאַפטער אַרבעט, און אַ ריטמיש געקלאַפּ פון מאָטאָרן און מענטשלעך געזאַנג . . .

צוליב די פאַרדינסטן און שפע פון די פאַרמערס, וואָס האָבן געאַרבעט ביי דעם וואַסער־קאַנאַל, האָבן אַ טייל פון זיי שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט זייערע פעלדער, ווייניק קולטיווירט, מיט דער האָפענונג, פאַרשטייט זיך, אַז דער וואַסער־קאַנאַל וועט פאַרטיק ווערן און דאָס וואַסער וועט שוין פליסן אין זייערע בייטן, וועלן זיי דאַן אָפּמאַכן פאַר דעם פאַרלוסט כפל־כפלים..

און אָט, דער וואַסער־קאַנאַל איז שוין פאַרטיק געוואָרן נאָך אין אָנהויב פרילינג, גרייט אַריינצונעמען דאָס וואַסער אין זיך. און איצט, שוין מיט־זומער, און — קיין וואַסער איז נאָך אַלץ נישטאָ!.. און דאָ אַזאַ אומגעווייינלעכע טריקעניש, וואָס דער „טאַל" געדענקט עס קוים, ס'איז וועץ געוועץ אַזעלכעס. אַלץ ווערט פאַרטריקנט, פאַר'שרפה'ט, אַז ס'וועט שוין באַלד שווער זיין עפּעס אָפּצוראַטעווען פון דעם היאָריקן שניט, אויב דאָס וואַסער וועט נישט קומען באַצייטנס.

זיינען די פאַרמערס שכנים געקומען צו זייער בעל־יועץ, „ביג בען", מיט פּיט אַשבוירן בראש, בענדזשאַמינס נאָענטער שכן און פריינט, האַלטן זיך אַן עצה מיט אים און אויך מיט אַ בקשה.

— טייערער שכן מיינער, בען — האָט פּיט אַשבוירן צו אים זיך געווענדעט — איבעריק פאַר מיר וועגן דעם אַ סך מאריך זיין. זעסט דאָך אַליין וואָס עס ווערט פון אונדזער מי און פּראַצע: אונדזער תבואה אויף די פעלדער ווערט ממש פאַרברענט; אונדזערע פי און רינדער גייען אויס פון דאָרשט. ווען וועלן מיר שוין אַריינבאַקומען ס'צוגעזאָגטע וואַסער אויף אונדזער לאַנד, דערקוויקן אונדזער ערד, שטילן דעם דורשט פון אונדזערע בעלי־חיים אוןווירטשאַפט ?

בענדזשאַמין האָט אויפן מאָמענט ניט געהאַט וואָס זיי צו ענטפערן, און ניט ער האָט געקאָנט   ז י י   און   ז י ך   העלפן. ער איז אַליין שטאַרק געווען באַזאָרגט וועגן דעם דאָזיקן מצב. האָט ער, וועלנדיק זיי מיט דעם אפשר אַביסל גרינגער מאַכן, אָנגעוויזן אויף זיין פאַרם, אַז ער איז נישט קיין אויסנאַם.

— ס'איז אונדזער אַלעמענס אומגליק, טייערע שכנים מיינע. ס'איז נישט אַנדערש ווי אַ קללה פונם בורא. זעט — האָט ער מיט עצבות

אַנגעוויזן אויף זיין אַלפאַלפאַ פעלד—דער שטאָלץ פון מיין מי און אַרבעט. און ווייל איך האָב עס גוט קולטיווירט און געפלעגט, האָט עס ביז איצט געגרינט און געבלענדט מיט פריש לעבן, ווי אַן אָאַזיס אין דעם גרוי־טרוקענעם אַרום... זעט ווי מיין אַלפאַלפאַ ווערט פאַרגעלט, פאַרטריקנט, נידעריק און שיטער געוואַקסן!

— זעט, מיין קאָרן־פעלד שטייט איצט פאַר׳יתומ׳ט געבויגן, האַלב־רייף, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּלעך און אויערן...

— גלויבט מיר, מיינע גוטע שכנים, מיר וויטיקט דאָס האַרץ פאַר אייך, ווי פאַר זיך, צוזעענדיק דאָס. עפּעס ווי די נאַטור האָט געוואָלט זיך נוקם זיין אָן אונדז... און דווקא איצט, ווען דאָס רוב פון אייך האָבן זיך פאַרלאָזט אויף דעם אַריינקום פונם וואַסער און דעריבער וויניקער קולטיווירט אייערע פעלדער...

— טייערער „בענדזשי״ — האָט פּיט אַשבוירן מיט היימישקייט זיך געווענדעט צו אים מיט זיין בקשה אין נאָמען פון די שכנים־פאַרמער— כ׳רעכן, אַז דו, וועלכן מיר אַלע שעצן און אָנערקענען דיינע גרויסע פאַר־דינסטן פאַר אונדזער ישוב; דו, וועלכער האָסט אָוועקגעגעבן אַ סך פון דיין צייט פאַר אונדז אַלעמען און געפועלט ביי דער אַדמיניסטראַציע, אַז דער וואַסער־פּראָיעקט זאָל ווערן וואָס גיכער אַ רעאַליטעט, פאַר וואָס מיר זיינען דיר שולדיק אַ גאַר גרויסן דאַנק, דאַרפסטו אויך איצט, אין אָט־דער עת צרה און אין אונדזערע אַלעמענס אינטערעסן, פאַרענדיקן דיין ערלעכע שליחות. ס׳איז אונדזער בקשה, בענדזשאַמין, אַז דו זאָלסט אַראָפּפאָרן קיין סאַקראַמענטאָ און אָנקלאַפּן אין די ריכטיקע טירן, ווי דו האָסט עס פריער געטאָן, און אויסגעפינען די עיקר סיבה פון דער אומ־פאַרגעבלעכער פאַרשפּעטיקונג פון דעם אַריינפלוס פון וואַסער אין דעם קאַנאַל. דערקלער זיי, בענדזשאַמין, אַז נאָר אַ באַלדיקער צופלוס פון וואַסער אויף אונדזערע פעלדער וועט נאָך אפשר טיילווייז געלינגען אָפּצוראַטעווען דעם האַיאַריקן מאָגערן שניט...

בענדזשאַמין סוראַטאַ האָט זיך אָפּגעזאָמט אין סאַקראַמענטאָ אַ פּאָר טעג און איז צוריקגעקומען מיט אַ בשורה טובה פאַר זיינע שכנים פון טאָל: מען האָט אים דאָרטן פאַרזיכערט, אַז אָן שום ספק וועט אין אַ דריי־פיר טעג אַרום שוין פליסן אַ לעבעדיקער שטראָם אין די בייטן פון זייערע פעלדער.

אָט־די גוטע הבטחה איז אויפגענומען געוואָרן מיט ניט וויניק פרייד

פון די פאַרמערס. אויך דעם דאָזיקן אויפטו האָבן זיי צוגעשריבן צו „ביג בענ׳ס" פאַרדינסטפולער שליחות.

אײן טאָג, איידער דאָס וואַסער האָט שוין געזאָלט אַריינשטראָמען אין קאַנאַל, איז אַ שנעלער ספּעציעלער שליח, אַ „רייטערל", געקומען אויף בענדזשאַמינס פאַרם און איבערגעגעבן אים די אָפיציעלע ידיעה, אַז מאָרגן באַגינען וועט מען עפענען די שליוזן און קראַנען פון דער גרויסער הויפּט־דאַמבע, אַזוי אַז די פאַרמערס אין „טאָל" קענען זיך מאַכן גרייט אויפצונעמען דאָס וואַסער, ווען ס׳וועט קומען צו די גרענעצן פון זייער לאַנד.

בען האָט תיכף איבערגעגעבן די דערפרייענדיקע בשורה צו זיין נאָענטן שכן, פּיט אַשבורן. אָט־די עלעקטריזירנדיקע ממשותדיקע נייעס האָט אַרומגעכאַפּט אַלעמען אין טאָל מיט אַן אומבאַגרענעצטער פרייד און פייערלעך געפיל...

***

פּיט אַשבורן, אַן איינגעוואָרצלטער אויף דעם באָדן, אַ זון פון אַ פאַרמער־פּיאָנער; אַ הי־געבוירענער, אַ קאַליפאָרניער, וואָס אַזעלכן רופט מען דאָ עד היום מיט שטאָלץ: אַ „נייטיוו סאַן", האָט ניט נאָר גע׳ירשנ׳ט פון טאַטן זיינעם, דריי הונדערט און צוואַנציק אַקער לאַנד, נייערט אויך זיין פרומקייט און רעליגיעזע גלויביקייט. פּיט׳ס פאָטער האָט זיך באַזעצט דאָ אין טאָל, תיכף נאָך דעם „גאָלד־ראַש". ער איז נישט געווען פון די דאַמאָלסדיקע „גאָלד־יעגער." ער איז געווען פון די ניט ווייניק ערלעכע, האָרעפּאַשנע, נאַטור־ליבנדע, צו ערד צוגעבונדענע, געזונטע נאַטור־מענטשן. אַזעלכע וואָס האָבן דאַן מיטן שטראָם געצויגן זיך צום ווילדן מערב, צום נייעם, פּיל צוזאָגנדיקן און פרוכטיקן לאַנד. דאָ, אויף דער קאַליפאָרניער ערד, האָבן זיי זיך באַזעצט, איינגעוואָרצלט זיך און ממשיך געווען די ערד־אַרבעט, וואָס איז איבערגעגאַנגען צו זיי בירושה פון דורות, און וואָס איז געבליבן שטאַרק איינגעוועבט אין זייער פלייש און בלוט...

פּיט אַשבורנס פאָטער איז געווען אָט פון יענעם נאַטור־געזונטן, אַרבעטסווילינקן און שאַפנדיקן מענטשן. געקומען איז ער דאַן אַהערצו. מיט אַ סך אַנדערע ווי ער, אין יענער שטורעמדיקער עפּאָכע, אין 1848, ווען דאָס לאַנד דאָ, אין דעם טייל, האָט זיך נאָך געפונען אין דעם פּראָצעס פון באַשאַפונג און עטאַבלירונג. געקומען איז ער אין אַ וועלט אַ נייער,

פול מיט ראָמאַנטישקייט און אַוואַנטורעס. אַ געמיש פון מענטשן פון פאַר־שידענעם כאַראַקטער און קאַליבער; מענטשן אַזעלכע פאַרהאַרטעוועטע און בראַווע, אַזעלכע ווילד־פּרימיטיווע, אָבער אויך ערלעך מוטיקע און אָן מורא. אָט אין יענער שטורעם און דראַנג עפּאָכע, און פון יענער אַנגעלאָפּענער, פאַרשידנאַרטיקער און געמישטער שטיק מענטשהייט, אַ דאַנק וועמענס כוח און אומבאַגרעניצטער ענערגיע ס'האָט אויפגעבליט אָט־די פרוכטבאַרע מערבדיקע קעניגרייך, איז פּיט אַשבוירנס פאָטער, דאַן נאָך אַ יונגערמאַן, געווען איינער פון די אַקטיווסטע פּיאָנערן.

פּיט אַשבוירן איז געווען אַ זון פון אַזאַ פּיאָנער: געבוירן און דער־צויגן אויף קאַליפאָרניער ערד, אויף דעם פעטן באָדן פון דעם סאַקראַ־מענטאָ טאָל; מיטגעוואַקסן און מיטגעלעבט מיט דעם גאַנצן שאַפנדיקן פּראָצעס פון דער נייער וועלט, האָט ער פאַרהערלעכט דעם פּיאָנער, דעם מאַן פון אַרבעט. פּיט האָבן בכן זייער באַוואונדערט בענדזשאַמינען פאַר זיין אומבאַגרעניצטן ווילן און ענערגיע, און בעיקר — זיין גרויסע ליבע צו דער נאַטור, צו ערד און צו מענטשן...

פּיט איז געווען אַ רעליגיעז־פּאָעטישע נאַטור. אין אַלץ האָט ער געזען די יצירה פון בורא און די השגחה. צו דער געלעגנהייט פון דעם גרויסן פייערלעכן יום־טוב — דער יום־טוב פון וואַסער — האָט ער פאַר־טראַכט, אַז אַזאַ דערוואַרטונג קאָן מען נישט סתם אַזוי פאַרבייגיין אָן פייערלעכקייט. די פאַרמערס פון טאָל, האָט ער געפילט, דאַרפן ווי אין אַ מאַרשירנדיקער פּראָצעסיע אַרויסגיין באַגעגענען אָט־דעם לאַנג־דערוואַרטעטן און זייער אַנגעלייגטן גאַסט...

ער האָט צוזאַמענגערופן די שכנהשאַפט: די מענער, פרויען און יונג־וואַרג, אַלע זאָלן זיך צוזאַמענקומען צו „ביג בען" אויף זיין פאַרם. פון דאָרטן וועט די פּראָצעסיע אַ ריר טאָן זיך אין וועג, באַגעגענען דעם לאַנג־דערוואַרטעטן וואַסער־שטראָם.

מיטן קאַיאָר האָט די גאַנצע שכנהשאַפט געצויגן זיך צו דער פאַרם פון „ביג בען". פון דאָרט האָט די קליינע עדה פאַרמערס, מיט פּיט אַש־בוירן און „ביג בען" אין דער ערשטער ריי, און „באַוואָפנט" ווער מיט גראַבליעס, ווער מיט לאָפּעטעס, אויך קלימעקלעך אויף די אַקסלען פאַר צדה־לדרך, האָט די פּראָצעסיע אַ ריר געטאָן זיך פאַראויס.

מוטיק און מיט אַ פריילעך געזאַנג האָבן זיי מאַרשירט פאַזע דעם גרוי צעמענטענעם קאַנאַל, וואָס האָט געצויגן זיך מיילן ווייט, דורכ־

שניידנדיק פלאַכע בערגלעך און קליינע גראָבנס. ס'האָט זיך געשטעלט אַ זוניקער פרימאָרגן. די זון איז אַרויסגעקומען אַ העל־פייערדיקע פון אַריבער די בערג אין מזרח זייט. גייענדיק האָבן די מאַרשירער זייערע אויגן געריכטעט פאָראויס, פון וואַנען דער וואַסער־שטראָם וועט אָנקומען.

מיטאַמאָל האָט איינער פון דער פראָצעסיע דערזען פון אַ בערגיקער הויך, פאַראַלעל מיט דעם קאַנאַל, אַ לענגלעכן זילבערנעם וואַסער־שטראָם, וואָס האָט שעמערירט און געשפּיגלט זיך אַנטקעגן די שטראַלן פון דער פרימאָרגנדיקער זון. איינער האָט איבערגעגעבן דעם צווייטן, אַנדערע פון די גייער, כדי בעסער צו קאָנען זען דעם שטראָם, האָבן מיט די הענט געמאַכט ווי אַ דעכעלע איבער די אויגן, צו פאַרשטעלן די שטרענגע, שאַרפע שטראַלן פון דער זון.

אַ ווילדע באַגייסטערונג האָט אין דעם מאָמענט אַלעמען באַהערשט, ווען די גאַנצע מאַרשירנדיקע עדה האָט שוין פון ווייטנס דערזען אָט־דעם דינעם, אַנטקעגן דער זון שעמערירנדיקן, וואַסער־שטראָם. אַ גרויס מעכטיק אויסגעשריי האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעריסן ביי דער גאַנצער עדה, וואָס האָט אָפּגעהילכט ווייט און ברייט איבער דעם גאַנצן, גרויסן, פוסטן אַרום פון דעם מדבר:

— וואַסער! וואַסער! וואַסער!!!

מיט נאָך אַ מוטיקערן געזאַנג און שנעלערן טעמפּאָ האָט די פראָצעסיע געשפּאַנט אַנטקעגן דעם אַנלויפנדיקן וואַסער־שטראָם. די עדה איז נישט מיד געוואָרן גייענדיק באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ. אָט האָט זיך דער וואַסער־שטראָם אין די הויכקייטן פון קאַנאַל באַוויזן, און אָט האָבן זיי אים אין די נידעריקייטן פון אויג פאַרלאָרן. זיי האָבן שוין אָבער אַלע געפילט, אַז דאָס וואַסער קומט אָן וואָס אַמאָל נענטער און נענטער. אַנדערע האָבן אפילו אָנגעשטרענגט זייער געהער, צוגעלייגט אָן אויער צו דער ערד און שוין געהערט אַ שטילן גערויש פון דעם לויפנדיקן שטראָם. זיי זיינען געווען איצט איבערפולט מיט אַ פריידיקער דערוואַרטונג.

מיטאַמאָל איז דער וואַסער־שטראָם מיט אַ שטאַרקער קראַפט אָנגעלאָפן, און די וואָס זיינען געווען אין דעם קאַנאַל, האָט דאָס וואַסער אַרומגענומען מיט אַ קילער פרישקייט.

זיי זיינען שטיין געבליבן אין דעם נאָך ניט טיפן וואַסער, און ווי רעליגיעז גלויביקע האָבן זיי געפילט אין דעם מאָמענט ווי זיך צו טובלען אין אָט־דעם צו זיי הייליקן וואַסער.

„ביג בען" און פּיט אַשבורן זיינען געווען פון די ערשטע אויפצו־וואַכן פון דער אויפגערוימטקייט און עקסטאַז. רירנד, מיט געזאַנג אין זיין שטים, האָט פּיט אַשבורנס תּפילה זיך געטראָגן צום לאַנד און וואַסער.

— מיר קערן זיך אום צו דיר, ערד, אונדזער ערד, מיט פרייד און געזאַנג. מיר ברענגען מיט זיך דאָס טייערסטע אין וואָס דו נויטיקסט זיך אַזוי שטאַרק. מיר קומען צו דיר מיט דעם הייליקן וואַסער־שטראָם, צו שטילן דיין דורשט און דערקוויקן דיין טראַכט...

— מיר וועלן שוין מער ניט זיין געצוואונגען יעדן טראָפּן וואַסער צו שפּאָרן. אונדזערע פּי און רינדער וועלן טרינקען פון דעם וואַסער־שטראָם ביז צו זעט. און ווען אונדזערע פעלדער וועלן דערפילן די נאָענט־קייט פון פריש וואַסער, וועלן די קלענסטע וואָרצלען זיך טיפער ציען אין דער ערד, אוןביימער וועלן וואַקסן, וואָס דאָס לאַנד האָט נאָך קיינמאָל דאָ ניט געזען, און כלערליי פלאַנצן וועלן זיך דאָ באַווייזן אָן אַ שיעור, ביי דער מינדסטער באַהעפטונג פון וואַסער מיט אונדזער גאָט־געבענטש־טער ערד...

— אונדזער לאַנד וועט באַדעקט ווערן מיט הויכע גראָזן און געזונ־טער פּאַשע. און דער שניט פון אונדזערע פעלדער וועט זיין אַ געראָטענער, ווי אין אַלע פּרוכטבאַרע און שפעדיקע לענדער...

ווען פּיט אַשבורן האָט פאַרענדיקט זיין תּפילה, האָבן אַלע רעליגיעז שטיל אַרויסגעפּליסטערט: „אָמן"...

די פאַרמערס האָבן מיטאַמאָל דערפילט די ווירקלעכקייט אַרום זיך, און תּיכף, ווי אויפגעלייזט זיך פון דעם כמעט רעליגיעזן טראַנס, זיינען זיי ביסלעכווייז אַרויסגעקראָכן פון דעם וואַסער־קאַנאַל, און שוין מיט געאיילטע טריט געלאָזט זיך אַהיים, יעדער צו זיך אויף זיין פעלד, וואָס גיכער אָנצוזאַפּן די דורשטיקע ערד, די פאַרחלשטע וואָרצלען פון דעם טרוקענעם קאָרן, ווייץ און האָבער־זאַנגען און די האַלב־געלע, פאַר־טריקנטע אַלפאַלפאַ פעלדער.

מיט גרויס טריאומף און נצחון, מיט פריידיק געזאַנג און ליכטיקער האָפענונג, האָבן די פאַרמערס פון טאָל, קליין און גרויס, מענער און פרויען, ביז שפּעט אין דער נאַכט, ביי דער באַלייכטונג פון ברענענדיקע אויל־שטורקאַצן, מיט פלייס אָנגעטרונקען דעם טרוקענעם באָדן, יעדער אויף זיין פעלד און נחלה.

צווישן פרעמדע

פאַר דעם פּראָפעסאָר ריטשמאָנד איז דער יידישער סטודענט, סימאָר קליין, געווען עפּעס אַ פענאָמען; אַ דערשיינונג ביי אים אין קלאַס, וואָס ער האָט זעלטן ביז איצט באַגעגנט.

פאַר די פאַר צענדליק יאָר וואָס ער האַלט די פּראָפעסאָר שטעלע אין דעם אַגריקולטור דעפּאַרטמענט פון דעם בערקלי אוניווערסיטעט, האָט ער צווישן זיינע סטודענטן ניט געהאַט נאָך אַזאַ יידישן יונגנמאַן, וואָס זאָל געווען אונטערנעמען אַ שטודיום פון אַגראַר־וויסן. ער האָט געוואוסט, דער פּראָפעסאָר, אַז יידישע סטודענטן זיינען דורשטיקע לער־נער, צייכענען זיך אויס אויף אַלע געביטן פון וועלטלעכן וויסן. די אוני־ווערסיטעטן זיינען איבערפילט מיט יידישע יוגנטלעכע וואָס שטודירן: יוריספּרודענץ, אינזשעניריי, כעמיע, פילאָסאָפיע, מוזיק, און אַ סך אַנדערע ענינים. אָבער די לערע פון אַגריקולטור, ערד־אַרבעט וכדומה — אַזאַ דערשיינונג איז אים ביז איצט ניט באַקאַנט געווען. הפּנים אַז די געוויקסן אין דער פלאַנצן־וועלט האָט זיי וויניק אימפּאָנירט.

ער ווייסט זייער גוט, דער פּראָפעסאָר, אַז די יידן, צוליב כלערליי באַגרעניצונגען אויף דעם רעכט פון ערד־באַזיץ אין דער אַלטער וועלט, זיינען במשך פון זייער וואַנדער מער אורבאַניזירט געוואָרן, פאַרוואַנדלט זיך אין שטאָט־מענטשן, און האָבן ס'רוב באַשעפטיקט זיך מיט פרנסות וואָס די גרויסע שטאָט האָט אַרויסגערופן אין לעבן: אַזעלכע פרנסות ווי: קאָמערסאַנטן, פלאַקס און וואָל סוחרים, קליין און גרויס קרעמער, כלערליי אַגענטן און צענדליקע אַנדערע מאַטעריעלע און גייסטיקע פונקציעס, וואָס די ציוויליזאַציע אין די גרויסע שטעט פון יעדן לאַנד האָבן אויסגעפורעמט. דאָ, אין דעם ווייטן מערב, האָט ער זעלטן באַגעגנט יידן פון דעם פּיאָנערן טיפּ, מיט אַ ברענענדיקער תשוקה צו ערד־אַרבעט און ווירטשאַפטלעכע אַגריקולטור. און מחמת דעם טאַקע, ווען סימאָר קליין האָט אויפגענומען דעם אַגראַר־קורס אין בערקלי, און דערנאָך אויך ממשיך געווען זיין לערנען און פּראַקטיצירן אויף דער עקספּערימענטאַלער סטאַנציע אין „דעיוויס", מיט כלערליי פלאַנצן און זריעות, האָט דער פּראָפעסאָר מיט אים זיך נאָך מער פאַראינטערעסירט און איז געוואָרן צו אים זייער חבריש צוגעבונדן...

פראָפעסאָר ריטשמאָנד האָט זייער אָפּט ליב געהאַט צו שמועסן מיט דעם יידישן סטודענט, טאָקע צוליב זיין דורשטיקן לערנען, צוליב זיין חריפות און שכלדיקייט.

ביי גאָר אָפטע געלעגנהייטן פלעגט דער פראָפעסאָר, ביים מאָלצייט־טיש, מיט זיין משפחה, וואָס איז באַשטאַנען פון זיין פרוי הילדאַ און זיין איין־איינציקע שיינע טאָכטער, עדנאַ, דערציילן זיי וועגן אָט־דעם יונגן חריפותדיקן סטודענט, סימאָר קליין, וואָס לערנט ביי אים אין פאַקולטעט. ער פלעגט ניט פאַרפעלן אויסצורעכענען זיינע גוטע מעלות און גאָר באַזונדער וועגן זיין גרויסן אינטערעס און ליבע צו פאָרשן און עקספערי־מענטירן מיט כלערליי געוויקסן און פלאַנצן.

פרוי הילדאַ האָט דעם יידישן סטודענט, פון וועלכן דער פראָפעסאָר איז געווען אַזוי שטאַרק באַגייסטערט, נישט געהאַט נאָך די געלעגנהייט אים צו קענען, בעת די טאָכטער, עדנאַ, האָט אים שוין דווקא אַ סך מאָל געזען אויפן „קעמפּוס" און אפילו נאָענט באַקענט זיך מיט אים. איר, עדנאַן, איז ער זייער געפעלן געוואָרן כמעט פון ערשטן אויגנבליק, אויב ניט פאַר עפּעס אַנדערש, איז זיכער פאַר זיין שיין־גאַלאַנטער און אַטלע־טישער יונגשאַפט.

איינמאָל, ווען ס'איז גערעדט געוואָרן ביים מאָלצייט־טיש וועגן זייער עדנאַס באַלדיקן געבוירנטאָג, האָט דער פראָפעסאָר פאָרגעשלאָגן, אַז צום צעטל פון די איינגעלאַדענע געסט צו דער שמחה פון זייער טאָכטער, זאָל מען אויך אַריינגעמען זיין יונגן פריינט, דעם יידישן סטודענט — סימאָר קליין.

פרוי ריטשמאָנד איז לכתחילה געבליבן אַביסל נשתומם פון איר מאַנס פאָרשלאָג, איינצולאַדן דעם יידישן סטודענט. זי האָט אין דעם מאָמענט אַ טראַכט געטאָן: צי איז דעם פראָפעסאָרס פאָרשלאָג געקומען פון זיין אייגענעם ווילן און פאַרטראַכט, צי האָט ער מיט דעם געוואָלט זיין טאָכטער צוליב טאָן ! ? זי האָט נישט געוואָלט תיכף שלום מאַכן מיט דעם, צו איר אויסטערלישן געדאַנק וועגן אָט־דער איינלאַדונג. אפשר וועט אָט־דער סימאָר קליין זיך גאָרנישט אַריינפּאַסן אין דער געזעלשאַפט פון זייערע פריינט — די עליטע פון בערקלי און פּאַלאָ־אַלטאָ ? ער איז דאָך אַ פרעמדער, אַ ניט אייגענער! פאַר דעם רוב פון די געסט — אַן אומ־באַקאַנטער, פון אַן אַנדער גלויבן און, אַ ייד דערצו... דאָך, ווען זי האָט באַמערקט דעם ברייט־צופרידענעם שמייכל אויף דעם פראָפעסאָרס גע־

זיכט, און בעיקר דאָס שטראַלנדיק לויטער פּנים פון זייער איינציקער ליבער טאָכטער, עדנאַ, האָט זי דאָך, אָן וועלכער עס איז באַמערקונג, געגעבן איר הסכמה צו דעם פאָרשלאָג פון איר מאַן: איינצולאַדן דעם יידישן סטודענט — סימאָר קליין...

ווען סימאָר איז אָנגעקומען צו די ריטשמאָנדס אויף זייער גוט, איז ער פון זיי אויפגענומען געוואָרן זייער פריינטלעך. דאָ האָט ער שוין אויך געטראָפן דעם „דיען" פונם פאַקולטעט, וועלכער איז אים באַקאַנט געווען פון פריער. דער פּראָפעסאָר האָט אים אויך פאָרגעשטעלט פאַר אַ פּאָר הויכע באַאַמטע פון דעם אַגריקולטור דעפּאַרטמענט אין סאַקראַמענטאָ; אויך מיט אַ יונגנמאַן, דזשאָן סיימינגטאָן, אַ זון פון אַ רייכן לאַנד־באַזיצער, וועלכער וואוינט אין שכנות מיט די ריטשמאָנדס, און וועלכער האָט, אַגב, אַרויסגעוויזן ניט ווייניק אינטערעס צו עדנאַן.

אַ געזעמל פון יונג־פרויען זיינען געשטאַנען אין אַ זייט פון רחבות־דיקן סאַלאָן און שטיל צווישן זיך געשמועסט; משמעות געסודעט זיך וועגן אומבאַקאַנטן גאַסט, וואָס איז צוגעקומען צו דעם קרייז פון זייער אַזוי־גערופענער עליטע.

די יונגע פרויען האָבן צווישן זיך געשמייכלט און גלייכצייטיק דעם גאַסט באַוואונדערט. סימאָר האָט עס אינטואיטיוו דערפילט און, ס'האָט אים דווקא טיילוויז געשמייכלט. ער האָט געפילט און איז אויך געווען מיט זיך זיכער, אַז ער האָט נישט מיט וואָס זיך צו שעמען פאַר אָט־דער אַזוי־גערופענער הויכער געזעלשאַפט. מיט זיין אינטעליגענץ און וויסן וועט ער זיך זיכער מיט זיי אויסגלייכן — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. און וואָס שייך אין אויסזען — אויך אַזוי: ער טראָגט אויף זיך אַ שיינעם, טונקל־ברוין געקרויזטן קאָפּ האָר; אַ פּאָר טיפע, טונקעלע, וואַרעמע אויגן; אַ ברוין, פון זון אָפּגעברענט פּנים, איידעלע געזיכט שטריכן, אַביסל העכער פון מיטעלן וואוקס; געזונט אַטלעטיש אַנטוויקלט, נעט געקליידעט און אַ שמייכל מיט חן־גריבלעך אין די באַקן, וואָס קען ממש פאַרכישופן: אַלץ אַזעלכע אַטריבוטן, וואָס האָט אַ גאַר גרויס אָנזען אין געזעלשאַפטן פון אַזאַ כאַראַקטער און קאַליבער...

סימאָר האָט עס תיכף דערפילט, אַז זייער אויפמערק איבער אים איז אפשר דערפאַר, מחמת ער איז דאָ אַ פרעמדער, אַ ניט־אייגענער אין זייער „קלעו". ער האָט געפילט אין דעם מאָמענט, אַז זיי באַטראַכטן אים ווי עפּעס אַ ניי עקזאָטיש זעלטענע פלאַנץ, וואָס איז אַריינגעבראַכט גע־

וואָרן צו זיי פון אַנדערע מקומות. אמת, די פלאַנץ קען זיך זיין אַ שיינע, אפשר אָן פגימה און רופט אפילו אַרויס באַוואונדערונג פאַר איר שיינקייט. און כאָטש סימאָר קליין איז אין זיין האַלטונג, מאַנערן, קלאַנג און אַקצענט, ניט געווען אַנדערש פון די אַנווזנדיקע אין דער געזעלשאַפט, פונדעסט־וועגן איז ער באַטראַכט געוואָרן פון זיי אַביסל אַנדערש, מיט אַנדערע אויגן... ניט חלילה מיט אויגן פון אָפענעם פאַראורטייל פאַר דעם פרעמדן, דעם אומבאַקאַנטן; ניין, אָבער מיט אויגן פון באַזונדערן נייגער, מחמת אַנדערש — דאָס יאָ...

ווי געשטאַרקט און זיכער סימאָר קליין איז מיט זיך געווען, האָט ער דאָך, צוליב זיין שפּירעוודיקייט און סענסיטיוויטעט, דערפילט אָט־דעם ניואַנס אין דער שטימונג און אָטעם פון זייער אַלעמענס גערדאַנקען־גאַנג... און כאָטש דאָס האָט אים אַביסל געשמייכלט און אפילו פּאַראינטריגירט, האָט ער פונדעסטוועגן זיך דערפילט עטוואָס אומבאַקוועם פון אָט־דער אויף אים אַקצענטירטער אויפמערקזאַמקייט...

דער דאָזיקער געפיל און איינדרוק איז מיטאַמאָל ווי איבערגעריסן געוואָרן, ווען אין דעם דאָזיקן מאָמענט האָט די מאַדאַם ריטשמאָנד פאַר־בעטן די געסט, זיי זאָלן אַריינקומען אין עס־צימער צו דער פאָרגעבריי־טער סעודה. די פרוי ריטשמאָנד האָט איצט אַלעמען אָנגעוויזן אויף זייערע, פון פריער באַשטימטע ערטער ביים מאָלצייט־טיש, און האָט הפנים אַזוי מאַנעווירט, אַז עדנאַ, די טאָכטער אירע, זאָל זיצן צווישן דיביידע יונגע־לייט: רעכטס פון סימאָר קליין, און לינקס פון דזשאָן סיימינגטאָן, וועלכער, ווי געזאָגט, שדכנט זיך צו עדנאַן.

עדנאַ אין דערמיט צווישן ביידע בחורים, פּאָטענציעלע חתנים־קאַנדידאַטן, האָט פריידיק אַרויסגעשטראַלט ווי אַ ליכטיק־לויטער גע־שטאַלט, און ווי זי וואָלט געפרעגט ביי די געסט אַרום טיש זיצנדיקע:

— נו, וואָס דענקט איר? ווער פון די צוויי בחורים ביי מיין זייט איז דער בעסטער, דער שענסטער און פּאַסיקסטער פאַר מיר שידוך?...

די גרויסע סעודה האָט זיך אָנגעהויבן, געסערווירט פון דער דינער־שאַפט, מיט די בעסטע מאכלים און פיינסטע געטראַנקען. די געסט זיינען געוואָרן פריילעכער און די צונגען לויזער. מיינונגען זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן וועגן פּאָליטיק, וועגן די קומענדיקע וואַלן פאַר אַ פּרעזידענט פון לאַנד, אויך וועגן דער וואַקסנדיקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין

קאַליפאָרניע צו יענער צייט, און וועגן דער גרויסער סטרייק־כוואַליע אין דער דאָן גאָר יונג אַנטוויקלטער אינדוסטריע.

אין שייכות מיט די סטרייקס האָט מען אויך דערמאָנט אַן אַנגעווייטיקטן ענין, וואָס איז נאָך פריש פאַרבליבן אין זכרון ביי אַ סך קאַליפאָרניער, מיט ניט ווייניק פאַרביטערונג: דער אופרייס מיט דינאַמיט פון דער „לאָס אַנגעלעסער טיימס." אָט־דער טאַט, בשעתו, האָט אויפגערודערט ניט נאָר די קאַליפאָרניער, נייערט דאָס גאַנצע לאַנד. באַשולדיקט אין דעם פאַרברעך האָט מען די ברידער מעקנאַמאַראַ, צוויי טיכטיקע יוניאָן־לייט; און קלאַרענס דאַראָו, דער באַרימטער ליבעראַלער יוריסט פון שיקאַגאָ, איז ספּעציעל אַרונטערגעקומען קיין קאַליפאָרניע, פאַר זייער פאַרטיידיקונג. אָט־דער ענין איז געווען אַן אַנרעגנדיקער פאַר כלערליי וויכוחים אין די רוב געזעלשאַפטן און צוזאַמענקומען צו יענער צייט. פאַרשטייט זיך, אַז אויך דאָ, איז דער, מיט דינאַמיט אַנגעלאָדענער ענין, ניט דורכגעלאָזן געוואָרן.

סימאָר האָט כמעט ווי ניט גענומען קיין אַנטייל אין אָט־דעם שמועס; אים האָט דער ענין ניט איבעריק שטאַרק אינטערעסירט. ס'איז ניט זיין פעלד, האָט ער געטראַכט, איז בעסער גאָר אויסמיידן אָט־דעם גליטשיקן פּאָליטישן ענין. אָבער ווען איינער, אַ שטאַט־באַאַמטער פון סאַקראַמענטאָ האָט זיך צו אים אַ ווענד געטאָן:

— און וואָס דענקט איר, מר. קליין, וועלן די סאָציאַליסטן טאַקע געווינען אין די באַלדיקע קאַליפאָרניער וואַלן ? . . .

פאַר סימאָרן איז די פראַגע געווען אַן אומדערוואַרטעטע, און נישט ווילנדיק איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער דיסקוסיע, און שוין נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי נאָר צו ענטפערן.

— איך האַלט — האָט סימאָר געלאָסן אים געענטפערט — אַז דער גאַנצער טומל וועגן דער אַזוי געדרופענער סאָציאַליסטישער געפאַר, איז אַן אויפגעבלאָזענער. עס איז בלויז אַן איבערגאַנגס־פעריאָד אַזאָ, און כ'וועט באַלד אריבער און פאַרגעסן ווערן. וואָס שייך מיר פערזענלעך, אינטערעסירט דער ענין זייער ווייניק. מיין פעלד, ווי איר ווייסט, איז אַגריקולטור און די אַנטוויקלונג פון כלערליי פלאַנצן, און ניט קיין פּאָליטיק...

דאָ האָט דער יונגער סיימינגטאָן אויסגענוצט די געלעגנהייט אַריינצוזאָגן עפּעס זיין „קאָנקורענט" מיט אַ וואָרט, עס זאָל אים אַ שטאָך טאָן,

— ווי קומט עס, מר. קליין, וואָס אייך אינטערעסירט נישט דער ענין?

מיר דאַכט, אַז דער רוב פון „אייערע" זיינען אָנהענגער און פירער פון דער ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישער באַוועגונג דאָ אין לאַנד ?...

אַלע אַרום טיש זיצנדיקע זיינען אַביסל שאָקירט געוואָרן פון דעם לעצטנס שאַרפער באַמערקונג, אַקצענטירט אויף דעם וואָרט „אייערע". זיי האָבן געוואָרפן זייערע בליקן, אָט אויף סיימינגטאָנען, אָט אויף קליינען. דערוואַרטנדיק עפּעס אַ פאַרמעסט צווישןביידע יונגעלייט, און זיי זיינען געזעסן געשפּאַנט צו הערן וואָס דער גאַסט, סימאָר קליין, וועט אים אויף דעם ענטפערן.

סימאָר האָט לכתחילה זיך אַביסל פאַרלאָרן, מחמת שאָקירט ווערנ־דיק פון סיימינגטאָנס פלוצימדיקע באַמערקונג אויפן חשבון פון יידן. אַזאַ באַמערקונג האָט ער אַמוויניקסטנס דערוואַרט צו הערן אין דער געזעל־שאַפט. ער האָט זיך אָבער באַלד באַהערשט און, נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת האָט ער געענטפערט, מער צו די אַרום־זיצנדיקע ווי צו זיין אָנגרייפער:

— דער הער סיימינגטאָן איז אַבסאָלוט אומגערעכט אין זיין באַ־הויפּטונג. איך האַלט, אַז די וועלכע האָבן נישט קיין פאָראורטייל קעגן אַנאַנדער ראַסע אָדער מינדערהייט, האָבן מכוח דעם ענין גאָר אַנאַנדער מיינונג. און לאָזט מיר אייך זאָגן, אַגב, און איר ווייסט דאָס אויך, אַז די פירער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג דאָ ביי אונדז אין שטאַט, זיינען דווקא נישט קיין יידן. הגם איך האַלט עס נישט פאַר קיין עוולה ווען זיי וואָלטן עס יאָ געווען... זיי, די קאַליפאָרניער סאָציאַליסטן, זיינען דווקא פון די סאַמאַראָדנע אייניקלעך, וואָס זיינען געקומען אַהער אין לאַנד מיט דער „מעיפלאַוער"...

סימאָרס ענטפער איז געווען צום פונקט און טרעפלעך, און מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט דעם אומגעריכטן שטורעם, וואָס דער סיימינגטאָן האָט אַזוי פלוצלינג אַריינגעטראָגן. כאָטש צומאָל איז עס געווען פאַרשטענדלעך, ווארום און פאַרוואָס...

נאָך דער סעודה זיינען די געסט זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אין פאַר־שיידענע ווינקלען פון דער סאַליע, און אויף דער גרויסער וואַרענדע פון הויז, וואָס איז איצט געווען איינגעהילט אין אַ געדיכט באַבלעטערטע און פיאָלעט־באַבלומטע „וויסטאַריע". דער אַראָמאַט פון דער וויסטאַריע, פון דעם „האָני־סאַקל" און פון דער קאַליפאָרניער מאַגנאָליע, האָבן מיט זייער שטאַרקן אַראָמאַט און בלומען־דופט אַלעמען באַרוישט און ממש פאַרשיכורט.

אַ טייל פון די געסט האָבן צעשפּרייט זיך איבער דעם גרויסן גאָרטן. עדנאַ האָט אַ נעם געטאָן סימאָרן אונטערן אָרעם און אַוועקגעשפּאַצירט מיט אים אין דער טיפקייט פון גאָרטן. סימאָרס שטימונג איז געווען אַביסל אַ געדריקטע, צוליב דער אומסימפּאַטישער באַמערקונג פון דעם יונגן סיימינגטאָן ביים טיש, אויפן אַדרעס פון יידן. עדנאַ האָט תיכף דער־שפּירט און געזוכט אים צו באַרואיקן:

נעם נישט קיין אַכט פון אָט־דעם סיימינגטאָן, מיין טייערער, ער איז אַ ווילדער אומקולטיווירטער „סנאָב".

שפּאַצירנדיק האָבן זיי געשמועסט צווישן זיך וועגן מוזיק און ליטע־ראַטור, און ביי דער געלעגנהייט האָט זי אים באַדאַנקט פאַר דער שיינער מתנה וואָס ער האָט צוגעשיקט פאַר איר געבוירנטאָג.

— די צוויי ביכער וואָס דו האָסט מיר געגעבן: „ברעט האַרט" און „וואָלט וויטמאַן", איז מיי מיר זייער און זייער אָנגעלייגט. ברעט האַרט! — האָט זי מיט באַגייסטערונג אויסגערופן — דער פּריסטער קאַליפאָר־ניער דערציילער פון דער פּיאָנערן־עפּאָכע. און וואָלט וויטמאַן! ער איז דאָך מיין ליבלינג — האָט זי מיט ליבשאַפט גערעדט וועגן אים — כאָטש מ'קען אים שוין צורעכענען צווישן אונדזערע אַמעריקאַנער קלאַסיקער, איז אָבער זיין דיכטונג און מעטער עכט מאָדערניסטיש; ער האָט אפילו אַ סך משפּיע געווען אויף אונדזערע סאַמע יונגסטע דיכטער.

— גערעכט, ליבע עדנאַ, כ'בין מיט דיר אינגאַנצן מסכים וועגן דעם — האָט סימאָר צוגעגעבן, און איז געווען צופרידן פון איר באַהאַוונטקייט און אינטערעס אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור.

דער אָוונט איז מיטאַמאָל צוגעפאַלן און אַ קיל, דעמפּ ווינטל האָט זיך געטראָגן פון דעם „בעי". די געסט זיינען זיך ווידער צוזאַמענגעקומען אין דעם רחבותדיקן סאַלאָן פון די ריטשמאָנדס. עס זיינען צוגעקומען נאָך אַ צאָל געסט, און מע האָט שוין דעם גאַנצן אָוונט פאַרבראַכט אין אַן עכט אינטעלעקטועלער אַטמאָספערע.

שפּעט אין אָוונט האָבן די געסט אָנגעהויבן פאַרלאָזן די ריטשמאָנדס. סימאָרן האָבן די ריטשמאָנדס פאַרבעטן צו בלייבן דאָ נעכטיקן:

— מאָרגן וועלן מיר אַרויסרייטן צום „כרמל־ביים־ים". דאָרטן איז פאַראַן אַ קאָלאָניע פון קינסטלער, שרייבער, דיכטער און מאָלער. ס'וועט זיין פאַר דיר אינטערעסאַנט מיט זיי זיך צו באַקענען. סימאָר האָט די

איינלאַדונג אָנגענומען. ווינשנדיק די ריטשמאַנדס אַ גוטע נאַכט, איז ער אַרויף צום גאַסט־צימער איבערשלאָפן די נאַכט.

דאָס הויז איז געווען איינגעהילט אין טיף־נאַכטיקער שטילקייט. סימאָר האָט בשום אופן נישט געקענט איינשלאָפן. אים האָט זיך געפּלאָנ־טערט אין מוח כלערליי מחשבות און געדאַנקען: די געסט פון דעם אָוונט; די דיסקוסיע ביים טיש; סיימינגטאָנס באַמערקונג אויף זיין יידישער אָנגעהעריקייט, און בעיקר האָט אים אַרומגענומען אַ ספקות אין שייכות צו עדנאַן. ער פילט, אַז ער ווערט וואָס אַמאָל מער היינגעריסן פון איר געשטאַלט און פּערזענלעכקייט; ער ווייסט אויך, אַז זי איז צו אים ניט גאָר גלייכגילטיק. אויך דער פּראָפעסאָר וואָלט ניט געהאַט אויסצוזעצן קעגן אַ מעגלעכן שידוך צווישן זייביידן. ער ווייסט אויך, אַז אויפריכ־טיקע ליבע שטעלט זיך ניט אָפּ פאַר אַזעלכע מניעות אָדער באַריערן ווי רעליגיע, ראַסע אָדער מצב. דאָך פילט ער, אַז דער דרוק פון זייער געזעל־שאַפט און סביבה וועט כסדר זיין ווי אַ האַרבע מחיצה צווישן אים און זיי. ער האָט עס היינט אָוונט געפילט אויף זיך. סיימינגטאָן האָט בלויז צע־בלאָזן דעם פונק וואָס האָט שטיל געטליעט ביי זיי... מיט אָט־די ספקות האָט ער זיך געראַנגלט כמעט די גאַנצע נאַכט און ממש ניט צוגעמאַכט קיין אויג. ערשט ווען ס'האָט אָנגעהויבן שאַריען אויף טאָג איז ער קוים איינגעשלאָפן.

ווען סימאָר האָט אין שפּעטן פרימאָרגן אויפגעכאַפּט זיך, און איז אַרונטערגעקומען, האָט עדנאַ שוין אויף אים געוואַרט מיטן אָנבייסן. אין דרויסן ביים הויז האָבן שוין געוואַרט אויף זיי צוויי אָנגעזאָטלטע „רייטערלעך" צום אַרויספאָר.

סימאָר און עדנאַ זיינען געריטן זייט ביי זייט און כמעט ווי געשוויגן.ביידע זיינען געווען פאַרגאַפט און שטיל באַוואונדערט די שיינקייט פון דער נאַטור און דעם שטיל־מילדן זוניקן פרימאָרגן. עדנאַ האָט מיטאַמאָל איבערגעריסן די שטילקייט. זי האָט שטיפעריש אַ שפּור געטאָן איר „רייטערל" און האָט שמייכלענדיק, גאַלאָפּירנדיק איבערגעלאָזט סימאָרן הינטער זיך. סימאָר האָט מיט אימפּעט אַ יאָג געטאָן נאָך איר. ער האָט זיך תיכף מיט איר אויסגעגלייכט אין געלאָף, און זיי זיינען ווידער געריטן זייט־ביי־זייט. זיי האָבן זיך איצט איבערגעוואָרפן מיט רייד, און באַוואונ־דערט די נאַטור־שיינקייט אַרום, און די ריזיקע גיגאַנטישעביימער אין דעם געדיכטן וואַלד, וועלכן זיי האָבן איצט דורכגעשניטן.

— ביימער זיינען ווי מענטשן, פאַרשידן — האָט סימאָר האַלב פילאָזאָפיש באַמערקט — און מיר דאָ, אין אָט־דעם געדיכטן גרויסן וואַלד, זיינען ווי מילבן אין אָט־דעם קאָלאָסאַלן גרויס־פּאַרנעמיקן אַרום...

דער וועג איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך שיינער און אין די אַלייען, צווישן די הויכע סאָסנעס, האָבן זיי זיך געטראָגן אויף זייערע „רייטער־לעך", ווי אַ גאָט־געבענטשט פּאָר. די זון האָט ערלעך געשיינט און גע־וואָרפן אירע שאָטן און ליכט־שטראַלן אויף דעם געדיכט באַבוימערטן און באַבלעטערטן וואַלד, וועלכער איז געווען אי יונג אי אַלט און טיף מיסטעריעז. דער ריטם פון די פערדס גאַלאָפּ און דאָס פייגל־געזאַנג איז געוואָרן איינס, ווי אַ טייל פון דעם גאַנצן באַצויבערנדיקן אַרום...

זיי האָבן זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט ביים סוף פון אַ געדיכט יונג וועלדל, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט אַ לויפנדיקן ניט ברייטן טייך. אַלץ איז דאָ געווען אַזוי שטיל אידיליש, נאַטור־רייך און קאַלירפול. זיי האָבן צוגעבונדן זייערע פערדלעך צו אַ בוים און זיינען האַנט־אין־האַנט צוגעקומען צום טייך. דאָ האָבן זיי דערזען אַ וואונדערלעכע פּאַנאָראַמע: די זון האָט מוטערלעך געטריי געוואָרעמט, באַליכטיקט און באַשטראַלט די בערג, די ברייט־רחבות'דיקע גרינע לאָנקע און באַזילבערט די שטילע כוואַליעס פון דעם לויפנדיקן טייך. נעבן די פוס־בערגלעך, אויף אַ גרי־נער פּלאַך, האָט זיך געפּיטערט אַ סטאַדע שאָף און אַן איינזאַמער פּאַס־טוכל, באַגלייט פון אַ גרויסן הונט, האָט נאָכגעפּאַלגט די סטאַדע. די גאַנצע אַרומיקע פּאַנאָראַמע איז געווען דאָ ווי אַ שטיק אידיליש „שטיל־לעבן", געמאָלן פון אַ קינסטלער־האַנט.

— זעסט, עדנאַ, די גאַנצע שיינע נאַטור־רייכע פּאַנאָראַמע דערמאַנט מיר אין וואַן־גאָגס בילדלעכע נאַטור־שאַפונגען. אָט האָסטו פאַר זיך אַ וואונדערלעכע קאָלעקציע פון כלערליי נאַטור־שיינקייטן, קאָנצענטרירט אין איין שטח. דאָס איז אַ שטיק „נאַטור און לעבן" פון גאָטס יצירה.

— יאָ, סימאָר — האָט אים עדנאַ אַריינגעקוקט אין זיינע מילדע, טיפע אויגן און געזאָגט: — ס'איז שיין, נאַטור־רייך און בילדלעך; מ'דאַרף אָבער זיין אַ דיכטער מיט אַ גרויסער ליבע צו דער נאַטור, ווי דו, כדי דאָס אַלץ קענען זען, אַריינגעמען עס אין זיך, און דאָס אַזוי שיין באַנעמען און דורכלעבן...

— אַ דאַנק דיר פאַר דיין אָפּנהאַרציקייט און שיינעם קאָמפּלימענט — האָט סימאָר מיט צאַרטקייט און אַ סך וואַרעמקייט געדריקט איר האַנט.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם גרינעם גראָז, און שווייגנדיק צוגעהערט זיך צום גאַנצן שטילן אַרום. דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט דאָס זשומען פון די שמעטערלינגען, דאָס צוויטשערן פון די פייגל, דאָס רוישן פון דעם פאַרביילויפנדיקן וואַסער. אין די קוסטעס אַרום זיי האָבן טעטיק געזשומעט בינען; פייגעלעך אויף די צווייגן האָבן געקושט זיך אין די שנאָבעלעך; אין גראָז אויף דער ערד האָט געשוויבלט מיט זשוקלעך און מוראַשקעס. אין דער נאַטור איז אָנגעגאַנגען דער גרויסער, אייביקער און ערלעכער פּראָצעס פון ליבע, געבורט און וואוקס. די גאַנצע נאַקעטע און רויִע נאַטור אַרום איז איצט געווען אָנגעפּליט און פאַרכאַפּט מיט עראָטישקייט און וואַרעמע תאווה'דיקע באַגערן...

זיי זיינען געזעסן אויף דעם גראָז, פאַרנומען און באַוועלטיקט מיט די זעלביקע געדאַנקען און עמאָציעס . . .

אינסטינקטיוו זיינען די שפּילעוודיקע פינגער פון זייערע הענט, וואָס האָבן די גאַנצע צייט זיך געהאַלטן און געצערטלט איינע די אַנדערע, מיטאַמאָל איינגעשלאָסן געוואָרן אין אַ שטאַרקן קראַמפּנדיקן צודריק, און אין דער זעלביקער רגע האָבן זיי זיך קערפּערלעך גענענט, איינגע־קלאַמערט געוואָרן איינס אין אַנדערן, און פאַרזיגלט זייער מיטאַמאָל אויפגעברויזטער סענסואַליטעט מיט אַ לאַנג־דויערנדיקן קוש . . .

אָט־דער אימפּולסיווער אויפברויז פון ליבע עמאָציעס האָט זיי ניט נאָר אינטים דערנענטערט, נאָר האָט אויך מיטאַמאָל באַפרייט זיי פון אַ סך פריערדיקע צוימונגען, וואָס האָט זיי אינערלעך באַהערשט. ס'האָט מיטאַמאָל געעפנט זיך פאַר זיי אַ פרייער אומגעצוימטער צוטריט פון איינעם צום צווייטן. זייערע רייד האָבן באַקומען אַ פרייען אויסגוס, און צווישן זיך זיינען זיי געוואָרן היימישער און פרייער...

ביז איצט האָט סימאָר און עדנאַ געהאַלטן זיך כמעט מיט אַ געוויסער דיסטאַנץ, ווי אַן אומזיכבאַרע האַנט וואָלט פאַרהאַלטן דאָס מויל פריי אַרויסצוזאָגן דאָס וואָס דאָס האַרץ האָט געפילט. דאָ, ביים שויס פון דער פרייער נאַטור, האָבן די צוויי יונגע, לעבעדיקע און קרעפטיקע מענטשן־קינדער, אין דער מיט פון אָט־דער גאַנצער ליבנדיקער, לעבנס־פולסירנ־דיקער נאַטור, זיינען זיי ביידע אויך דאָ געוואָרן אַ מיטווירקנדיקער טייל פון אָט־דעם פרייען, נאַטור־שעפערישן אַרום . . .

אין דער ווייטקייט האָבן די בערג־שפּיצן פון די סיעראַס נאָך גע־טראָגן אויף זיך שניי־ווייסע מיצן און די זון־שטראַלן פון דעם מיט־

פרילינג טאָג האָבן געליכטיקט זייערע הויכקייטן מיט אַ בלענדנדיקער גאָלדיק־זילבערדיקייט...

די צוויי „רייטערלעך" זייערע, צוגעבונדענע צום בוים, האָבן שפּי־לעוודיק געביסן איינער דעם צווייטנס גריוועס. אויך זיי האָבן אַנטייל גענומען אין דער שפּיל פון דער נאַטור. פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט זייער הירזשען און אומרואיק קלאַפּן מיט די קאָפּיטעס אויף דער ערד און דאָס שורשען פון די בלעטער און קוסטעס אַרום זיי, ווי זיי וואָלטן גערופן צו זיך, זייערע באַזיצער, די רייטערס...

די אומרואיקייט פון די פערדלעך האָט זיי ביידן ווי אויפגעוועקט, געבראַכט זיי צו זיך.

סימאָר האָט זיך אויפגעהויבן פון גראָז, געבליבן שטיין, אַראָפּ־קוקנדיק אויף עדנאַן מיט ליבשאַפט און באַוואונדערונג. זי איז געלעגן אויפן גראָז אַזאַ פריידיק־שטראַלנדיקע. ער האָט מיט אַ פריידיקן שמייכל אויסגעשטרעקט זיינע הענט צו איר, און אויפהויבנדיק זי, האָט ער איר איינגעשלאָסן אין זיינע שטאַרקע אָרעמס. געאַרעמט זיינען זיי ביידע צוגעקומען צו זייערע „רייטערלעך."

ווי אַ געליבטע כלה, ווען דער חתן, גלייך נאָך דער חתונה, טראָגט זי אַריבער די שוועל פון זייער נייער היים, אַזוי האָט סימאָר מיטאַמאָל אַ נעם געטאָן עדנאַן אויף זיינע הענט און צערטלעך, ריטערלעך אַרויפ־געזעצט זי אויף דעם זאָטל פון איר פערדל, און דערנאָך פלינק אַרויפ־געכאַפּט זיך אויף זיין רייט־פערדל. אַ ריר געטאָן זיך פון אָרט, האָבן זיי ביידע, ווי זאָרגלאָזע נאַטור־קינדער, פריילעך אויסגעשריגן צום גאַנצן באַוואַלדערטן אַרום: — אַ ד י אָ ! אַ ד י אָ !

אַזוי האָבן זיי זיך עקזאַלטירנדיק געזעגנט מיט דעם הערלעך, נאַטור באַצויבערנדיקן ווינקל, וואו דאָס סודותדיק וועלדל, דאָס לויפנדיק וואַסער, דאָס ליכט און שאָטן פון באַרג און טאָל; און אין ווייטן דיסטאַנץ די שניי־באַדעקטע און זון־באַשטראַלטע באַרג־שפּיצן זיינען געווען היילי־קע און שטומע עדות פון דער געבענטשטער פאַראייניקטער פּאָר...

אויף אייגענער ערד

ברוך פעלדמאַן האָט געהאַט זיין קראָם פון אַלטוואַרג, צווישן אַ צאָל אַנדערע קראָמען פון דעם מין, אין דעם מזרח־טייל פון לאָס אַנדזשעלעס, אויף פינפטער גאַס. די קרעמער פון אָט־דער גאַס האָבן ס'רוב דאָ געהאַנדלט מיט אַלטע מאַנצבילשע קליידער, גענוצטע שיך, קאַפּעלושן און היטלען, גענוצטע האַנט־געציי, צווייט־האַנטיקע זייגערלעך און כלערליי גענוצטע חפצים און מכשירים.

אויף דער „גאַס" און אַרום האָבן געלעבט ס'רוב די אָרימע פון די אָרימסטע, די פאַרגעסענע, אַנטוישטע און פאַרוואָרלאָזטע. ווי נאָר אַזעל־כער פון אָט־די פאַרשוינען פלעגט אַריינבאַקומען אַ פּאָר דאָלער, פלעגט ער זיי פאַרטרינקען אין די ביליקע ביר „סאַלונען", וואָס זיינען געווען דאָ אויף דער גאַס לרוב. און אַז דאָס ביסל מזומן האָט זיך אויסגעלאָזט, פלעגט אַזאַ איינער אַריינשאַרן זיך צו פעלדמאַנען אין קראָם, אָדער צו אַנאַנדערן, און „פאַרזעצן" אַמאָל אַ זייגערל אָדער אַ רינגל פון עפּעס אַ ווערט, אָדער גאָר דאָס לעצטע שטיקל געצייג זיינס, און ווידער אַריין אין אַ שכנותדיקן ביר־שענק צו דערגאַנצן זיין שיכרות.

די הייזער אויף אָט־דער גאַס און אַרום זיינען שוין ס'רוב געווען אַלטע, אָפּגערסיענע, כמעט קאָנדעמנירטע. די „גאַס" האָט אויך געהאַט אירע ביליקע האָטעלכלעך פון 25 ביז 50 סענט אַ געלעגער פאַר איבער־צונעכטיקן. צו באַגעגענען אויף אָט־דער גאַס שיכורים וואַקלענדיקע און אויך האַלב־שיכורע פרויען, מיט זייער געוויינלעכער אָפּגעלאָזנקייט, מיט די אָפּגעשמינקטע פּנימער, וואָס שרייט אַרויס פון זיי זייער בידנער מצב און די אַזוי־גערופענע „פּראָפעסיע" זייערע, איז כלל ניט געווען קיין זעלטנקייט... דאָס איז די „אָפּפאַל־גאַס", אָדער אונטערן נאָמען „סקידראָ", וואָס געפינט זיך כמעט אין יעדער גרויסער שטאָט פון אונדזער צעשפּרייטער אַמעריקע.

אין אָט־דער דעגענערירטער גאַס אַטמאָספערע און סביבה האָט ברוך פעלדמאַן, דער העלד פון דער סיפור המעשה, צוזאַמען מיט זיין פרוי לאה און צוויי קליינע יינגלעך זייערע, געוואוינט אין אַ פּאָר אָפּגעצאַמטע צימערן פון הינטער דער קראָם.

פעלדמאַן, אַ ייד אין אַנהויב פערציקער, אַ געזונטער, אַ ברייט־פלייציקער, פון מיטעלן וואוקס, מיט קרעפטיקע מוסקולן־הענט צום אַרבעטן, האָט גיכער געפּאַסט אים צו זיין אַ פאַרמער, אַן ערד־אַרבעטער, ווי צו שטיין אין אַ קראָם פון אַלטוואַרג. נו, איז ער טאַקע זייער נישט צופרידן געווען פון אַט־דער פרנסה און קרעמעריי און וואָס זי איז אים שוין מוראדיק געוואָרן דערווידער. האָט ער דעריבער טאַקע געחלומט צו ווערן ווען עס איז אַ פאַרמער, אַן ערד־אַרבעטער, זיין נאָענט ביי דער נאַטור, האָבן אַן אייגענע באַלעבאַטישע ווירטשאַפט; באַאַרבעטן זיין אייגן פעלד און לעבן פון זיין אייגענער פּראָדוקטיווער אַרבעט.

דער „בזעת אפיך תאכל לחם“—מיט דעם שוויס פון דיין פנים זאָלסטו דיין ברויט עסן—איז געוואָרן זיין אידעאַל און שטרעבונג. אויב ער זיצט נאָך לעת־עתה אין אַט־דער קראָם פון שמוץ און אַלטוואַרג, איז עס נאָר דערפאַר, מחמת ער וואַרט אויף דער צייט, ווען ער וועט שוין האָבן אָנגעקליבן עטלעכע הונדערט דאָלער, כדי ביכולת זיין צו קויפן פאַר זיך אַ שטיק לאַנד מיט אַן אייגענער נחלה.

ווען פעלדמאַן האָט ענדלעך שוין אָפּגעשפּאָרט זיינע עטלעכע הונדערט דאָלער, האָט ער ניט נאָר ערנסט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן דעם, נייערט אויך גאָר אַ סך צו ריידן וועגן דעם. און וועגן וואָס מען זאָל מיט אים ניט געווען ריידן, איז ער תמיד אויף דעם ענין „ערד“ אַרויפגעקומען. ווי אַ שטאַרק דאַרשטיקער וועט ניט אויפהערן צו אימאַגענירן און רק ריידן וועגן וואַסער; אָדער ווי אַ פאַרליבטער וועט נאָר טראַכטן און ריידן וועגן זיין געליבטער, אַזוי האָט אויך פעלדמאַן רק געטראַכט און גערעדט וועגן זיין באַליבטן ענין—ערד... מען האָט ממש געזען, אַז דער מענטש ווערט עקזאַלטירנדיק דערהויבן ריידנדיק בלויז וועגן דעם . . .

ווען זיינער אַ קונד, אַ ניט־יידישער פאַרמער נעבן ריווערסייד, קאַליפאָרניע, מר. דזשאָנאַס, פלעגט זיך באַווייזן אין זיין קראָם איינצוהאַנדלען אַ מציאה, פלעגט פעלדמאַן אים פאַרוואַרפן מיט כלערליי פראַגן מכוח פאַרמעריי אין זיינע מקומות. ער האָט געוואָלט וואָס מער באַקענען זיך מיט אַלע פרטים וועגן דעם ענין, און אויך געהאַלטן זיך מיט אים אַן עצה וועגן זיך.

דזשאָנאַס, אַן אמתער דאָרפס־מענטש, האָט אַן וועלכע פניות דווקא אים צוגערעדט און אפילו צוגעזאָגט אַרויסצוהעלפן מיט וואָס ער וועט נאָר בכוח זיין. אַט־די דאָזיקע הבטחה פון זיין ניט־יידישן פריינט האָט

גאָר־גאָר אים געפרייט און זייער געפעלן: אַ יידישער קרעמער—האָט ער געטראַכט—וואָלט אַוודאי מורא געהאַט פאַר אַ נייעם קאָנקורענט, און דאָ רעדט ער אים נאָך צו און איז נאָך מבטיח אים צו העלפן אויך!

נאָך אַזעלכע שמועסן מיט דעם פאַרמער דזשאָנאַס איז ביי אים נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן זיין דראַנג און חשק אויפצוגעבן די קראָם און זיך ערנסט בעמען רעאַליזירן זיין שוין פון לאַנג פאַרטראַכטן חלום...

ווי אַזוי פעלדמאַן, פאַרקויפנדיק אַלטע זאַכן און קליידער, וואָס ער האָט אַליין זיי געררייניקט און געלאָטעט, זייענדיק אין אַן אַטמאָספערע פון געמאַרק און אָפט ניט כשרן האַנדל, ווייט פון פעלד און שיינער נאַטור, זאָל זיך גאָר דערטראַכטן צו אַזאַ געדאַנק פון אַגריקולטור און פאַרמעריי, האָבן זיינע פריינט און שכנים לגמרי ניט געקענט פאַרשטיין.

— ברוך אַ פאַרמער? אַן ערד־אַרבעטער? — האָבן זיינע שכנים פון אים אָפטמאָל אָפּגעחוזקט.

אים האָט עס אָבער נישט אַנטמוטיקט: נישט דאָס אָפּחוזקן פון זיינע פריינט און שכנים און אפילו ניט די גלייכגילטיקייט פון זיין פרוי צו זיין אידעאַל און שטרעבונג.

זיינע ידיעות מכוח פאַרמעריי האָט ער ס׳רוב באַקומען פון נאָכפרעגן זיך ביי זיינע קונדן, וואָס פלעגן פאַרפאָרן צו אים איינהאַנדלען מציאות, און בעיקר פלעגט ער זיך פאַרטיפן אין די ספּעציעלע פאַרם־ביילאַגעס פון די גרויסע ענגלישע טאָג־צייטונגען, און אויך פון די פאַרם־בולעטינען, וואָס ער פלעגט אויסשרייבן פון דעם קאַליפאָרניער אַגריקולטור דעפּאַרטמענט.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט פעלדמאַן זיך אַראָפּגעכאַפּט צו זיין ניט־יידישן פריינט, מר. דזשאָנאַס, אויף זיין פאַרם, מיטן געדאַנק אַרומצוקוקן דאָס לאַנד, און אויף די עצות פון זיין פריינט וועט ער אפשר דאָך קענען איינהאַנדלען פאַר זיך אַ שטיקל באָדן. ער איז פון די דזשאָנאַסעס אויפגענומען געוואָרן מיט אַן אמתער דאָרפישער פריינטשאַפט. דערנאָך האָט דזשאָנאַס אים אַרומגעפירט איבער דער שכנהשאַפט, אָנגעוויזן אים פאַרשיידענע שטיקער לאַנד וואָס איז צום פאַרקויפן, און ענדלעך האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ זעכציק אַקער פלאַט, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דזשאָנאַסעס פאַרם.

— פעלדמאַן, דאָס איז אַ גוט שטיקל לאַנד — האָט דזשאָנאַס אים געע׳עצה׳ט — אָט־די ערד איז נאָך אין איר בתולה׳שאַפט. זי איז נאָך ביז

איצט כמעט פון קיין אַקער־אייזן ניט באַרירט געוואָרן. ווען דו וועסט זי גוט באַהאַנדלען, וועט זי דיר טראָגן פרוכט און דיר געטריי דינען...

פעלדמאַן איז געווען צופרידן ביז גאָר: קודם וועט ער זיין אַ שכן לעבן זיין פריינט דזשאָנאַס, צו וועמען ער האָט געהאַט אַ סך צוטרוי, און בעיקר, זייענדיק לעבן אים, וועט ער קענען פון אים אַ סך לערנען.

דעם זעלביקן טאָג נאָך האָט פעלדמאַן געגעבן אַן אַדערויף אויף די זעכציק אַקער לאַנד, וואָס גרעניצט זיך מיט זיין פריינט דזשאָנאַס.

— כ'האָב געמאַכט איצט אַ זייער ערנסטן שריט אין מיין לעבן — האָט פעלדמאַן אַ זאָג געטאָן דזשאָנאַסן ביי דער קניה פון דעם לאַנד — אַ חלום, וואָס האָט ווי אַ פונק געטליעט אין מיר אַ שטיק צייט פון מיין לעבן, הויבט אָן ווערן אַ רעאַליטעט...

— וועסט נישט חרטה האָבן, פעלדמאַן. האָסט גוט געקויפט — האָט דזשאָנאַס אים געזאָגט ביים געזעגענען זיך און צוגעוואונטשן אים אַ סך גליק.

אויפן וועג אַהיים האָט ברוך פעלדמאַן אָפּגעגעבן זיך אַ שטיקל חשבון הנפש. אין זיין מוח איז פאַר אים אַדורכגעגאַנגען אַ צאָל באַשעפּ־טיקונגען, וואָס ער האָט איבערגעטאָן אין זיין גאַנצן אַרבעטזאַמען לעבן; כל עבודת פרך האָט ער שוין איבערגעטאָן, מיט כלערליי פּרנסות האָט ער זיך שוין באַשעפטיקט. ער האָט אָבער איצט, מער ווי ווען עס איז, געפילט, אַז ביי דעם וועט ער זיך אָפּשטעלן. דאָס וועט זיין זיין לעצטע סטאַנציע. אין זעלביקן מאָמענט איז ער אָבער אויך באַוועלטיקט געוואָרן פון אַנאַנדער געדאַנק:

נו, יאָ, כ'גיי איצט אַרויף אויף אַ גאָר אומבאַקאַנטן וועג צו מיר; כ'נעם מיר צו אַן אַרבעט, וואָס ניט איך, ניט מיינע עלטערן און ניט איינער אפילו פון מיינע נאָענטע פריינט האָבן זיך ווען עס איז מיט דעם באַשעפּ־טיקט. ניט נאָר דאָס—מיינע נאָענטע און מיינע שכנים וועלן מיין איצטיקע האַנדלונג באַטראַכטן ווי אַ משוגעת. כ'ווייס אויך וואָס זיי וועלן זאָגן: „אַ מענטש שטייט אין אַ געשעפט, מאַכט אַ לעבן, און גיט עס מיטאַמאָל אויף, צוליב עפּעס אַן אינערלעכן דראַנג און וואונטש"... בין איך, הייסט עס, אַ יוצא מן הכלל אין דעם פּרט?—האָט ער מיט זיך אַליין גע'חקירה'ט. — נו, אַוודאי וואָלט איך געוואָלט, אַז אויך מיינע פריינט און יידן בכלל זאָלן אויך האָבן אַביסעלע מער אינטערעס און אַ תשוקה צו לאַנדווירט־שאַפט און אַביסל וויניקער ברען אין „האַנדל און וואַנדל". נו, איז עס

אָבער נישט אַזוי. וועל איך דעריבער זיין דער יוצא מן הכלל, און אפשר גאָר זיין אַ מוסטער און ביישפּיל פאַר אַנדערע...

אַז ברוך פעלדמאַן איז איבערגעטראַכט די שוועל פון זיין קראַם, האָט ער דערוואַרט, אַז זיין פרוי וועט אים שוין מאַכן אַ „שוואַרצן סוף". לאה האָט טאַקע לכתחילה ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז זי וועט אים גאָר שטאַרק אויסריידן, און אפילו אויסזידלען, וואָס ער איז אַוועק אויף אַ גאַנצן טאָג און איבערגעלאָזט די גאַנצע ביזנעס אויף איר אַליין. ווען זי האָט אָבער דערזען איר פעלדמאַנען אַזאַ אויפגערוימטן, איז דער גראַד פון איר כעס תיכף צעשמאָלצן געוואָרן, ווי אייז אונטער דער זון...

לאה, פאַרשטייט זיך, איז נייגעריק געווען צו וויסן: וואו ער איז געווען און וואָס האָט ער אַזוינס איינגעהאַנדלט, וואָס ער איז אַזוי באַפליגלט מיט התלהבות. זי האָט דעריבער ניט געוואָלט פאַרפירן קיין קריג מיט אים אין דעם מאָמענט, נאָר מיט נייגער געוואַרט צו הערן וואָס ער האָט צו דערציילן. איר אויסערלעכע רואיקייט האָט שטאַרק געמוטיקט פעלדמאַנען און ער האָט מיט באַגייסטערונג זיך געטיילט מיט איר די וואונדער פון זיין אַנטדעקט לאַנד...

—אַך, לאה! ווען דו וואָלסט נאָר אַזוי געדענקט און געפילט ווי איך, וואָלטן מיר מאָרגנדיקן טאָג אפילו אַוועק פון דאַנען און באַזעצט זיך אויף לאַנד. גלויב מיר, לאה, ס'איז נישטאָ נאָך קיין שענערע זאַך ווי זיין נאָענט ביי דער נאַטור. גייסט אַרויס אין פרימאָרגן אויף דעם פרייען פעלד, די פייגעלעך באַגריסן דיך מיט געזאַנג; די עופות, די קי און אַלע בעלי־חיים זיינען אַרום דיר אַזוי נאָענט און היימיש. די לופט דאָרטן איז מילד און פריש און ביזט פריי פון דעם שטאָטישן געטומל און געמאַרק. די ערד איז דאָ רחבותדיק און פריי אויסגעשפּרייט; די רייפע ווייץ־פעלדער האָבן אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ העל־גאָלדיק מלבוש, און די אַלפאַלפאַ פעלדער זיינען ווי מיט גרינע טעפּיכער באַדעקט. און אַז מיר'ן נאָר וועלן, לאה, הערסטו, קען דאָס אויך זיין אונדזערס! פאַרשטייסט, לאה? אונדזערס אַן אייגנס ! . . .

גלויב מיר, לאה, ביזטו אויפן לאַנד, נאָענט ביי דער נאַטור, פילסטו אינגאַנצן אַנדערש. פילסט, אַז דו ביזט עפּעס! ניט ווי אַ וואָרים צווישן פויזנדיקע ווערים, און ניט ווי אַ זעמדעלע צווישן זאַמד. פילסט ווי דו ביזט אַ שעפער און אַ שפּייזער און אַ טייל פון דער נאַטור אַרום... קען דען זיין אַ שענער לעבן פאַר אונדז און די קינדער? — האָט פעלדמאַן

אַלץ געפּרואווט זיין לאהן צו איבערצייגן: — וועסט האָבן אַן אייגענע נחלה מיט אַ שיינער באַלעבאַטישער ווירטשאַפט; אונדזערע קינדער וועלן געזונטע און שטאַרקע אויפוואַקסן און ניט דאַרפן מיט די שטאָטישע פּרנסות זיך פאַרנעמען. אוי, די פּרנסות! און וויפיל וועט עס ווערט זיין, אַז מיר'ן נישט דאַרפן מער האַנדלען און וואַנדלען, נישט האָבן צו טאָן מיט די שיכורים פון „גאַס", און די „דעטעקטיווס", וועלכע באַווייזן זיך רק זוכן און נישטערן, צי האָבן מיר נישט עפּעס אַ ניט כשר שטיקל סחורה אָפּגעקויפט, אָדער אימיצער האָט פאַרזעצט. און די דורכנעמענדיקע בליקן, פול מיט חשד, וואָס זיי וואַרפן אונדז צו... יאָ, יאָ, אַ שיינע פּרנסה האָבן מיר עס! גלויב מיר, לאהּ, אַז אָט־דאָס געשעפט איז מיר שוין נמאס ומאוס געוואָרן...

פאָלג מיך, לאהּ, לאָמיר דאָס געשעפט פאַרקויפן און פּטור ווערן פון אָט־דעם כסדרדיקן געראַנגל. מיר'ן פירן דאָרטן אַן ערלעך, אנשטענדיק לעבן. פאַרוואָס זאָלן נאָר זיי, „טאָם, דיק און דזשאָנאָס" און טויזנטער אַנדערע גוים, לעבן אַ רואיק, איינגעוואָרצלט לעבן אויף דער שויס פון דער מאַמע ערד, און מיר דאָ זאָלן ווערן פאַרשוואַרצט פון פרי ביז שפּעט אין אָוונט אין אָט־דעם „לאָך" פון שמוץ און אַלטוואַרג?

— לאהּ, כ'בין גרייט שווער צו אַרבעטן, „מיט דער נאָז די ערד אַקערן," אַבי פּטור צו ווערן פון דעם שטאָטישן הו־האַ און גיהנום.

נאָך אַזאַ פעסטן און ערנסטן רעדן פון ברוכן האָט לאה שוין גוט געוואוסט, אַז קיין זאַך וועט זיין באַשלוס ניט אומבייטן. האָט זי אים שטיל, אָן איבעריקער פרייד, געגעבן איר הסכמה צו זיין פּלאַן, מיט דער האָפענונג, אַז זיין „משוגעת" וועט אפשר איבערגיין מיטן אָנהויב פון די ערשטע שוועריקייטן אויף דער פאַרם. זי האָט אָבער לעת־עתה אים צופיל ניט אַנטמוטיקט. געטראַכט האָט זי אָבער אויך אין דעם מאָמענט: אפשר איז ער דאָך גערעכט? אפשר וועט אַלץ זיך דאָך אויסלאָזן צום גוטן, ווי ער זאָגט... אפשר?...

פעלדמאַן האָט אָנגעהויבן מאַכן די נויטיקע הכנות צום איבערציען זיך אויף דער פאַרם, וואָס ער האָט געקויפט. דאָס זיינען געווען די האָפענונגספולע טעג פון זיין לעבן. אַ וואָך פאַר פּסח האָט ער שוין געהאַט פאַרקויפט די קראָם, און תיכף נאָך פּסח האָט ער איינגעפּאַקט די כלערליי זאַכן און מכשירים אין גרויסן לאַסט־וואָגן, אויך לאהן מיט די קינדער האָט ער איינגענעסטלט אין וואָגן, אַ ברוין־קודלאַטן הונט האָט ער צוגע־

בונדן צום וואָגן און אַליין אויף דער קעלניעביים געשפּאַן איז ער גרייט געווען אָנצוהויבן די נסיעה.

ביים געזעגענען זיך מיט די פעלדמאַנס, האָבן די שכנים און נאָענטע פריינט זייערע, ווינטשנדיק זיי גליק אין זייער נייער אונטערנעמונג, בשעתו צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי מען באַדויערט איינעם וואָס אונטער־נעמט זיך אַ געוואַגטע, אומבאַקאַנטע און ניט זיכערע נסיעה . . .

מאַן און ווייב האָבן דעם גאַנצן וועג כמעט מיט אַ וואָרט ניט איבער־געוואָרפן זיך. אַ מאָדנער אומהיימלעך שווייגן צווישן זיי האָט זיך געצויגן שעה'ען לאַנג.ביידע זיינען פאַרנומען געווען מיט באַזונדערע טראַכטע־נישן און געפילן; לאה האָט איצט געפילט עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט נישט געפאָרן מיט איר ברוכן אַהינצוצו אַ נייע היים פאַר זיך בויען, נייערט עפּעס אַ פרעמדער פירט זי ערגעץ צו אַן אומבאַקאַנט אָרט, צו פרעמדע מענטשן. ניט מיט איר פרייען ווילן, האָט זי געפילט, פאָרט זי אַהינצו. ווער ווייסט, האָט זי געטראַכט, צי וועט זי קענען גאָר אינגאַנצן איינלעבן זיך דאָרטן; און וועט זי קאָנען צוריק אין שטאָט אומקערן זיך, אויב ס'וועט איר ניט זיין צום האַרצן? אָבער האָבן מיר דען ניט פאַרברענט די בריקן הינטער זיך, זיך צעבראָכן אינגאַנצן? מיט אַזעלכע צער'פולע מחשבות איז לאה פאַרנומען געווען דעם גאַנצן וועג פון דער נסיעה...

***

דער ברייטער טאָל איז שטיל געלעגן ווי אין אַ דרימל: די פוס־בערג פאַראויס זיי זיינען ווי מיט בלוי־פיאָלעט געווען באַצויגן און געבלענדט זיך שאָטנדיק אַנטקעגן דער פאַרגייענדיקער זון. אין דעם גאַנצן אַרום האָט זיך געפילט איצט אַ בין־השמשות'דיקע שטילקייט. אָט־די שטילע, רואיקע פּאַנאָראַמע פון דעם טאָל האָט אויף ביידן געווירקט אַנדערש און פאַרשיידן. בעת אויף לאהן האָט דער גאַנצער אַרום, מיט די ריזיקע בערג אין דער ניט ווייטער דיסטאַנץ, אַנגעוואָרפן אַ מרה־שחורה און אַ באַדרי־קונג אויף איר געמיט, האָט דער גאַנצער נאַטור־רייכער אַרום אַרויס־גערופן ביי פעלדמאַנען אַ דערהויבענע שטימונג און אַ שטיל געזאַנג...

מיט זיין דערנענטערן זיך צום אָרט פון זיין צוקינפטיקער היים, האָט זיין מוח זיך שוין אָנגעהויבן באַשעפטיקן מיט מחשבות און פּלענער פון זיינע טעטיקייטן אין די נאָענטע טעג. ער האָט פאַר זיך אויסגעלייגט אַ סדר פון אַרבעט, וואָס ער וועט טאָן מאָרגן, איבערמאָרגן און סוף וואָך.

מיט דעם צופאַלן פון דעם אָוונט, זיינען זיי אַריינגעפאָרן צו זיין פריינט און שכן, דזשאַנאַס, אויף דער פאַרם.

די דזשאַנאַסעס האָבן זיי זייער פיין מקרב געווען: אַ מאָלצייט פאַר זיי פאַרגרייט און אַ נאַכטלעגער פאַר דער פאַמיליע באַזאָרגט. די פריינטלעכקייט פון די דזשאַנאַסעס האָט לאהן זייער גערירט. זי האָט זיך לייכטער דערפילט און אַביסל באַרואיקט איר געמיט.

— צווישן מענטשן ווערט מען נישט פאַרפאַלן — האָט זי ברוכן אַריינגערוימט אין דער שטיל.

— דאָרפסמענטשן זיינען ס'רוב בעסער און פריינדלעכער ווי גרויס־שטאָטישע — האָט ברוך, אויך אין דער שטיל, איר געענטפערט.

צומאָרגנס איז פעלדמאַן מיט דזשאַנאַסן אַריינגעפאָרן אין דעם נאָענטן ישוב איינצוקויפן נויטיקע זאַכן און געהילץ. דזשאַנאַס האָט פעלדמאַנען גאָר אַ סך אַרויסגעהאָלפן: אויפשטעלן אַ קליינע הייזקע, אַ שטאַל, אויפגעבראָכן אַ שטיק לאַנד, גרייט געמאַכט פאַר דעם ערשטן פאַרזיי, און אָנגעוויזן אים אויף אַ סך זאַכן, וואָס איז פעלדמאַנען ביז איצט לחלוטין פרעמד געווען. פעלדמאַן האָט באמת ניט געוואוסט מיט וואָס ער קען אים אָפּדאַנקען פאַר אָט־די אַלע מעשים טובים, וואָס ער טוט פאַר אים . .

***

אַ שטח פון זעכציק אַקער לאַנד, האַרט לעבן די פוסבערגלעך, האָט מיט זוניקער פרייד אַראָפּגעקוקט צום טאָל און געפרייט זיך מיט איר האָרעפּאַשנעם באַזיצער. פעלדמאַן האָט זיין ערד זייער ליב באַקומען. ער איז געוואָרן אַ טייל פון איר. פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין אָוונט, און אַ סך מאָל ביים שיין פון ליכטיקע לבנה־נעכט, האָט ער שווער געאַרבעט, אָבער שטאַרק הנאה געהאַט. אין אָנהויב, ווען ער איז אַרויף אויף זיין לאַנד, איז נאָך דאַן קיין סימן ניט געווען פון בוים און גרינצייג — רויערד... איצט זעט ער פאַרזיך ווי די יונגע צעדער און עקאַליפּטןביימלעך, וואָס ער האָט פאַרפלאַנצט ביי דעם גרענעץ פון זיין לאַנד, האָבן זיך צעגרינט און באַבלעטערט: אָט איז אַ שיינער פיר־עקיקער לעקעך מיט געדיכט גרינער אַלפאַלפאַ; און אַ צווייטער קוואַדראַט מיט געדיכטע קאַרטאָפל צוויגן און אַנדערע גרינסן. ביים סוף פון זיין לאַנד, אויף גרינער פאַשע, פיטערן זיך זיינע בעלי־חיים: אַ פּאָר פערד, אַ פּאָר קי

און קעלבלעך. מיט יעדער וואָך פאַרמערט זיך זיין ווירטשאַפט, און ער הייבט שוין אָן זען די פרויכט פון זיין פראַצע...

אין אָנהויב האָט ער מיט די הענט און גאַנצן גוף אָנגעהאַלטן זיך ביים אַקער־אייזן און נאָכגעגאַנגען דעם איין־פערד געשפאַן, אַקערנדיק די פעטע ברוינע ערד זיינע. גאָרניט גרינג איז עס אים אין אָנהויב אָנגעקומען. איצט זיצט ער אַ שטאָלץ צופרידענער און אַ דריי־רעדלדיקן אַקער־אייזן, מיט אַ פּאָר סוסים צוגעשפּאַנט, און זינגט פאַר זיך דאָס ליד פון דער סאָכע...

פעלדמאַן האָט ממש געשעפּט נחת פון אַלץ וואָס ער האָט געטאָן אויף זיין פעלד: פון די ערשטע שפּראָצונגען וואָס האָבן זיך באַוויזן נאָכן פאַרזיי, פון דעם הויך־געוויקסיקן קאָרן, און פון די ליכטיק־גאָלדיק ווייץ־זאַנגען, וואָס האָבן זיך באַוועגט ווי די שטילע כוואַליעס פונם פּאַסיפיק. די פיזישע שווערע אַרבעט אויפן פעלד איז אים געוואָרן גרינג און ליב; מיט גרויס הנאה איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַלץ וואָס ער האָט געטאָן און געשאַפן...

— האָסט זיך גאַנץ גוט איינגעאָרדנט, פעלדמאַן, מיט אַ גאַנץ נישקשהדיקער ווירטשאַפט — האָט איינמאָל דזשאָנאַס, זיין געטרייער שכן, צו אים אַ זאָג געטאָן מיט ניט ווייניק צופרידנקייט און שטאָלץ. דזשאָנאַס האָט דאָך געהאַט אַ שטיקל חלק אין דעם דערפאָלג פון זיין שכן; איז ער דען ניט געווען זיין בעל־יועץ און אַרויפגעפירט אים אויפן דרך־המלך?

— יאָ, פריינט דזשאָנאַס, דאָס האָב איך אַלץ אייך צו פאַרדאַנקען פאַר דעם. אַלץ וואָלט געווען זייער גוט — האָט פעלדמאַן אַ שטאַרק פאַרזאָרגטער זיך אים פאַרטרויעט — ווען מיין יידענע וואָלט כאָטש אַביסל צופרידן געווען פון דעם אַלעמען; איז זי אָבער רק אומצופרידן, וויל גאָרניט טאָן צו פאַרגרינגערן מיין מצב; האַלט מיך אין איין „נעגען" און יאָדען איך זאָל נאָר פאַרקויפן די פאַרם און צוריק אין שטאָט גיין. כאָטש נעם און גיב אַלץ אויף, וואָס כ'האָב דאָ מיט מיין שוייס און בלוט געשאַפן...

— דו ווייסט, פעלדמאַן, כ'קען „אייערע" ניט פאַרשטיין—האָט דזשאָנאַס אַ צי געטאָן אַרויף מיט זיינע ברייטע אַקסלען — ביי אונדז וואָלט אַזאַ זאַך נישט געגאַנגען! האָט זי דען נישט צוגעשטימט צו זיין מיט דיר „פאַר גוט אָדער שלעכט?" דו ווייסט, פעלדמאַן, וואָס דיין שכן, ראָבערטס, לינקס פון דיר, האָט געטאָן צו זיין פלונית'טע, ווען זי האָט אָנגעהויבן

פראַוועון אַזעלכע שטיק ווי דיינע ? גאַנץ פשוט: ער האָט זי אַ פּאָר מאָל גוט אונטערגעשלאָגן די ביינער, און זי האָט זיך געמוזט אונטערגעבן...

— ניין, דזשאַנאַס — האָט פעלדמאַן לייכט שמייכלענדיק געענטפערט זיין ליבן שכן — מיר קענען אַזאַ זאַך נישט טאָן. ס'איז נישט אין אונדזער טבע צו שלאָגן אַ ווייב. אַגב, האָט צוואַנג נאָך קיינמאָל קיין גוטס און האַרמאָניע נישט געבראַכט.

— אפשר ביזטו גערעכט — האָט דזשאַנאַס אַביסל סקעפּטיש, אַ קראַץ טוענדיק זיך אין קאָפּ, געזאָגט — אפשר... כ'ווינטש דיר גליק, פעלדמאַן.

*
**

אין אָנהויב — די נייקייט און דער אומבייט אין זייער לעבן, די פריינטלעכקייט פון די שכנים און די אָנהאַלטנדיקע באַגייסטערונג פון ברוכ'ן — האָט לאה אָפּטמאָל דערדריקט אין זיך איר אומצופרידנקייט. שפּעטער, נאָך אַ לענגערן זיין דאָ, אָן די באַקוועמלעכקייטן פון גרויס־שטאָט, אָן אייגענע פריינט און אָן יידישע שכנים, האָט זי אָנגעהויבן זיך פילן אומגליקלעך... האָט זי אָנגעהויבן ברוכ'ן גריזשען און פּלאָגן, מיט טענות ומענות:

— וואָס האָסטו מיך געבראַכט אַהער אין דער וויסטעניש? וואָס האָסטו דאָ און וואָס האַלט דיך דאָ? אַרבעטסט שווער, טאָג־איין טאָג־אויס, קיין גראַשן מזומן זעסטו נישט אָן אין די אויגן. אונדזערע ייִנגלעך וועלן דאָ גויים אויסוואַקסן, ר"ל. וואָס האָט דיר געפעלט אין שטאָט, וואָס? ביזט געזעסן אין קראָם, „געמאַכט" געלט, תמיד געהאַט דעם דאָלער אין האַנט... נו, און אַז דער מסחר איז נישט געווען אַזאַ כשרער, איז וואָס? וואָס ביזטו מער צדיק פון די אַנדערע אויף דער גאַס?... קיין זאַך האָט אונדז נישט געפעלט. שיינע מלבושים פאַר זיך און די קינדער; געגאַנגען צוגאַסט, און מען איז געקומען צו אונדז. ווען מען האָסטו דאָ? ביזט אָפּ־געריסן פון דער וועלט און מענטשן. נו, נו, אַזאַ משוגעת! אַ פאַרם האָט זיך אים פאַרוואָלט! האָסטו געהערט אַזוינס אין דיין לעבן? וואָס טויגן מיר די פאַנטאַסטיש צוגעזאָגטע גליקן דיינע, אַז כ'דאַרף זיי ניט און וויל זיי ניט! פאַר וועמען און צוליב וועמען? פאַר דיינע גויים אויספּיינען זיך?... אויב דו פאַרקויפסט ניט די פאַרם, ברוך, וועל איך מיט די קינדער צוריק אין שטאָט גיין און מער נישט צוריקקומען...

פעלדמאַן האָט מיט גרויס ווייטיק און עגמת־נפש געזוכט איר צו איבערצייגן און ממש געבעטן זיך ביי איר:

— וואו ווען מיר איצט גיין, לאה? דאָס ערגסטע זיינען מיר דאָך שוין איבערגעקומען. איצט, ווען אַלץ איז שוין אַ סך גרינגער ווי פריער, ווילסטו איך זאָל עס איבערלאָזן? מיט דער שטאָט האָבן מיר דאָך שוין אַלץ איבערגעריסן. ניט איך האָב דאַרטן געוואָלט זיין פריער, און איצט אַוודאי ניט.

טאָמער האָט זי אים אויף אַ ווייל אָפּגעלאָזט, איז זי באַלד ווידער צו אים צוגעשטאַנען מיט די זעלביקע טענות ומענות, ער זאָל נאָר פאַר־קויפן די פאַרם און צוריק אין שטאָט זיך באַזעצן...

פעלדמאַן האָט אָבער פון שטאָט מער ניט געוואָלט וויסן. דער געדאַנק אַליין, אַז ער וועט דאַרפן אויפסניי לויפן, האָוועון אין דעם שטאָטישן האַרמידער, יאָגן זיך נאָך דעם שטיקל פרנסה, האָט אים מורא־דיק דענערווירט—ביז משוגעת... חוץ לזה, טראַכטנדיק בלויז, אַז ער זאָל דאָס דאַרפן, חלילה, איבערלאָזן, האָט עס אים קראַנק געמאַכט; אַלץ וואָס ער האָט געהאַט דאָ אויף זיין לאַנד האָט ער כמעט אַליין איינגעריכ־טעט און דערצויגן. און מחמת דעם טאַקע האָט ער געפילט צו אַלץ וואָס איז דאָ אַן אומגעהויערע ליבע און איבערגעגעבנקייט. שיידן זיך מיט אַלץ וואָס ער האָט מיט זיין בלוט, שוויס און נשמה באַשאַפן, וועט ער בשום אופן נישט קענען. ס'וואָלט געמיינט צו אים דאָס אָפּשטאַרבן פון זיין איך, זיין פערזענלעכקייט און דער סוף פון זיינע חלומות אויף אייביק...

לאה האָט עס ניט געקענט און ניט געוואָלט פאַרשטיין, האָט זי איר קאַמף מיט אים ניט אויפגעגעבן. כאָטש זי האָט געזען אַז איר האַנדלונג ווירקט זייער שלעכט אויף זיין געזונט. פאַרקערט, זי איז וואָס אַמאָל פאַרביטערטער געוואָרן און אויסגענוצט כלערליי וועגן אים שווערער צו מאַכן דאָס לעבן: האָט פאַרנאַכלעסיקט דאָס הויז, די באַלעבאַטישקייט אוןווירטשאַפט, און אַלץ האָט ער געמוזט אַליין דורכטראָגן.

פעלדמאַן האָט דורך דעם מוראדיק געליטן און אָנגעהויבן אונטער־קרענקען צוביסלעך. דעם גאַנצן זומער האָט ער זייער שווער געאַרבעט — פיר שניט אַלפּאַלפּאַ אַרונטערגענומען און געסטויגט די תבואות, אין שפּייכלער אַריינגעבראַכט. געהאָפט האָט ער, אַז נאָך שניט־צייט וועט ער זיך אַביסל אָפּרוען, אָפּכאַפּן דעם אָטעם פון דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט

און אפשר אַראָפּכאַפּן זיך מיט דער פאַמיליע אין שטאָט פאַר עטלעכע טעג, אפשר וועט עס לאָזן אַביסל באַרואיקן איר געמיט...

ווען די גרויסע רעגנס אין חודש שבט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט, איז פעלדמאַן אַ מידער, אַן אויסגעשעפּטער, אַ שטאַרק צוגעקילטער און קראַנקער אַנידערגעפאַלן. ער איז עטלעכע טעג געלעגן צווישן לעבן און טויט. דעם שווערן קריזיס פון „ניומאָניע" איז ער נישט בייגעקומען, און איז שטיל, מיט אַ מיתה בנשיקה, נפטר געוואָרן.

צו זיין לוויה האָבן אים באַגלייט: די אַלמנה מיט די צוויי יינגלעך זיינע, די ניט־יידישע שכנים, וועלכע האָבן אים זייער ליב באַקומען, און אַ פּאָר יידישע פריינט פון נאָענטן ישוב.

אין זיין צוואה האָט ער אָנגעזאָגט, מען זאָל אים באַערדיקן ביים גרעניץ פון זיין אייגן שטיקל לאַנד, צווישן די יונגע צעדער און עקאַליפּטןביימלעך, וואָס ער האָט אַליין פאַרפלאַנצט און וועלכע האָבן יענעם זומער זיך שטאַרק צעצווייגט און באַבלעטערט...

די ליבע צו קונסט...

פיליפ דזשעקובי, אַ יידישער מענטש אין די טיפע פופציקער, אַן אַרכיטעקט פון באַרוף, איז אַ תושב אין דער זוניקער לאָס אַנגעלעס זינט ניינצן הונדערט און צוואַנציק. מ׳קען זאָגן, אַז ער איז געוואָקסן מיט דער שטאָט, פון אָט־דער פיל צוזאָגנדיקער מערב־מעטראָפּאָליע.

אין אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט איז לאָס אַנגעלעס נאָך שטאַרק געווען אונטער דער השפעה פון דער שפּאַנישער רענעסאַנס. ווי אַן אַרכי־טעקט, האָט ער תיכף זיך גענומען צו זיין פּראָפעסיע און האָט אין דער פּלאַנירונג פון די הייזער־געבוי אָנגעהאַלטן און אויסגעברייטערט דעם שפּאַנישן סטיל אין דער אַרכיטעקטור: רויטע קיילעכדיקע דעכער; ברייטע פּאַטיאָס מיט „סטאָקאָ" ווענט אַרום; אייזן אָרנאַמענטיק; „נישעס" אין די דרויסן ווענט פאַר בלומען־טעפּ; קאָלירטע מידבר־שטיינער, דאָ און דאָרט, אַרום עקזאָטישע פּלאַנצונגען. דאָס אַלץ האָט געצויגן דעם אויפ־מערק און אינטערעס פון דעם פּראָספּעקטיוון קויפער פון הייזער.

הגם דזשעקובי האָט געהאַט גרויס דערפאָלג אין זיין פּראָפעסיע, האָט אים אָבער אָט־די שאַפונג ניט באַפרידיקט. ער האָט געהאָפט, אַז ווען ער וועט גרייט זיין צו בויען פאַר זיך אַ היים, וועט ער נאָר דאַן ביכולת זיין אַרויסצוברענגען דאָס יחידישע פון זיין שעפערישן טאַלאַנט; אַ זאַך וואָס ער האָט נישט געקענט טאָן כל זמן ער האָט געמוזט שאַפן פאַרן געמאַרק.

— די דורכשניט רעזידענצן זיינען כמעט אַלע ווי פון איין שניט אויסגעגאָסן; האָבן נישט קיין שום אינדיווידואַליטעט; קיין אייגנאַרטיקן כאַראַקטער און סטיל — האָט ער תמיד רעזאָנירט.

ווען די דזשעקוביס האָבן ענדלעך פאַרטראַכט צו בויען זייער היים, האָבן זיי חדשים לאַנג פּלאַנירט, שטודירט כלערליי צייכענונגען און „בלו־פּרינטס", וואָס זאָל באמת גיבן אויסדרוק צו זייער אידייע און אינדיווי־דועלן געשמאַק.

רעגינאַ, פרוי דזשעקובי, הגם זי האָט ניט פּרעטענדירט אויף וועלכן עס איז קונסט־באַרוף, האָט זי אָבער געהאַט אַן אָריגינעלן קוק אויף זאַכן און שאַפונגען און אָפּגעשאַצט קונסט־שאַפונג פון אַלע פאָרמען און שאַטירונגען.

די היים וואָס די דזשעקוביס האָבן ענדלעך אויפגעבויט איז טאַקע געווען לגמרי אַנדערש.

— דאָס הויז איז מיין שיר־השירים ווערק — האָט ער באַמערקט צו די פריינט זיינע, וואָס זיינען געקומען עס זען צום ערשטן מאָל. די אַרכיטעקטור, אינערלעך און אויסערלעך, האָט געהאַט אויף זיך דעם חותם פון אַ קינסטלער האַנט געשאַפן.

דאָס הויז איז געווען סיטואירט אויף איינעם פון די הויכע בערג, וואָס רינגלען אַרום די באַרימטע האָליוואוד. פון אָט־דער אָלימפּיש בערגיקער הויכקייט האָט מען געקאָנט זען אַ פּיקטורעסקע פּאַנאָראַמע פון דער אומגעהויער צעשפּרייטער לאָס אַנגעלעס; אין ווייטער דיסטאַנץ האָט דער בליאַסקענדיקער, אָקעגן זון, פּאַסיפיק שפּיגלדיק שעמערירט פאַרן אויג, און דאָס פּאַלאַצל, איינציק און אָפּגעטיילט פון דעם גאַנצן אַרום, האָט געטורעמט צו די בלויע הויכקייטן...

אין די אָוונטן, ווען די שטאָט ווערט באַלויכטן מיט מיליאָן־מיליאָסן ליכטער, איז עס אַן אויסטערליש בילד: אַ ים מיט ליכט אונטן, אין דעם גרויסן צעשפּרייטן טאָל און אומצייליקע פינקלדיקע שטערן אין דער נאַכטיק טונקל־בלויער הויכקייט איבער אייך...

אין אָט־דער שטילער אידילישקייט, אין די הויכע ספּערן צווישן די בערג, ווייט פון שטאָטישן געטומל, „אויטאָ“־געדראַנג און גאַזן־געשטאַנק; אין אָט־דער „שאַנגרילאַ“ איז אַלץ אַזוי אנגענעם געווען פאַרן אויג און אַ באַרואיקונג פאַרן געמיט...

די אינעווייניקסטע איינריכטונג פון הויז איז געווען לויט דאָס לעצטע וואָרט פון אולטראַ־מאָדערניזם, און שיין רחבותדיק אויסגעשטאַט: די ווענט דעקאָרירט אין ליכטיק פּאַסטעל קאָלירן, באַהאַנגען מיט די פיינסטע קינסטלערישע אויל־לייוונטן; כלערליי „בריק־א־בראַקן“ און אָביעקטן פון קינסטלערישן ווערט; אַ גאַר פיינע ביבליאָטעק צימער, פולע שראַנקען מיט כלערליי ביכער; די מעבל און די טיפע טעפּיכער אויף די דילן—פון די סאַמע בעסטע. אויך די באַלייכטונג אין די פאַרשיידענע צימערן איז ספּעציעל געווען צוגעפּאַסט צו דער שטימונג, אַטמאָספערע און געגעבענער סיטואַציע.

ס'איז געווען אַ קילער האַרבסט אָוונט. אַ ליכטיק העל־רונדע לבנה האָט אַריינגעקוקט דורך דעם גרויסן סטודיאָ־פענצטער אין דעם היפשן

סאַלאָן, וואו די גרופּע אינטימע פריינט פון די דזשעקוביס האָט היימיש און געמיטלעך צווישן זיך פאַרוויילט.

די דזשעקוביס האָבן געהאַט גרויס הנאה צו האָבן ביי זיך פריינט און געסט — אמתע מכניסי־אורח. פרוי דזשעקובי, באַזונדער האָט גע־האַט אַן אײַגנאַרטיקע פעאיקייט און טאַלאַנט צו מאַכן יעדן צוזאַמענקום ביי איר אין שטוב, זייער אנגענעם, אינטים און היימיש. די אַטמאָספערע וואָס ס'האָט זיך ס'רוב געשאַפן דאָרטן איז געווען אַ באַהעמיש קינסטלע־רישע: ביי לייכטע געטראַנקען און כיבוד, אַרום פריילעך ברענענדיקן „קאַמין־פײַער", פלעגט מען דאָ ס'רוב פאַרווילן אין שמועסן איבער כלערליי פראַגן און פּראָבלעמען פון אַ קינסטלערישן און פון אַ יחידיש־עמאָציאָנעלן כאַראַקטער...

שמועסנדיק יענעם אָוונט סתם מעניני־דיומא, האָט איינע פון די פרויען, אין יענעם געזעמל, דערציילט פון אַ פּאַסירונג וואָס האָט אַלעמען פאַראינטריגירט. נעמלעך: אַז מר. ווישניאַק, וועלכער איז געווען גוט באַקאַנט צו אַלע אנוועזנדיקע פון דעם קרייז, האָט פּלוצלינג פאַרלאָזט זיין פרוי, מיט וועלכער ער איז געווען מער ווי דריי צענדליק יאָר פאַר־בונדן, און איז אַוועק מיט אַן אַנדערער. די פרוי, וועלכע האָט איבער־געגעבן אָט־דאָס פּיקאַנטע שטיקל נייעס, האָט משמעות ניט ווייניקער הנאה געהאַט פון דעם דערציילן, ווי די וואָס האָבן איר אויסגעהערט. די פרוי האָט הפנים געוואוסט וועגן דעם פאַל מער ווי בלויז „געהערט און געזאָגט." זי איז געווען אַ נאָענטער הויז־פריינט און האָט געוואוסט די פרטים און די סיבות פון זייער צעשייד...

אויבנאויפיק, „פאַר לייטן" האָבן די ווישניאַקס געמאַכט דווקא אויף אַלעמען דעם איינדרוק ווי פון אַ „גלייכע פּאָר" און מיט אַ היפּשער מאָס פון רעספּעקט און „ליבע" איינע פאַר די אַנדערע. דעריבער טאַקע האָט דער פאַל אַזוי פאַראינטריגירט; ניט אַזוי צוליב זייער צעשייד— אַזעלכע זאַכן טרעפן ניט זעלטן — דער שמועס האָט זיך מער פאַרטיפט מיט דער פראַגע: וואָס זיינען די גרינטלעכע פּסיכאָלאָגישע סיבות, וואָס באַוועגט איינעם אָדער איינער, נאָך אַ לאַנג־יאָריקן צוזאַמענלעבן, און אין אַזאַ עלטער, דאָך זיך פאַנאַנדערגיין ? ! . . .

ס'טרעפן אַ סך פאַלן וואו פאַרלעך פּאַסן זיך נישט איינע פאַר די אַנדערע, ניט אין פיזישן און ניט אין גייסטיקן מהות. אין דעם פאַל פון די ווישניאַקס האָט זיך געקענט דוכטן, אַז זיי האָבן זיך געפּאַסט איינער

פאַרן אַנדערן. בעיקר אין פיזישן אויסזען. וואָס דאָס איז אַ גאָר וויכטיקער עלעמענט אין דעם לעבן צווישן די געשלעכטער...

ער—אַ גאַנץ פיינער פאַרשוין פון מיטעלן וואוקס, אין די אָנהייב פופציקער, מיט אַ סימפּאַטיש אנגענעם פנים, טונקל־ברוינע טיפע אויגן, אַ שיין געדיכטער קאָפּ האָר, עטוואָס באַזילבערט ביי די זייטן, וואָס ס'האָט אים צוגעגעבן אַ באַזונדער חשובן אויסזען.

זי—פון זעלביקן וואוקס, הגם ניט פיל יונגער פון אים, און אפשר אין דער זעלביקער עלטער, אָבער אין אויסזען אַ סך יונגער: איר קאָפּ איז באַקרוינט מיט געדיכטע, טונקל־שאַטענענע האָר, ניט צו קורץ געשוירן, לעבעדיקע שמייכלענדיקע אויגן, וואָס ליכטיקן ווי אַ זון אויפגאַנג; אַ גלאַטע מאַטאָווע אויסגעכאָוועטע הויט פון פנים, אָרעמס און לייב, און, דאָס עיקרדיקע, וואָס זי האָט באַוויזן אָנצוהאַלטן איר שלאַנק מיידלשע פיגור און געשטאַלטונג; אירע רירעוודיקע און געטאָקטע אברים, וואָלט יעדער מאַנסביל, מיט אַביסל געשמאַק פאַר שיינקייט, ניט פאַרפעלט צו באַוואונדערן און זי באַגערן...

איז די האַנדלונג פון דעם פריינט ווישניאַק געוואָרן זייער אויפפאַלנדיק : וואָס טאַקע האָט באַוואויגן אַזאַ איינעם, מיר ניט, דיר ניט, זיך צעשיידן, נאָך אַ צוזאַמענלעבן פון מער ווי דריי צענדליק יאָר?... און טאַקע צוליב דער אויסטערלישקייט פון דעם פאַל איז דער שמועס דערפירט געוואָרן צו דער פראַגע מכוח די שטאַרקייט פון דער „צווייטער ל'יבע" ביים מאַן אָדער פרוי, אין דער אַזוי־גערופענער „געפערלעכער עלטער", וואָס קומט ס'רוב אומדערוואַרטעט צו מענטשן פון אַזאַ עלטער ווי די, פון וועלכע דער שמועס איז דאָ געפירט געוואָרן.

— ס'וואָלט פונדעסטוועגן געווען אינטערעסאַנט צו הערן אַרויסגעבראַכטע מיינונגען וועגן אייגענע דערפאַרונגען און איבערלעבונגען, וואָס מע האָט דורכגעמאַכט אויף אָט־דעם נסיונדיקן לעבנס־וועג — האָט זיך אָפּגערופן אַ הויך־געוויקסיקער מיטל־יאָריקער מאַן אין די שפּעטע פערציקער. — דער רוב פון אונדז — האָט ער ממשיך געווען — האָבן זיכער געהאַט במשך פון זייער לעבן געוויסע אינטערעסאַנטע איבערלעבונגען פון דעם מין, וואָס מיר רופן אָן אמתע ליבע, זינט זייער אָפּיציעלער לעגיטימער יוגנטלעכער הייראַט. כ'מיין, אַז גראַדע אין אונדזער עלטער, ווען איינער האָט שוין יאָ דאָס גליק צו ליבן און זיין געליבט, איז דאָס זיכער דאָס דערהייבנסטע און שענסטע אין לעבן... צו זיין פריי

מיט אייך, וועט איר דאָך מיר נישט וועלן לייקענען — ווענדנדיק זיך צו די מענער פון דעם געזעמל — אַז איר האָט נאָך ליב אייערע פרויען מיט דעם זעלביקן פייער און פלאַטער, ווי איר האָט ליב אייערע אַ גע־ליבטע, אויב איר זייט פון די גליקלעכע צו האָבן אַזעלכע?... דאָס אייגענע, באַטירלעך, קען געזאָגט ווערן אויך וועגן די פרויען. איך האַלט ניט, אַז אַ יונג בחורל אָדער מיידל, וועלכע האָבן איינגעליבט זיך איינס אין אַנדערן אין ערשטן אויגנבליק, איז זייער ליבע אַן אמתע עכטע! דאָס יונגע בלוט זוכט זיך צו באַהעפטונג, צו פאַרזוכן דעם מיסטעריעזן טעם פון אָט־דער אייביקער ליידנשאַפט. און, ביי אַזאַ יונגער פּאָר איז זעלטן אַ פראַגע פון נאָכדענקען, אָפּגעבן זיך אַ חשבון וועגן די טיפע געפילן, בענקעניש און באַציאונג צו דעם גאַנצן ליבע־קאָמפּלעקס, ווי דאָס וואָלט געטאָן און איבערגעלעבט איינער אָדער איינע אין אונדזער עלטער! די יוגנט ווערט ס׳רוב דיקטירט און געטריבן פון רויע אימפּולסן און ערשט רייף געוואָרענע באַגערן, און ווייסט נישט פון קיין אָפּהאַלט, רעזערוואַציעס און דערפאַרונגען... האַלט איך דעריבער, אַז די „צווייטע ליבע", ווען זי קומט שוין יאָ, איז אַ סך אינטערעסאַנטער און אפילו קרעפטיקער, מחמת זי איז רייפער, דורכגעטראַכט און דורכגעלייטערט דורך נסיונות, ספקות און לעבנס דערפאַרונג... די „צווייטע ליבע" איז אויך זיסער און געשמאַקער, מחמת אין אַ סך פאַלן איז זי דיסקרעט, פאַרבאָרגן, און ווי איר ווייסט: „פאַרבאָרגענע פרוכט איז זיסער" — דענקט איר נישט אַזוי? . . .

דער שמועסער איז אויף אַ מאָמענט אַנטשוויגן געוואָרן, האָט פאַר־רויכערט אַ סיגאַרעטל און געוואַרט, אַז עמיצער פון דעם געזעמל וועט זיך אָפּרופן מיט אַ פראַגע אָדער בעטן אים ער זאָל ממשיך זיין וועגן דעם ענין. און, כך הווא, די שטאַרק פאַראינטערעסירטע ווירטן פון הויז, פרוי דזשעקובי, האָט זיך תיכף אָפּגערופן:

—אַז איר האָט שוין יאָ אַזוי עלאָקווענט אונדז געגעבן אַן אריינפיר צו אָט־דעם אינטערעסאַנטן ענין, אַדרבא, זייט טאַקע איר דער ערשטער און געוואָגטער צו דערציילן פון אייער דערפאַרונג אויף אָט־דעם שטרויכ־לענדיקן און נסיונות׳דיקן לעבנס־וועג...

דער דערציילער, מר. פילימסאָן, האָבן מיר אים גערופן, האָט זיך פיל ניט געלאָזט בעטן. ס׳האָט אויסגעזען הפנים, אַז עפּעס אַ שווערקייט דריקט אים אויפן האַרצן און ס׳ווילט זיך אים עס אַראָפּריידן. און אפשר,

ריידנדיק צו די אינטימע פריינט פון דעם געזעמל, האָט ער א י י נ ע פון זיי אין זיבעצן געהאַט; זי זאָל פון זיין מויל זיינע ליבע געפילן צו איר הערן און וועט אים אפשר בעסער פאַרשטיין...

פיליפסאָן האָט דערענדיקט זיין רויכערדיקן סיגאַרעטל, אויסגעזופּט אַ גלעזל ווייַן און אָנגעהויבן דעם סיפּור המעשה:

— איך וועל לכתחילה אָנהייבן פון דער צווייטער ליבע מיינער. און, כ'מיין, אַז איך בין נישט קיין אויסנאָם אין דעם פּרט. מיין, ווי אייערע ערשטע יונגע ליבע פאַרבינדונג, איז געווען, ווי דער שטייגער איז: אָפּיציעל, לעגיטים, אומגעשטערט פון קיינעם, אָן פאַרבאַרגענישן און אָן נשמה ראַנגלעניש... די „צווייטע ליבע", פון וועלכער איך וויל דאָ דערציילן, איז שוין געווען פאַר מיר פון אַ גאַנץ אַנדער באַטייט:—קלאָרע אילוזיעס, צאַרטע בענקעניש, שטורעמדיקע פּאַרלאַנגען, נשמה ראַנגלעניש, קאַמף צווישן געפיל און פאַרשטאַנד, מוטיקע האָפענונגען, האָפנונגסלאָזע דערוואַרטונגען, אויפריכטיקייט און ספקות, גלויבן און אַנטוישונג; אַ פלאַנטער געוועב פון כלערליי געדאַנקען און געפילן, אַ נאָגנדיקע אומאויפהערלעכע בענקעניש נאָך אַ ניט דערפילטער שטרעבונג און באַגער...

— זי איז געווען אַ צווייטנס, אַ פרייַנטס אַ ווייב. און, כ'האָב זיך איינגעליבט אין איר גלייך נאָך אונדזער ערשטער באַקאַנטשאַפט. וואָס זאָל איך אייך זאָגן, כ'בין דאַכט זיך שוין ניט קיין יינגל, און מיר איז ניט פרעמד געווען ביז דאַן די זיסקייט און וואַרעמקייט פון אַ פרויס צויבער; ס'איז פאַר מיר אויך נישט פאַרהוילן געווען דער טעם פון דעם סענסועלן קוש פון אַן אַנדערנס ווייב. נאָך מער— צו זיין מיט אייך אינטים, פריי און אומדיסקרעט, וועל איך צוגעבן, אַז אפילו דער אַקטועלער ליבע גענוס פון אַ פרעמדער פרוי, האָט ניט נאָר דאַן בלויז באַרירט מיין צעשפּילטע פאַנטאַזיע, נייערט איז געווען אַן איבערלעבטע דערפאַרונג... דאָך האָב איך דערפילט, אַז די דאָזיקע באַגעגעניש מיינע, און מיין הינגעריסן ווערן פון דער פרוי איז ניט פון די געוויינלעכע לייכט־איבערגייענדיקע ליבעס, וואָס יעדער מאַן אָדער פרוי, במשך פון זייער לעבן, קענען דאָס כמעט זעלטן אויסמיידן... איר ווייסט עס אַליין זייער גוט, ווי מען ווערט אָפט אַמאָל הינגעריסן; אַמאָל פון אַ שיין פּנים, אַ צאַרטן ליבן שמייכל, אַ תאווה'דיק בויגיק פרויען געשטאַלט וכדומה. אָבער דאָס איז נאָר אַ מאָמענטאַנער איבערגאַנג אַזאַ. אָט־די דאָזיקע לייכטע אַפּערעס קומען

אַמאָל מיט דעם ערשטן אָנזאָג פון פרילינג און ניט זעלטן פאַרגעסט מען אין זיי, נאָך איידער דער זעלביקער פרילינג איז פאַראיבער...

די ליבע, פון וועלכע איך דערצייל אייך דאָ, איז געווען אַ דויער־האַפטיקע, אַ לאַנג־אָנהאַלטנדיקע און געשלאָגן טיפע וואָרצלען אין מיין בענקענדיקער נשמה . . .

איך פלעג נישט איינמאָל נעמען זיך אַליין אויף אַ פאַרהער. ווי אַ קאַלטער אַנאַליטיקער זיך אַליין צו צעגלידערן, אָפּגעבן זיך אַ חשבון הנפש וועגן מיינע געפילן צו איר. כ׳פלעג ניט איינמאָל זיך אַליין פאַר־וואַרפן: — קלאַפּ זיך זי אַרויס פון קאָפּ,פיליפּסאָן! זי האָט דיך אפילו נישט אין זינען. דו האָסט אַ פאַמיליע, זי האָט אַ פאַמיליע; ביידע טרעטן שוין באַלד אַריין אין דעם פערטן צענדליק פון אונדזער הייראַט. בכלל, וואָס פאַר אַ פאַרליבן זיך גאָר מיט אַמאָל, פונקט ווי אַ יונגער סטודענטל?! ס׳האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געהאָלפן די מיט זיך אָנפירנדיקע חקירות. איר ווייסט דאָך, „טרייבסט אַרויס די ליבע דורכן טיר, קריכט זי צוריק אַריין דורכן פענצטער". . .

בקיצור, מיינע ליבע־געפילן צו איר האָבן גענומען איבערגעוועלטיקן און מיך באַהערשט גאָר אינגאַנצן... כ׳בין אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ דעלירויום. ניט טראַכטנדיק אפילו, פלעג איך אין געוויסע מאָמענטן אויסרופן איר נאָמען: — ווערא ! ווערא! — אַזוי האָט מען זי גערופן. יעדע רגע פון מיין וואָך זיין פלעגט זי פאַר מיר דערשיינען אין איר גאַנצן פרעכטיק שיינעם געשטאַלט, און איר צאַרט קלוג געזיכט פלעגט ווי אַ ליכטיקער שטראַל פאַר מיר שיינען...

— כ׳ווייס ניט ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט: אַ גליקלעכער צופאַל האָט אונדז ענדלעך צוזאַמענגעפירט ,אויג אויף אויג, אומגעשטערט פון קיינעם. מיט אַן אומבאַהערשטן ווילן האָבן מיינע הענט זיך געצויגן זי אַרומצונעמען. איך האָב געוואָגט און איר אַ קוש געגעבן... אירע גע־דיכטע ליכטיק־ברוינע האָר האָבן ווי סאַמעט געגלעט מיין צעפלאַמט פנים און האָבן געשמעקט מיט יענעם פאַרכאַפּנדיקן אַראָמאַט, וואָס נאָר פאַר־ליבטע פילן, בעת די צאַרטע אומאַרמונגען זייערע . . . ווען זי האָט געעפנט אירע מילדע וואַרעמע אויגן, האָב איך דערזען אַ טיפע בענקעניש פון פאַרטרוילעכע בעטנדיקע אויגן — אויגן וואָס האָבן מיר געצונדן און פאַרכישופט... אָ! אויגן פון פאַרליבטער פרוי! ווער קאָן זיי דען באַשרייבן ? ! . . .

איך בין צוגעפאַלן צו אירע הענט; אַריינגענומען זיי אין מיינע און געקושט די שפּיץ־פינגער אירע... כ'האָב געגלעט צאַרט און איידל אירע האָר, אַריינגעקוקט אין אירע אויגן, געשוויגן און, געוועזן גליקלעך...

פון דאַמאָלסט אָן האָב איך דערפילט אַז איך וועל אַנדערש, אַז איך וועל אירער אַ שקלאַף. כאָטש זי האָט דאָס ניט געוואוסט, האָב איך אָבער געפילט אין מיין בלוט, אין מיינע נערוון, אַ מין אונטערטעניקייט צו איר... ניט זעלטן האָב איך מקנא געווען דעם מאַן אירן, כאָטש ער איז צו איר, ווי אַ געהאָרכזאַמער דינער געווען, דאָך וואָלט איך גערן זיין אָרט פאַרנעמען...

יאָ, אַזאַ געפיל האָב איך נאָך קיינמאָל אין מיינע פריערדיקע ליבע אַפערעס ניט דורכגעלעבט.

— דאָס מוז זיין עכטע ליבע — האָב איך מיר נאָכאַנאַנד געזאָגט.

אָפטמאָל פלעג איך אינספּירירט ווערן אויסצודריקן מיינע געפילן צו איר אין פּאָעטישע פערזן; אַ זאַך וואָס כ'האָב עס קיינמאָל נישט געטאָן. און געטאָן האָב איך עס צוליב פאַרשטענדלעכע מאָטיוון: כ'וויס ניט וואָרום: מיר פלעגט זייער שווער זיין צו ריידן וועגן מיינע געפילן צו איר. איך פלעג, דוכט זיך, אָפּמאַכן ביי זיך וואָס און ווי אַזוי צו איר ריידן; אויסגיסן פאַר איר מיין האַרץ; דערציילן איר אַלץ וועגן זיך... ביי אונדזער באַגעגעניש אָבער, פלעג איך בלייבן שטיל וועגן דעם, אומבאַהאָלפן, כמעט ווי אָן לשון. פלעג איך דעריבער מיינע געפילן צו איר דורך שריפט אויסדריקן; אין די בעטנדיקע קורצע פערזן אַ טרייסט געפינען און אָן ענטפער זוכן...

הערט איר! געבענטשט איז דער מאַן וואָס געפינט זיין ליבע באַ־ענטפערט מיט דעם זעלבן פייער און פלאַטער פון דער פרוי וועלכע ער פאַרהערלעכט און האָט ליב. אומגליקלעך איז אָבער דער, וועמעס רייד און געפילן פאַלן ווי קערנער אויף אַ שטיינערנעם באָדן אומבאַאַפרוכפּערט...

מיר זיינען געניגט צו גלויבן, אַז אויפריכטיקע ערנסטע ליבע קאָן נאָר זיין די ערשטע, די אומשולדיקע ליבע. וואַג איך דעריבער נאָכאַמאָל צו זאָגן, אַז ערנסטער, שטאַרקער, מיט געהעריקער אָפּשאַצונג קאָנען ליבן דווקא די, וועלכע האָבן שוין פריער איבערגעלעבט זייערע אַנטוישונגען און געלייטערט געוואָרן דורך זייערע דערפאַרונגען. די דערפאַרונג ווערט דאַן די באַהערשערין פון דעם געפיל און פאַרשטאַנד...

די מערסטע פּאָעטישע ליבהאָבער, וואָס די וועלט וויסט פון זיי, האָבן באַוויזן, אַז ליבע איז אַ קונסט... ווי אַזוי ליב צו האָבן איז ניט נאָר אַ פּשוטע פראַגע פון אימפּולס און אינסטינקט, נייערט, חוץ דעם, אויך אַ זין פון באַדאַכט און דערפאַרונג... אַ מעלאָדישע פידל, למשל, ווערט אין די הענט פון אַ נישט דערפאַרענעם שפּילער אַרויסגעבן פון זיך שלעכטע, גרילצנדע טענער; דאָס זעלביקע פּאַסירט מיט אַ פרוי, וואָס איז אויפנאַם־פעאיק צו געבן ליבע און גליק צו אַ געפילפולן און צאַרטן ליבהאָבער, וועט דאָס אייגענע אָבער זיין ביי איר אַן אָפּקומעניש און מאַטערניש, אונטער דער באַהאַנדלונג פון אַן אַנדערן, וואָס שאַצט ניט אָפּ און פאַרשטייט ניט די געפילן און ניואַנסן פון דער צאַרטער ליבנדיקער פרויס צויבער...

אייך קאָן זיך אפשר דוכטן, אַז איך בין אַביסל אָוועק פון דעם ענין; זאָג איך אייך, אַז גרינבלעכנדיק זיך אין מיינע אייגענע געפילן האָב איך דערפילט אין זיך דעם כוח פון אָט־דעם געפילפולן און באַדאַכטן, וואָס דערפירט זיין ליבע צו דער העכסטער פאָרמע פון אַ קונסט, און זיינע ליבע־געפילן און געדאַנקען איבער דעם ווערן ביי אים ווי אַ נויטיקע שפּייז פאַר זיין גייסט און נשמה, אַן וועלכע ער קאָן זיך שוין נישט באַגיין. מעג אפילו אָט־די ליבע זיינע אים ניט ברענגען די פיזיש־געשלעכטלעכע באַפרידיקונג; וואָרעמט ער אָבער און נעסטלט ביי זיך די דאָזיקע געפילן וואָס ברענגען אים גליקזעליקייט און פרייד...

אין אַזאַ קאָמפּלעקס האָב איך מיר דאָן געפונען אין שייכות צו דער פרוי, וועגן וועלכער כ'האָב פאַר אייך דערציילט. פאַרשטייט איר דאָך שוין אַליין, אַז ס'איז געווען מער ווי אַ געוויינלעכע ליבע; צו מיר איז די פרוי געווען אַ קונסט־ווערק פון גאָטס יצירה, וועלכע כ'האָב פאַרהערלעכט.

ביי מיר איז רעכט געווען, למשל, אָוועקזעצן זיך אויף אַ שטול וואו זי איז נאָר וואָס געזעסן; באַרירן זאַכן, וועלכע זי האָט אין האַנט געהאַלטן; יעדעס וואָרט אירס איז געווען פאַר מיר קלוג; אַלץ אַרום איר איז מיר געוואָרן נאָענט. אַ ליב וואָרט אָדער שמייכל אירער האָט מיך באַגייסטערט; אַ צאַרטער בליק צו מיר אָדער איר האַנט־באַריר מיט מיינער, איז געווען גענוג אַנצוצינדן אין מיר אַ פייערלעכקייט, אַז מיין האַרץ זאָל פון פרייד זיך פאַנאַנדערזינגען... און ווען אַ פּאַסיקע געלעגנהייט האָט זיך געמאַכט, און כ'האָב מיט ציטער אין מיינע גלידער זי צוגעדריקט צו מיין האַרצן און הייס ליידנשאַפטלעך זי געקושט, האָב איך נאָכדעם פאַר לאַנגע

טעג געפילט אויף מיינע ליפּן דעם זיסן זאַפטיקן טעם און איבערגעלעבט די עקזאַלטירנדע פרייד. . .

האָב איך די דאָזיקע אויסטערלישע ליבע מיינע בסוד־סודות געהאַלטן... מיר איז אַליין שוין געפעלן געוואָרן דאָס פיינלעכע שטרעבונג און באַגער, און אין מיין האַרצן האָב איך טאָג און נאַכט געפילט יענעם ספּעציפיש פיזישן געפיל און וויטיק, וואָס איז דער צייכן פון עכטער ליבע . . .

פיליפּסאָן איז ביי דעם מאָמענט אַנטשוויגן געוואָרן, האָט גענומען נאָך אַ גלעזל וויין און ביזן דנאָ אויסגעטרונקען, און נאָכדעם אונדז אַלעמען אַ פרעג געטאָן:

— נו, איר ווילט דאָך מסתמא וויסן, ווי אַזוי וועראַ, די פרוי וועלכע כ׳האָב אַזוי שטאַרק ליב געהאַט און פאַרהערלעכט, האָט אויף מיין געמיט און געפילן צו איר זיך אָפּגערופן? וויל איך אייך זאָגן, אַז זי איז געווען פון יענע שטילע, באַשיידענע און אויפריכטיקע נאַטורן, וואָס זי האָט ניט געוואָרפן זיך סתם מיט ווערטער און פאַרפירערישן אָנשטעל; זי האָט אויך ניט אָפן און פריוואָל אַרויסגעוויזן אירע געפילן און שפּילעוודיקייט, ווי עס וואָלטן געטאָן אַנדערע אין אַזאַ פאַל... זי האָט ווייניק גערעדט מכוח דעם, און נאָך ווייניקער דערמוטיקט מיט אַ וואָרט אָדער אָנדייט. און האָב איך איינמאָל מיט מיין פולער ערנסטקייט און האַרציקע עמפּינדלעכקייט אויפגעעפנט מיין האַרץ וועגן מיינע געפילן צו איר, האָט זי מיר מיט אַ ליבן, צאַרטן שמייכל געענטפערט:

— כ׳ווייס, כ׳ווייס! מיין טייערער! הלוואי וואָלט מיין מאַן ניט געווען מיר אַזוי משונהדיק געטריי און מיך אַביסל ווייניקער ליב געהאַט, וואָלט דיין צאַרטע אויפריכטיקע ליבע מיר גרינגער געווען אויפצונעמען און באַענטפערן. . .

איר בלויזער ענטפער: „כ׳ווייס! כ׳ווייס!“ און איר קורצע דערקלערונג וועגן איר מצב, האָט מיך גוואַלדיק געמוטיקט און באַפרידיקט... כ׳בין ממש געווען גליקלעך, וואָס זי ווייסט כאָטש וועגן מיינע געפילן צו איר. . .

אויף וויפיל מיין דערציילטער עפּיזאָד האָט אַ שייכות צו דעם עניין וואָס מיר האָבן דאָ באַרירט אין סאַמע אָנהויב, קאָן איך אייך בלויז זאָגן: אַז אמתע ליבע ווייסט ניט פון צייט און עלטער... זי קאָן זיך צו אייך באַווייזן ווען איר וועט זיך אויף איר אַמווייניקסטן ריכטן, און וועט אַנ־

קלאַפּן אין אייער טיר... מיר דאַרפֿן אָבער זיין גרייט, אויפֿנאַמספּעאיק און דערפֿאַרן אַט־דעם זעלטענעם ליבן גאַסט אויפֿצונעמען און ווי אַ טייערן אוצר אָפּהיטן און באַשיצן...

פּיליפּסאָן האָט פֿאַרענדיקט זיין דערציילטן עפּיזאָד און איז געבליבן אויף עטלעכע מינוט ווי פֿאַרטראַכט אין זיינע דערמאָנטע זכרונות...

מיר זיינען אַלע געבליבן זיצן ווי צוגעשמידט צו אונדזערע ערטער, אויך שטיל און פֿאַרטראַכט. דער באַלעבאָס פֿון הויז, פּריינט דזשעקובי האָט מיטאַמאָל איבערגעריסן די שטילקייט מיט דעם אָנפֿילן אונדזערע אַלעמענס גלעזלעך מיט וויין, און אונדז געבעטן צו מאַכן אַ „לחיים״.

מיר האָבן אַלע אויפֿגעהויבן אונדזערע גלעזלעך און געטרונקען אַ „טאָוסט״ פֿאַר דער גלאָריפֿיצירונג פֿון דער קונסט און פֿון דעם שיינעם, דעם אייביקן און אומענדלעכן ליבהאָבער!...